This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש היימלאַנד

3

1977

סאָוועטיש היימלאנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"

מאָסקווע

מארט

3

1977

אינהאַלט

60 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. מ. דאניִעל. א פּלאַקאַט (קאַפּיטל פֿונעם ראָמאַן „אויפֿן שוועל"); די לעצטע נאַכט (קאַפּיטל פֿונעם ראָמאַן „יוליס") 3
טשערנאָוויץ, 1976 (קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש) 13
ריווע באַליאַסנע. דער פֿרילינג האָט באַקומען אַלע רעכט (לידער) 32
מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. דער מאַמעס בוך (ראָמאַן). צייכענונגען — ג. קראַווצאָוו 35
פּיניע קיריטשאַנסקי. גוט איז אין מײַן פֿעלד דאָ (לידער) 77
יאַנקל יאָסאַדע. דזשעסיס וויזיט (פּיעסע) 80
יעכיִעל שרײַבמאַן. פּראָפֿעסאָר סאַנדלער. נויעך מיט זיבן גרײַזן. רעגעס מיט אַפּאָטאָשון (דערציילונגען) . . . 116
נאָכעם פֿרידמאַן. אין באַגינען־קאַנט (לידער) . . . 128
בוזי מילער. אויף זוניקע וועגן פֿון דיכטונג 129
מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. הענריך זימאַנאָס. דער וועג צו אומשטערבלעכקײַט 131
שיקע דריז. פֿון דער שעפֿערישער ירושע (לידער) . . 137
אויף היסטאָרישע טעמעס. פּראָפֿ. ג. באָנדאַרעווסקי. דער ציִעניזם און דער קאַמף פֿאַר פּאַלעסטינע. (פֿערטער שמועס) 141
די צײַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ" וועגן אייניקע פֿראַגן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און דער בײַטראָג פֿון די ייִדן אין דער סאָוועטישער קולטור 149

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפֿיע. פֿראַגן פֿון קונסט

הערש רעמעניק. נאָטיצן פֿון א קריטיקער 152
כיל אַראָנסאָן. ייִסאָסכער־בער ריבאַק דער באַזינגער פֿונעם ייִדישן האָרעפּאַשניק 158
פּאָרטרעטן פֿון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער. זאַלמען קאַהאַן. א וועטעראַן פֿון דער ייִדישער בינע 160
אונדזערע מיטיילונגען נאַטאַן שאַצקי. ייִדישע סטענאָגראַפֿיע 164
די פּאָטשט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" 173
קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע 177
דאָס איז טשיקאַווע 180
כראָניק 151, 182, 183
אונדזער פֿאָטאָ־אַרכיוו 184
מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 187
פֿריילעכע שורעס 189
שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריי.

פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

מ. דאַניעל

א פּלאַקאַט

קאַפּיטל פונעם ראָמאַן „אָפּן שוועל“

באָרעך ראשאל איז א גאנצן טאָג אָפּגעזעסן באַם גרויסן פענצטער פון זײַן הילצערנער מאַנסאַרדע, געקוקט, ווי די פּוילישע לעגיִאָנערן פאַרלאָזן די הינטערשטאָטישע קאַזאַרמעס, לויפן מיט דערשראָקענע, צעפּלאָנטערטע טריט פאַרבײַ די אונטערגעצונדענע וועלדער און האָבן קיין צײַט ניט מאַכן דעם צוגעגרייטן יידישן פּאָגראָם.

שטומע סכאַכיקע וועלדער, וואָס זײַנען הונדערטער יאָרן געלעגן פאַרזונקען און געבונדן צו פײַכטער טאָרפיקער ערד, האָבן איצט געוויקלט גערדיכטע קנוילן רויך צום האַרבסטיקן הימל, אים געצונדן אין בייזע שוואַרצע פײַערן, ווי עמעצער וואָלט הינטער דער אַלטער שטאָט א טונקל־רויטע פאָן פאַרריסן.

אײַנוווינער פון דער אַלטער יידישער שטאָט האָבן ניט געוווּסט, ווער עס האָט דעם הימל אין בייזע פײַערן געצונדן, דערשראָקענע זיך געקליבן באַ טויערן און טירן, צעטומלטע אויגן צו די געדיכטע וואָלקנס רויך פאַרריסן און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען עס קומען די טעמפּע בלײַענע קוילעס.

פון די אַרבעטער־פאָרשטעט האָט זיך א נײַס ביז די הויפּט־גאַסן פון דער אַלטער שטאָט דערקײַקלט:

— די ווײַסרוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן די וועלדער אונטערגעצונדן!

— גײַס קאַוואַלעריע שטייט צוויי מײַל פון שטאָט.

— די פּוילישע לעגיִאָנערן פאַרלאָזן די קאַזאַרמעס.

נאָך דער לעצטער נײַס זײַנען אײַנוווינער פון די הויפּט־גאַסן מער באַ די טויערן ניט געשטאַנען, געגאַנגען מיט אונטערגעהאַקטע פיס צוריק אין די דירעס, גיך די וויכע זאַכן אין פּעק געפּאַקט, אײַנגייענדיק מיט דער פּוילישער אַרמיי פון שטאָט אַנטלאָפן.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען באָרעך ראשאל האָט אויף די הילצערנע טרעפּ פון זײַן שאַלקע דערהערט שטילע, פאַרזיכטיקע טריט.

ער האָט דאָס פּאָנעם פון שויב, פון די פאַררייכערטע, ווײַטע וועלדער אָפּגעקערט, גענומען אָנגעשטרענגט וואַרטן, די טיר זאָל זיך עפענען.

אין צימער איז אַרײַן א הויכע פרוי אין א שוואַרצן זײַדענעם טוך פאַרוויקלט. זי האָט דעם טוך פלינק פון קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן און קורץ געפרעגט:

— **אײַך רופט מען באָרעך ראשאל?**

— מיך, וועמען דען?

— פאַרוקט זיך א מענטש אין עק שטאָט און גיי זוך אים, — האָט די אַרײַנגעקומענע פרוי זיך געבייזערט. — איך האָב צו אײַך זייער א דרינגענדן איניען, נאָר פריִער גיט מיר א שטול און א גלאָז וואַסער. איך בין שרעקלעך מיד און דאָרשטיק.

באָרעך האָט באַמערקט, אַז דאָס פּאָנעם באַ דער פרוי איז שטאַרק בלייך און אויסגעמאַטערט, די האָר צעפּלאָנטערט און לאַנג שוין ניט געקעמט, און נאָר גרינע אויגן פינקלען פריילעך און שטאַרק אויפגעלעבט.

מ. דאַניעל און די הילע פון זײַן בוך „אפן שוועל", 1928.

ווען באַרעך איז פונעם צווייטן צימער געקומען מיט א גלאָז וואסער אין האנט, איז דער דערלאנגטער שטול געשטאנען ליידיק און די אריינגעקומענע פרוי איז האלב געלעגן אף זײַן ווייכער קאנאפע און זיך שטיל פארענטפערט:

— איר דארפט מיך אנטשולדיקן, וואָס איך פיר זיך בא אײַך אזוי היימיש. איך בין שוין דרײַ נעכט ניט געשלאָפן. כ'האָב פּאָשעט קיין קויעך ניט צו שטיין אף די פיס. רוקט צו אײַער שטול און הערט...

באַרעכן האָט געוווּנדערט, וואָס זי רעדט מיט אים אזוי פרײַ, ווי זי וואָלט אים שוין לאנג געקענט. ער האָט גענומען טראכטן, אז די ארײַנגעקומענע פרוי מיט די גרינע אויגן און צעפלאָנטערטע האָר איז איינע פון יענע פרויען, וואָס קומען געהיים און בישטיקע פון זייערע מענער זיך אינטימער באקאנען מיטן לעבן פון א קינסטלער...

די ווענט פון באַרעכס שאלקע האָבן עטלעכע אזעלכע פרויען געקענט. אלע זײַנען זיי געווען ענלעך איינע אף די אנדערע: אלע האָבן זיי אָנגעהויבן די באקאנטשאפט פון לאנגע געשפּרעכן וועגן מאָלערײַ און קונסט און געענדיקט מיט דער ווייכער קאנאפע...

אָבער די ארײַנגעקומענע פרוי האָט וועגן מאָלערײַ און קונסט ניט גערעדט, זי איז צוריק אופגעשטאנען פון האלב ליגן און שטארק זאכלעך דערקלערט:

— אף דער הײַנטיקער זיצונג פונעם רעווקאָם איז באשטימט געוואָרן, איר זאָלט אָנמאָלן א גרויסן פּלאקאט. מאָרגן גייט אין שטאָט ארײַן גײַס קאוואלעריע — ס'איז זייער געוווּנטשן, דער פּלאקאט זאָל נאָך מאָרגן אינדערפרי הענגען אפן קאטעדראל־פּלאַץ.

אָפּגערעדט, האָט זי דעם קאָפּ צוריק אוועקגעלייגט אף דער קאנאפע, געקוקט מיט פריילעכע אויגן אפן שלאנקן באַכער און געוואַרט אף אן ענטפער.

באַרעכן האָט געוווּנדערט דער טאָן, מיט וועלכן זי האָט די דאָזיקע ווערטער ארויסגערעדט. ער האָט זײַן שטול נעענטער צו דער ארײַנגעקומענער פרוי צוגערוקט, און שמאָלע, יאפּאנישע אויגן האָבן שוין נײַגעריק געקוקט אף אירע צעפלאָנטערטע האָר, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי איבערגעטריקנטער זאפרען.

די ארײַנגעקומענע פרוי האָט באמערקט, אז אים איז ניט אלץ קלאָר, און גיך צוגעגעבן:

— כ'האָב אײַך פארגעסן זאָגן — אפן פּלאקאט דארף זײַן אָנגעמאָלט, ווי די שטאָט באפרײַט זיך פונעם אָקופּאנטישן יאָך, — אזוי האָט דער רעווקאָם באשטימט.

באַרעך האָט זײַן שארף פּאָנעם אין אן אײַנגעהאלטענעם שמייכל צעקנייטשט, און שמאָלע אויגן האָבן ניט אופגעהערט קוקן אף איר בלאָנדן קאָפּ:

— איך באדויער זייער, וואָס איך קאָן ניט אויספילן דעם ווונטש פונעם רעווקאָם.

כ'האָב אַף מײַן לעבן קײן פּלאַקאַטן ניט געמאָלט. איך בין בכלל אַ קעגנער פֿון אַ ליטעראַרישן סוזשעט אין מאָלערײַ.

— וואַרט, וואַרט, רעדט ניט אַזוי גיך, — האָט די פֿרוי זײַן ריידן איבערגעריסן. — וואָס הייסט איר זײַט קעגן אַ ליטעראַרישן סוזשעט? איך דערקלער אײַך דאָך אַף ייִדיש: אַפּן פּלאַקאַט דאַרף זײַן אָנגעמאָלט, ווי די שטאָט באַפֿרײַט זיך פֿונעם אָקופּאַנטישן יאָך... אין רעווקאָם האָט מען וועגן אײַך גערעדט, ווי וועגן דעם בעסטן קינסטלער אין שטאָט! איך וואָלט אײַך ראַטן ניט פּאַטערן קײן צײַט אַף פּוסטע רייד און זיך גלײַך נעמען צו דער אַרבעט...

די לעצטע ווערטער האָט די אַרײַנגעקומענע פֿרוי אַרויסגערעדט אַזוי פּאַשעט און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז באַרעכן איז געוואָרן שטאַרק מיִעס זיך ווײַטער אָפּצוזאָגן. ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און ניט זיכער דערקלערט:

— גוט. כ'וועל פּרוּוון — עפּשער וועט וואָס אַרויסקומען. איר דאַרפֿט מיר צושיקן צוויי גרויסע פֿאַניער־ברעטער. נאָכן פּלאַקאַט וועט איר דאָך אַליין קומען?

די פֿרוי איז אופגעשטאַנען, דעם קאָפּ צוריק אין שוואַרצן זײַדענעם טוך פֿאַרוויקלט, און גרינע אויגן האָבן אַף אים געקוקט אַזוי שטיפֿעריש, ווי זײ וואָלטן געוואָלט זאָגן: „וואָס, באָכער, ווילסט מיך נאָכאַמאָל זען?" אין אַ רגע אַרום האָבן שוין גרינע אויגן געקוקט אַף אים ערנסט:

— די ברעטער וועלן נאָך הײַנט זײַן בא אײַך. אויב איך וועל האָבן צײַט, וועל איך אַליין נאָכן פּלאַקאַט קומען... וועגן געצאָלט קומט אַרײַן אין רעווקאָם, — פֿרעגט: בערטע ווינער.

באַרעך איז נאָך איר אוועקגײן לאַנג אומגעגאַנגען מיט שטילע טריט איבערן גרויסן צימער, געפֿילט, אַז די דאָזיקע פֿרוי מיט די גרינע אויגן און צעפּלאָנטערטע האָר וועט האָבן צו אים זײער אַ נאָענטע שײַכעס, און געטראַכט, אַז די פּאָנעם־שטריכן זײַנען בא איר צו שטרענג און פֿאַרענדיקט, די באַוועגונגען — צו שאַרף און אָפּגעריסן, און די שטים — צו זיכער און באַפֿעלעריש. „זי מוז שוין זײַן ניט קײן יונגע", — האָט ער פֿאַרענדיקט טראַכטן און איז אוועק צוריק צום פֿענצטער.

די הינטערשטאָטישע וועלדער, וועלכע זײַנען איצט אוועק מיט געדיכטע פֿינצטערע וואָלקנס איבער דער אַלטער שטאָט, האָט באַרעך גוט געוווּסט. אַף די צענדליקער לײַוונטן, וועלכע הענגען אַף די ווײַסע אָפּגעקאַלכטע ווענט פֿון זײַן שאַלקע, האָט ער שוין איבערגעגעבן דעם מינדסטן ציטער און בײַט פֿון פּורפּור־רויטע זון־פֿאַרגאַנגען ביז דער בלײַכסטער ראָזקײַט פֿון אָנקומענדיקע פֿאַרטאָגן. און די אַלטע טומלדיקע שטאָט האָט באַרעך ליב געהאַט מאָלן באַנאַכט, ווען עלעקטרישע לאָמפּן צינדן זיך אין בלײַכע טויטע פֿײַערן, ווען מויערן און גאַסן פֿאַרלירן זײערע ווינקלען און ליניעס, ווערן פֿאַרגליווערט און שטום. אָבער נאָך מערער פֿון די פֿרײדיקע זון־פֿאַרגאַנגען און פֿאַרגליווערטער שטאָט אין פֿינצטערע נעכט האָט באַרעך ליב געהאַט מאָלן ווינטערדיקע גראָע באַטאָגן, ווען לופֿט הינטער די ברייטע גלעזערנע שויבן ווערט ברודיק און געדיכט, ווען שטאָט און מויערן הילן זיך אין גראָע נעפּלען, ווען די רויטע ציגלנע קאַזאַרמעס הינטער דער שטאָט פֿאַרלירן זײער מאַסיוון אויסזען, צעשווימען, ווי אַ נאַסער געלער פֿלעק אין דער אַרומיקער גראָקײַט, און שניי אַף הילצערנע דעכער פֿון פֿאָרשטאָט־הײַזלעך זעט אויס ווי ברודיקע שטיקער גרעט, וועלכע מע האָט אופגעהאַנגען אַף אײַנגעפּאַלענע פּאַרקנס טריקענען.

אין אַזוינע טעג פֿלעגט באַרעך ניט אָפּטרעטן פֿון לײַוונט און פֿאַרבן־ברעט. ער פֿלעגט גיך וואַרפֿן דריבנע שטיקלעך פֿאַרב אַפּן פֿאַרצויגענעם לײַוונט און שטאַרק בענקען נאָך לאָנדאָן — די שטאָט פֿון אײביקע נעפּלען...

באַרעך האָט יאָרנלאַנג פֿאַנאַטיש געגלייבט, אַז אַכוץ ליכט און שאָטן, זון און לופֿט עקזיסטירט מער גאָרנישט אַף גאָרער וועלט.

ער האָט דער ערשטער דאָ אין שטאָט אופגעהויבן אַ בונט קעגן קעגנשטאַנד אין מאָלערײַ. די ערשטע צײַט האָט מען זײַנע בילדער, אַף וועלכע מענטשן און זאַכן ווערן צעשווימען און גיסן זיך צוזאַמען מיט דער אַרומיקער לופֿטיקײַט, באַגעגנט מיט שפּאָט און כויזעק.

אָבער ביסלעכווײַז האָט מען זיך צו זײ צוגעוווינט און געגומען אָנערקענען. זײַנע פּורפּור־פֿרײדיקע זון־פֿאַרגאַנגען, די גראָע ווינטערדיקע באַטאָגן און פֿאַרגליווערטע אַלטע שטאָט אין פֿינצטערע נעכט זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין פֿאַרשיידענע שטעט און לענדער — אים געבראַכט זײער פֿיל לויב־ און זידל־אַרטיקלען און זײער ווײניק געלט און רו.

איצט האָט ער אָנגעשטרענגט געקוקט, ווי זײַנע ווײַטע וועלדער ברענען פֿון אַלע זײַטן,

טרײַבן פֿון שטאָט לעצטע הײַפֿלעך לעגיזאָנערן און שרײַען מיט בלײַענע טרוקענע קוילעס, ווי עמעצער וואָלט זיי פֿון א שווערן הונדערטיאָריקן שלאָף אופֿגעוועקט.

. . . .

ביז האַלבער נאַכט איז באָרעך אָפּגעשטאַנען בא צוויי גרויסע צונויפֿגעשלאָגענע פּאַניער־ברעטער, גיך געלייגט אַפֿן הארטן פּאַניער דינע פּענעצלעך פֿאַרב, די פֿאַרב־פּלעקן צוריק פֿאַרשמירט און אַלץ געזוכט די נייטיקע טענער און פֿאַרבן פֿאַרן אומגעהייער גרויסן פּלאַקאַט. וואָס ווײַטער ער האָט געאַרבעט, אַלץ בייזער און פֿאַרשפּיצטער זײַנען שמאָלע אויגן געוואָרן; די ליפּן זײַנען אָנגעקראָכן איינע אויף דער אַנדערער, און זײַנע שטאַרקע הענט האָבן אויף האַרטע ברעטער געוואָרפֿן שטיקלעך פֿאַרב מיט אַזא קאַס, ווי ער וואָלט געוואָלט מיטן פּענדזל און פֿאַרב־פּלעקן די פּאַניער־ברעטער צעברעכן.

און הינטער די גרויסע פֿענצטער פֿון באָרעכס מאַנסאַרדע האָט געזונגען א סאָפּזומערדיקע אויסגעשטערנטע נאַכט, א נאַכט, פֿאַרוויקלט אין וואַרעמע ווינטן און יונגע, אָט ערשט געבאָרענע לעגענדעס. די אײַנוווינער פֿון די הילצערנע פֿאָרשטעט האָבן אַפֿן מאָרגנדיקן טאָג אין די ענגע הײַזער ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, מאַכנעסווײַז געגאַנגען צו די הויפּט־גאַסן פֿון דער שטילער אײַנגעשלאָפֿענער שטאָט, זיך געקליבן אַרום רעווקאָם און צוריק אין די דערשראָקענע הײַזלעך ניט געוואָלט גיין.

דער רעווקאָם האָט אין דער סאָפּזומערדיקער אויסגעשטערנטער נאַכט אַלע פֿענצטער געעפֿנט, דורך געעפֿנטע פֿענצטער געשלײַדערט אין דער נאַכטישער מאַכנע פֿאַרשטויסענע ווערטער — ווערטער, וועלכע זײַנען צענדליקער, הונדערטער יאָרן געווען פֿאַריאָגט און פֿאַרטריבן, זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די אונטערערדישע טיפֿענישן, און איצט, ווי פֿרישע טײַכן, איבער קעפּ און גאַסן אַוועק, און פּענעמער בא רעדנער זײַנען אין אָפֿענע פֿענצטער געווען באַלויכטן און שאַרף, געבליבן הענגען אויף דער צעזונגענער מאַכנע — ווי א פֿריידיקער אָנזאָג אַפֿן קומענדיקן טאָג.

באָרעך איז לאַנג געשטאַנען באַם פֿאַרענדיקטן בילד, זיך צוגעהערט צו די ווײַטע, הילכיקע אויסגעשרייען פֿונעם נאַכטיקן דרויסן און פּלוצעם דערזען, אַז אַכוץ גרעדיכטע וואָלקנס רויך פֿון ברענענדיקע וועלדער איז אויף די גרויסע פּאַניער־ברעטער גאָרנישט ניטאָ.

ער איז א מידער און אויפֿגערעגטער אַוועק צו דער קאַנאַפּע, מיט בייזע אויגן נאָכאַמאָל באַטראַכט די קנוילן רויך אויף די ברעטער און אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז קיינער וועט אַזא בילד ניט באַמערקן... אַז אין פּלאָנטער פֿון הונדערטער פּאָנען, אין גאַנג פֿון טויזנטער מענטשן, אין ברייט פֿון שטאָטישן פּלאַץ וועט זיך קיינער אויף זײַן בילד און זײַנע קנוילן רויך ניט אומקוקן... אים האָט דער דאָזיקער געדאַנק שטאַרק געשראָקן. נאָך פֿריִער, אין אָנהייב נאַכט, ווען ער האָט פֿון זײַן פֿאַרבן־ברעט געלייגט די ערשטע פֿאַרב־פּלעקן אויף די האַרטע פּאַניער־ברעטער — שוין דאַן האָט ער געפֿילט, אַז ער שטייט פֿאַר א פּרווו; אַז ער וויל מיט די זעלבע דריבנע פֿאַרב־פּלעקן, מיט וועלכע ער האָט געמאָלט די פֿאַרנעפּלטע ווינטערדיקע באַטאָגן, באַהערשן די מעשונעדיקע גרייס פֿון די צוויי האַרטע צונויפֿגעשלאָגענע ברעטער. איצט האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז די ברעטער האָבן אים באַזיגט... אַז פֿון זײַן גאַנצער מי און אַרבעט האָט זיך באַקומען א פֿאַרנעפּלטער, אינטימער לאַנדשאַפֿט.

ער איז פֿון דער קאַנאַפּע אויפֿגעשטאַנען, מיט גיכע טריט אַוועק אין קיך, לאַנג דעם מידן, ניט־געשלאָפֿענעם קאָפּ געהאַלטן אונטער א שטראָם פֿרישן וואַסער און זיך צוריק אומגעקערט צום פּלאַקאַט.

איצט האָט ער ווי א פּאַשעטער פֿאַרבער, ווי דער טאַטע זײַנער, די רויטע פּאַניער־ברעטער אָפּגעשמירט אין א דורכויסיקן בלאָען פּאָן, אַפֿן אָנגעזאַפּטן בלאָען פּאָן אָנגעמאָלט א רויטן דרײַעק און פֿון אונטן, פֿון אונטער די פּאַניער־ברעטער אַרויף און העכער געטריבן שוואַרצע אַרבעטער־פֿיגורן מיט פֿאַריסענע הענט, מיט פֿאַרקוועטשטע פֿויסטן, מיט אויגן, אָנגעצונדענע פֿון האַס און האָפֿענונג.

באָרעך איז אויף עטלעכע טריט פֿון די אָפּגעשמירטע ברעטער אָפּגעטראָטן, און וואָס ווײַטער ער האָט זיך פֿון בילד דערווײַטערט, אַלץ בוילעטער, פֿאַרביקער, שאַרפֿער איז דער רויטער דרײַעק געוואָרן; אַלץ טיפֿער, דורכזיכטיקער און העלער איז דער בלאָער דורכויסיקער פּאָן אויף די האַרטע ברעטער געלעגן. נאָר די אַרבעטער־פֿיגורן זײַנען געווען קליין און סכעמאַטיש, די פֿאַלדן אין די קליידער — פֿאַרגליווערט און האָלציק, און די פֿאַריסענע הענט מיט די פֿאַרדריקטע פֿויסטן — נאַיִוו און קינדעריש...

באָרעך האָט דעם דאָזיקן פֿעלער גוט געזען און מוירע געהאַט נאָכאַמאָל צו די אָפּ־

געשמירטע ברעטער צוגיין... מוירע געהאַט, אַז ער וועט דעם שאַרפֿן דרײַעק און מעשוגענע בלאָקײַט צוריק, ווי די קנוילן רויך, פֿאַרשמירן.

כאַפּט עס אַ שוואַרציאַר! סײַוויסײַ איז דאָס דער ערשטער און לעצטער פּלאַקאַט...

. . . .

אין דרויסן, הינטער די פֿענצטער פֿון באָרעכס שאַלקע, איז שוין געשטאַנען גרויסער טאָג, ווען צוויי אַרבעטער האָבן דעם פּלאַקאַט אויפֿן שטאָט־פּלאַץ אַוועקגעטראָגן. באָרעך איז זיי נאָכגעגאַנגען טראָט בײַ טראָט, געזען, ווי זיי שלאָגן צו די אָפּגעפּאַרבטע ברעטער צו אַ נײַער, דורך נאַכט אויסגעבויטער טריבונע, שלאָגן זיי צו מיט גרויסע אײַזערנע טשוועקעס, פּונקט ווי דאָס בילד וואָלט דאָ אייביק דאַרפֿן הענגען...

באָרעך איז צוריק אויף זײַן שאַלקע ניט אַוועק — אַ גאַנצן טאָג אומגעגאַנגען אויף די יאָמטעוודיק־צעזונגענע גאַסן, עטלעכע מאָל געקומען אויפֿן אויסגעפּוצטן שטאָט־פּלאַץ, געבליבן שטיין נאָענט בײַ דער גרויסער אָפּגעפּאַרבטער ברעט, און געקוקט, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק עס מאַכט זײַן פּלאַקאַט אויף די מאַכנעס מאַרשירנדיקע אַרבעטער.

קיינער האָט באָרעכן און זײַן שטיין ניט באַמערקט. אַרום דער טריבונע האָבן זיך געשטופּט הונדערטער מענטשן, באָרעכן, ווי אַ זײַטיקן און פֿרעמדן, אין אַ ווינקל פֿאַרוקט און נײַגעריק דעם רויטן דרײַעק אויפֿן בלאָען פּלאַקאַט באַטראַכט.

צו באָרעכן האָט זיך אונטערגערוקט אַ נידעריקער מענטש אין אַ ווינטערדיקן האַלבפּעלצל. די אויגן האָבן בײַ אים מאָדנע געבלאַנקט, ווי זיי וואָלטן זיך זייער לאַנג אין זון געבאָדן. ער האָט באָרעכן פֿון דער זײַט באַקוקט, באַמערקט, אַז ער קוקט זייער ערנסט אויפֿן בילד, און אים גענומען מיט שאַרפֿע הענט־באַוועגונגען דערקלערן:

— איר זעט דעם דרײַעק אויבן? דאָס איז רוסלאַנד!.. און די כוואַרע, וועלכע קריכן פֿון אונטן מיט די פֿאַרדריקטע פֿויסטן, — דאָס איז גײַס קאַוואַלעריע, וואָס דאַרף באַלד אין שטאָט אַרײַנגיין...

באָרעך האָט מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער געהערט די מאָדנע פֿאַרטײַטשונג פֿון זײַן אייגענעם בילד, און וואָס לענגער ער האָט זיך אין די זוניקע אויגן פֿונעם נידעריקן מענטשן אײַנגעקוקט, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן גלייבן, אַז אין דער פֿאַריקער שלאָפֿלאָזער נאַכט האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אָנגעמאָלט אַ קלאָרן בוילעטן אינהאַלט — אַן אינהאַלט, וואָס איז שטאַרק נאָענט די הונדערטער טויזנטער מאַרשירנדיקע אַרבעטער... אַ פֿרייד, אַ בונטע, שטראָמיקע, קיינמאָל ניט איבערגעלעבטע, האָט אים פֿון דער טריבונע אָפּגעריסן, אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרויסן געמיש פֿון קעפּ און מענטשן, אין רוישיקן פֿלאַטער פֿון געזאַנג און פֿאָנען.

אַן אויסגעמאַטערטע זון האָט שוין געשאָטן לעצטע הויפֿנס ליכט אויף גאָלדענע שפּיצן פֿונעם קאַטעדראַל, ווען קופּערנע טרומייטן האָבן אַ פֿריידיקע בסורע דער שטאָט געבראַכט:

— די רויטע קאַוואַלעריע פֿאָרט!

— שטעלט זיך אין ריי!

— די פֿאָנען פֿאָרויס!

רויטע שטיקער זײַד, סאַמעט, קאַרטאָן, לײַוונט האָבן זיך פֿונעם צעזונגענעם האַמוין אַרויסגערוקט, אַרומגערינגלט די נײַע הילצערנע טריבונע, געפֿלאַטערט מיט צענדליקער אויסגענייטע, אויסגעפּאַרבטע לאָזונגען צו דער פֿאַרגייענדיקער זון. רוסישע, פּוילישע, ייִדישע ווערטער האָבן זיך אין לידער געפֿלאָכטן, זיך צונויפֿגעגאָסן אין זינגעווודיקע כוואַליעס, געטריבן דרײַשפּראַכיקע, דרײַפֿעלקערלעכע לידער צום אָוונטיקן הימל. דער אַלטער קאַטעדראַל האָט מיט בלינדע אויגן פֿון גיפּסענע געטער געקוקט אויפֿן יאָמטעווודיקן צעזונגענעם פּלאַץ, געשטאַנען אַ פֿאַרגעסענער און פֿאַרשטעלטער דורך רויטע פֿאָנען, רונדע סלופּעס האָבן מיט שטיינערנער אַקשאָנעס געשלעפּט אויף זיך די שווערע מאַסע פֿון ווענט און דאַך, און גאָלדענע ציילעמס האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען לעבן זיך און אין שכײנעס אַ דרײַשפּראַכיקן אָנשריפֿט:

„א י ב ע ר ן ב ל ו ט י ק ן פ ר אָ נ ט, א י ב ע ר א ל ע ג ר ע נ ע צ ן ש ט ר ע ק ן מ י ר א ו י ס אַ ב ר י ד ע ר ל ע כ ע ה אַ נ ט ד ע ם פּ ו י ל י ש ן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט".

גײַס רײַטער זײַנען אַלץ נעענטער צום פּלאַץ געקומען, פֿאָרויס און אַפֿריִער געטראָגן אַ טונקל־ברוינע סאַמעטענע פֿאָן. אַ געשאַל פֿון קופּערנע טרומייטן האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן געזאַנג פֿונעם קאַטעדראַל־פּלאַץ, און אי די אַרבעטער פֿון דער אַלטער שטאָט, אי די רײַטער פֿון גײַס קאַוואַלעריע האָבן געזונגען איינע און די זעלבע לידער — לידער פֿון שלאַכט און געראַנגל.

פערד פון רײַטער האָבן הויך פּאַריסן די קעפּ, אין ריטם פון געזאַנג געשטעלט האַריקע פּאַרשטויבטע פּיס, און געוווּינט און קאַלטבלוטיק די הויכע „הורא"-אויסגעשרייען אין פּער־דישע קעפּ פאַרנומען.

גײַ אין דער ערשטער פונעם גראָ־געפלעקטן פערד אַראָפּ, דאָס פערד צו א סלופּ פונעם אַלטן קלויסטער צוגעבונדן, מיט גיכע טריט אַף דער טריבונע אַרויף.

די אַרבעטער־מאַכנעס האָבן מיט אופגעשטראַלטע אויגן געקוקט, ווי גײַ צעקושט זיך מיט דמיטרי מעדוועדיעוון — מיטן פאָרזיצער פון היגן רעווקאָם, צעקושט זיך אַזוי היימיש און ברידערלעך, ווי ער וואָלט צו דער אייגענער מאַמע צוגאַסט געקומען. אין עטלעכע מינוט שפּעטער זײַנען שוין מידע פערד געשטאַנען צוגעבונדן צו טעלעפאָן־סלופּעס, צו פּאַרקנס, און גײַס רײַטער אין קײַלעכדיקע פּעלצענע היטלען און צעריסענע שיך זײַנען שוין געשטאַנען אַף הויכע גאַנעקעס, אַף באַלקאָנען, אַף דער הילצערנער טריבונע — זיך צעמישט מיטן אַלט־שטאָטישן אוילעם, געדופן אָרעמקײַט פון די אַרבעטער־פאָרשטעט צום לעצטן געראַנגל מיט דער פּוילישער שליאַכטע.

די לעצטע נאַכט

קאַפּיטל פונעם ראָמאַן „יוליס"

נאַכט. שטאָק־פינצטער. דער דרויסן שלאָפט פאַרמאַטערט פון צוויי מעסלעס אומופהער־לעכער שיסערײַ. גאָר נאָענט שפּילט זיך דער ווינט מיט אַן אָפּגעריסענער שטיק בלעך. קלאַפּט די בלעך אָן דערבײַיקן מויער מאָנאָטאָן און מיט גלײַכע איבערכאַזערונגען. אַזוי שווידערלעך אויסגעמאָסטן פאַלן קאַלטע טראָפּנס וואַסער אַף אָפּגעגאָלטע קעפּ פון פּאַר־מישפּעטע אין פּוילישע טפיסעס...

דורך די אויסגעבראָכענע פענצטער קריכט קעלט און פינצטערניש. זי איז א געדיכטע, די פינצטערניש, ווי וואַסער, און מע קאָן זי אָנטאַפּן מיט די הענט. א נאַכטיקע קעלט בלאָנקעט אום איבער די ליידיקע פּולווער־קעסטלעך, פאַרקלײַבט זיך אין מידע ביינער פון שלעפּערדיקע קריגסגעפאַנגענע — פאַרפרירט זיי.

די קריגסגעפאַנגענע ליגן אָנגעוואַלגערט אַלע אין איין ווינקל. שרעק און הונגער האָט זיי צונויפגעטריבן אינײנעם. כראָפּעט דאָס ווינקל מיט מידקײַט, מיט הונגער, מיט צעהיצטע צעפלאָנטערטע כאַלוימעס, טרײַבט אום איבערן צימער א פאַרשטיקטן באַהאַלטענעם גרויל.

זעלטן־ווען כאַפּט זיך עמעצער פון זיי אויף, זעצט זיך פלינק אוועק אַפן פּולווער־קעסטל, קוקט מיט פאַנאַנדערגעריסענע אויגן אין דער פינצטערניש, קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווו ער געפינט זיך און וויאַזוי ער איז אהער געקומען... ער זיצט א פאַרלאָרענער א מינוט און צוויי, צוויי און דרײַ — ביז ער דערהערט טעמפּע אָפּגעמאָסטענע טריט פון קאַראַולנעם. דער קאָפּ פאַלט צוריק אַפן פעקל זאַכן, אַפן אונטערגעבעטן פּויסט.

אָפּט שרײַבט עמעצער מיט ווילדע, פאַרוואָרגענע קולעס, דאַן רײַסט זיך אַף יוליס פון פענצטער, גייט צו מיט רויִקע טריט צום ווינקל, געפינט אין פעקל קערפּערס דעם שרײַער, הייבט אים אָן וועקן:

— הער אויף שרײַען!.. קיינער יאָגט דיך ניט, נו, גענוג, באַרויִק זיך... — דער קריגסגע־פאַנגענער דערפילט א פרעמדע האַנט אַף זײַן פּלייצע. רײַסט אויף מיט מאַטערניש די אויגן, קוקט א ווײַלע אַף יוליסן און פרעגט בייז:

— וואָס וועקסטו מיך?

— הער אויף שרײַען, דו שרעקסט די איבעריקע.

דער קריגסגעפאַנגענער שפּרינגט אויף פון קעסטל:

— איך וועל שרײַען! זאָלן אַלע הערן. ווו זײַנען אײַערע רעוואָלוציאָנערן? א מײַסע פאַר נאַראָנים אויסגעטראַכט...

יוליס ענטפערט גאָרניט. יוליס דרוקט זיך אָן מיט זײַן גאַנצן קערפּער אַפן קריגסגעפאַנ־גענעם, שטופּט אים אַלץ ווײַטער צו דער צווייטער וואַנט, צום ליידיקן ווינקל. ער כריפּעט אַרויס:

— וואָס ווילסטו?

— מ׳דאַרף זיך אונטערגעבן.

יוליס שלעפּט אַרויס פון די הויזן־קעשענעס זײַן רעוואָלווער, אין די זיבן לעגעלעכע לעכער ליגן צוויי קוילן, וועלכע ער האָט באַהאַלטן פאַר זיך.

— מער זאָלסטו דאָס וואָרט ניט איבערכאַזערן... איך וועל דיך מיט די אייגענע הענט דערשיסן. פאַרשטאַנען?

באַם קריגסגעפאַנגענעם זינקען די פּלייצעס, בייגט זיך דער רוקן, ווערט קלענער און רוקט זיך אַרײַן אין וואַנט, גיסט זיך מיט איר צונויף.

יוליס גייט אַוועק צוריק צום פענצטער.

דאָס ווינקל שטיקט זיך ווידער אין שווערן שלאָף.

פינף קאָמונאַרן ווייסן, אַז ס׳איז די לעצטע נאַכט. ווייסן:

אויב אין דער הײַנטיקער נאַכט וועלן ניט קומען די רויטאַרמייער פון רוסלאַנד, וועט דער פאַרטאָג ברענגען מיט זיך בונט, קאַטאַסטראָפע, אונטערגאַנג.

אין ראַט איז ניטאָ קיין ברויט, קיין קוילן. די פּוילישע לעגיאָנערן שטייען דרײַסיק טריט פון דאַנען. שטייען פון אַלע זײַטן און וואַרטן געדולדיק און זיכער אין זייער זיג.

שטייען פיר קאָמונאַרן בײַ די אויסגעבראָכענע פענצטער, אויגן פאַרוואָרפן צו דער פינצטערער נאַכט און וואַרטן אויף הילף.

ווי באַהאַלטן און פאַרשאַרט, טלײַעט אַ קינדערשער גלויבן, אַז די נאַכט וועט זיך ציִען אָן אַ סאָף... ס׳שרעקט דער גרויער פאַרטאָגיקער פּאַס הינטער די שטאָטישע מויערן. ער ליגט דאָרט, ווי אַ העלע יאַדערדיקע קרעץ, ווערט אַלץ גרעסער, און כאַימקע סייבל באַמערקט דער ערשטער:

— ס׳טאָגט שוין.

בײַ די איבעריקע כאַווײרים בלײַבן די אויגן געווענדט צו די סאַך שוואַרצקײַט אויפן הימל, ווי זיי וואָלטן באַשלאָסן דעם גרויען פּאַס טאָגיקײַט ניט באַמערקן...

לידוויג איז צווישן זיי ניטאָ. מיט לידוויגן איז נעכטן אין אָוונט פאָרגעקומען אַ מאָדנע געשעעניש:

לידוויג האָט נעכטן אין אָוונט דערפילט, אַז ער איז שטאַרק ברודיק און באַוואַקסן.

ער איז לאַנג אומגעלאָפן איבערן ראַט, געזוכט בײַ די קריגסגעפאַנגענע אַ גאָלמעסער. יוליס האָט באַשטימט, אַז לידוויג וויל זיך דעם האַלדז איבערשנײַדן און אים שוין פון אויג ניט אָפּגעלאָזן.

לידוויג האָט זיך דעם האַלדז ניט איבערגעשניטן. ער האָט פון אָפּגעקילטן בײַכיקן סאַמאָוואַר באַקומען עטלעכע טראָפּנס וואַסער, אין קאַלטן וואַסער פאַנאַנדערגעפּירט זייף און גענומען זיך גאָלן. דאָס גאָלמעסער איז געווען טעמפּ און לאַנג שוין ניט געשלײַפט. די האָר אונטערן קין — ברודיק און אײַנגעוואַקסן אין הויט. דאָס גאָלמעסער האָט געסקריפּעט, געקרעכצט, אָפּט זיך פאַרהאַקט אין אַ בינטל האָר און ווײַטער ניט געוואָלט גיין. לידוויג האָט די שטיקלעך ניט צעגאַנגענע זייף צעמישט מיט ברודיקע האָר, געוואָרפן אויפן דיל און נאָך יעדער שאַר איבערן דיקן פּאָנעם געוואָרן אויפגעלעבטער, ווי ער וואָלט זיך באַפרײַען פון אַ שווערער לאַסט.

דערנאָך האָט ער לאַנג דאָס שלעכט־אָפּגעגאָלטע פּאָנעם געוואַשן מיט רעגן־וואַסער, וואָס ער האָט אין אַ פאַרשימלטער קײַלע געפונען...

איצט זיצט ער אין אַ זײַטיקן צימער און שרײַבט אַ בריוו.

ער שרײַבט פיבערדיק גיך, שפּרינגט אָפּט אויף פון שטול, לויפט אַרום איבערן גרויסן צימער און זעצט זיך ווידער צום טיש. די בלויע אויגן זײַנען ברייט צעעפנט און קוקן אין זיך. ער באַמערקט גאָרניט, ניט די נאַכט הינטער די פענצטער, ניט דאָס לעמפּל אויפן טיש. קרומע פּוילישע ווערטער לויפן אָן איינס אויף דעם אַנדערן, דרייען זיך אין אַ היציקער שווינדלדיקער ראָד, טאַנצן מעשונע איבערן ווײַסן בויגן פּאַפּיר און רײַסן זיך פּלוצעם אָפּ. לידוויג לויפט צו צום פענצטער און לייענט אין דער אַלטער שטאָט, אין דעם גרויען פאַרטאָג.

— אַנאַ, ווײַב מײַנס, דערהער מיך. מיר איז געבליבן עטלעכע שאָ צו לעבן, און איך קאָן וועגן גאָרניט טראַכטן... דער טויט קריכט שוין אַרום בײַ די טירן פון ראַט, און איך וויל זיך די אָדערן עפענען, אָדער אַ קויל אין קאָפּ זיך אַרײַנזעצן און שרײַען ביזן לעצטן אָטעם־הויך: איך וויל דיך זען... איך וועל שטאַרבן רויִק, אַנאַ!.. פּונקט אַזוי רויִק, ווי יוליס, ווי סטאַניסלאַוו, ווי כאַימקע, ווי אַלע מײַנע כאַווײרים. בײַ זיי אין די בוזעם־קעשענעס ליגט ניט קיין בריוו פון דיר... אָט וועל איך אים צערײַסן. איצט בין איך גלײַך מיט אַלעמען.

גלײַך, אנאַ... צוועלף יאָר ׳האָב איך געוואַרט אַף דער באַגעגעניש... ווי זעסטו אויס, אנאַ? פאַרוואָס האָב איך דיך ׳קײנמאָל ניט געזען? יוליס, דו? גוט, זיץ. אין אָטריאַד, וואָס גײט פון מינסק, געפינט זיך מײַן ווײַב — אַנאַ באַגדאַנאָוויטש. איך האָב זי ׳קײנמאָל ניט געזען. דורך דער וואַנט, אין דער שוואַרצער טפּיסע האָבן ׳מיר כאַסענע געהאַט... דערנאָך איז זי אַוועק אין פאַרשיקונג, און איך בין פון ׳טפּיסע אַנטלאָפן. אַט ערשט האָב איך צעריסן אַ בריוו פון איר...

באַ לידוויגן האָבן זיך ׳די קויכעס געענדיקט. ער האָט אופגעהערט אַרומלויפן איבערן צימער, זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן שטול אַ טויט־בלײכער און נאָר די אויגן האָבן געברענט מיט קראַנקע פײַערלעך.

יוליס איז געשטאַנען באַ דער טיר, שווײַגנדיק געקוקט אַף לידוויגס בלײכן פּאָנעם און שטיל געפרעגט:

— לידוויג, גיב אַ וואָרט, אַז דו ווײסט זיך ניט באַלײדיקן.

— רייד.

— גיי אוועק פון ראַט. איך וועל הייסן דעם פּאַטרול דיך דורכלאָזן. דער צווייטער הויף גייט ארויס אין אַ זײַטיק ׳געסל... איין מענטשן וועלן זיי עפשער ניט באַמערקן.

לידוויג איז אַ באַרויקטער פון שטול אופגעשטאַנען, צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו יוליסן, אים די הענט אַף די פּלײצעס ארופגעלייגט און ׳קאַלט דערקלערט:

— אַ דאַנק, יוליס. איך וועל פונדאַנען אוועקגיין ׳אײנײנעם מיט אײַך. קאָנען שטאַרבן, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, איז פונקט אזוי נייטיק, ווי...

לידוויג האָט ׳די פראַזע ניט געענדיקט. פון אונטן האָבן זיך דערהערט אײנציקע אויסגעשרייען:

— גיט געווער, מיט וואָס זיך פאַרטיידיקן!

— מיר ווילן ׳ניט אומקומען דאָ!

— קײנער וועט ניט קומען!

— ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך — די רויטאַרמייער...

— קײנער גייט ניט אהער!

— מ׳וועט אונדז דאָ אויסשטיקן, ווי קעץ!

— אין די אָקאָפּעס געפוילט, אין געפענקעניש, און ארויס גאַנץ, און דאָ דאַרף איך דעם קאָפּ פאַרלירן.

— איך האָלט מיט ׳קײנעם קיין ׳מילכאָמע ניט. מײַן ווײַב און ׳קינדער איז מיר טײַערער פאַר אײַער ראַט.

— מיר וועלן ארויסגיין און זאָגן: צופעליק זײַנען מיר אין ראַט געבליבן. מיר זײַנען קריגסגעפאַנגענע און קערן זיך אום אהיים.

— זיי וועלן אונדז ניט דערשיסן.

— זיי וועלן אונדז אהיים דורכלאָזן.

— די לעגיאָנערן זײַנען ׳באַם טויער, וואַרפט ארויס אַ ווײַסע פאָן!

— סיגנאַליזירט, אַז מיר גיבן זיך ׳אונטער...

אַ גרויער פרימאָרגן אין הויף, די בלעכענע דעכער בלאָנקען פון קעלט, פון טוי. די שטײנער זײַנען גליטשיק, פאַרצויגן מיט פראָסט, מיט דינע אײַז־הײַטלעך. דער פּאַרקן אנטקעגן ראַט איז אַ הילצערנער, צעפוילט פון האַשטאָגע, ׳ברוד און אַלטקײַט.

די פּערציק אונטערגעגעבענע קריגסגעפאַנגענע שטייען אין איין גלײַכער שורע, פּע־נעמער אויסגעדרייט צום פאַרפוילטן פּאַרקן, די ׳פּנעמער זײַנען טויט־בלייך, שטאַרק ענלעך איינס אַפן צווייטן.

פון ביידע זײַטן פּאַרקן לויפן אום לעגיאָנערן און שרײַען:

— עפנט די מײַלער!

באַ איינעם פון די פּערציק אונטערגעגעבענע האָבן זיך די ציינער פאַרקריצט פון שרעק.

רײַסט ער מיט די לעצטע קויכעס דעם באַוואַקסענעם קין און קאָן אים ניט אָפּרײַסן פון דער אייבערשטער ליפּ. דער פּוילישער סערזשאַנט קלאַמערט אײַן זײַנע קאַלטע הענט אין ביידע זײַטן מויל און הייבט אָן רײַסן ׳ווי באַ אַ קעלבל, וועז מע דאַרף דעם אַרײַנרוקן דאָס פלעשל מילך אין מויל.

דאָס מויל באַם סאָלדאַט האָט זיך געעפנט מיט אַ שטראָם בלוט.

דער סערזשאַנט האָט דעם קאָפּ פון דעם פאַרבלוטיקטן סאָלדאַט אָפּגעדרייט:

— די רעוואָלווערן אין די מײַלער!

יוליוס שימעליעוויטש — דער פּראָטאָטיפּ פונעם העלד פון דעם ראָמאַן „יוליס“



מ. דאַניעלס אייגנהאַנטיקער עפּיגראַף צו „יוליס“

איצט רוקט מען אַרײַן יעדן אין מויל אַ רעוואָלווער. ס׳קלאַפּן דערשראָקענע ציינער אָן האַרטן פאַרפרוירענעם מעטאַל.

— אין ראַט איז קיינער ניט געבליבן?!

דער קריגסגעפאַנגענער מיטן פאַרבלוטיקטן מויל ענטפערט:

— זעקס זײַנען פאַרבליבן.

— פאַר יעדן שאָס פון ראַט וועל איך צעשיסן דרײַ פון אײַך, לויט דער ריי, גיי גיב עס איבער.

דער קריגסגעפאַנגענער מיטן צעבלוטיקטן מויל גייט אַרויס פון ריי, שפּאַנט אַוועק צוריק אין ראַט.

אַפראַסיעוו איז מיט די פערציק קריגסגעפאַנגענע אין הויף ניט געלאָפן.

ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרלאָזענער אין ווינקל פון גרויסן זאַל און געענדיקט זויגן אַ מאַכאָרקע־ציגאַרעטל. ער האָט דעם רויך פון פּאַפּיראָס זייער פאַמעלעך געצויגן אין זיך, דעם אַש פון פּאַפּיראָס ניט אָפּגעטרייסלט, געוווּסט, אַז מיט יעדן נײַעם ציִ — איז ער מיט אַ טראָט נעענטער צום סאָף... ענדיקט זיך דאָס גליִענדיקע פײַער פון מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס, ענדיקט זיך אַ לעבנסוועג פון אָן אָרעמען פײַער, וואָס איז געפאָרן פון געפענקעניש צוריק אַהיים...

ער האָט דעם אויסגעזויגטן פּאַפּיראָס צעטראָטן מיט ביידע פיס, אים געטראָטן לאַנג, אָן אַ סאָף און גענומען גיין צום קעלער. שרײַען האָט ער אָנגעהויבן נאָך אױף די טרעפּ, ווי ער וואָלט אין די געשרייען וועלן די שרעק פאַרן לעצטן וועג פאַרטויבן.

— ברידער, איך וויל ניט זײַן קיין הונט!.. איך וויל ניט!.. אָן שטייען זיי דאָרט... כאַוויירים, דערשיסט מיך! איך קאָן ניט אַליין... איך בין אַ פינצטערער מענטש...

ער האָט זיך אוועקגעוואַלגערט אױף דער ערד און גענומען זיך בעטן מיט פאַרקלעמטע ליפּן און צעדרייטן פּאָנעם.

און די פינף קאָמונאַרן האָבן זײַן צאַר און ליידן ניט געקאָנט צוקוקן, אים פון דר׳ערד אויפגעהויבן און צוריק אין פוסטן זאַל אַרויסגעפירט:

— גיי, אַפראַסיעוו, אין הויף, מ׳דאַרף ניט...

אַפראַסיעוו האָט לױדוויגן די הענט געקושט; אָן אַ היטל, מיט פאַנאַנדערגעשפּיליעטער בעקעשע, צעשויבערטע האָר און ווילדגעוואָרענע אויגן אין הויף אַרויסגעלאָפן און הייזעריק געשריִען:

— נאַט, שיסט! הינט זײַט איר!.. אָן דאָרט...
ער האָט מער ניט געקענט ריידן, אויסגעשטרעקט די הענט צום ראַט, צו די פאַרבליבענע קאָמונאַרן...

פיר לעגיאָנערן האָבן אים הינטערן הויף אָפּגעפירט און געהייסן לויפן.

אַפּראַסיעוו איז געלאָפן פאַזע דעם הילצערנעם צעפוילטן פּאַרקן, געשפּרונגען איבער טײַכלעך ברוד, איבער בערגלעך שניי. ער איז אַף אַ ווײַלע שטיין געבליבן, פּלוצעם זיך אויסגעגלײַכט, דאָס פּאָנעם אויסגעדרייט צו די בלייכע פאַרגליווערטע קריגסגעפאַנגענע, צו די פיר לעגיאָנערן און דײַטלעך אויסגעשריִען:

— שיסט אין פּאָנעם, פּריצישע נעווײַלעס!

אַפּראַסיעוו איז געפאַלן מיט דער רויטער באָרד צום פאַרטאָגיקן הימל פּאַריסן, מיט הענט צום ראַט פאַרוואָרפן...

פון די טרעפּ זײַנען שוין די פינף קאָמונאַרן אַראָפּ פאַרמישפּעטע, עטלעכע מינוט נאָך געשטאַנען בײַ די פּולווער־קעסטלעך, זיך אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערן אין די צורעס צו קוקן. אין אייבערשטן זאַל זײַנען שוין געווען די לעגיאָנערן. זייערע שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקלען און דורכגאַנגען. זיי האָבן דעם וועג צום קעלער געזוכט.

לידוויג האָט אין דער אַנגעפאַלענער שטילקײַט געפרעגט:

— ווער הייבט אָן?

יוליס איז צוגעגאַנגען צו לידוויגן. אים אַ ווײַלע געקוקט אין די בלויע אויגן. בײַ לידוויגן איז דאָס פּאָנעם געווען רויִק, און נאָר אויפן הויכן שטערן זײַנען טראָפּנס שווייס אַרויס. יוליס האָט זיך געמאַטערט אַ וואָרט אַרויסברענגען, אָבער קיין ווערטער זײַנען פון איבערגעטריקנטן גומען ניט אַרויס. יוליס האָט אים יפּעסט אַרומגענומען, אַ קורצן קוש געטאָן און גלײַך פון אים אַוועק, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, ער וועט ניט אויסהאַלטן און וועט זיך גיך פאַנאַנדערוויינען. די דינע ליפּן האָבן זיך גענומען קרימען און אַלע האָבן געזען, ווי ער שלינגט אַראָפּ אַ קנויל טרערן, גלײַכט זיך אויס, טראָגט צו צום ווײַסן שלייף דאָס שוואַרצע רערל פון נאַגאַן.

— כאַווײַרים, זינגט, וועט זײַן גרינגער.

די כאַווײַרים דרייען אויס די פּנעמער און הייבן אָן היזעריק זינגען. יוליס איז געפאַלן אַף אַ פּולווער־קעסטל, די טיפע אויגן האָבן זיך פאַמעלעך פאַרמאַכט, זײַן דאַרער גוף איז פון קעסטל אַראָפּגעפאַלן, געבליבן ליגן אַ צונויפגעדרייטער בײַ דער וואַנט.

די כאַווײַרים זינגען ווײַטער, פאַרשטיקטע קלאַנגען ראַנגלען זיך מיט קלעפּ פון קוילן, ווילן זיי פאַרשרײַען, ווערן אַלץ טויבער, שטילער. לידוויג זעצט זיך אַראָפּ לעבן יוליסעס טויטן קערפּער, הייבט מיט איין האַנט אויף זײַן קאָפּ, נעמט אים אַרום, מיט דער צווייטער האַנט לאָזט ער זיך אַרײַן אַ קויל אין מויל. בלײַבן ביידע פאַרפלאָכטן.

איצט זינגען דרײַ.

און פּלוצעם רײַסט איבער אַ ווילדער געשריי דאָס הייזעריקע כאָרכלען:

— איך וויל ניט שטאַרבן!!!

כאַימקע וואַרפט אַוועק דעם רעוואָלווער, הייבט אָן צו רוקן זײַן יִנגלשן קאָפּ אין וואַנט, אין אַ פינצטערער קוימען־לאָך.

איצט זינגען צוויי.

טריט פון פּוילישע לעגיאָנערן דערנעענטערן זיך צום קעלער, הילכן בײַ די טרעפּ.

יאַנקל באַווײַזט אויסצוריידן:

— איך וויל דער לעצטער, סטאַניסלאַוו, דער לעצטער...

— און דאָס יִנגל?

— זיי וועלן אים פאַרן טויט מאַטערן.

דער אַלטער סטאַניסלאַוו הייבט אויף כאַימקעס רעוואָלווער, גייט צו אַף די שפּיץ פינגער נעענטער צום וואַנט און שיסט דרײַ מאָל אין זײַן דערשראָקענעם רוקן.

קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש

בילעטן, בילעטן!

סאָף נאָיאַבער, ווען דער אָסיען האָט זיך שוין אויסגעאָסיענט און אויפן באַרג, וואָס פון יענער זייט פּרוט, דרעמלט א גאַנצן מעסלעס א געדיכטער, אָן אָנגעפּרעסענער און פוילער נעפּל, איז אַפילע אין טשערנאָוויץ, וואָס איז אין די האַרבסטיקע כאַדאָשים איבערגעזעטיקט מיט פרישע פיש, אויך שווער צו קריגן א פּאָר לעבעדיקע קאַרפּן. און אויב מע באַגעגנט א מענטשן מיט א קוישעלע, אין וועלכן עס וואָרפן זיך, פלאַטערן, פּאָכען מיט די זשאַברעלעך עטלעכע לעבעדיקע פישלעך, וועט ער אף יעדן שריט און טריט מוזן ענטפערן אף דער פראַגע:

— ווו האָט איר געקראָגן? ווו פאַרקויפט מען?

טשערנאָוויצער אוילעם, סיי דער ייִדישער און סיי דער ניט־ייִדישער, האָט זייער ליב דאָס דאָזיקע עכט־ייִדישע מייכל — געפילטע פיש.

יאָ, אָבער וואָס האָט עס פאַר א שייכעס צו בילעטן, צו איינלאַדונגען אף דער באַגעגעניש פון דער רעדקאָלעגיע און פון די אוטאָרן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די לייענער צום אָוונט, וואָס וועט פאָרקומען ערשט אין א טעג צען אַרום? ווי איר ווילט אייך, נאָר אין יענע טעג בין איך געווען ענלעך אף יענעם, וואָס טראָגט אין שפּעטן האַרבסט עטלעכע לעבעדיקע קאַרפּלעך.

— בילעטן! ווו קריגט מען בילעטן?

האָב איך פאַר אַלעמען געהאַט איין ענטפער:

— מע פירט זיי פון מאָסקווע! די טעג דאַרף קומען דער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע.

דערצו האָט אונדז גאָט געבענטשט מיט טעלעפאָנען. קלינגט אַלע מאָל אַן אַנדערער.

— ווען קומט דער סעקרעטאַר? ווען ברענגט ער די בילעטן?

און אין איינעם א שיינעם טאָג, ווען ס'האָט געגאָסן א דין רעגנדל, דער נעפּל איז אַראָפּ פונעם באַרג און צוריק ניט געוואָלט אַוועק, האָט א קלונג געטאָן דאָס גלעקעלע בא דער טיר...

— באָרוך האַבאָ, דער ערשטער גאַסט איז שוין דאָ!

ער איז אַרייַנגעקומען מיט צוויי היפּשע פּעקלעך. אין איין פּאַק — די בילעטן, אינעם צווייטן — די פירמענע קאָנווערטן. אַרייַנגעבראַכט א גרויסן פּאַק ראַש און טומל, וואָס האָט שוין זיך געהאַלטן אין שטוב די אַלע טעג.

נאָך איידער עפּעס־וואָס, איז אויפן האַרצן געוואָרן יאָמטעוודיק. אַדרעסן, אַדרעסן, אַדרעסן... אַלץ נייַע און נייַע נעמען! דאָס זייַנען אונדזערע לייענער און איינצייַטיק — אונדזערע ליטעראַרישע העלדן. קאָנווערטן, אָנגעפּילטע מיט אייַנלאַדונגען.

— א נייַע, נאָרוואָס געבוירענע, נאָך ניט פאַרעגיסטרירטע פּאָטשט־אָפּטיילונג אין טשערנאָוויץ... — רופט זיך אָן אונדזער גאַסט, דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" יויסעף שוסטער.

דער ערשטער האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן דער קאָמפּאָזיטאָר מאָטל פּאָליאַנסקי.

— שוין דאָ?

— שוין דאָ.
— מעג איך צוקומען נאָך בילעטן?
— און א קסאוו האָט איר א גוטן?
— צוליב וואָס א קסאוו?
— אדרעסן שרײַבן, אדרעסן!

דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פו־נעם זשורנאַל יאַנקל ליבמאַן איז געקומען אָן א קלונג.

— איך מוז האָבן פופצן בילעטן.
— מיר האָבן אזוי אויך אלעמען אין זינען. אָט האָבן מיר שוין פאַרפּאַקעוועט דרײַ הונ־דערט אײַנלאַדונגען.
— איך האָב אָבער צען נײַע אבאָנענטן. זיי זײַנען בא אײַך אין די צעטלען ניטאָ.
— וואָס זשע דאַרפט איר פופצן?
— עטלעכע איבעריקע בילעטן וועלן אַרײַנ־ברענגען עטלעכע נײַע אבאָנענטן.

(איך האָב געמיינט, אז ער טרײַבט א ביסל איבער. נאָר אָף מאָרגן גאַנצפרי איז ער ווידער געקומען.

— איך מוז האָבן נאָך פופצן בילעטן.
— און די נעכטיקע?
— די נעכטיקע האָבן געגעבן פינף נײַע אבאָ־נענטן. און דער אוילעם בעט נאָך...).

עס קלינגט דער שרײַבער יויסף בורג:

— צוזאמען מיט מיר ווילן קומען אמווייני־קסטן צען מענטשן...

דער דאָצענט פונעם טשערנאָוויצער אוני־ווערסיטעט אידע מאָיסייעווונא אלטמאַן — מוי־שע אלטמאַנס טאָכטער:

— כאָטש א פינף בילעטן!

עס קלינגט אָן אומבאַקאַנטע פרוי מיט זייער אָן איידעלער שטים:

— אויב ס'איז ניט מעגלעך אויסצוטיילן פאַר מײַן קלײנער מישפּאָכע דרײַ אַרײַנגאַנגס־קאַר־טעס, וועלן מיר זיך באנוגענען מיט צוויי: פאַר מיר מיטן קינד...

די שטים — א מענערישע, א ביסל א בייז־לעכע:

— זשאַלעוועט ניט, ס'איז דאָך ניט קיין פרי־שע פיש...

איך ווייס ביז הײַנט ניט, ווער ס'האָט גע־קלונגען דעם סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון פאַרטיי, דער כאַווערטע קאָסיאַטשענקאָ, ווען איך מיט יויסף שוסטערן זײַנען דעם צווייטן גאַנצפרי געזעסן בא איר אין קאַבינעט, גע־בראַכט מיט זיך עטלעכע אײַנלאַדונגען און געשמועסט וועגן דעם פאָרשטייענדיקן אָוונט. געקלונגען האָט מען פון סטאָראָזשינעץ: סטײַטיש, אָט האָבן זיי באקומען די געגנטלעכע צײַטונג, ווו עס איז אָפּגעדרוקט א ציקל לידער פון די מאָסקווער געסט און עס ווערט מיטגע־טיילט וועגן דעם אָוונט! פאַרוואָס זשע האָט מען זיי ניט צוגעשיקט קיין בילעטן?

— באַרויִקט זיך, — רעדט אַרײַן אין טרײַבל דער סעקרעטאַר. — די באַלעבאַטים פונעם אָוונט זיצן גראָד בא מיר. שיקט צו א מענטשן...

און ווידער א קלונג. דער דירעקטאָר פון

ПРОЛЕТАРІ ВСІХ КРАЇН, ЄДНАЙТЕСЯ!

РАДЯНСЬКА БУКОВИНА

Орган Чернівецького обласного комітету Комуністичної партії України та обласної Ради депутатів трудящих

У нас в гостях „Советіш Геймланд"

Недавно журнал «Советіш Геймланд», що видається єврейською мовою, відзначив п'ятнадцятиріччя з дня виходу свого першого номера.

У привітанні секретаріату правління Спілки письменників СРСР колективу редакції, авторам і читачам журналу з приводу цієї дати говориться:

Сто шістдесят номерів журналу «Советіш Геймланд», що вийшли за ці роки, — це десятки, осяйних ідеями радянського патріотизму романів, сотні оповідань, віршів і поем, нарисів і статей єврейських радянських письменників. Це вагомий вклад у розвиток багатонаціональної радянської літератури.

Високу оцінку заслуговує публіцистична пристрастність, з якою виступає журнал «Советіш Геймланд», змальовуючи радянський спосіб життя, викриваючи буржуазний націоналізм, расизм і сіонізм, борючись проти всяких проявів реакції, антирадянщини».

Ювілейній даті буде присвячена зустріч читачів з редколегією і авторами журналу, яка відбудеться 19-го листопада о 19 годині вечора в Палаці культури працівників виробничого об'єднання «Восход». На цю зустріч прибули члени редколегії, письменники з Москви, Києва, Одеси і Кишинева.

Вітаємо наших гостей на буковинській землі, бажаємо редколегії, авторам і читачам журналу «Советіш Геймланд» нових успіхів у творчості й праці.

Подаємо добірку віршів з журналу «Советіш Геймланд» у перекладі чернівецьких авторів.

Абрам ГОНТАР

ХЛІБ

Як спечено хліб мій —
Не скочеш, а з'їси.
Смачний він, як сонце,
За вітер свіжіш.
Немовби степи він
До мене привів.
Призахідні співи
У сріблі прозвів...
Колосяйчка шурхіт
Від леготу птиць.
Напилися вдосталь
Степи грозовиці
І ластівки трепет
Сюди він приніс,
І жорен гудіння,
І стогін коліс,
В господу ті пахощі
Вводять з доріг
І руки засмаглі,
І вила, і стіг.
Зблиски ока метного
І свіжість роси,
І світло, і тінь,
І тривожні ліси...
І гуркіт комбайнів
У хаті моїй.
І раптом увесь я
У тиші нічній!
Я чую її
І пізнав я сповна,
Яка ж бо у хліба
Найвища ціна.
Не просто він хліб —
Це і сонце, і кров,
Жагучий вогонь
І велика любов...

Переклад В. ДЕМЧЕНКА.

Юхим БЕЙДЕР

В ДОРОГУ

Чи то гудок, чи шум
коліс машини,
Чи з рюкзаком, а чи тобі
літак,
І мчать назад сади й поля
невпинно,
І вже тобі скорилась висота.

Коли початок був отого
дива,
Що просто нарекли —
дорога, путь!
Гойдаюсь на її невидних
жениях,
Але ніколи не дає заснуть.

В житті я стільки виміряв
просторів,
Переорав їх впоперек
і вздовж,
Та завше мене вабить
непокора —
Хай вітер, спека, хай туман,
чи дощ, —

Не зупинюсь, часу лишилось
мало.

Переклад М. РАЧУКА.

Арон ВЕРГЕЛІС

У СВІТІ РІЗНІ Є СВІТИ

Є світ шулік,
Світ гнізд і висоності!
То невже він
Справді простий?

Як на це відповісти?
Трунку світ і барв пустих,
Світ грузького чванства,
спісу,
А іще трудящий світ.
Світ сузір'їв мерехтливих...
То який насправді світ?

Світ пісні і світ дітей,
Світ відчинених дверей,
А іще — відважних світ.
Безкінечний світ людей...
То який він, світ, який?

Світ у межах власних стін,
Світ на сотні тисяч тін,
Світ страху і світ лайливих,
Світ безсилих, боязливих...
Світ! Який насправді він?

Світ-печаль і світ квітучий,
Світ сьогоднішній, грядущий,
Світ зневіри і мети,
Світ ущелин і вершин,
Світ розкошів і дрантин —
В світі різні є світи.

Переклад А. БРАССКУ.

Гірш БЛОШТЕЙН

ЗИМА

...Питаєш, як я маюся,
що чую,
Чи до ладу мені мороз
та сніг?
Скажу:
Добриче вікна засклені
мої —
Кімнати ж із гарячими
серцями,
До груб моїх іде
дашавський газ,
Тому й шибки мої
не замерзають.
Я можу бачити вночі
зірки далекі,
І з виром вулиці
я завше контактую,
І відчуваю нервами
й душею
Усю високість нашого життя.
Ти ж знаєш:
Ніколи я холодним
не буваю,
Ненавиджу пекучо
збайдужіння,
І сніг, як у дитинстві,
я люблю,
Як сніжками сам сніг
літати любить.
Виходжу часто я,
Рушаю з гомінливим
ритмом вулиць,
Повір, мене мороз
не холодить...
Хіба ж змерзає дуб старий
У лісі,
Одягнений у срібло-конфеті?..

Переклад М. РАЧУКА.

МІСТО МОЄ ЧЕРНІВЦІ

Люблю я тебе, мов людину,
Твій погляд — замрію епох.
Ти завжди зі мною, єдине,
Ми завжди з тобою удвох.

Одвічним трударським
звичаєм
Робочий вершило свій стан,
Святковим травневим
розмаєм
Квітчало прадавній пейзаж.
В погожі хвилини і в горі
Ти мудрість підносило й лад,
І небо твоє ясноочоле
Хлюпоче в очах онучат.

Бурою повсякдення гарячі,
Перекличи гудків заводських
Вселилися в рядки мої кращі,
В мелодію віршів моїх.

Переклад з єврейської
Н. ГУРВІЦА.

א ציקל לידער פון סאָוועטישע ייִדישע דיכטער אין דער איבערזעצונג אָף אוק־ראַיִניש, וואָס די צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ" האָט פאַרעפנטלעכט דעם 17 נאָיאַבער 1976

קולטור־פּאַלאַץ, ווו עס דאַרף פּאַרקומען דער אָוונט, פרעגט באַם סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם:

— אַנטשולדיקט, מע זאָגט, אַז די ייִדישע שרײַבער זײַנען איצט באַ אײַך. וויל איך זיך דערוויסן, צי דער ארײַנגאַנג אין זאַל דאַרף זײַן שטרענג לויט די בילעטן...

— איך גלייב, אַז די אײַנ־לאַדונגען זײַנען ניט צוליב קאָנ־טראָל. ווער עס וויל, זאָל קומען. און אַן אַפישע באַם אַרײַנ־גאַנג האָט איר אַרויסגעהאַנגען? זאָל זײַן אַ גרויסע און אַ שיינע אַפישע!

באַ די אַפישן, וועלכע אַנאָנסירן די פאָרשטייענדיקע גאַסטראָלן אין טשערנאָוויץ פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל

אָט גייען זיי... איינציקווײַז און פּאָרלעכווײַז... עס גייען גאַנצע פּאַמיליעס — זיידעס און מאַמעס, קינדער און אייניקלעך. מע איז אויסגעפּוצט, ווי אַף אַן עמעסן יאָמטעוו. איבער די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צום גרויסן זאַל פונעם פּאַלאַץ, שטראָמט דער פילפאַרביקער אוילעם. ס'איז אַלעמען גוט אַפן האַרצן פון דעם, וואָס הײַנטיקער טאָג איז גע־ווען אַ זוניקער אַף כאַריפעס, און אַ זעלטן לויטערער איז דער פאַרנאַכט אינעם פאַר־נעפּלטן סאָף נאָיאַבער. יעדערער מאָלט זיך הײַנטיקן אָוונט ווי אַ זייער כיינעוודיקן, אַ פולן מיט שטראַלנדיקער פרייד, מיט עכטער סימכעדיקײַט.

עס איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר דער זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"!

כאַיִם מעלאַמוד

פאַרן אַרײַנקומען אין קולטור־פּאַלאַץ „וואָסכאָד"

מיט דער יאַזדע אַף דער לייענער־קאָנפע־רענץ קיין טשערנאָוויץ האָט מיר עפּשער אָפּ־געגליקט מערער פון אַלעמען, טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן אַהין דער ערשטער אין אַ שליכעס פון דער רעדאַקציע.

טשערנאָוויץ איז אַ קאָמפּאַקטע שטאָט, צע־קעסטלט אין דער לענג און אין דער ברייט אַף גאַסן און פּלעצער, האַרט צוגעטוליעטע איינע צו די אַנדערע, דעריבער זעט דאָ אויס אַלץ נאָענט. צען מינוט פאָרן מיט דער טאַקסי, און דו ביסט שוין אַף דער געמיטלעכער און שטי־לער קאָטליאַרעווסקי־גאַס, ווו עס וווינט שוין גוטע דרײַסיק יאָר כאַיִם מעלאַמוד. אַלס מיט־גליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ער גענומען אַף זיך די אויפ־גאַבע צו פאַרנעמען זיך מיט דער צוגרייטונג פון דער יובילײַ־באַגעגעניש מיט די לייענער און מיט דער געזעלשאַפטלעכקײַט פון טשער־נאָוויץ.

ס'איז טאַקע אַן עמעס, אַז כאַיִם מעלאַמודס דירע איז אין יענע טעג געווען געגליכן צו אַ נײַ־געשאַפענער פּאָטשט־אָפּטיילונג. איך וואָלט באַטיטלט די דירע מיט נאָך איין נאָמען — קאָ־רעספּאָנדענטן־פּונקט, האָבנדיק אין זינען די שמועסן אין שײַכעס מיט דער לייענער־קאָנפע־רענץ, וועלכע זײַנען געפירט געוואָרן מיט די רעדאַקציעס פון די אָרטיקע צײַטונגען, מיט קאָרעספּאָנדענטן פון דער געגנטלעכער ראַדיאָ און טעלעוויזיע. דעם 17 נאָיאַבער פאַרעפנט־לעכט די געגנטלעכע צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בו־קאָווינאַ", אונטער אַן אַלגעמיין קעפּל „באַ אונדז צוגאַסט „סאָוועטיש היימלאַנד"", אַ מיטיי־לונג וועגן דעם 15־טן יאָרטאָג פונעם זשורנאַל מיט אַ ציקל לידער פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, איבערגעזעצט פון די בוקאָווינער אוק־ראַיִנישע פּאָעטן. בײַס אײנעם אַ באַזוך אין דער רעדאַקציע פון אָט דער צײַטונג האָט איר פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר מיכײַלאָ לאַ־זאָרענקאָ אונדז דערציילט וועגן דער אויפמערק־זאַמקײַט פון „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ" צו „סאָ־וועטיש היימלאַנד", וועגן די איבערזיכטן איבער באַזונדערע זשורנאַל־נומערן, וואָס זי האָט לעצטנס געדרוקט.

די ידיִעה וועגן דער לייענער־קאָנפערענץ איז אויך דערגאַנגען צו דער שטאָטישער אַגענץ פון „סאָיוזפּעטשאַט", וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער אַבאָנירונג פון פּעריאָדישע אויסגאַבעס. די מיטאַרבעטער פון דער קאָנטאָר האָבן אַרויס־געזאָגט זייער פאַרלאַנג צו בײַזײַן אַף דער קאָנפערענץ, קעדיי דאָרט פאָרזעצן די פאַר־שפּרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צווישן דער טשערנאָוויצער ייִדישער באַפעלקערונג.

די פאָרלויפיקע סאַכאַקלען וועגן דער צאָל אַבאָנענטן אין דער שטאָט אַפן 1977 באַווײַזן, אַז עס איז פאַראַן אַ היפּשער צוּוווּקס פון נײַע לייענער.

... דעם 19 נאָיאַבער האָט אין איינעם פון די ליוקס־נומערן פונעם שענסטן שטאָטישן האָטעל „בוקאָווינא" זיך פאַרענדיקט די שלוס־זיצונג פונעם אַרויספאַר־פלענום פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אין אַזאַ מילדן אָוונט, אין טיפן וואַרעמען אָסיען, איז גוט זיך דורכגיין צופוס איבער די טשערנאָוויצער גאַסן. אַפּן טעאַטער־פּלאַץ האָבן מיר באַגעגנט מענ־געס מענטשן, וואָס זײַנען אײַלנדיק געגאַנגען אין איין ריכטונג מיט אונדז צו דער גרויסאַר־טיקער פירשטאָקיקער געבײַדע, באַם אַרײַנגאַנג פון וועלכער א ווײַסע אַפישע מיט רויטע אויסיעס האָט פאַרבעטן די טשערנאָוויצער לייע־נער אַף דער באַגעגעניש מיט די ייִדישע שרײַ־בער.

מיר קוקן זיך אַרום און דערזעען בא דער סאַמע טיר פונעם פּאַלאַץ נאָך אַפישן — אָנאָנסן וועגן די פאָרשטייענדיקע גאַסטראָלן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועל־כער וועט אַרויסטרעטן אין דער געבײַדע פון דער אָרטיקער פּילאַרמאָניע אין א וואָך אַרום נאָך דער לייענער־קאָנפערענץ.

יאָסעף שוסטער

כ'האָב ליב א וועג

כ'האָב ליב א וועג,
און ס'מאַכט ניט אויס,
צי וועט ער פירן
אין דער פאַרגאַנגענהײַט
פון נעפּלדיקע טעג,
צי אין דער צוקונפט —
דורך צעפּראַלטע טירן.

כ'האָב ליב א וועג, נאָר אַלעמאָל, ווען דער באַן־בילעט איז שוין באַשטעלט, באַפאַלט מיך אַן אומרו, וועלכער טרעט שוין ניט אָפּ, ביז דער צוג וועט ניט קומען צום באַשטימטן אָרט, ביז דו וועסט ניט דערזען אַפּן פּעראָן די באַ־קאַנטע שמייכלענדיקע פּנעמער פון די, וואָס זײַנען דיך געקומען באַגעגענען.

כ'האָב ליב א וועג. דער צוג יאָגט, און שאָענ־לאַנג רײַסטו ניט אָפּ דעם בליק פונעם וואַגאָן־פענצטער. און אַנטקעגן לויפן וועלדער און פעלדער, טײַכלעך, בערג און טאָלן.

אָט אַהין, באַרג־אַראָפּ, אַנטלויפט א שטעגע־לע, אַנטלויפט, קעדיי זיך באַהאַלטן אין וואַלד, און אַפּן זינען קומט אומגעריכט:

דער שלענגלדיקער שטעג איז קלוג —
ער רופט צו זיך און נאַרט.
נאָר ס'אײַלט און אײַלט דער שנעלער צוג
און טראָגט זיך אײַגעשפּאַרט.

אין שאָטן־טיף דער שטעג פאַרהאַלט
זײַן שלענגלדיקן גאַנג.
אַנטלויף, אַנטלויף אַהין אין וואַלד —
עס וווינט דאָרט דײַן געזאַנג.

א שפּרונג טאָן כ'וואָלט באַדאַרפט פון צוג,
אין טיף פון וואַלד אַוועק,
נאָר ביידע זײַנען מיר דאָך קלוג —
איך און דער פלינקער שטעג...

מיר פאָרן פון מאָסקווע קיין טשערנאָוויץ. אין אָט דער שטאָט זײַנען מיר געווען שוין פיל מאָל, זיך באַגעגנט מיט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און ס'איז באַוווסט, אַז דאָרט זײַנען פאַראַן א סאַך ליבהאָבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. זיי וואַרטן אַף אונדז, ווילן הערן א נײַע דערציילונג, א נײַע ליד. איך טראַכט וועגן די טוישווים פון טשערנאָוויץ מוישע אַלטמאַן און הירש בלאָ־שטיין — ביידע פּאַטריאַרכן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זײַנען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם נײַנטן צענדליק אין זייער לעבן: וואָס הערט זיך בא זיי? וואָס מאַכן זיי אין געזונט?

מיר איז אָנגענעם, וואָס איך וועל קאָנען איבערגעבן בלאָשטיינען א פרישן גרוס וועגן זײַן נײַער לידער־זאַמלונג „באַם לירישן קוואַל", וועלכע דערשײַנט אין דעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". אַלס רעדאַק־טאָר פון דעם בוך, האָב איך אָט ערשט אָפּגע־שיקט דעם קאָסקוויאַד אין זאַץ.

און וואָס מאַכט סידי טאַל, די באַליבטע אַק־טריסע, וועלכע פאַרשאַפט עסטעטישן גענוס מיט אַלץ, וואָס זי זאָל ניט טאָן אַף דער בינע — צי דאָס איז א פראַגמענט פון מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, צי א מאָשל פון עליעזער שטיינבאַרגן, צי גאָר א ליד פון שיקע דריז.

און דער צוג אײַלט. אָט איז ער אַריבער די גרענעץ פון אוקראַיִנע, זיך גענומען דערנעענ־טערן צו די ערטער, ווו עס איז פאַרגאַנגען מײַן ווײַטע קינדהײַט. אָט דאָרטן, אײַנגאַנצן צוואַנציק קילאָמעטער פון קאַזאַטין, געפינט זיך מײַן היימשטאָט בערדיטשעוו. זי ליגט אָף ביידע זײַטן פונעם גנילאָפּיאַט, דעם טײַך, אָף וועלכן מענדעלע־מוכער־ספאָרים האָט געלאָזט שווימען זײַנע רײַזנדער ביניאָמין האַשלישי און סענ־דערל די ייִדענע. און בילדער און זעונגען, מענטשן און געשעענישן רינגלען מיך אַרום, און ווען ס'איז שוין טיפע נאַכט, ווען אַלע מענטשן, ווי מע זאָגט עס, שלאָפן געשמאַק, לאָזט איך ניט צומאַכן קיין אויג מײַנע מיטפאָ־רער און דערצייל, דערצייל: וועגן מוישעלע סלאָבאָדיאַנסקי, דעם איצטיקן דאָקטאָר פון מאַ־טעמאַטישע וויסנשאַפטן, וועלכער איז צוריק מיט א האַלבן יאָרהונדערט געקומען פונעם שטעטעלע מאַכנאָווקע זיך לערנען אין דער גרויסער שטאָט בערדיטשעוו. געקומען א דאָר־שטיקער, מיט די גרויסע אויגן, אין וועלכע עס האָט געלויכטן דער אָפּקלאַנג פון הונגער. אײַנ־גיכן האָט גאַנץ בערדיטשעוו געוווּסט, אַז דער דאָזיקער מוישעלע מיט געקרײַזטע געלע האָר האָט אוועקגעלייגט אָף ביידע לאָפּעטקעס די גרעסטע מאַטעמאַטיקער פון שטאָט. דער לערער קאַרפּ פון דער פּראָפּעטעכשול, וואָס האָט שטענ־

דער קולטור־פּאַלאַץ „וואָסכאָד“, אין וועלכן עס איז פֿאָרגעקומען די לייענער־קאָנפֿערענץ

דיק געטײַנעט, אַז אַפֿילו זיך אַליין שטעלט ער קיין פֿינף ניט, האָט מוישעלע סלאָבאָדיאַנסקין געשטעלט פֿינף מיט א פּליוס. ער האָט געהאַט צום ייִנגל נאָר איין טײַנע — ווי קומט עס, וואָס זײַן אָנטאָן איז אַזוי אויסגעשמירט מיט פֿעטס, ווען ער זעלבסט, מוישעלע, האָט אין די אויגן קיין פּוטער ניט געזען, זינט ער לעבט.

דער דימיען האָט אַראָפּגעבראַכט אויך מײַן ערשטע לערערן פֿון בערדיטשעוו נינע יעפּימאָוונע בראָדאָווסקע, די לערערן, וועלכע האָט אין יעדן שילער אײַנגעזען א קומענדיקן מאָלער, א דיכטער אָדער א געלערנטן. דאָס האָט זי אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן געקויפֿט בילעטן און אָפּגעפֿירט בערל ראָזנבליטן, דעם קומענדיקן באַוווסטן קינסטלער, וועלכער איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט, קיין קיִעוו, אין דער באַרימטער קונסט־שול.

און אָט דאָרט, לעבן דער לעוואַדע, האָט געלעבט דער דיכטער־פּראָנטאָוויק מאָטל האַרצמאַן, און ווײַטער א ביסל, אין א שמאָלן ליק — יויסעף קאָטליאַר, און דאָ גלײַך — שײַע ליטעצקי, סיאָמע זשוקאָווסקי, בוזי גאָלדענבערג. אַלע זיי האָבן מיך איצט אַרומגערינגלט און דערמאָנט אין א ווײַטער יוגנט. און איך האָב ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג מײַנע מיטרײַזנדער...

אַפֿן פֿעראָן אין טשערנאָוויץ זײַנען געווען סידי טאַל, סימכע פֿאַליק, כאַיִם מעלאַמוד, יויסעף בורג...

— די שטאָט קלינגט מיטן אָוונט! — האָבן זיי דערציילט מיט פֿריידיקע שטימען.

און אַפֿן אַנדערן טאָג, ווען מיר זײַנען געזעסן אַף דער בינע באַם לאַנגן פּרעזידיום־טיש, א געדעקטן מיט גרינעם געוואַנט, און געקוקט אין פֿול־געפּאַקטן זאַל אַרײַן, אַף די הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וואָס זײַנען געקומען אַף דער לייענער־קאָנפֿערענץ, געווידמעט דעם פֿופֿצנטן יוביליי פֿון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָט די צאַרטע אוקראַיִנישע פֿרוי — סעקרעטאַר פֿונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, באַנאַנד מיט וועלכער איך בין געזעסן, — באַמערקט, אַז איך בין אומרויִק. זי האָט א ווײַלע פֿאַרהאַלטן דעם בליק אַף מיר און געזאָגט: — יענעם שרײַבער, וואָס איז ניט אומרויִק, ווען ער גרייט זיך צו פֿירן א שמועס מיטן לייענער, האָט דער לייענער ניט ליב...

און ווען די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרענדיקט, ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָבן אונדז אַרומגערינגלט א סאַך מענטשן. מע האָט געווונטשן דעם זשורנאַל און יעדן שרײַבער באַזונדער א סאַך גוטע זאַכן.

איך האָב אַן איבעריקס מאָל פֿאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון א שרײַבער, וועלכער לייגט צו א האַנט צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

כ'האָב ליב א וועג,
און ס'מאַכט ניט אויס,
צי ווײַט, צי נאָענט
ער וועט פֿירן.
ווען כ'זיץ באַם טיש
פֿאַרטיפֿט אין די פּאַפּירן,
כ'באַמערק גאָר ניט,
אַז כ'מאָל א וועג,
וואָס לויפֿט אין ווײַטער ווײַט אַוועק...

אוורהם גאָנטאַר

בוקאָווינע אַף דער וואָר

אין בוקאָווינע גייט א רעגן...

די ערשטע טראָפּנדלעך האָבן זיך אויסגעפּערלט אַף די דרויסנדיקע שויבן פֿונעם וואַגאָן־פֿענצטער ערגעץ הינטער וויניצע, צי עפּשער נאָך אַפֿילו פֿריִער, אין דער אומגעגנט פֿון קאַזאַטין. ס'איז געווען באַנאַכט, אַלע זײַנען שוין געשלאָפֿן, און בלויז אין אונדזער קופּע האָט זיך געצויגן אָן אַן עק און אָן א שיר דער שמועס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן ווי נאָר דער צוג איז אָפּגעפֿאָרן פֿונעם מאָסקווער פֿעראָן. צי דערפֿאַר, וואָס מיר זײַנען אינגאַנצן געווען פֿאַרטאָן אינעם שמועס, צי ווײַל די שײַן אין קופּע איז געווען אויסגעשלאָסן, נאָר מיר האָבן די טראָפּנדלעך באַמערקט ערשט אינדערפֿרי, ווען זיי האָבן שוין, אויסבילדנדיק ריטשקעלעך, געהאַלטן אין איין שווענקען די שויבן פֿונעם וואַגאָן.

דער ערשטער האָט עס באַמערקט אַרן ווערגעליס. ער איז געקומען פֿונעם קאָרידאָר, וווּ ער האָט לאַנג געקוקט אָט דורך איין פֿענצטער, אָט דורך א צווייטן, און אומגעריכט גענומען ריידן מיט פֿערזן. ס'האָט זיך באַקומען א סטראָפֿע:

אין בוקאָווינע גייט א רעגן,
און ס'לייגט זיך אונדז ניט אפן זינען,
אז ווינטער זײַנען אלע וועגן
צעשוווענקט אין מאלכעס בוקאָווינע...

און כאָטש קיינעם פון אונדז איז בעפיירעש ניט געקומען אפן זינען, אז דער ווינטערדיקער רעגן, וועלכער האָט אלץ געדיכטער געגומען שמײַסן אין פענצטער, קאָן טאקע אינדערע־מעסן „צעשוווענקען אלע וועגן" אין דעם קאָנט, וווהין מיר פאָרן, האָבן צו אָט דעם דיכטערישן אופבליץ זיך געגומען קייטלען נעשאָמעדיקע געפילן, ווײַל ס'איז דאָך פון לאנג באַוווסט, אז א רעגן אין וועג איז א גוטער סימען, און די עסטאפעטע האָט איבערגענומען אווראָם גאָנ־טאַר — אפן בלעטל פאפיר איז פאַרשריבן געוואָרן די פאַרזעצונג פונעם עקספּראָמט, די צווייטע סטראָפע:

אין בוקאָווינע גייט א רעגן,
נאָר ס'זײַנען גרין נאָך דאָ די ביימער.
איר זאָלט זיך טראַכטן ניט דערוועגן,
אז ס'איז דער קאָנט איצט ניט קיין
שיינער...

דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן גאַנץ קאטעג־גאָריש — א וואָרענונג יעדן איינעם, וועמען עס וואָלט געקאָנט קומען אפן געדאַנק, אז דער רעגן, וואָס האָט זיך צעהוליעט פון יענער זײַט פענצטער ניט אף קאטאָוועס, קאָן, כאָלילע, כאָטש אף א האָר מינערן דעם אײַנדרוק פון אָט דעם בעעמעס פּראַכטפולן קאָנט.

איצט איז געקומען מײַן ריי. נאָר, איבער־געלייענט די ערשטע צוויי סטראָפעס, האָב איך א טראַכט געטאָן, אז עפּעס מער מאַמאָשעס־דיקס צוגעבן צו דעם, וואָס איז געזאָגט גע־וואָרן, איז ניטאָ וואָס, ווײַל וויפל איז דער שיר צו מוטשען איין און דעם זעלבן רעגן? מײַנע מיטרײַזנדע האָבן זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט: דער רעגן דאַרף אומבאַדינגט זײַן אויך אין דער דריטער סטראָפע. האָב איך געמוזט אײַנ־גיין, און ס'האָט זיך באַקומען אָט וואָס:

אין בוקאָווינע גייט א רעגן,
און כאָטש דער הימל הענגט א גרויער,
האָט טשערנאָוויץ פאר אונדז אנטקעגן
צעעפנט גערן טיר־און־טויער.

לאָזט זיך אויס, אז דערמיט האָט זיך ניט געקאָנט פאַרענדיקן אונדזער קאָלעקטיווע ליד, ווײַל עפּעס האָט נאָך געפעלט. בוקאָווינע, טשערנאָוויץ זײַנען פאַראַן, אָבער ווו זיינען די מענטשן, צו וועמען, אייגנטלעך, מיר פאָרן? האָט ארן ווערגעליס באַנײַס א קאָן א זאָג געטאָן:

מע זיצט, מע רעדט אלץ פונדערינען,
מע שמייכלט צו, א זיפּץ באַהאַלט מען,
מע פאָרט, מע פאָרט קיין בוקאָווינע,
ווו ס'וואַרטן מעלאַמוד און אלטמאַן...

פראַגמענט פון דער קאָבילִיאַנסקע־גאַס
אין טשערנאָוויץ

די ליד איז געוואָרן גאַנץ קאָנקרעט און אָנ־שוילעך. עמעס, וואָס שײַעך דעם „זיפּץ", איז געווען ניט אינגאַנצן קלאָר און אפילע גאָר איבערגעטריבן, ווײַל די שטימונג איז געווען א מונטערע, און ס'איז ניט געווען איבער וואָס צו זיפצן. נאָר אף וויפל דער קאָנדוקטאָר האָט שוין געגומען אומקערן די בילעטן און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן די ראַנד־געביטן פון טשערנאָוויץ, איז שוין ניט געווען קיין צײַט א שלײַף טאָן און ארויסוואַרפן אָט דעם „זיפּץ", ביפראַט נאָך, אז ווען מע זאָל נעמען שלײַפן, וואָלט געווען א סאַקאָנע צו פאַרלירן אזא גע־בענטשטן גראַם, ווי „באַהאַלט מען" — „אלט־מאַן"...

בעקיצער, מיר האָבן ניט באַוויזן ווי געהעריק זיך אַרומקוקן, און דער צוג האָט זיך אָפּגע־שטעלט אקוראַט קעגן דעם וואָקזאַל. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך, ווי לויט א קאָמאַנדע, אויך אָפּגע־שטעלט דער רעגן. וואָדען, מיר דאַרפן אים איצטער האָבן?

אין טשערנאָוויץ בין איך שוין געווען, נאָר אלעמאָל בעכיפּאָזן, ווי פאַרבײַגייענדיק. איצ־טער האָב איך ווי נאָכאַמאָל אנטדעקט די שטאָט און זיך געכאַפּט, אז פאַרגלײַכן זי מיט אַן אנדערער קאָן מען ניט, ווײַל זי האָט זיך איר באַזונדערן כיין און אויסטערלישקײַט. אף וויפל פונעם סאַמע אָנהייב פון איר אנטשטייונג (טשערנאָוויץ ווערט דאָס ערשטע מאָל דער־מאָנט אין א פּינקעס אין 1408, דאָס הייסט, אָן ערעך מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק) האָבן דאָ געוועלטיקט ניט ווייניק באַלעבאַטים, איז זי געבויט געוואָרן לויט דער ארכיטעקטור פון פאַרשיידענע פעלקער און צײַטן — א מישמאַש פון סטילן: באַראָקאָ, ראָקאָקאָ, קלאַסיציזם, מאָ־דערן... אין זיקאָרן האָט זיך געבאָמבלט א פראַ־זע, וואָס איך האָב אמאָל ארויסגעשריבן פון עפּעס א ביכל:

„די ערשטע גאַס איז דאָ אנטשטאַנען לענ־גויס א קליינינק טײַכל. שפּעטער, מיט דער

אנטוויקלונג פון דער שטאָט, האָט מען עס פאַרשלאָסן אין אן אונטערערדישן שטיינערנעם קאַנאַל. איצטער טראָגט די דאָזיקע גאַס דעם נאָמען וואָלגאָגראַדער. אלס צענטער פון דער מיטלאַלטערלעכער שטאָט קאָן מען האַלטן דעם מאַרק־פּלאַץ, וועלכער האָט זיך געפונען אַפן קרייץ־וועג פון דער הײַנטיקער שאָלעם־אלייכעם־גאַס און דער וואָלגאָגראַדער."

קאָן מען אוואַדע פרעגן: וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס צו דער טשערנאָוויצער לייענער־קאָנפערענץ? ענטפער איך: אַלץ, אַלץ האָט א דירעקטע שײַכעס. און אויב מיר האָבן שוין דערמאָנט איין גאַס און א צווייטע, וואָלט געווען אן אוולע ניט אָנרופן די קרוין־מאַגיסטראַל פון טשערנאָוויץ — די קאָביליאַנסקע־גאַס, וועלכע האָט א שעם אין דער גאַנצער וועלט, ניט ווייניקער, ווי, לעמאָשל, די דעריבאַסאָווסקע אין אָדעס. אַף ביידע אירע זײַטן געפינען זיך קאָלערליי קראָמען און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, פאַרווײַלונגס־געבײַדעס, און פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי פול מיט שפּאַצירנדיקן עולעם — סײַ אַף די טראָטוארן, סײַ אַפן ברוק. פאַר דעם טראַנספּאָרט איז זי „פאַרמאַכט".

ווען מיר האָבן אָפּדערנאַכט, נאָך אונדזער קומען קיין טשערנאָוויץ, זיך אוועקגעלאָזט אַף קאָביליאַנסקע־גאַס צוגאַסט צום פּאַטריאַרך פון דער ייִדישער פּראָזע מוישע אַלטמאַנען (טאַקע אַף אָט דער גאַס וווינט ער), האָט יעכיעל שרײַבמאַן, וועמען עס איז אין די יוגנט־יאָרן אויסגעקומען זיך לערנען אין טשערנאָוויץ, דערציילט, אז אַמאָל האָט זי געהייסן „הערנגאַס", און דעם קאָוועד צו ווינען דאָ האָבן געהאַט בלויז גרויסע נעגידים — דאָס אייבערשטע פון שטויסל, און שטענדיק איז זי געווען פאַרפּלייצט מיט יונגע באַלעבעסלעך און נעגידישע טעכטערלעך.

איך האָב אָנגעשריבן וועגן דער קאָביליאַנסקע־גאַס א ליד:

ס'האָט די צײַט ניט איינמאָל זי געשניטן,
אַזש פון צענטן דאָר די טריט דערלאַנגט זי...
וואָס זשע האָט אַף איר זיך הײַנט געביטן? —
קום אַרויס, מײַן פריינט, אַף קאָביליאַנסקע!

קום אַרויס, ווען ס'פאַלט אַראָפּ די שקיִע
אַפן ברוק, ווי קושנדיק די שטיינער,
וועסטו זען בייס אין באַגינענס פריִע
דיך באַגריסט מיט שײַן א טאָג א ריינער:

אָט די ביימער, וואָס מיט טערפּקײַט שמעקן,
בערג און טאָלן, וועלדער, פעלדער, האָנעס,
און אַפילע אָט דעם דריבנעם רעגן,
וואָס נעמט דורך די ביינער מיט אַקשאָנעס;

און דעם ווינט פון פּרוט — פון זײַנע הייכן
רעדט צו דיר שוין לאַנג אַף מאַמעלאָשן,
עליִעזער שטיינבאַרגס קלוגער שמייכל,
וואָס געבירט אָט־אָט א נײַעם מאָשל...

זע, מיט וויפל מענטשן, קיין אײַנהאָרע,
רוישט און רוישט די שטילע קאָביליאַנסקע.
ס'שיילט זיך אָפּ פון בוים די אַלטע קאָרע
און מיט גרינע שפּיגלען ווידער גלאַנצט זי...

כאַיִם ביידער

מײַנע מאַכשאָוועס אַף דער לייענער־קאָנפערענץ

אַז איך האָב א קוק געטאָן אין זאַל נאָך לאַנג פאַרן אָנהייב פון דער קאָנפערענץ און מיט עטלעכע מינוט שפּעטער אויך אין דעם גרויסן פּאָדערצימער, וואָס פירט צו די טירן פונעם זאַל, — און די טירן זײַנען ספּעציִעל געשטאַנען אָפן, קעדיי די, וואָס האָבן שוין ניט געהאַט די מעגלעכקײַט אַרײַנצוגיין אין איבערגעפולטן זאַל, זאָלן אויך, כאָטש אַזוי, זײַן אינווייניק, און דער זאַל, דאַרף איך זאָגן, איז איינער פון די גרעסטע און שענסטע אין טשערנאָוויץ, — ווען איך האָב א קוק געטאָן אַף דער יאָמטעוודיקײַט, וואָס האָט געבליט און געגליט אין די אויגן און אַף די פּענעמער, זײַנען מיר געקומען אַפן געדאַנק א ריי מאַכשאָוועס...

...אָט די גאָר אַלטע מענטשן מיט די ווײַסע אָדער שוין אינגאַנצן נאַקעטע קעפּ און מיט געקנייטשטע באַקן; אָט די א ביסל ייִנגערע פון די טיפע זקיינים, נאָר אויך זיי גייען שוין צו די זיבעציק; און אָט די, וואָס האָבן נאָך געדיכטע, כאָטש שוין גרויענדיקע האָר און געזונטע פאַרב אין די באַקן, זיי, וואָס זײַנען אַרײַן אין זעכסטן צענדליק, אויך אָט די, וועגן וועלכע מע קאָן זאָגן, אַז זיי זײַנען גאָר יונגע, — וואָס איז דער יאָמטעוו אַף זיי, מיט וואָס פרייען זיי זיך אַלע, ווי די פרילינג־זון וואָלט פלוצעם א שײַן געטאָן, א מילד־וואַרעמע? זיי זײַנען אַלע געקומען צו פײַערן דעם 15־טן יאָר־יובילײַ פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע איז א גרויסער פּרעכטיקער כוידעש־זשורנאַל, דערשײַנט אַף ייִדיש און איז דורך־און־דורך סאָציִאַליסטיש־אינטערנאַציִאָנאַליסטיש און דורך־און־דורך ייִדיש־נאַציִאָנאַל — א זשורנאַל, וואָס פון יעדן זײַטל זײַנעם אָטעמט הייס די סאָוועטישע פעלקער־פרײַנטשאַפט. הייסט עס: אָט דער דאָזיקער זשורנאַל איז אן אייגענער, א לײַבלעכער.

...און ווײַטער. עס דערמאָנען זיך מיר די פופציקער יאָרן. ס'זײַנען נאָך פריש געווען די טיפע ווונדן, וואָס דער פאַשיזם האָט געלאָזט אַף אונדזער האַרץ און אין דער נעשאָמע: 20 מיליאָן לעבנס האָט דאָס סאָוועטישע היימלאַנד אוועקגעלייגט אַף צו ראַטעווען די וועלט פון אומקום! 6 מיליאָן ייִדן האָט היטלער אויסגעקוילעט אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, ווײַסרוסלאַנד, בעסאַראַביע, אוקראַיִנע אאַ. — די גרעסטע מערהײַט געברויכער פון דער ייִדישער קולטור אין אייראָפּע! עס פלעגן זיך טרעפן שווערע,

פֿײַנלעכע מינוטן, ווען ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער גרויסע, פּראָגרעסיווע פֿאָלקישע קולטור־ירושה אויף יידיש וועט שוין קיין יאָרשים ניט האָבן... איך האָב דעמלט אָפּגעדרוקט אַ ליד אין דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „יידישע קולטור“. אין דער ליד זײַנען געווען אַזעלכע צוויי שורעס, אַ מין רעאַגירונג אויף די באַהויפּטונגען פֿון דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז מיר, יידישע שרײַבער, זײַנען די לעצטע:

זאָל זײַן, איך בין דער לעצטער פֿון מײַן דאָר,—
מײַן דאָר אַליין איז אָבער ניט דער לעצטער!..

איך האָב געטראָגן טיף אין זיך די זיכערקײַט, אַז די דורות, וואָס וועלן קומען, מוזן ברענגען מיט זיך אויך נײַע יאָרשים פֿון אונדזער גרויסער, טיף־מענטשלעכער קולטור־ירושה אויף יידיש.

און גאָר אײַנגיכן האָט אונדזער לײַבלעך סאָוועטיש היימלאַנד געגעבן אונדז דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ און פֿאַרשיידענע מעלוכע־פֿאַרלאַגן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן, און וואָס ווײַטער אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס, די ווערק פֿון די יידישע שרײַבער אויף יידיש, שוין אָפּגערעדט פֿון איבערזעצונגען אויף די שפּראַכן פֿון די ברידערלעכע פֿעלקער. אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן: קיין מוטער, ווי שווער עס זאָל איר צײַטנווײַז ניט זײַן, פֿאַרגעסט ניט אין אירע קינדער!

...און ווײַטער. איך האָב מיך פֿאַרטראַכט וועגן נאָך עפּעס. דער בוים טראַכט אָפּט וועגן די וואָרצלען זײַנע, און ער טראַכט, פֿאַרשטייט זיך, וועגן זיי מיט ליבשאַפֿט. אַנטקעגן וואָס דערמאָן איך מיך אין אָט דער ליבשאַפֿט צו די וואָרצלען? אַנטקעגן דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָבן אַ ריי סאָוועטישע שרײַבער, יידן, וואָס האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקײַט אין יידיש און נאָכדעם זײַנען זיי איבערגעגאַנגען צו רוסיש, אוקראַיניש אאַ. שפּראַכן, זיך איצטער „אומגעקערט“ צו יידיש. דאָס הייסט ניט, אַז זיי אַרבעטן ניט, ווי פֿריִער, אויף די שפּראַכן פֿון אונדזערע ברידער־פֿעלקער. נאָר זיי שרײַבן מיט טיפֿער באַגײַסטערונג אויך אויף יידיש. און ניט נאָר פּאָעטן און פּראָזאַיקער, נאָר פּובליציסטן, ליטעראַטור־קריטיקער, היסטאָריקער. אַ טייל פֿון זיי געדענקען און שרײַבן וועגן דעם, אַז, לעמאָשל, דאָס ערשטע ליד זייערס, ווען זיי זײַנען נאָך שול־קינדער געווען, האָט געדרוקט אין דער קינדער־צײַטונג „זײַ גרייט“ דער אָנפֿירער פֿונעם ליטעראַרישן אָפּטייל פֿון אָט דער צײַטונג הירש בלאָשטיין... און דאָס טוט מיר האַנאָע, — צוזאַמען מיט אַ ביסעלע בענקעניש: דאָס איז דאָך געווען אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן! און האָט דען עמעצער געזען אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל ניט בענקען נאָך זײַנע יונגע יאָרן?..

...און אַ ביסעלע נאָך ווײַטער, און עפּשער נאָך נעענטער. ווי יעדער שרײַבער, באַקום איך בריוו פֿון לייענער. אַ טייל פֿון זיי שרײַבן מיר זייערע בריוו אין רוסיש, און אין די דאָזיקע רוסישע בריוו זאָגן זיי, ווי גוט זיי פֿאַרשטייען יידיש, ווי זיי ווייסן יעדעס ווערק אונדזערס, מיט אַלע דעטאַלן און אייגנטלעכקײַט. נאָר רוסיש איז די שפּראַך פֿון זייער בילדונג, פֿונעם לעבן אין זייער סוויווע. פֿאַראַן אַזעלכע מײַנע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס שרײַבן מיר בריוו אין רוסיש, און אַז זיי דאַרפֿן זיך אַרויסזאָגן געניַיער וועגן אַ ווערק, גייען זיי איבער אויף יידיש... דאָס אַלץ ווענדט זיך אין די וואָרצלען, וועגן וועלכע איך האָב פֿריִער גערעדט.

און צום סאָף אַ פּאָר ווערטער וועגן אַזוינס, וואָס מע קען ניט פֿאַרשווײַגן. צום לויב פֿון די ייִנגערע לייענער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש לייענען צוליבן זשורנאַל אונדזערן און דורך אים, דאַרף מען זאָגן, אַז זיי זײַנען הויך־געטרײַע בירגער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און זיי לאָזן זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון די סאָנים אונדזערע, די פֿאַרקויפֿטע אַנטיסאָוועטלער מיט זייערע ספּעקטאַקלען פֿון דעם מין „וועלט־צוזאַמענפֿאָר פֿון יידישער קולטור“ אין ירושלאַיִם. מע דערקענט אַזעלכע „קולטור־טרעגער“ אונטער אַלע מאַסקעס!

מיט גאָר אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך און מײַן גלײַכן זײַנען נאָך קינדער געווען, האָבן מיר דערקענט די ציִיעניסטישע פֿאַרדאָרבער און געטריבן זיי מיט לידלעך פֿון דער סמילגער גאַס אונדזערער. עס ווילט זיך מיר איצט דערציילן, ווי שיין די דאָזיקע „טשאַסטושקעס“ האָבן געקלונגען אויף יידיש. ווי שיין עס קלינגט דער פֿאָלקס־יידיש! נאָר לאָמיר זיך אין דעם פּראַט דערווײַל באַנוגענען מיט איין בײַשפּיל!

ווי וווּנדערלעך שיין עס האָבן געקלונגען אויף אונדזער לייענער־קאָנפֿערענץ די מעשאָלים, וועלכע עס האָט פֿאָרגעלייענט פֿון דער בינע די פֿאַרליבטע אין איר הויכער קונסט און אין מאַמעלאָשן — אונדזער סידי טאַל!

דאָס ליטעראַרישע וואָרט און די אַרטיסטישע קונסט האָבן זיך גענומען פֿאַר די הענט און אָנגעפֿילט דאָס האַרץ פֿון די טשערנאָוויצער לייענער מיט פֿרייד און פֿאַרגעניגן.

הירש בלאָשטיין

אונדזער העמשעך

עס איז געווען אַ געוויינלעכער פֿרײַטיק. אַן אַרבעטס־טאָג אין שטאָט. אָבער פֿאַרנאַכט־צו האָבן מיר דערפֿילט, אַז ס׳איז יאָמטעוו. די טשערנאָוויצער לייענער פֿרייען זיך מיט אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן זעכצנטן יאָר־גאַנג.

דער גרויסער זאַל איז גיך פֿאַרפֿולט געוואָרן. מע האָט אָנגעהויבן זיך אויסשטעלן אַרום די ווענט, אין די אָפֿענע טירן. עלטערע מענטשן האָבן פֿאַרנומען די פֿאָדערשטע רייען, קעדייי בעסער זען און הערן. די יוגנט האָט זיך אויס־

איז צושויער־זאַל

געזעצט באַלד נאָך די מיטליאָריקע, אין די לעצטע רייען. א טייל איז געשטאַנען אַף די פּיס. געווען איז דער יונגער דאָר אין א גאָר היפּשער צאָל, גלײַך ער איז געקומען איבערנעמען די עסטאַפעטע.

אין פּרעזידיום האָבן זיך אויסגעזעצט אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער — רעדאַקטאָרן און אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", געקומענע פון מאָסקווע, קיִעוו, קעשענעוו, לוואָוו. אונדזערע היימישע, די טשערנאָוויצער, זײַנען געווען אין דער מינדערהײַט, אָבער אויך מענטשן כאַשעווע — פאָרשטייער פון דער ייִדישער און פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטורן, פון דער שטאָטישער פּרעסע, ראַדיִאָ, טעלעוויזיע.

אין זאַל האָט געהערשט א דערהויבענע, יאָמטעוודיקע שטימונג.

דאָס איז דער זעלבער זאַל, וווּ עס איז אופגעטראָטן שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ, שאָלעם אַש און בערגעלסאָן, וווּ עליִעזער שטײנבאַרג האָט אָפּט געלייענט זײַנע מעשאָלים און איציק מאַנגער — זײַנע לידער און באַלאַדעס. און עס איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איצטער, בייס אַף דער בינע האָט זיך באַוויזן די פּלעיאַדע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט, בילדעריש גערעדט, אַליין דער העמשעך פון אונדזער ייִדישער ליטעראַטור זיך א טראָג געטאָן איבערן זאַל...

איך האָב פון א זײַט געקוקט אַף די איבערפולטע רייען, געשפּיגלט זיך אין די באַגײַסטערטע פּנעמער. דער אוילעם האָט מאַמעש געשלונגען יעדעס וואָרט, פאַרגאַפט אופגענומען און באַגלייט יעדן שרײַבער, געליבט דאָ אַפן אָרט די פּילטאָניקײַט, פּילקלאַנגעדיקײַט, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון דער בינע. דער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן די לייענער און שרײַ־בער האָט אַרופגעבראַכט אַפן געדאַנק, אַז מיר האָבן פאַר זיך א מינדלעכן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"...

איך האָב באַמערקט אין זאַל א באַקאַנטן ייִדן מיט א גרײַז־גרויען קאָפּ און א טיף גערינצלט פּאָנעם. איינער פון יענע, וואָס לויט זייער עלטער דאַרפן זיי נאָך געדענקען די טשערנאָוויצער ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ. ער האָט אין זײַן לעבן געזען און געהערט א סאַך ייִדישע אָוונטן, און לויט דעם, מיט וואָס פאַר א פאַרגאַפטער אופמערקזאַמקײַט ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדע אַרויסטרעטונג, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שפּעטער האָבן וואָס צו אַרומריידן...

נאָכן אָוונט איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, געשײַנט פון סימכע:

— א צווייטע טשערנאָוויצער קאָנפערענץ! הייסט עס, אַז די יערושע פון דער ערשטער איז אין פעסטע הענט... און אַבי מע זאָגט, אַז ייִדיש גייט אונטער! — און ער האָט שעלמישיונג זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, דערנאָך א צופרידענער זיך געזעגנט. געוווּנטשן אָפּטער זיך טרעפן אַף אַזעלכע יאָמטויווים און, אָנדײַטנדיק אַף זײַן עלטער, כיטרע א ווונק געטאָן:

— א שאָ צו נאַכט איז נאָך ניט נאַכט!

דאָס האָט ער דערמאָנט א שורע פון ה. בלאָשטיינס א ליד, וועלכע יענער האָט דורכגעלייענט אַפן אָוונט.

און אָט זײַנען צוויי פון די, וועלכע איך האָב פּערזענלעך פאַרבעטן אַף דער קאָנפערענץ. א לערער און א דאָקטער. ביידע אין די מיטעלע יאָרן. דער ערשטער איז פון א בעסאַראַבער ייִדישער מישפּאָכע, וווּ ס'זײַנען געשטאַנען גאַנצע אַלמערס מיט ייִדישע ביכער. דער צווייטער שטאַמט פון א טיף־אוקראַיִניש שטעטעלע,

און האָט שוין קימאַט פאַרגעסן דאָס ביסל ייִדיש, וואָס ער האָט געהערט בײַ טאַטע־מאַמע. און ווען דער לערער וויל אים קומען צוהילף, איבערזעצן אייניקע אַרויסטרעטונגען, בעט ער זיך:

— מ׳דאַרף ניט, איך פאַרשטיי.

בין איך ניט זיכער, צי ער האָט טאַקע אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר בײַם אַרויסגיין פון זאַל האָב איך געזען, ווי ער האָט אין פּאַיע אויסגעשריבן „סאָוועטיש היימלאַנד"...

אין איינער פון די לעצטע רייען איז געזעסן, צווישן דער יוגנט, אַ סטודענטקע פון אַ קיִער אינסטיטוט, וואָס מאַכט דורך איר פּראַקטיק אין טשערנאָוויץ. מיט אַ פריידיקער, אָנגעלאָדענער ענערגיע האָט זי אַפּלאָדירט יעדן שרײַבער. ס׳האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז מיט ייִדיש איז זי בײַ זיך אין דער היים. נאָר איך האָב געוווּסט, אַז זי פאַרשטייט גאָר, גאָר ווינציק. אַפן אַנדערן טאָג האָב איך זי געטראָפן אין גאַס. זי האָט מיט ברען גערעדט וועגן דעם אָוונט. באַזונדערס איז איר געווען צום האַרצן די פּאָעזיע. געזאָגט אויך, אַז ס׳וואָלט קעדײַ געווען אָפטער צו דורכפירן אַזעלכע באַגעגענישן. גוט, ווען עס וואָלטן פאָרגעקומען אויך ליטעראַריש־מוזיקאַלישע קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון שרײַבער. און מאַכנדיק עטלעכע שפּאַן פאָרויס אין דער ריכטונג צום טראָלייבוס, האָט זי זיך פּלוצעם אומגעקערט און אַ שפּיל געטאָן פאַר מײַנע אויגן מיט אַ לענגלעך, פּירקאַנטיק פּאַפּירל:

— אָט האָב איך אויסגעשריבן דעם זשורנאַל. איך וויל זיך אויסלערנען פרײַ לייענען ייִדיש!

זי איז אַרײַן אין טראָלייבוס, און איך האָב איר נאָכגעקוקט און געטראַכט: אונדזער העמשעך דאַרף מען נאָך אַ שטאַרקן וועק טאָן...

יויסעף בורג

ביטאָכן

זאָלן מיר פאַרצײַען מײַנע מאָסקווער, קיִער, קעשענעווער און לוואָווער פען־קאָלעגן, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט מיר געקומען צו פאָרן אַף דער באַגעגעניש מיט די טשערנאָוויצער לייענער פונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט, און זאָלן מיר פאַרצײַען אויך די גאַסטפרײַנטלעכע טשערנאָוויצער קאָלעגן מײַנע פאַר דעם, וואָס איך וואָלט מיסטאַמע, ווען עמעצער פון זיי זאָל מיך געווען פרעגן, ניט געקאָנט אים ענטפערן, וואָס ער האָט אינעם דאָזיקן פרײַטיקצונאַכטס פאָרגעלייענט פאַרן פאַרזאַמלטן אוילעם אין דעם גרויסן יאָמטעוודיק באַלויכטענעם זאַל פונעם קולטור־פּאַלאַץ, און וויִאַזוי ער האָט געלייענט.

נאָך מער: זיך אַליין, ווען איך זאָל וועגן זיך פרעגן, וואָלט איך אויך נישט געקאָנט דערויף ענטפערן, כאָטש איידער איך האָב פאָרגעלייענט אַף אַ קאָל דעם אויסצוג פון איינער מײַנער אַ דערציילונג, האָב איך, זיצנדיק אַף דער בינע בײַ דעם לאַנגן פּרעזידיום־טיש, עטלעכע מאָל אים אַפּריִער דורכגעלייענט פאַר זיך, אַזוינס איז מיט מיר נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. און טשיקאַווער פון אַלץ איז דאָס, וואָס איך בין געזעסן דער עקסטער בײַם טיש, לעבן דער טריבונע, און צו מיר איז דײַטלעכער, איידער צו אַנדערע, דערגאַנגען איטלעכס אַרויסגעבראַכט וואָרט.

איצט, אין עטלעכע טעג אַרום נאָך יענעם סאָף־האַרבסטיקן פרײַטיקצונאַכטס, וווּנדערט עס מיך שוין ניט אַזוי. איך בין דעמלט, זעט אויס, געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, וויִאַזוי דער זאַל האָט זיך צוגעהערט, וויִאַזוי ער האָט אויפגענומען דאָס פאָרגעלייענטע. און ווער אַף מײַן אָרט וואָלט זיך געפילט אַנדערש, ווען ער דערזעט פאַר זיך אַף אַן אָוונט פון דער ייִדישער ליטעראַטור אַזאַ גרויסן פולגעפאַקטן זאַל, ווו ס׳איז אייגנטלעך ניט געווען שוין ווו צו שטיין, און אין מעשעך פון איבער דרײַ שאָ נאָכאַנאַנד, אָן אַ שטיקל איבעררײַס אפילע, פאַרלאָזט קיינער ניט זײַן פּלאַץ. אַף אַ באַרימטער פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער צי אַף אַ פּאָפּולערן קאָנצערט איז אַזעלכס מעגלעך, נאַטירלעך. אָבער אַף אַ ליטעראַרישן אָוונט, דערצו נאָך, ווען אַף אים טרעטן אַרויס ווייניקער דיכטער (מיט זייער אויסזינגען אַף פאַרשיידענע אויפאַנים די קורצע וויל־קלינגעוודיקע פּאָעטישע שורעס), איידער פּראָזע־שרײַבער, וועלכע לייענען פאָר זייערע ווערק גאַנץ איינטאָניק, — אַף אַזאַ אָוונט איז מיר, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, קיין איין מאָל נאָך ניט אויסגעקומען צו זײַן. און ווי האָב איך זיך געקאָנט אָפּגעבן דערמיט, וואָס עס האָבן פאָרגעלייענט מײַנע כאָשעווע פען־קאָלעגן, אויב איך בין בעשאַסמײַסע גאָר געווען פאַרנומען מיט דער אַלטער, אַלטער טײַנע, וועלכע האָט פון אַ לאַנגער צײַט שוין זיך באַזעצט אין מיר, און ווי נאָר איך דערנענטער זיך צום שרײַביש, אַזוי טויכט זי אין מיר באַלד אויף, און ניט זי בעט, נאָר זי פאָדערט, איך זאָל איר טייקעף אַפן אָרט ענטפערן — פאַר וועמען שרײַבן מיר, צי האָבן מיר, ווער עס זאָל אונדז לייענען? דערבײַ וואָרנט זי מיך: מאַך ניט צו די אויגן אַף דעם, וואָס עס טוט זיך און וואָס עס קומט פאָר אַרום דיר. קוק אַף דעם ניכטער, מיט אָפענע אויגן...

די דאָזיקע אַלטע טײַנע האָט מיך ניט איינמאָל געבראַכט דערצו, — כ׳האָב שוין אַמאָל געהאַט וועגן דעם דערציילט דעם לייענער אין איינעם פון מײַנע ווערק, — אַז איך האָב אַף אַ שטיקל צײַט זיך אָוועקגעלאָזט איבער די שטעטלעך, וואָס האָבן אַמאָל געהייסן ייִדישע, און אויך איבער אַזעלכע, ווו ייִדן האָבן אַמאָליקע יאָרן קימאַט קיינמאָל ניט געוווינט. ווו בין איך בײַס די דאָזיקע רײַזעס ניט אויסגעווען? אָנגעשפּאַרט אַזש אין די עקסט־צאָפּנדיקע פּעטשאָרע, אינטאַ, אַבעז, וואָרקוטאַ און נאָך ווײַטער. איצט בין איך שוין אָבער ניט אין

דעם עלטער, איך זאָל זיך לאָזן פאָרן אפילע אָף א מער קירצערער צײַט און אין א סאַך נעענטערע מעקוימעס. איז ווי האָב איך זיך געקאָנט אפּן אָוונט אין טשערנאָוויץ אָפּגעבן בלויז צום פאַרגעניגן צו הערן די ווערק פון מײַנע קאָלעגן, אויב איך האָב אפּן אָוונט, לע־מײַ זאָל איך לייקענען, מיטגענומען מיט זיך אויך זי, די אלטע, אלטע טײַנע...

איך האָב, קאָן איך זאָגן, פאָרן גאַנצן אָוונט אָף קיין רעגע ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פו־נעם זאַל, זיך שיר ניט אײַנגעקוקט אין יעט־ווידן איינעם. און אין איטלעכס בליק האָב איך אויסגעלייענט: „צו וואָס זאָלט איר זיך אזוי אָפּגעבן מיט „פרעגט די וועלט אַן אלטע קאַ־שע"? די צײַט וועט אָף דעם ענטפערן! דערווײַל אָבער זעט איר דאָך, אז איר האָט, פאַר וועמען צו שרײַבן, איר האָט, ווער עס זאָל אײַך לייע־נען..."

דרײַ שאָ זײַנען ניט קיין דרײַ מינוט. כ'האָב געהאט גענוג צײַט אָף צו באַווונדערן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין די דאָזיקע שאָען דאָ אין זאַל, און אָף צו דערמאָנען זיך אנדערע לי־טעראַרישע אָוונטן, אָף וועלכע עס זײַנען ארויסגעטראָטן פיל פון די, וואָס זײַנען ווײַט שוין אָפּגעשיידט פון אונדז. כ'האָב ניט גע־דאַרפט צומאַכן די אויגן, קעדיי זיי דערזען פאַר זיך. זיי זײַנען נאָכאַנאַנד ארויסגעשווומען פון דער אייביקײַט און בײַגעווען מיט אונדז אפּן הײַנטיקן אָוונט ניט בלויז דערמיט, וואָס עס זײַנען דערמאָנט געוואָרן זייערע נעמען. אייני־קע זייערע ווערק זײַנען אויך פאָרגעלייענט געוואָרן פון דער בינע, און די דאָזיקע שליכעס האָט גענומען אָף זיך די גאַסטגעבענטשטע שוישפּילערן, אונדזער אלעמענס ליבלינג, סי־די טאַל.

דער ענטפער אָף „פרעגט די וועלט אַן אלטע קאַשע", וועלכן כ'האָב טיילווײַז אויסגעלייענט אין די בליקן פונעם פאַרזאַמלטן אוילעם, האָב איך אויך דערהערט אין די הילכיקע אַפּלאָדיס־מענטן, מיט וועלכע מע האָט באַגעגנט און באַגלייט יעדן איינעם פון אונדז. באַזונדערס האָב איך עס דערהערט אינעם שטורעם אַפּלאָ־דיסמענטן, וואָס האָט אויסגעבראָכן, ווען באַם מיקראָפאָן האָט זיך באַוויזן עליעזער שטיינ־באַרגס טאַלמיד און מיטגייער, דער גרויסער מײַסטער פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער לי־טעראַטור, דער יונגער זאַקן, זאָל מאַריך יאָמים זײַן, מוישע אלטמאַן.

צוזאַמען מיט די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך אויך געטראָגן פון זאַל פילצאָליקע שטימען, וואָס האָבן ניט אזוי געבעטן ווי גע־פאָדערט, אז דער זיבן־און־אכציקיאָריקער שע־פער זאָל פאָרלייענען זײַן ווערק זיצנדיק. נאָר מוישע אלטמאַן האָט פאָרגעזעצט לייענען שטייענדיק ווי א באַל־קריִע, און דער אוילעם אין זאַל האָט עס אופגענומען, פונקט ווי אלט־מאַן זאָל אין נאָמען פון דער יידישער ליטע־ראַטור אָפּגעבן קאָוועד דעם יידישן לייענער. אויך דער עטוואָס ייִנגערער פון אים הירש בלאָשטיין האָט פאָרגעלייענט שטייענדיק, כאָטש דער זאַל האָט אין איין קאָל געבעטן, ער זאָל זיך צוזעצן, וויסנדיק, אז ער איז גע־קומען אפּן אָוונט נאָך א שווערער קרענק. און וויבאַלד ס'איז שוין אוועק א רייד וועגן די יונגע זקיינים, מיט וועלכע עס איז רײַך באַ־שאָנקען אונדזער ליטעראַטור, וואָלט עפּשער געווען דאָ צום אָרט, כ'זאָל דערמאָנען דאָס בריוול, וואָס איך האָב פאַרצווייאָרן, געפינענ־דיק זיך אין א שעפערישן שרײַבער־הויז היינ־טער מאָסקווע, אָנגעשריבן מוישע אלטמאַנען נאָכן איבערלייענען זײַנע ערשטע „זקיינישע נאָטיצן". פאַרוואָס דאָס דאָזיקע בריוול איז גע־בליבן ניט אָפּגעשיקט, געדענק איך שוין ניט פּינקטלעך. אלנפאַלס, ניט בלויז דערפאַר, וואָס איך בין אין יענע טעג פאַרשלאָפט געוואָרן. גיכער פון אלץ איז עס מיסטאָמע דערפאַר, וואָס איך האָב זיך פאַשעט געשעמט אָפּשיקן די היספּײַלעסדיקע שוואָכים, וואָס איך האָב ארויס־געזאָגט אינעם דאָזיקן בריוול, כאָטש קיין איין וואָרט איז דאָרט ניט געווען איבערגעטריבן... פרייט מיך, וואָס איך האָב מיט מײַן קומען דאָסמאָל קיין טשערנאָוויץ געהאט א מעגלעכ־קײַט ארויסצוזאָגן דאָס אלץ פערזענלעך מײַן לאַנגיאָריקן פרײַנט, מוישע אלטמאַנען. איך האָב עס ארויסגעזאָגט אפּן פולן קאָל באַ אים אין דער היים, וווהין מיר זײַנען אלע געקומען א טאָג פאָרן אָוונט, ניט זײַענדיק זיכער, צי וועט ער קאָנען קומען אין פאַלאַץ „וואָסכאָד", ווײַל אויסער אלעם, איז אפילע פאַר אַן עטוואָס ייִנגערן מענטשן ניט אזוי לײַכט בײַצוקומען די טרעפּ, וואָס פירן אין זאַל און אָף דער בינע. און ווען איך האָב אָף מאָרגן דערזען, ווי מונ־טער־יונג מוישע אלטמאַן האָט זיך אופגעהויבן אָף די טרעפּ און ווי מונטער־יונג ער האָט, שטייענדיק א גאַנץ לאַנגע צײַט אָף די פיס, פאָרגעלייענט פאָרן אוילעם זײַן דערציילונג, וועלכע איז פול מיט כאָכמע און לעסטערונג, פאָרגעלייענט זי מיט זײַן באַזונדערס אייגנאַר־טיקן נוסעך, איז פאַר מײַנע אויגן ארויסגע־שווומען אונדזער מאָסקווער יונגער זאָקן, דער צוויי־און־נײַנציקיאָריקער יעשוע ליובאָמירסקי, וועלכער איז אַן אָפּטער אָרײַנגייער אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און ער לאָזט זעלטן־ווען דורך א ליטעראַריש־קינסטלע־רישן אָוונט אינעם צענטראַלן שרײַבער־הויז, כאָטש אים קומט אויס פאָרן אהין אַזש מיט צוויי אויטאָבוסן.

א ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט זיידעס און עלטערזיידעס, קאָן ניט בלײַבן אָן יאָרשים, אָן אייניקלעך און אוריינקלעך. צי ניט דאָס האָט אויך געהאט אין זינען דער עלטערזיידע הירש בלאָשטיין מיט זײַן ליד „א שאָ צו נאַכט איז נאָך ניט נאַכט", אין וועלכער איך האָב דער־הערט, ווען דער דיכטער האָט זי פאָרגעלייענט, דאָס מונטערע קאָל פון טעוויע דעם מילכיקן: ביטאַכן!

איך בין א היפּש ביסל ייִנגער פון אונדזערע יונגע זקיינים, אָבער אלנפאַלס ניט אָף אַזויפיל,

אז כ׳זאָל, ווי מיט יאָרן צוריק, זיך אוועקלאָזן אין א נעסיִע איבער די שטעטלעך, וואָס האָבן געהייסן אמאָל ייִדישע, קעדיי אײַנשטילן אין זיך די אלטע, אלטע טײַנע. איך האָב אָבער, מיט וואָס צו אײַנשטילן זי איצטער, אויב זי וועט ווידער נעמען אופטויכן. איך וועל איר דערמאָנען דעם טשערנאָוויצער פרײַטיקצונאכטס אינעם גרויסן יאָמטעוודיק באלויכטענעם זאל, אין וועלכן ס׳האָט זיך פארזאמלט אזא אוילעם, אז ס׳איז ניט געווען דאָרט אייגנטלעך, ווו צו שטיין, און אין מעשעך פון איבער דרײַ שאָ האָט קיינער ניט פארלאָזט זײַן פּלאַץ, און אין יעדן בליק, וואָס איך האָב אופגעכאפּט אין זאל, האָב איך אויסגעלייענט: איך האָב, פאר וועמען צו שרײַבן, איר האָט, ווער עס זאָל אײַך לייענען.

שמועל גאָרדאָן

אלע צײַטן, אלע פארבן

כאָטש עס איז הארבסט, נאָר די לופט איז דורכגעוועבט מיט גאָלדפארביקע פעדעמלעך און ארום די בלומענבייטן גרינען פריילעכע גרעזעלעך.

הארבסט איז א צײַט פון גערעטעניש. א צײַט פון סאכאקלען. דאָס, וואָס מע האָט פארזייט, ברענגט מיט זיך די פּרוכט פון דער מי. וועגן דער גערעטעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אף דער באגעגעניש מיט די טשערנאָוויצער לייענער גערעדט ניט בלויז די ייִדישע שרײַבער, נאָר אויך דער אוקראַאיִנישער — מיקאָלא בורבאק. ראָמאנען, דערציילונגען, פּאָעמעס, נאָוועלן, לידער, פארצייכענונגען... זיי זײַנען פארזייט געוואָרן אין די הערצער פון די לייענער. און די שפּראָצלינגען? ווײַזט אויס — ניט קיין שלעכטע. וועהאָרײַע — דער פול־געפּאקטער זאל, ווו די לייענער־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען. מע שמועסט געוויינלעך וועגן אַן ענגן קאָנטאקט: שרײַבער — לייענער. און דאָ האָב איך דערזען נאָך א מער ענגערן קאָנטאקט: צווישן די שרײַבער און זייערע העלדן. כאַיִם מעלאמוד, לעמאָשל, האָט זיך דאָ געטראָפן מיט די העלדן פון זײַנע ראָמאנען און דערציילונגען. אָט זיצט דער אלטער דאָוויד פון „צווישן דניעסטער און פּרוט". אָט איז שיינדל און בליומע און...

נאָכן הארבסט קומט דער ווינטער. דער הארבסט איז ברוין און דער ווינטער איז ווײַס.

די באיאָרטע לייענער, וואָס זיצן אין זאל, אפּלאָדירן מונטערע, פריידיק געוואָרענע. די יונגע זיצן באנאנד און פּאטשן אויך מיט די הענט, שמייכלענדיק מיט געזונטער פארגלויבטקײַט.

ניט נאָר ווײַסע זקיינים. ווײַסע פּערזן אויך. אף דער בינע קלינגען פּערזן וועגן א ווײַסער רוסישער מעטעליצע. און אזא מין קויעך, אזא ברויזנדיקע פרישקײַט ווייעט און וואָיעט און ווילדעוועט ארויס פון די ניט צוגעקעמטע פּערזן, אז דער פולער זאל מיט לייענער פארשטייט: אונדזער דיכטונג קאָן זײַן מעכטיק און פּרעכטיק און הײַנטצײַטיק.

און נאָכן ווינטער קומט דער פרילינג.

דער הארבסט איז ברוין, דער ווינטער איז ווײַס, דער פרילינג איז גרין.

פרילינג איז ווידערלעבן. פרילינג איז ליבע. פרילינג איז ליריק. פרילינג־צײַט באווײַזט זיך דער רעגנבויגן. פרילינגדיק, יאָמטעוודיק האָט אויסגעזען דער אָוונט.

און נאָכן פרילינג קומט דער זומער.

דער הארבסט איז ברוין, דער ווינטער — ווײַס, דער פרילינג — גרין, דער זומער — פילפארביק.

זומער איז רײַף. זומער איז די צײַטיקסטע צײַט. רײַף, פּיקכעדיק, מײַסטערהאפט האָבן דורכגעקלונגען די ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

די לייענער שיקן צום פּרעזידיום־טיש צעטעלעך. צווישן זיי — איינס מיט אזא פראגע: נו, און וואָס וועט זײַן ווײַטער? אף דער דאָזיקער פראגע האָט ארן ווערגעליס געענטפערט בערעך אזוי: די זאָרג איז ניט נײַ. יעדער דאָר שטעלט די זעלבע פראגע. און זי לעבט, די ייִדישע ליטעראַטור, און ניט נאָר זי לעבט, נאָר מיט איר הילף שטעלט זיך דאָס פאָלק אנטקעגן דעם אָפּגעלעבטן...

עס וועט ווידער זײַן דער געראָטענער הארבסט, און דער ווײַסער ווינטער, און דער זוניקער פרילינג, און דער צײַטיקער זומער. דער פאָדעם וועט זיך שפּינען ווײַטער...

אלעקסאנדער ליזען

אונדזער טשערנאָוויצער לייענער

זעט אויס, אונדזערע טשערנאָוויצער לייענער האָבן לאנג ארויסגעקוקט אף יענעם טאָג, ווען ס׳איז צו זיי אראָפּגעקומען א גאנצע בראנזשע ייִדישע שרײַבער. און דאָך, ווען איך האָב א קוק געטאָן אף דער בינע, איז מיר, בעסאָד געזאָגט, געוואָרן אף דער נעשאָמע א ביסעלע קאלעמוטנע: די מערהײַט — פּראָזאיִקער! לייענען אף אזא גרויסן אָוונט פּראָזע, דערצו נאָך קאפּיטלען פון גרעסערע ווערק, איז גאנץ שווער, מע דארף האָבן א זאל מיט ענטוזיאַסטן...

דער זאל האָט געענטפערט אף דער פראגע גאנץ פּאָשעט: שאָ נאָך שאָ האָבן געלייענט זייערע ווערק די ייִדישע שרײַבער, און קיינער האָט ניט געשטימט מיט די פיס, אפילע אף אן אנדער אָרט זיך ניט איבערגעזעצט, מע איז ניט מיד געוואָרן צו הערן און צו גאפן...

ווען איך האָב באקומען דאָס וואָרט, קימאט דער לעצטער, ווײַל איך האָב געלייענט א הומאָריסטישע געשיכטע און אזוינס, דאכט זיך, קאָן דער אוילעם אויסהערן אפילע, ווען ער

איז שוין גאַנץ מיד, — האָט זיך מיר פּלוצעם דערמאָנט אָן ענלעכער ליטעראַרישער אָוונט, וועלכער איז פֿאָרגעקומען נאָך פֿאַר דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. דאָוויד בערגעלסאָן, איציק פֿעפֿער און איך זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין טשערקאַס. ס'האָט זיך צונויפֿגענומען אַ גאָר גרויסער עולעם, און בערגעלסאָן האָט מיט זײַנע קלוגע אויגן באַמערקט, אַז איך, דער ייִנגסטער, בין אַ ביסל באַומרויִקט, עס איז ניט אַזוי פּאָשעט אַרויסטרעטן פֿאַר אַזוי פֿיל מענטשן. און ער האָט מיר שטילערהייט געזאָגט:

— האַלט זיך פֿעסט. זעסט, סאַראַ עולעם, קיין אײַנהאָרע? אייניקע מיינען געוויס, אַז מיר זײַנען אַ צירק, אַנדערע, אַז דאָ וועט זײַן קינאָ... ווען דו גייסט אַרויס פֿאַר אַזאַ גרויסן עולעם, דאַרפֿסטו זיך צוקלײַבן אין זאַל אַ „טאָטשקע“, דאָס הייסט אַ מענטשן, וואָס הערט זיך צו צו דיר מיט פֿאַרשטאַנד. שטעלסט אײַן מיט דײַן „טאָטשקע“ אַ קאָנטאַקט, און פֿאַר איר לייען!..

אין זאַל זײַנען געזעסן אָן אַ שיר אַזעלכע „טאָטשקעס“, און איך האָב ניט געוווּסט, וועמען אויסקלײַבן...

דאָ, אַף אָט דעם אָוונט אין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך אויך עטוואָס פֿאַרלוירן. אין זאַל זײַנען געזעסן אָן אַ שיר „טאָטשקעס“, און איך האָב געלייענט פֿאַר אַלעמען מיט פֿרייד און פֿאַרגעניגן.

און דאָך האָט זיך מיר גלײַך געוואָרפֿן אין די אויגן איינע אַ גאָר באַזונדערע „טאָטשקע“. אַ יונגער מענטש מיט ליכטיקע אויגן, קלוגע, דורכדרינגענדיקע, ערנסטע. ער האָט געהערט מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם, זיצנדיק אינמיטן זאַל. און ווי איך האָב זיך ניט געפּרוּווט אַף אַ פּאָר רעגעס בעשאַסן לייענען אָפּוועגדן פֿון אים, איז ער די גאַנצע צײַט געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן.

נאָכן אָוונט האָט ער זיך ניט באַמיט גלײַך פֿאַרלאָזן די געבײַדע, און איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אַף די טרעפּ, באַם אַרויסגאַנג פֿון זאַל. אַ מיטלוווּקסיקער, פֿעסטגעבויטער, מיט אַ קײַנעוודיק, ערנסט און גוטמוטיק פּאָנעם. דער בלוילעכער בערעט איז ווויליונגעריש, סאָלדאַטיש געזעסן אַף זײַן בלאָנדן קאָפּ.

— מוישע גוריעוווסקי... — האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט שטיל און באַשיידן. נאָר עמעצער פֿונעם עולעם האָט מיר בעסאָד אײַנגערוימט אַפֿן אויער, וווּנקענדיק אַף דעם שטילן און באַשיידענעם מענטשן:

— מיגעל... אַמיגאָ...

מײַן נײַער באַקאַנטער, ריכטיקער געזאָגט, מײַן „טאָטשקע“ האָט מיט פֿאָרוווּרף אַ קוק געטאָן אַף דעם אונטערזאָגער, זיך אַפֿילע פֿאַרקרימט, און יענער איז אָפּגעטראָטן. אָבער די צוויי ווערטער „מיגעל... אַמיגאָ“ האָבן מיר אַ שניט געטאָן אין אויער און איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין מײַן „טאָטשקע“: וואָס הייסט עס — מיגעל... אַמיגאָ?..

דער מענטש האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט:

— אײַ, הערט זיך ניט צו!..

און ווען, אַ פֿאַרינטריגירטער, האָב איך איבערגעפֿרעגט, האָט ער זיך אַפֿילע פֿאַרויטלט און באַשיידן געזאָגט:

— דאָס איז געווען דעמלט... אין שפּאַניע... דאָרט האָבן די כעווורע מיך גערופֿן מיגעל... אַמיגאָ... עט, לאַנג צו ריידן...

עס איז שוין געווען טיפֿע נאַכט. די טשערנאָוויצער גאַסן זײַנען געווען פּוסט. מוישע גוריעוווסקי איז געגאַן באַנאַנד מיט זײַן פֿעסטן סאָלדאַטישן טראָט. ער האָט מיר פֿאַרגעבן פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו ליטעראַטור, פּרוּוונדיק, זעט אויס, מיך אָפּוועגדן פֿון מײַנע פֿראַגן. אַליין האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פֿון די אײַזערנע שווײַגער, וועלכע האָבן ניט ליב, אַז מע הייבט זיי עפּעס אָן אויספֿרעגן וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זייער פּערזאָן. דאָך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אין אָט דער נאַכט, ווען מיר זײַנען מיט אים אַרומגעגאַנגען איבער די שמאָלינקע אײַנגעשלאָפֿענע טשערנאָוויצער גאַסן, ווי אויך אַף מאָרגן, זיך דערוויסן, וואָס אַזוינס איז „מיגעל און אַמיגאָ“...

...אין קליינעם שטעטעלע ראַשקעוו, אַפֿן ברעג פֿונעם דניעסטער, ניט ווײַט פֿון סאָראָקע, באַ אַ טאַטן אַ גערטנער איז געוואַקסן אַ פֿאַרשײַט בלאָנד באָכערל, וועמען דער פֿאָטער האָט געטראַכט איבערלאָזן זײַן גאָרטן פֿאַר אַ נעדיזנע. נאָר אים, מוישקען, האָט גערטנערײַ ניט געצויגן. אין זײַן קאַנט האָט ער געזען אַ סאַך אומרעכט און אוולעס בענעגייע די האָרעפּאַשנע מענטשן און באַשטימט זיך אײַנשטעלן פֿאַר זיי, ניט זשאַלעווענדיק דאָס לעבן. נאָך גאָר יונג איז ער צוגעשטאַנען צו דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד.

געלערנט זיך אין אַ מעכאַנישן טעכניקום, האָט ער געפֿירט מיט די סטודענטן פּראָפּאַגאַנדיסטישע שמועסן, און די רומענישע סיגוראַנץ האָט אַף אים געוואָרפֿן אַ קרום אויג.

איז דער יונגער מאַזיק אַריבערגעפֿאָרן קיין בוקאַרעשט, אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ גרויסן מעכאַנישן זאַוואָד און זיך דאָרט אײַנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. עס איז ניט אַוועק קיין סאַך צײַט, ווי ער איז געוואָרן דער ליבלינג באַ די אַרבעטער, אַ גלענצנדער אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ מוטיקער קעמפֿער פֿאַר די אַרבעטער־רעכט. די זשאַנדאַרמען האָבן באַמערקט דעם יונגן אַרבעטער־מעכאַניקער, אַ פּאָר מאָל אים פֿאַרשפּאַרט אין די טורמעס, געטאָן אַלץ מיט אים, קעדיי אײַנברעכן זײַן ווילן, נאָר אַ מאָדנע זאַך — אַרויסגייענדיק פֿון טורמע, איז ער געוואָרן נאָך שרעקלאָזער.

זומער 1936. די ראַדיאָ האָט געבראַכט אַליאַרמירנדיקע ידיעס פֿון דער ווײַטער שפּאַניע. די פֿאַשיסטישע לעגיאָנען פֿונעם גענעראַל פֿראַנקאָ זײַנען אָנגעפֿאַלן אַף דער רעפּובליק, קעדיי זי דערטרינקען אין בלוט.

אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, און די בעסטע זין פֿונעם אַרבעטער־

קלאַס פון גאָר דער וועלט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוהילף דעם שפּאַנישן פאָלק.

דער יונגער מעכאַניקער מוישע גוריעווסקי פון ראַשקעוו איז אָקאָרשט דורכגעגאַן מיליטער־דינסט און איז געווען באַקי אין סאָלדאַטישע זאַכן. ווו צופוס, ווו מיטן צוג, דורך צענדליקער סאַקאָנעס און געפאַרן, האָט ער זיך דורכגעשמוגלט דורך רומעניע, בעלגיע, שווייצאַריע, פראַנקרײַך, קיין שפּאַניע.

צוערשט, א פּאָשעטער זעלנער, איז ער אַדאַנק זײַן העלדנמוט און מעסירעסנעפעש איבגיכן געוואָרן א קאַפּיטאַן און קאָמיסאַר פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַטאַליאָן. זײַנע פרײַנט, די שפּאַניער, האָבן אים געקרוינט מיטן נײַעם נאָמען: מיגעל...

העכער צוויי יאָר האָט ער געקעמפט אין שפּאַניע, און ווען בא דער רעפּובליק זײַנען שוין ניט געווען קיין קויכעס צו קעגנשטעלן זיך היטלערס און מוסאָליניס בראָנירטע קאָהאָרטעס, איז ער אָפּגעטראָטן מיט זײַנע שלאַכט־פרײַנט. אַף דער פראַנצויזישער ערד האָבן די העלדן באַקומען א שיינעם קאַבאָלעספּאָנעם פון דעם גענעראַל פראַנקאָס קאָלעגן: טויזנטער רעפּובליקאַנער זײַנען אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין קאָנצלאַגער, צווישן זיי מיגעל. ווען פראַנקרײַך איז אין עטלעכע יאָר אַרום אָקופּירט געוואָרן מיצאַד די היטלערישע האָרדעס, האָט מען דעם לאַגער אַרויסגעפירט צום האַפן, פאַרטריבן די געפאַנגענע שלאַכטלײַט אין עטלעכע אַלטע שיפן און אָפּגעפירט זיי קיין אַפריקע, אין דעם לאַגער „דזשעלפאַ”, ווו הונדערטער זײַנען אומגעקומען פון די מוירעדיקע היצן, פון הונגער און עפּידעמיעס.

ערשט נאָך דעם, ווי עס איז צעגראָמירט געוואָרן ראָמעלס אַרמיי — דאָס איז געווען אין סאָף 1943, — זײַנען געקומען אין לאַגער פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, און די בירגער פון בוקאָווינע און מאָלדאַוויע זײַנען איבערגעפירט געוואָרן אַף דער פרײַ, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער שלאַכטמאַן מיגעל — מוישע גוריעווסקי האָט דעמלט געווויגן עטוואָס מער, ווי פערציק קילאָגראַם... ווי נאָר ער איז געקומען צו־זיך, איז ער מיט א גרופּע זײַנע פרײַנט און לאַנדסלײַט אַריבערגעפלויגן די פראָנט־ליניע און זיך אַרויסגעזעצט אין די וועלדער פון רומעניע, בא די פּאַרטיזאַנער, אײַנשליסנדיק זיך אין מעסירעסנעפעשדיקן קאַמף קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן.

... מוישע גוריעווסקי פירט אַריבער דעם געשפּרעך אַף נאָך איין טשערנאָוויצער לייענער אונדזערן, א לערער, וועמענס נאָמען האָט געקלונגען אַף גאַנץ שפּאַניע. אין פאַרגלײַך מיט יענעמס העלדנטאַטן און אויפטוען — וואָס זײַנען, הייסט עס, זײַנע, מוישע גוריעווסקיס, שלאַכט־פאַרדינסטן?

און עס גייט אַוועק א דערציילונג וועגן א באַשיידענעם רעוואָליוציאָנער פון בוקאָווינע, וועלכער האָט אין שפּאַניע אויפגעטאָן וווּנדער, דערנאָך געקעמפט מעסירעסנעפעשדיק אין דער סאָוועטישער אַרמיי, אויפן דאָרעם־פראָנט, און זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ...

איך דערמאָן זיך אין מײַנעם א בוקאָווינער פרײַנט, מיט וועלכן איך בין געווען צוזאַמען אין איין טייל קימאַט צוויי יאָר בעשאַס דער מילכאָמע. צי האָט מוישע גוריעווסקי ניט געהערט וועגן אַווראָם ווײַסמאַנען?

— וואָס? אַווראָם ווײַסמאַן? פון כאָטין? א שיינע געשיכטע! אָט דאָס רעד איך דאָך וועגן אים די גאַנצע צײַט! דער העלדישער שלאַכטמאַן פון שפּאַניע, דער איצטיקער לערער אין טשערנאָוויץ — דאָס איז ער דאָך, אַווראָם ווײַסמאַן!

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען מיר מיט מוישע גוריעווסקין, מיט מיגעלן, שוין געווען אין שטוב בא ווײַסמאַנען... איך האָב געקוקט אַף מײַן גרוי געוואָרענעם באַשיידענעם פרײַנט:

— סטײַטש, גאַזלען, בעשאַס מיר זײַנען מיט דיר געווען צוזאַמען אויפן דאָרעם־פראָנט, האָסטו מיט קיין איין וואָרט ניט אָנגעדײַט, אַז דו האָסט געקעמפט אין שפּאַניע...

— וואָס איז געווען צו דערציילן וועגן זיך? איך האָב געטאָן דאָס, וואָס טויזנטער האָבן געטאָן... א געוויינלעכע זאַך... דער כויוו פון א קאָמוניסט...

מיר זײַנען זיך פאַרזעסן בא אַווראָם ווײַסמאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. גערעדט האָבן מיר וועגן שפּאַניע, וועגן שלאַכטן, דערנאָך וועגן אונדזער ליטעראַטור און וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. פאַר מיר זײַנען געזעסן אונדזערע געטרײַע, פאַרינטערעסירטע לייענער. קוקנדיק אַף זיי, האָב איך געטראַכט וועגן די ייִדישע שרײַבער פון דער בוקאָווינע, וועלכע לעבן בישכיינעס מיט אַזעלכע וווּנדערלעכע מענטשן, און איך האָב געהאַט אַפילע א ביסעלע פאַרדראָס אַף מײַנע קאָלעגן, וואָס זיי האָבן נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג ניט אָנגעשריבן קיין פאַרכאַפּנדיקע ווערק וועגן מיגעלן — מוישע גוריעווסקין, וועגן אַווראָם ווײַסמאַנען און אַזעלכע, ווי זיי.

געציילטע טעג זײַנען מיר געווען אין טשערנאָוויץ, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אָט דער שיינער שטאָט, באַגעגענענדיק זיך מיט אונדזערע לייענער, שמועסנדיק מיט זיי, בין איך דורכגעגאַן א וווּנדערלעכע שול פון לעבן.

הערשל פּאָליאַנקער

פון איינע און די זעלבע קוואַלן

דער יובילײַ פון „סאָוועטיש היימלאַנד” איז א מערקווירדיקע געשעעניש אינעם קולטור־לעבן ניט בלויז פונעם ייִדישן לייענער. דאָס איז איינע פון יענע אידייִש־קינסטלערישע סאַכאַקל־דאַטעס, וועלכע דעמאָנסטרירן די דערגרייכונגען פון אַזאַ דינאַמישער שוועסטער־ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי די ייִדישע.

דאָס, וואָס דער זשורנאַל טרעט אַרויס מיט אַ באַריכט גראַד אין טשערנאָוויץ, איז אַ גוטער סימען פון זײַנע טראַדיציאָנעלע פאַרבינדונגען און פון זײַן טיפֿער פאַרוואָרצלטקייט.

דער געשיכטע־גאַנג איז קלוג און באַלערעוודיק. ווי אַ בוקאָווינער טוישעוו און אוקראַיִנישער שרײַבער, וויל איך אויסדריקן די צופֿרידנקייט, וואָס דער פרײַער געדאַנק האָט דאָ שטענדיק געפֿונען אַ גינסטיקן באָדן. באַלערעוודיק איז אין דעם פראַט דער שעפֿערישער גוירל פון דער באַרג־אַדלערן אָלגע קאָבילִיאַנסקאַיאַ, וועלכע האָט מיט לײַב־און־לעבן זיך געצויגן צו די נײַע אידייען, געוואָרט, עס זאָלן קומען אין איר קאַנט די פּאַוועל וולאַסאָווס, די לעווינסאָנס, די גריגאָרי מעלעכאָווס. און גאַנץ באַרעכטיקט האָבן גלײַך נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע מעכטיק און שטורמיש אַ קלונג געטאָן פון דער בינע פונעם טשערנאָוויצער טעאַטער די העלדן פון מאַקסים גאָרקיס „קינדער פון דער זון” און „אָפּן דעק”.

גאָרקי וועט שפּעטער אַרויסטראָגן אַף דער הויכער רוסישער טריבונע קאָבילִיאַנסקעס ווערק, דרוקנדיק זיי אין זײַן זשורנאַל „זשיזן” („דאָס לעבן”). דער שטורעמפֿויגל פון דער רעוואָליוציע וועט אָנשרײַבן אַ נאָוועלע וועגן אַ בוקאָווינער, וועלכער האָט, זײַענדיק אַ וואָלאָנטער פון דער אונגאַרישער רעוואָליוציע, געקעמפט קעגן דעם יאָך פון דער ציסאַרישער מאָנאַרכיע.

בוקאָווינע וועט מאַכן אַ ברייטן קאַבאַלעספּאָנעם פאַר די בעסטע וואָרט־קינסטלער און גאַסטפֿרײַנטלעך אופֿנעמען שעווטשענקאָן און פראַנקאָן, שאָלעם־אַלייכעמען און עמינעסקו, עליִעזער שטיינבאַרגן און שאָלאָכאָוון.

לאָמיר דאָ באַ אַ געלעגנהײַט דערמאָנען, אַז דעם גרויסן שאָלעם־אַלייכעמען האָבן פונעם פּוילן הארצן באַגעגנט די אײַנוווינער פון קיצמאַן, וואַשקאָוועץ און אַנדערע שטעטלעך. אַפּן גאַנצן לעבן האָט פאַרגעדענקט דעם פּאַלקסשרײַבער מײַנער אַ באַקאַנטער, דער אַלטער הערצאָוויטש פון נאָוואָסעלעץ, באַ וועלכן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז, אַגעוו, געווען צוגאַסט דזשאָן ריד.

שאָלעם־אַליכעם האָט אין ליפקאַן געשריבן זײַנע „בלאָנדזשנדע שטערן”, און אין דעם זעלבן ליפקאַן האָט דערנאָך זיך צעבליט דער מעכטיקער טאַלאַנט פון עליִעזער שטיינבאַרגן, וועלכער האָט איבערגעגעבן די ליטעראַרישע עסטאַפעטע, צווישן אַנדערע, מוישע אַלטמאַנען — אונדזער מיטצײַטלער און לאַנדסמאַן, דעם עלטסטן פּראָזאַיִקער אין דער איצטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

אַנומלטן איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיטן פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט אַף קיראָווס נאָמען אין דעם דאָרף מאַמאַליגאַ — דאַניליאַק, און איך בין געוואָרן זייער גערירט פון זײַן דערציילונג. איך האָב זיך דערוווסט, אַז צען אָרעמע ייִדישע מישפּאָכעס האָבן דערצויגן אָט דעם דאָזיקן אוקראַיִנישן יאַט, ווען ער איז געבליבן אַ קײַלעכיקער יאָסעם, און אַפילע אין די באַדינגונגען פון דער פאַרסאָוועטישער בוקאָווינע אים געלערנט אין אַ ייִדישן כיידער. צוזאַמען מיט ייִדישע באָכערים האָט ער באַטראַקעוועט אין באַקעו, און ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָבן זיי אַלע האַנט־באַהאַנט זיך געשלאָגן אַפּן פראָנט קעגן די פאַשיסטן.

מוישע אַלטמאַן האָט זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט מיט דאַניליאַקן. אָבער צי ניט פון די זעלבע קוואַלן — פון דעם מעכטיקן געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם — האָט ער געשעפּט די נאָבעלע געשטאַלטן פון זײַן בוך „וואָרצלען”, דערונטער פון דער דערציילונג „ברויט פון ביטאָכן”, וועלכע איך האָב געהאַט דעם קאָוועד איבערצוזעצן אַף מײַן מוטערשפּראַך — אוקראַיִניש.

און צי איז מעגלעך פאַרגעסן הירש בלאָשטיינס דערציילונג „מיט לענינען” — אַ רירנדיקע געשיכטע, איבערגעגעבן אין נאָמען פון אַ יונגן קעמפער, — וועלכע איז גלײַך איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער פרעסע פון אַ סאַך לענדער.

מיר איז נאָענט צום הארצן כאַיִם מעלאַמודס שאַפונג — זײַנע ראָמאַנען „יונגע יאָרן”, „צײַטן בײַטן זיך”, „אין אָנהייב זומער”, „צווישן דניעסטער און פּרוט”. אַלעמאָל שטייען פאַר מײַנע אויגן זײַנע העלדן — קאָמוניסטן און קאָמיראָגיסטן, פּראָסטע האָרעפּאַשניקעס. אין מעלאַמודס אַלע ווערק פילט זיך דער אָטעם פון אונדזער צײַט, זײַן מוזע איז שטענדיק אָנגעצילט קעגן יענע, וועמען אונדזער געזעלשאַפט האָט פאַרורטיילט אַף אונטערגאַנג — קעגן די אוקראַיִנישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן און קעגן די ציוניסטן. ער אַקערט טיף, ער זייט געדיכט, ער שנײַדט אַ גוטע גערעטעניש — אונדזער כאַיִם גערשקאָוויטש!

עס זײַנען מיר אײַנגעבאַקן אין הארצן אויך די וואַלדהעקער און פּליטנטרײַבער פון יוסעף בורגס נאָוועלן, איך געפין אין זיי שטענדיק די זעלבע מאָטיוון פון פרײַנטשאַפט און אינטערנאַציאָנאַליזם — מאָטיוון, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך אַלע ייִדישע שרײַבער פון בוקאָווינע.

די טשערנאָוויצער ליטעראַטור־שעפער באַגריסן הײַנט זייערע כאַשעווע געסט — די באַוווסטע ייִדישע שרײַבער פון מאָסקווע, קיִעוו, קעשענעוו און פון אַנדערע שטעט און, באַגריסנדיק אײַך פונעם פולן הארצן, זײַנען מיר, בוקאָווינער ליטעראַטן, וועלכע שרײַבן אַף אוקראַיִניש, רוסיש, מאָלדאַוויש, ייִדיש און זעצן איבער איינער דעם אַנדערנס ווערק, אײַך זייער דאַנקבאַר פאַר די באַגעגעניש, וואָס ווערן שוין אָן אײַנגעפונדעוועטע טראַדיציע, און מיר גלייבן, אַז זיי וועלן אויך אַף ווײַטער זײַן דער מאַמאַשעסדיקער פאַקטאָר פון אונדזער שעפערישער פרײַנטשאַפט.

מיקאָלאַ בורבאַק

איבערגעזעצט פון אוקראַיִניש..

א פריידיקע מאַניפעסטאַציע

אַזוי האָב איך אָפּגעשאַצט דעם ליטעראַרישן אָוונט בײַ אונדז אין טשערנאָוויץ, ווען אײנער אַ גוטער באַקאַנטער מײַנער, מיט וועלכן כ׳האָב אַמאָל צוזאַמענגעאַרבעט אין ייִדישן טעאַטער, האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן, וואָס איך זאָג וועגן דעם אָוונט און ווי איך שאַץ אים.

מײַן געזונט־צושטאַנד איז די לעצטע צײַט גאָר ניט פֿויגלדיק, כ׳האָב אַפֿילע געצווייפֿלט, צי איך וועל זײַן אימשטאַנד זיך צו באַטייליקן אין דער באַגעגעניש. אָבער אַרײַנקומענדיק אין פּאַלאַץ „וואָסכאָד", דערזעענדיק דעם אוילעם, וואָס האָט אָנגעפֿילט דעם גראַמען זאַל, די יונגע מענטשן, מענער און פֿרויען, — האָב איך זיך אַליין אויך דערפֿילט ייִנגער. עס האָט מיך דורכגענומען אַ פֿרייד. מיר פֿאַרמאָגן נאָך אַ יוגנט, וועמען עס אינטערעסירט דאָס ייִדישע קינסטלערישע וואָרט און וועמען עס אינטערעסירט צו קענען ייִדישע שרײַבער!

ספּעציעל איז דאָס וויכטיק פֿאַר מיר פּערזענלעך, וואָס מײַן טעטיקײַט אַלס שרײַבער און לעקטאָר איז ענג פֿאַרבונדן אין זיכּרון מיט טשערנאָוויץ. ווען איך בין אַרויפֿגעקומען און באַטראַכט דעם פֿולגעפּאַקטן זאַל, איז אַרויסגעשוווּמען אין זיכּרון מײַן ערשטער אויפֿטריט טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן זאַל, צוריק מיט אַ יאָר פֿינף און פֿופֿציק... זיך אַפֿילע דערמאָנט, וואָס כ׳האָב אין יענעם אָוונט פֿאָרגעלייענט... מיר זײַנען געווען דעמלט דרײַ, די אַנדערע צוויי — עליעזער שטיינבאַרג און יאַנקעוו שטערנבערג, וועלכע זײַנען שוין ווײַט אָפּגעשיידט.

פֿינף און פֿופֿציק יאָר. און וואָס פֿאַר אַ יאָרן. עס איז געווען און ס׳איז נאָך פֿאַראַן גענוג מאָטיוון פֿאַר פּעסימיזם און אַפֿילע פֿאַר פֿאַרצווייפֿלונג. די פֿראַגע פֿון עקזיסטענץ עגבערט אין מויעך און אין האַרצן. פֿאַרמאָגן מיר נאָך אַ גענוגנדן קאָנטינגענט ייִדישע לייענער? פֿאַרמאָגן מיר נאָך אַ פֿאָלקס־אינטעליגענץ?

פֿאַר אַ ייִדישן שרײַבער פֿון מײַן דאָר, וויפֿל מיר זײַנען נאָך פֿאַרבליבן (און פֿאַרבליבן זײַנען מיר גאָר ווינציק), וועלכע שטעקן מיט זייער פֿונדאַמענט אין דער צײַט פֿונעם גרויסן אויפֿבלי פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און זײַנען נאָך לעבעדיק פֿאַרבונדן מיט פּערעצן, מיט שאָלעם־אַלייכעמען און מענדעלען און מיטן צווייטן דאָר קלאַסיקער, — אויף אַזאַ שרײַבער טאָר מען ניט האָבן קיין פֿאַריבל פֿאַר אָט די שווערע מאַכשאָוועס. און אָט קום איך אַרײַן אין דעם זעלבן זאַל, אין וועלכן כ׳בין אַמאָל אויפֿגעטראָטן מיט מײַנע צוויי הײַנט ווײַט אָפּגעשיידטע כאַווײרים, און דערזע: קיין בייז אויג! אַ פֿולער זאַל! און יונגע מענער און יונגע פֿרויען. אייניקלעך פֿון יענע, פֿאַר וועלכע איך בין אויפֿגעטראָטן צוריק מיט פֿינף און פֿופֿציק יאָר. ווי קאָן דאָס ניט דערפֿרייען? זאָל מען עס מיר ניט פֿאַררעכענען ווי אַגיטאַציע. און ווען אַפֿילע יאָ...

מײַן קילער קאָפּ ענטפֿערט: עס האָט דערינען אַ גרויסן כיילעק. איך בעט דעם לייענער גוט באַטראַכטן דאָס געזאָגטע.

און דעריבער...

און דעריבער איז עס דער כויוו פֿון יעדן, וועמען עס איז כאָשעוו די עקזיסטענץ פֿון אַ ייִדישער ליטעראַטור, פֿון אַ ייִדישן טעאַטער, פֿון אַ פֿאָלקס־קולטור, — צולייגן אַ געטרײַע האַנט צו אונדזער זשורנאַל.

מוישע אַלטמאַן

נאָכן אָוונט

דאָס היימישע אימפּראָוויזירטע קערמישל, נאָכן אָוונט אונדזערן, איז פֿאָרגעקומען אין אַ צווייכאַדאָרימדיקן האָטעל־נומער אַרום עלף, האַלב צוועלף באַנאַכט. ס׳איז געווען, כ׳לעבן, ניט קיין מיִעסער טיש. ניט ערגער, ווי דער שיינער מויפּעסדיקער סיידער־טיש בײַ פּערעצעס קונצנמאַכער.

ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס די צוויי זקיינים אונדזערע, מוישע אַלטמאַנען און הירש בלאָשטיינען, האָט שוין ניט געקלעקט קיין קויעך אויף אַהער צוצוקומען, און ס׳איז אויך אַ שאָד, וואָס נאָטע לוריע איז פּונקט פֿאַרן קומען קיין טשערנאָוויץ קראַנק געוואָרן און זיצט איצטער אויך ניט, נאָכן אָוונט, אָט דאָ־אָ צווישן אונדז, בײַם טיש.

האָטעל „בוקאָווינע". אַ נײַער האָטעל פּונקט קעגן אַלטן טשערנאָוויצער שטאָט־פּאַרק. דער „פֿאָלקס־גאָרטן", ווי מע פֿלעגט דעם פּאַרק אַמאָל רופֿן, דערמאָנט מיר מײַן זיבעצניאָריקײַט און מײַן ווערק „זיבעצניאָריקע". ניט איין מאָל האָב איך אין יענע ווײַטע ווינטער־טעג דורכגעשניטן דעם פּאַרק, אײַלנדיק זיך אַרויף, צו די וועב־פֿאַבריקן, אויף אונטערערדישע באַגעגענישן. דאָס וואָרט „טשערנאָוויץ" דערמאָנט, פֿאַרשטייט זיך, די שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין אַכטן יאָר, עליעזער שטיינבאַרגן אין די צוואַנציקער יאָרן. ס׳איז גאָרניט קרום, זיץ איך און טראַכט, וואָס מיר זײַנען זיך גראָד צונויפֿגעפֿאָרן אַהער אויף אָן אָוונט. וואָס גראָד מיר, די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער, זײַנען פֿון דעם אַלעמען, וואָס טשערנאָוויץ דערמאָנט, אי די יאָרשים, אי די פֿאָרזעצער.

אַנטקעגן מיר, אויפֿן צוגערוקטן דיוואַן צום טיש, זיצט לעבן סידין איר לעבנס־באַגלייטער פּינכעס פֿאַליק. דער שניי־ווײַסער קאָפּ זײַנער האַלט אים יונג: אַזאַ שניי־ווײַסן קאָפּ האָט ער שוין פֿאַרמאָגט מיט אַ פֿערציק יאָר צוריק. אַ פּאַראַדאָקס פֿון די פּאַראַדאָקסן, וואָס איך האָב ליב. פֿאַליק איז דעמלט געווען דער קליגסטער און פֿייִקסטער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער פֿון ייִדישע טעאַטער־טרופּעס. כ׳קוק אויף פֿאַליקן און דערמאָן זיך אין מײַנע דעמלטיקע סופֿליאָר־יאָרן. אויפֿן דיוואַן זיצט יויסעף בורג מיט זײַן פֿרוי,

אלעקסאנדער ליזען מיט זײַן פרוי. כאָטש בורג איז ערשט גראָוו געוואָרן, ווי א טויב, אין די לעצטע פּאָר יאָר, אין די פּאָר יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז דאָס דער זעלבער בורג פון אמאָל, דערמאָנען מיר זײַנע יונגע פארכאָלעמטע אויגן, יענע ערשטע אמאָליקע טעג אונדזערע אין בוקארעשט, ווען מיר האָבן נאָך ביידע געהייסן „אָנפאנגער". שטיקער לעבן, קאפּיטלעך ביִאָגראפיע הייבן זיך מיטאָמאָל אָן דרייען איבער מיר, ערגעץ אויבן, אינדערלופטן, ווי קארוסעל־הוידלקעס. כ׳ווייס, פארשטייט זיך, אז ניט איצט, בא אזא־אָ יאָמטעוודיקן טיש, איז וועגן אזעלכע זאכן די צײַט און דאָס אָרט צו טראכטן. פרעגן דיך אָבער דען אזעלכע זאכן ווו און ווען?

און עפּשער בין איך ניט גערעכט: עפּשער איז גאָר די סאמע געווינטשנסטע צײַט פאר כעזשבנהאנפעשדיקײַט גראָד יאָמטעוו־צײַט און האצלאָכע־צײַט — יאָמטעוו און דערפאָלג זאָלן דיר, כאָלילע, ניט קאָליע מאכן.

לעבן דיוואן שטייט כאַים מעלאמוד, ניט ווײַל ער וויל, גאָט באהיט, אויסזען העכער פון אן אנדערן און ניט ווײַל ער איז אזא באשיידענער און אים האָט שוין ניט געקלעקט קיין בענקל. א בענקל הינטער אים איז דאָ, נאָר ער זעצט זיך דערוף ניט אוועק. ער וויל, אפּאָנעם, פּאָשעט אזוי־אָ שטיין פאר אונדז, פאר זײַנע געסט אין טשערנאָוויץ. פאָרזעצן אף אזא אויפן אויך איצט, דאָ באם טיש, זײַן גאסטפרײַנטלעכקײַט. אָדער אנדערש: ער האָט זיך געוווּג אָנגעהאָרעוועט אין די לעצטע פּאָר טעג, און די מידקײַט איז אים, אפּאָנעם, אזוי ליב, אז ער וויל זיך נאָך מיט איר ניט צעשיידן, ווײַל זי אזוי־אָ, שטייענדיק אף די פיס, נאָך א ביסעלע פּילן.

כ׳גיס מיר שוין קיין אײַנהאָרע אָן דאָס דריטע קעלישעקל און גרייט זיך אויך זאָגן א פּאָר ווערטער, אויך האלטן א שטיקל טאָסט.

מיט שמועל גאָרדאָנען, וואָס זיצט דאָ אף רעכטס פון מיר, און מיט אווראָם גאָנטארן, וואָס זיצט לעבן שמועלן, שרײַבן מיר זיך געווינלעך איבער. די גוטע פּאָר ווערטער, אין וועלכע יעדערער פון אונדז נייטיקט זיך אזוי שטארק, דער כאווער זײַנער זאָל זיי אים זאָגן, זאָגן מיר זיך, הייסט עס, איינער דעם אנדערן אינדערוואָכן. אף שמועל גאָרדאָנס א לעצטן בריוו, א בריוו אף גאנצע פיר זײַטן, ווי דער מילדער מענטש קארגט ניט אָנצושרײַבן א כאָווער, האָב איך דעם ענטפער מײַנעם אָנגעהויבן בעערעך אזוי: „שמועל טײַערער. קאָפּיעס פון דײַנע בריוו לאָזסטו זיך אוואדע ניט איבער. איך אויך ניט. ביידע טוען מיר, דאכט זיך, ניט גוט. לאָמיר זשע כאָטש איינער דעם אנדערנס בריוו אָפּהיטן. דײַנע זײַנען אזוי טיף מענטשלעך און אזוי שרײַבעריש, זיי זאָגן מיר אזויפיל אי וועגן שמועל גאָרדאָנען דעם מענטשן, אי וועגן שמועל גאָרדאָנען דעם שרײַבער, אז זיי ליגן בא מיר אָפּגעהיטע, און אויסגעגלעטע". אווראָם גאָנטארן האָב איך אף זײַן לעצטן ביכל לידער, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט א מאטאָנע, געענטפערט בעזע האלאָשן: „מיט אזא ביכל, לידער גאָנטאר, מעג שטאָלצירן ניט נאָר דער דיכטער, וואָס האָט אזעלכע לידער אָנגעשריבן, נאָר אויך די ליטעראטור, וואָס פארמאָגט אזא דיכטער". „טאָסטן", אזוי צו זאָגן, שווארץ אף ווײַס, אינדערוואָכן. סידי טאָל, וואָס זיצט אנטקעגן מיר, האָב איך שוין לאנג ניט געזען. דעם „טאָסט", וועלכן איך טראָג אין זיך וועגן אירעטוועגן אזויפיל יאָרן, איז מיר עפּעס קיינמאָל ניט אויסגעקומען איר ארויסצוזאָגן:

— פאר סידין — דעם מיידעלע פון די טשערנאָוויצער הינטערגעסלעך, וואָס זי איז געוואָרן איינע פון די באליבטסטע ייִדישע אקטריסעס אונדזערע. פאר איר עכטן סאמאָראָדנעם פאָלקס־טאלאנט. ווי אזוי דער אוילעם האָט זי ליב, האָבן מיר הײַנט ווידער געזען, בייס זי האָט אפן אָוונט פאָרגעלייענט שטיינבארגן און דריזן. פאר איר ליבשאפט צו די שרײַבער, פאר דעם, וואָס זי איז דאָ, צווישן אונדז, מיט אונדז.

אזא שאָד, וואָס די שאָ איז שוין געווען א שפּעטע, גאנצפרי זײַנען מיר זיך שוין אלעצעפאָרן, און אין הארצן בא יעדן, אינעם פּילבארן זיקאָרן איז פארבליבן: טשערנאָוויץ, האָטעל „בוקאָווינע", א קערמישל בא ייִדישע שרײַבער...

יעכיעל שרײַבמאן

„דאָ, ווו עס לעבן צוזאמען פארשיידענע נאציאָנאליטעטן און פארשיידענע שפּראכן..."

(אָנשטאָט א נאָכוואָרט צום קאָלעקטיוון רעפּאָרטאזש)

איך מוז זיך מוידע זײַן: ווען מײַנע קאָלעגן־שרײַבער, אָנטיילנעמער פון דער באגעגעניש מיט די טשערנאָוויצער לייענער, האָבן מיר דערציילט, אז זיי קלײַבן זיך אָנשרײַבן א קאָלעקטיוון רעפּאָרטאזש וועגן אָט דער קאָנפערענץ, בין איך סײַ געווען צופרידן, וואָס אזא גרויסער און פּרעכטיקער שפּערישער „אָרקעסטער" וועט זיך א נעם טאָן אויסצושפּילן אָט די, אין טאָך גענומען, באשיידענע טעמע, און סײַ — איך מוז זיך מוידע זײַן — כ׳האָב געצווייפלט, צי ס׳וועט „סטײַען שטאָף" פאר אזויפיל מײַסטערס.

ווײַל פאָרגעקומען איז דאָך בעפּייִרעש א געוויינלעכע זאך: די רעדקאָלעגיע פון א ליטעראַרישן זשורנאל איז צוזאמען מיט אווטאָרן געקומען צו פאָרן אין א שטאָט צו די לייענער.

און דאָך...

לאָמיר א בארעכן טאָן.

„און דער בעסטער פּלאַץ פאר אונדזער פארזאמלונג איז געווען בוקאָווינע, נעמלעך איר הויפּטשטאָט טשערנאָוויץ. דאָ, ווו עס לעבן צוזאמען פארשיידענע נאציאָנאליטעטן און פארשיידענע שפּראכן, איז לײַכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאצירן פארנאכט אין

גאַס, און פון פאַרשיידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשיידענע שפּראַך־טענער, אַלערליי פעלקער־מוזיק, מיר ווילן אונדזער פענצטער דאָ האָבן! אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער־סימפאָניע"...

די דאָזיקע ווערטער האָט אַרויסגעבראַכט דער גרויסער י.־ל. פּערעץ מיט קאַרגע זיבעציק יאָר צוריק.

וואָס איז דאָס? — צוגעבונדנקייט צו אַ געאָגראַפישן פונקט? סענטימענטן פון אַ ייִדיש־שעפער צו אַ שטאָט, ווו מע רעדט ייִדיש? ניין, ווערטער, וועלכע זײַנען ערשט ציטירט געוואָרן, אַרויסגעזאָגט אַף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אין 1908.

די קאַבראָנים פון ייִדיש, די ציִיעניסטן, האָבן אין אַווגוסט 1976, אַף זייער געשעפטמאַכערייִשער „אַלוועלטלעכער" אַסיפע, וועלכע זיי האָבן קלאָמפּערשט געווידמעט אונדזער שפּראַך און קולטור, געהאַט די האָזע צו פאַרגלײַכן דעם באַלאַגאַן מיט יענער איידעלער און פון די פאָלק־טיפענישן שטאַמענדיקער קאָנפערענץ. דאָס איז אַ כילעל־האַשעם!

פון רעכטס אַף לינקס. ערשטע ריי: ה. בלאָשטיין, י. שוסטער, מ. פּאַרטיקאַ — פּאַרוואַלטער מיט אַן אָפּטייל פון טשערנאָוויצער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, וו. קאָסיאַטשענקאָ — סעקרעטאַר פון טשערנאָוויצער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, א. ווערגעליס, סידי טאַל, י. שרײַבמאַן. צווייטע ריי: כ. ביידער, י. בורג, מ. בורבאַק — אוקראַיִנישער שרײַבער, ה. פּאָליאַנקער, ש. גאָרדאָן, א. גאָנטאַר, א. ליזען, ג. קאָסאָי, מ. לאַזאָרענקאָ — רעדאַקטאָר פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ", כ. מעלאַמוד.

ניט בלויז דאָס. קעדיי צו ווערן אַ קרייצפּונקט פאַר לעשוינעס און קולטורן, האָט בוקאָווינע, פּונקט ווי אַנדערע טיף־באַזעצטע קאַנטן, באַדאַרפט, לעכאָלהאַפּאָכעס, אײַנפונדעווען אָפן אייגענעם באָדן די פעלקער־סוויוועס. פּערעץ האָט עס גוט פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „...עס לעבן צוזאַמען פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן און פאַרשיידענע שפּראַכן"... פאַקטיש איז דאָס די פאָרמול פון אונדזער סאָוועטישער פעלקער־פרײַנטשאַפט.

זײַענדיק, ווי אַנדערע ערטער אַף דער וועלט, אַ נאַטירלעכער מאָקעם פאַר ייִדן און פאַר ייִדיש, איז טשערנאָוויץ דערצו נאָך אַ געדענקצייכן אין דער געשיכטע פון רעכטלעכער פורעמונג פון דעם ייִדיש־לאָשן. מע דאַרף ניט אַרויסלאָזן פון זיקאָרן, אַז פּערעץ האָט די

דער מאַסן־איבערוף פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער מיט סאָוועטישע ייִדישע לייענער, וועגן וועלכן עס גייט איצט אַ רייד, איז פאָרגעקומען אין דעם זאַל, ווו מיט קאַרגע 70 יאָר צוריק איז אַרופגעטראָטן אַף אַ הויכער טריבונע „די דינסט־מויד ייִדיש" און געמאָלדן דעם געלערנטן אוילעם אין אַלע ייִדישע ייִשוווים, אַז זי איז ניט ערגער פון אַנדערע, און זײַענדיק אַ שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק, וועט זי זיך שוין באַגיין אָן פאַלשע מייליץ־יוישערס. אין קאַרגע 70 יאָר אַרום נאָך אָט דער היסטאָרישער געשעעניש האָבן, ווי געזאָגט, סאָוועטישע ייִדיש־שעפער און ייִדיש־שעצער גערעדט פון דער זעלבער טריבונע וועגן דעם כילעל־האַשעם, וועגן ציִיעניסטישע מייליץ־יוישערס, וואָס מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי ווילן

באלד באגילדן די ייִדישע שפראך, און דאָ גלײַך, אָן כארפע, שטעלן זיי איר ארויס הינטער דער פלייצע א צונג.

מיט וואָס האָבן זיי זיך געקליבן צו באגילדן די ייִדישע שפראך? ס׳איז געמאָלדן געוואָרן מיט טראסקענדיקער פאָמפע: דער ציִעניסטישער בילדונגס־מיניסטער פון דער ייִדישער מעדינע האָט נאָך דרײַ צענדליק יאָר וואקלען זיך — יאָ, צי ניין — סאָפקאָלסאָף, פונקט ערעוו דער „אלוועלטלעכער” אסיפע, צוגעזאָגט, אז שילער פון דעם לעצטן שול־יאָר וועלן אין דער ייִדישער מעדינע באקומען א רעגירונגס־דערלויבעניש אָפצוגעבן אן ארויסלאָז־עקזאמען אף ייִדיש. אך, עס ווילט זיך וויינען און לאכן...

אין טשערנאָוויץ, אף דער קאָנפערענץ פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און לייענער, האָט מען גערעדט וועגן ערנסטע פראגן. ס׳איז דער סאָף פון די זיבעציקער יאָרן. דער מאצעוו איז אזא, אז שוין, ווייניקסטנס, צוויי דורות ייִדן, אין אלע לענדער, ווו ייִדן לעבן, לערנען ניט ייִדיש, און עס פארשווינדט אויך דער עלטסטער דאָר, דער מיטצײַטלער פון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, פון די קאָמפאקטע ייִדישע שטעטלעך אין אוקראִינע, ווײַסרוסלאנד, ליטע, פוילן, רומעניע, וועלכע דער פאשיזם האָט אָפגעווישט פון דער ערד צוזאמען מיט זייערע אײַנוווינער. די שוץ־וואנט פאר דער ייִדישער קולטור און ליטעראטור און פאר דעם ייִדישן וואָרט איז קיינמאָל ניט געווען און קאָן באזונדערס הײַנט ניט זײַן א „וואנט” פון צוואַקישער מעליצע — אף צו אויסנוצן דעם אָפגעשוואכטן ייִדיש־פאָטענציאל אין ענגע און בייִזוויליקע צילן, ווי עס איז זיך נויהעג דער ציִעניזם. די שוץ־וואנט איז — רעאל אָפשאצן די לאגע, טאָן רעאלע מײַסים. ווער עס פירט איצט אוועק די ייִדישע קולטור און ליטעראטור צו די קלעריקאלן, צו דער פינצטערער רעאקציע, צום ציִעניזם, צום נעכטיקן טאָג, — דער העלפט ענדגילטיק צו פארניכטן די נאָך איצט פארבליבענע ייִדישע ליטעראטור־שאפונג און קולטור־טעטיקײַט. ווער עס מאכט פון דעם ייִדישן וואָרט א געצײַג אינעם קאלטן קריג, אין דער אנטיסאָוועטישער העצערײַ, ווער עס גיט אָפ פאר אידייִשן סאם די געשרענקטע פארלאג־ און פרעסע־מעגלעכקײַטן אף ייִדיש, דער באגייט א פארברעכן קעגן ייִדיש, קעגן דער ייִדישער קולטור. די פאָזיטיווע פראָגראם פאר ייִדיש איז: צוזאמען און אין אײַנקלאנג מיט דער איצטיקער צײַט, האָבנדיק אין זינען די רעאלע באדערפענישן אין ייִדיש און די רעאלע מעגלעכקײַטן פון ייִדיש — אָנלאָדן די פאראנענע ייִדישע ליטעראטור, ייִדישע פרעסע, ייִדיש טעאטער אדגל. מיט אזא דויפעק־שלאָגנדיקער פראָגרעסיווער לעבנס־באדערפעניש, וועלכע זאָל אן און פאר זיך געבוירן ענערגיע פון באדערפעניש, דאָס הייסט — מע זאָל זי, די ייִדישע קולטור, זי, די ייִדישע ליטעראטור, באדארפן, דאָס פאָלק מיט אלע זײַנע שפראכן און קולטורן זאָל אויך זי, די ייִדישע שפראך, זי, די ייִדישע קולטור, באדארפן.

אָט וועגן דעם איז געגאנגען א רייד אף דער אויבנבאשריבענער זאכלעכער און פײַערלעכער באגעגעניש פון סאָוועטישע ייִדישע לייענער מיט טעטיקע הײַנטצײַטיקע שעפער פונעם ייִדישן ליטערארישן וואָרט. וועגן דעם גוירל פון דער ליטעראטור האָבן געשמועסט שרײַבער פון ליטערארישע ווערק, ניט פון אמעראַציִשע לויטן סטיל און אין דער גראמאטיק, נידעריקע לויטן אונטערהעצערישן אינהאלט מײַמערלעך אין דער געלער פרעסע און פון מיטלאלטערלעכע לידלעך וועגן „ג־ט” און וועגן שויפער־בלאָזן. די ייִדישע לייענער האָבן זיך באגעגנט מיט ייִדישע שרײַבער, ניט מיט ראַבאָנים, ניט מיט באצאָלטע פען־פראָוואָקאטאָרן און קלאָשארן פון דער פען. אף דער זאכלעכער און פײַערלעכער באגעגעניש איז, אין גרונט, געגאנגען א רייד וועגן אָט די לעבנס־פראגן פון דער הײַנטיקער, איצטיקער ייִדישער ליטעראטור און קולטור.

און פאָרגעקומען איז אָט דער ערנסטער שמועס וועגן ייִדישע ליטעראטור־ און קולטור־אָנגעלעגנהײַטן דאָ בא אונדז, אינעם סאָוועטישן טשערנאָוויץ, „דאָ, ווו עס לעבן צוזאמען פארשיידענע נאציאָנאליטעטן און פארשיידענע שפראכן” (י.־ל. פערעץ).

ארן ווערגעליס

דער פרילינג האָט באַקומען אַלע רעכט

איך בין א מענטש

איך בין א מענטש. כ׳בין פריִער פון אלץ א מענטש.
א קליינינשקע און געטרײַע מאמע.
כ׳בין אופריכטיק. כ׳האָב קיינמאָל ניט געפעלשט,
אף לעבנסוועג כ׳בין מיט מײַן פאָלק צוזאמען.

די ערשטע טריט האָב איך געשטעלט אָט דאָ,
אף דער געבענטשטער ערד פון אוקראַיִנע.
קיין אנדער ערד פאר מיר איז שוין נישטאָ,
די סעדער מײַנע טונקלען דאָ און גרינען.

אויב מיד איך ווער, דאן כ׳טו א פאל צום גראָז
און נעם ארום די פרישע ווייכע שטילקײַט.
סע ווערט מיר גוט אזוי, און כ׳פרעג זיך ניט פארוואָס,
ס׳צעגיסט זיך איבער מיר א צארטע מילדקײַט.

דער אָפּהילך פון מײַן ערשטן אויסגעשריי
האָט זיך צעשאלט איבער פארטויבטע וועלדער,
אינגיכן וועט א לײַכטער, לײַכטער שניי
פארציִען מײַנע האָר מיט יונגער עלטער.

איך פיל זיך שטארק, ווײַל איך בין אין דער היים,
צווישן די אייגענע, באקאנטע מענטשן.
מײַן הויז, ווי אנדערע — פון ציגל און פון ליים,
די פלייצעס פון די פרײַנט —
מײַן ווארעמע פארענטשע.

פון צו באשיידן זײַן איז אויך ניטאָ קיין טאָלק.
אלץ האָט א מאָס: געוואגטקײַט און געוויסן.
איך בין א קינד, א טייל פון אונדזער פאָלק,
איך זוך צו גליק פאר זיך אליין דעם שליסל.

סע גייט שוין דער פרילינג

סע גייט שוין דער פרילינג,
די לופט איז ווי ווײַן,
עס ווילט זיך וואָס גיכער
אין וואלד מיר ארײַן.

עס בלישטשען די אויגן,
זיי ווערן צעשטראלט,
א גוואלדיקער קויעך
מיך ציט צו דעם וואלד.

אָנהייב פרילינג

דאָס לעבן פאר־זיך איז שוין אויך א נעס.

ס׳איז דורכגעגאן אינגאנצן עטלעכע מעסלעס,
געוועזן איז גרוי און ווײַס דער הימל און די ערד,
איצט קוקט און הערט:
סע בלויט און גרינט... דאָס אײַז אין טײַך זיך ברעכט!

דער פרילינג האָט באקומען אלע רעכט:

ער שײַנט, ער זינגט, באזײַטיקט אלץ, וואָס שטערט,
ס׳צעשיט זיך זון אף לאָנקעס און אין וואלד.
מע זייט שוין זוימען, ס׳זאָלן וואקסן קוויטן,
און מע פארגעסט, אז ערשט געוועזן איז קאלט,
די ערד, דער הימל באָדן זיך אין פריידן.

סע זינגען פייגל און סע קוואקען פרעש,
צווישן דעם גרינס פארבליבן איז פון הארבסט
א צווײַג ווי מעש.

2—1061

מע וועט מיך דערהערן

מע וועט מיך דערהערן,
ס'וועט קומען די צײַט,
זי שטייט שוין צוקאָפּנס,
ס'איז ניט אַזוי ווײַט.
מע וועט אויך דערפילן
מײַן ווײ און מײַן פרייד,
וואָס טיף ערגעץ שפּילן
אין מיר שטילערהייט.
איך בין שוין אַ מאַמע
און בין נאָך אַ קינד,
סע פלעכטן זיך איבער
מײַן ווײ און מײַן ווינד.
איך צערטל דעם ווײַנטרויב
און שנײַד אויך דאָס ווײַץ,
מיך האָבן די זאַנגען
מיט כוואַליעס פאַרפלייצט.

איך טוק זיך און טרינק זיך
און שווים גלײַך אַרויס,
ווײַל ס'ציט מיך צו מענטשן,
צום פײַער אין הויז.
איך טרינק זיך און טוק זיך:
גוטמאָרגן, מײַן ליד!
איר זעט, ווי אַף פליגל
זי הייבט זיך און פליט.
איך שטיל נאָר איר צאַפּל,
זי קלאַפּט אין מײַן טיר
(די לידער, זיי קלאַפּן
אין הארצן בא מיר).
און אויב זי ז'געבוירן,
פאַרבלײַבט זי אין בלוט.
זי קלינגט אין מײַן אויער,
ווי גוט איז, ווי גוט!

ס'איז נאָך דער מילכאָמע...

ס'איז נאָך דער מילכאָמע
שוין דרײַסיק אוועק.
איך וואַרט, דו זאָלסט קומען,
איך שטיי אַפן וועג.
אָן דיר בין איך עלנט,
כ'בין איינע אַליין,

די ווייען פאַרפלייצן
מײַן לײַב, מײַן געביין.
איך וואַרט אַף אַ וווּנדער,
איך וואַרט אַף אַ נעס,
איך קאָן זיך ניט זאָגן:
פאַרגעס אים, פאַרגעס!

אַרום איז לעבן

אַרום איז לעבן.
און די לעבעדיקע העלדן
וועלן מיך פירן
אין די וועלטן.
מיך ברענגען אַפן „באַם״,
און קיין טיומען באַגלייטן,
דערפילן כ'זאָל דעם טאַם.
דעם רויך פון נאַפט און קווייטן.
די טײַגע איז אין צווייט,
ס'איז איצט אַ הייסער פרילינג,

מע אַרבעט הײַנט געניט,
מע קען דעם דאַרשט דאָ שטילן.
סע קומט אַהער די באַן
פון ווײַטע קילאָמעטערס,
אַף אונדזער גוטן „באַם״ —
אַ גוטער, גוטער וועטער.
די יונגט אַרבעט דרייסט,
מע זשאַלעוועט קיין קויכעס.
און ס'ווילט זיך מיר, איך ווייס,
מיט זיי איך קאָן זײַן אויכעט.

פּ ײ ז אַ ז ש

די נאַטור האָט איר אייגן לעבן:
איר ריטם און איר קאָליר.
די וואָלקנס זיך וועבן און שוועבן,
דו זעסט זיי אין לײַכטן געפריר.

סע צוויטען שוין פלוימען און עפּל
און וואָלקנס אַנצאַליקע שוועבן,
כ'הייב אויף זיך צום אייבערשטן טרעפּל,
און ס'ווילט זיך מיר לעבן און לעבן.

איך וויל פאַרשטיין

איך וויל פאַרשטיין דעם אומבייַט פון געפילן.
איך בעט דאָך ניט קיין ליאַלקע אָף זיך שפּילן.
פונדעסטוועגן — פאַרליבט זיך, ווי א קינד,
איך כידעש זיך אַליין: פאַר וועלכע זינד?..
איך שטאַרב נאָך זייַנע טריט. איך גיי אויס
נאָך זייַן שמייכל,

ער איז פאַר מיר מייַן גאָט,
און ווו זשע איז מייַן סייכל?
ווען ער זאָל זייַן כאָטש קלוג,
ווען ער זאָל פאַר מיר קניִען,

כ׳וואָלט ווי דער שנעלסטער צוג
געקאָנט נאָך אים זיך ציִען.
נאָר ס׳איז דאָך ניט אַזוי,
ער לעבט אָן קיין שום זאָרגן.
און איך בין דאָך א פרוי.
און כ׳קוק אַרייַן אין מאָרגן...
א פרייַנט — זאָל זייַן א פרייַנט,
ניט אָף קיין קורצער ווייַלע.
פאַרשטיי מיך: כ׳בעט זיך הייַנט —
פאַרענטפער מייַנע שייַלעס...

אויסלייַטערונג

ווען ענדיקן וועט זיך מייַן קורצער וועג,
וועל איך זיך פּרוּוון בעטן:
שענק מיר נאָך כאָטש א צענדליק טעג
צווישן זון מיט גרינע בלעטער.
דער הימל זאָל לויכטן בלוי און ריין,
כ׳זאָל ריינוואַשןביידע אויגן,
מייַנע פיס זאָלן קאָנען גיין און גיין
ביז די שטערן, וואָס העגנען פונויבן,
דערפילן איך זאָל ביזן טיפן גרונט
אַלץ, וואָס ביז איצט געווען איז פאַרבאָרגן,
אַלץ, וואָס האָט מיך געפירט, וואָס רופט און מאָנט
ביז איך לעב, ביז איך בין ניט געשטאָרבן.
כ׳דאַרף נאָך זען, ווי א קינד שטעלט די ערשטע טריט
און קאַטשעט זיך קרום אָף די פיסלעך,
קוועלט מיט איין ציינדעלע אינדערמיט
און נעמט שוין ריידן צוביסלעך.
מייַן אייניקל וואַקסט, ווי א דינע בלום,
פון בייזע ווינטן דערווייַטערט,
און סע ווערט מיר געשמאַק דער גאַנצער אַרום,
מייַן נעשאָמע ווערט אויסגעלייַטערט.

מאַטל טאַלאַליעווסקי

דער מאַמעס בוך

ראָמאַן

— אוי, זינו מײַנער, זינו, — האָט זי אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און פּאַמעלעך אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם, אַף וועלכן עס האָט זיך אַף אַ רעגעלע פֿאַרהאַלטן אַ קורצער האַרבסטיקער שטראַל פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון. דער שטראַל האָט באַלויכטן אירע טרוקענע ליפּן, — דו ווילסט, איך זאָל דיר ווידער דערציילן מײַן לעבן...

— אויב ס'איז דיר שווער, מאַמע... — האָט ער זיך ווי אַנטשולדיקט פֿאַר איר.

— פֿאַר דיר איז מיר גאָר ניט שווער. נאָר צו וואָס טויג עס דיר, הערשעלע?

לייע האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט ווידער אַ קוק טאָן אַף איר לאַנגן וועג.

— לעמײַ זאָל איך זינדיקן, זינו? — האָט זי צוגעגעבן נאָך אַ דויערנדיקער פּאַוזע. — עס זײַנען בײַ מיר אויך געווען ליכטיקע טעג — קורצע, ווי אַן אָטעם... — זי האָט פּאַוואָ־ליטשקע אַרויסגעצויגן די האַנט פֿון אונטער דער גראָבער קאָלדרע, וואָס זי האָט אַמאָל אופֿגענייט פֿון אַן אַ שיר פֿילקאָלירטע צוויקעלעך, וועלכע זי האָט באַקומען בײַ ליזען — איר שוועגערן, — ווערליק איך פֿאַרשטיי, ווילסטו, איך זאָל דיר נאָכאַמאָל אופֿמישן מײַנע נעכטיקע טעג, ווי מע מישט אוף אַ בוך, דו זאָלסט דערציילן דער וועלט סאַראַ מאַמע דו האָסט געהאַט...

דער בלאַסער האַרבסטיקער שטראַל האָט זיך אַ גליטש געטאָן אַפֿן גרויען פֿלעק פֿון דער קעגנִיבערדיקער וואַנט, וווּ עס איז יאָרנלאַנג געהאַנגען בערל לאַזעבניקס אַ פֿאַר־גרעסערטע פֿאָטאָגראַפֿיע: אַ קײַלעכדיקער פּאָנעם מיט צוויי פֿאַרדרייטע וואָנצעס און מיט אַ גלײַכן שרונט אַפֿן קאָפּ טונקל־קאַשטאַנעווע האָר. אַלע פֿרײַטיק פֿלעג לייע פֿלײַסיק אויסווישן די גלאָז אינעם שוואַרצן רעמל, וווּ עס איז אײַנגעפּאַסט געווען די פֿאָטאָגראַפֿיע. נאָר ווען זי איז געפֿערלעך קראַנק געוואָרן און אַפֿן האַרצן האָבן זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט אַלע אירע ביטערע פֿאַרדראָסן, האָט זי געפֿאָדערט, מע זאָל אַראָפּנעמען דאָס בילד, אַז, ליגנדיק אַף איר געלעגער, זאָל זי עס ניט זען פֿאַר די אויגן.

זי האָט אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און מיטן קנאַפּן ביסל קויעך געפּרוווט אַ דריק טאָן דעם זונס האַנט. אירע אויגן האָבן זיך אַ צעעפֿן געטאָן, קעדיי דאָס לעצטע מאָל באַטראַכטן איינעם פֿון אירע יאָרשים.

— מאַמע, מאַמע!.. — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, נאָר די מאַמע האָט שוין גאָר־ניט געהערט. צוויי טיפֿע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן צום מויל, האָבן נאָך מער זי עלטער געמאַכט.

הערשל האָט צונויפגעלייגט אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט און ניט געוווּסט, וואָס ער דאַרף איצט טאָן. ער האָט געשוויגן, ווי עס וואָלט אָפּגענומען בא אים דאָס לאָשן. זײַנע אויגן זײַנען געווען טרוקן. ער האָט ניט געוווּסט, צי דאַרף ער עמעצן רופן — כאַטש, וואָס קאָן מען שוין העלפן. ער האָט שטאַרק זיך אײַנגעקלאַמערט אין אירע הענט, און ס'איז אים געקומען אפן זינען, אז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי געכאַפּט א קוק אף זײַנע גרויסע הענט און געזאָגט מיט א שמייכל:

— מײַנע הענט בא דיר, זינו. אזוינע קלײַנדיקע, ווי בא מיר, מיט לאַנגע פינגער און ווײַסע פלעקן אף די נעגל... אויסגעהאָרעוועטע הענט...

דעמלט, שטייענדיק בא איר צוקאָפּנס, האָט ער זיך אליין געגעבן דאָס וואָרט דערציילן פאַר דער וועלט וועגן דער מאַמעס לעבן.

דער שידעך

דער אָנגעשפּאָלטענער הייזעריקער קלויסטער־גלאָק פונעם פּאָלעסיער שטעטעלע קאָזשומיאַקי האָט געהאַלטן אין איין קלינגען. דעם געקלאַנג, וואָס איז ענלעך געווען אף א געבעט, האָט מען געקאָנט הערן אין די אַרומיקע דערפער און כוטאָרס. דאָס איז געווען א געבעט, וועלכער מוז דערהערט ווערן דאָרט, אין די הימלען, וואָס פאַלן מאַמעש צו דער ערד באַם ראַנד פונעם געדיכטן וואַלד.

הײַנט איז דער גלעקער־געקלאַנג געווען לעקאָוועד דער לעצטער ווסיעגאָשני פונעם אָפּגייענדיקן נײַנצנטן יאָרהונדערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נײַע, דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט. דער גאַלעך אַלעקסיי מיט דער פּאַרוויכערטער גרויער באָרד, פּונקט אזא, ווי בא די געטער אף די איקאָנעס, און דער דיאַטשאָק גאַווריִלע מיט די שיקערע אייגעלעך, און די כאָריסטן, וועלכע סטאַרען זיך הײַנט אף א באַזונדערן אויפן, זײַנען שוין אויך, ווי דער גלאָק, הייזעריק געוואָרן. א ווערטעלע צו זאָגן — דער לעצטער מאָלעבען פון אזא שרעקלעכן יאָרהונדערט! וויפל אומגליקן איז מען אויסגעשטאַנען — מילכאָמעס און אופשטאַנדן! אטענטאַטן אפן קייסער, און סרייפעס אין די פּריצישע מאַיאָנטקעס...

ס'איז געשטאַנען א שטאַרקער פראָסט. דער שניי אונטער די שטיוול און פוישטן האָט געסקריפּעט. דרײַ־פיר קוימענס אין קאָזשומיאַקי האָבן באַגריסט דאָס אָנקומען פונעם נײַעם יאָרהונדערט מיט בלוילעכע רייכעלעך, וואָס האָבן זיך געריסן אינעם באַנאַכטיקן הימל. דאָס האָט מען בא די פּאַרמעגלעכסטע באַלעבאַטים פון שטעטל ניט באַוויזן צו פּאַרענדיקן דאָס קאָכן און דאָס באַקן לעקאָוועד דעם יאָמטעוו. עס האָט געשמעקט מיט זאַטקײַט. באַזונדערס האָט עס געפילט דאָס הויזגעזינד פון נאַפּטאָלע דעם כאַזן.

דעם כאַזנס הויזגעזינד איז, ניט צו פּאַרזינדיקן, א גאַנץ היפּשס. א קליינוווּקסיקער מיט א יאַדעשליוון הוסט, האָט ער דאָך באַזאָרגט די וועלט מיט צוויי זין פונעם ערשטן ווײַב און מיט דרײַ טעכטער פונעם צווייטן. פון זײַן קוימען האָט זיך קיין רויך ניט געשפּרייט. דער אויוון איז געווען א קאַלטער, דאָס ביסל וואַרעמקײַט איז געקומען פון דער הרובע און פון דער ליעזשאַנקע.

בענציע און שנייער — אזוי האָט מען גערופן די זין פון דעם ערשטן ווײַב — האָבן געהאַט זייערע געלעגערס, און די טעכטערלעך זײַנען, ווי די אייפּעלעך, אײַנגעקוטעט געווען אין דעם ברייטן בעט, אונטער אַן איבערבעט. די עלטערע, לייע, איז שוין צו יענער צײַט אַלט געווען צוואַנציק יאָר און האָט קיין געלעגער ניט באַדאַרפט, ווײַל געלעבט האָט זי בא סאָרע דער נעגידעסטע, בא וועלכער זי האָט געדינט שוין קנאַפּע צען יאָר...

דער הייזעריקער קלויסטער־גלאָק האָט ניט אופגעהערט צו וועקן דעם כאַנעקע־דרויסן. די דערשראָקענע לעוואָנע האָט זיך שעמעוודיק געטוקט אין די כוואַליעדיקע וואָלקנס, און דער גאַלעך אַלעקסיי האָט אָנגעהויבן א שפּאָגל נײַע דראָשע, מיט וועלכער ער האָט באַגריסט די פּריכאָזשאַנעס מיט יעזוס געבורטסטאָג. דער הייליקער פּאָטער אַלעקסיי האָט אַלץ געוויצעט בעטן באַם אייבערשטן, אז דער נײַער יאָרהונדערט זאָל ברענגען דעם גרויסן פּאָלק נײַע רום און ווילשטאַנד, די ערד זאָל געראָטן, די פרויען זאָלן געבוירן געזונטע זין און טעכטער און דאָס רוסישע וואָ?נסטווע זאָל, ווי שטענדיק, באַשיצן דאָס פּאָטערלאַנד פון נײַע אָנשיקענישן. אמין!

אינעם פּאָלעסיער קלויסטער איז אַלץ געגאַנגען לויטן אײַנגעשטעלטן סיידער. און די קאָזשומיאַקער ייִדן? שאַבעס וועלן אויך די ייִדן אין זייער בעסמעדרעש מאַכן א בראָכע לעקאָוועד דעם גרויסן קייסער, ער זאָל מאַרעכיאָמים זײַן מיט זײַן קייסערינע. דער קאָזשו־

מיאקער כאַזן נאַפּטאַלע וועט זיך שוין אַ סטאַרע טאָן, אַז דער העספּעד לעקאָוועד דעם קייסער זאָל רירן אַ שטיין! פאַר זיך זעלבסט האָט ער ניט געוואָרט אָף קיין שום ניסים. קיין גרויס באַלעבאַטישקייט האָט ער ניט געהאַט. ער איז אָבער גליקלעך געווען, וואָס ער האָט אַזאַ אויצער, אַזאַ פאַרמעגן, ווי גיטעלע — די קליינינקע אויסגעטריקנטע פרוי מיט די צוויי טונקל־גרינע אויגן און מיט אַ דין קעלעכל, וואָס דערמאָנט אים אינעם פּרילינג־סאָלאָוויי.

גיטעלע איז בײַ אים די צווייטע. דאָס ערשטע ווײַב — לייע — איז געשטאָרבן בײַסן דריטן קימפּעט — זיי האָבן שוין פאַרמאָגט צוויי געזונטע, בײַנערדיקע יונגען. מיטן דריטן קינד, מיטן מיידעלע, האָט זיי ניט אָפּגעגליקט — לייע האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע. העכער צוויי יאָר האָט זיך נאַפּטאַלע דער אַלמען געמוטשעט מיט די יעסוימעלעך. מע האָט אים דאַפקע געשאַדכנט פאַרשיידענע פרויען — אַלמאָנעס און סטאַם פאַרזעסענע מיט גרויס נאַדן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— איך דאַרף ניט קיין שטיפמאַמע פאַר מײַנע קינדער, — האָט ער געטײַנעט צו דעם דיאַטשאָק גאַווריִלע, וועלכער פלעגט צו אים אַרײַנקומען אַ ביסל טרייסטן און דערמונטערן אים.

— דאָס, וואָס מיר זײַנען ניט פון איין גלויבן, וואָס מיר דינען פאַרשיידענע געטער, דאָס קאָן אונדז ניט שטערן באַפרײַנדעט זײַן. עפּשער ביסטו ניט מאַסקים?

— מאַסקים, מאַסקים, כאָשעווער גאַווריִלע...

— אַנטאָנאָוויטש, אַנטאָנאָוויטש, רופט מען מיך.

— בין איך מיט אײַך מאַסקים, אַנטאָנאָוויטש.

— איז אויב מאַסקים, איז דערלאַנג דײַנע צוויי זילבערנע בעכערלעך און לאָמיר אויסטרינקען!

— איך טרינק ניט!

— זינדיקסטו, קאַליעגאַ, זאָל איך אַזוי לעבן, זינדיקסט!

— און וואָס זשע באַשטייט מײַן זינד?!

— באַלד וועל איך דיר דערקלערן. אין דער עוואַנגעליִע שטייט געשריבן: אויב דו זעסט אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, איז דײַן כיוּוו זי ראַטעווען!

— בין איך, הייסט עס, אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף?

— ערגער! ווײַל ווען בײַ אַ לײַטישן מענטש איז שווער אָפן האַרצן, — ניט וויכטיק פון וואָס! — מוז מען אים דערמינטערן: מיט אַ טפילע, מיט אַ גוט וואָרט און טאַקע מיט אַ ביסל שנאַפּס. דעריקער, עס זאָל אים ווערן ליכטיק אין די אויגן! אַזאַ איז דאָס עלפטע הייליקע געבאָט!

— עפּעס האָב איך ניט געהערט פון אַזאַ עלפטן געבאָט...

— ניט געהערט?! ווײַל אַ כאַזן ביסטו אַ גוטער און גראַמאָטע פעלט דיר. אײַער רעליגיע איז אַ טײַוולאָנישע, און אונדזערע איז, פאַרשטייסטו מיך, אַ פריילעכע. אָט איז בײַ אײַך, צום בײַשפּיל, פאַראַן אַ טאָנעס. פאַראָנען? אַ סאַך טאָנייסים! און בײַ אונדז איז אויך פאַראַנען — אַ פאָסט... נאָר איר פאַרקירצט זיך דאָס לעבן מיט אײַער טאָנעס, און מיר? מיר נעמען אַ קאָפּעטשקע און דערנאָך — נאָך אַ קאָפּעטשקע, ביז עס ווערט אונדז ניט גרינג אָפן האַרצן. ווײַל עס שטייט דאָך בעפּיירעש געשריבן: דער, ווער עס פּײַניקט זיך דאָס האַרץ און די נעשאָמע, דער זינדיקט פאַר גאָט! און גאָט באַדאַרף ניט קיין אומזיסטע צאָרעס. איך קאָן דיר שווערן, אַז ער אַליין האַלט אויך פון אַ גוטן טרונק.

נאַפּטאַלע האָט דערלאַנגט די צוויי זילבערנע בעכערלעך און אַ פלעשל ווישניק.

— און נאָך וועל איך דיר זאָגן, — האָט דער דיאַטשאָק אָנגעגאָסן זיך דאָס צווייטע מאָל, — באַגייסט אַ גוואַלדיקן פעלער, אַ פאַרברעכן, וואָס דו ברענגסט ניט אַרײַן אין דײַן שטוב קיין באַלעבאָסטע.

— וואָס טוט מען אָבער, אַז עס טרעפט זיך מיר ניט קיין פּאַסיקע פּאָר.

— ווײַל דו זוכסט זיך די פּאָר צווישן די נעגידים, אַ כאַליערע אָף זיי! און איך אָף דײַן אָרט וואָלט, צום בײַשפּיל, גענומען איינע פון כאַים דעם סטעלמאַכס טעכטער. ער האָט זיי אַנדערהאַלבן טוץ! אָט כאַטשבי גיטעלע — די סאַמע קלענסטע צווישן זיי.

— גיטעלע?!

גאַווריִלע אַנטאָנאָוויטש האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז גראַדע אין אָט דעם אָוונט איז ער אומגעריכט געוואָרן אַ שאַדכן!

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען געשטעלט אַ כופּע, געפּראַוועט אַ שטילע כאַסענע, און גיטעלע כאַים סטעלמאַכס איז געוואָרן אַ כאַזנטע און אַ שטיפמאַמע. און אין נײַן כאָדאָשים אַרום איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, וועלכער מע האָט געגעבן דעם נאָמען

לייע, נאָך נאַפּטאַלעס ערשטן ווײַב, וואָס איז געווען אַ צאַדייקעס. גאַווּרילע דער דיאַטשאָק האָט ליב געהאַט, ווען מע פּלעגט אים אין אַ שפּאַס, פאַרשטייט זיך, רופן „סוואַט". מײַנע טפילעס, — פלעגט ער טײַנען, — זײַנען דערגאַנגען צו גאָט, וועלכער פאַרשטייט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. דערבײַ זאָלסטו ניט פאַרגעסן, אַז געבוירן געוואָרן איז לייע, די מאַלקע דײַנע, אַף פּייסעך און דערפאַר טאַקע וועט זי האָבן אַ גליקלעך לעבן!

נאַפּטאַלע איז פון טאָג צו טאָג קראַנקער געוואָרן. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין קויעך שטעלן זיך צום אַמעד, און די שטים זײַנע איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן. די עלטערע צוויי זין האָבן שווער געהאָרעוועט און זייער פאַרדינסט האָט קוים געקלעקט אַף צו באַצאָלן דירע־געלט, ווײַל קיין אייגענע שטוב האָט דער כאַזן אַף זײַן לעבן ניט געהאַט. יעדן אָוונט, נאָך דער בידנער וועטשערע, פלעגט דער כאַזן פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן דעם, אַז ווײַטער אַזוי לעבן איז ניט מעגלעך...

— נישקאָשע! — האָט אים גיטעלע געטרייסט, — אָט וועלן זיך די קינדער שטעלן אַף די פיס, וועט אונדז מיטאַמאָל גרינגער ווערן.

בענציע און שנייער פלעגן קומען פון דער אַרבעט, אָראָפּוואָרפן פון זיך די פאַרשמאָל־צעוועטע פידזשאַקלעך, וואָס זײַנען שוין ענלעך געווען צו די פּעלעכלעך פון די קעלבלעך, פון וועלכע מע האָט אויסגעאַרבעט טײַערן לעדער. לייע האָט ליב געהאַט זיך צוהערן, ווי אירע ברידער טײַנען זיך אויס מיטן טאַטן, וואָס האָט דאַפקע געהאַלטן פונעם מאַגנאַט, דעם לעדער־זאַוואָדטשיק.

— ער איז אַ בלוטצאַפּער! — האָט געזאָגט דער עלטערער, בענציע, — מע וואָלט געדאַרפט אים אָנשפּײַען אין פּאָנעם און פאַרלאָזן די זאָלניעס מיט די היפּעשדיקע פּעל.

— און אויסצײַען די פיס?.. אָן אַנדער ברייטע האָסטו?!

קיין אַנדער ברייטע האָבן די כעוורע טאַקע ניט געהאַט.

— זאָג נאָך אַ דאַנק, וואָס מענדל פרידמאַן האָט געעפנט דאָס געשעפט און גיט דיר די מעגלעכקײַט פאַרדינען די פּאָר גראָשן.

לייע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס קומט אים דער דאַנק. זיי ווערן דאָך פאַר־שוואַרצט באַ די בידעס מיט ראַפּע, און מענדל לעבט אַ גוטן טאָג. אַנומלטן האָט זי צופעליק געהערט, ווי בענטשיק האָט געטײַנעט מיט זײַנעם אַ כאַווער — אַ שינדער:

— מע וואָלט אים געדאַרפט אָנלערנען, דעם טרייפעניאַק, ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. זאָל ער אַליין זיך שטעלן אָפּרייניקן אַ פּעל פון אַ געפּייגערטן אָקס, און זאָלן באַ אים צעפרעסן ווערן די הענט פון דער ראַפּע, וואָלט ער זיך עפּשער אַזוי גרויס ניט געמאַכט מיט זײַן קאַפּיטאַל.

אין איינעם אַ זונטיק האָבן זיך די אַרבעטער פון מענדלס טשינבאַרניע פאַרזאַמלט אינעם וועלדל, אונטער דעם שטעטל, און בענטשיק האָט פאַר זיי פאַרגעלייענט עפּעס אַ פלוגבלעטל, וואָס אַן אומבאַקאַנטער מענטש פון דער גרויסער שטאָט האָט אים געבראַכט. דער טאַטע איז בעפּייִרעש געווען אומצופרידן מיט אַזאַ אופטו, נאָר וואָס האָט ער געקענט טאָן, אַז בענטשיק איז שוין אַליין אַ פאַרדינער און האָט אַ הייסן קאָפּ אַף די פּלייצעס.

ווען לייע איז אַלט געוואָרן צען יאָר, איז איר געקומען אַפן געדאַנק, אַז זי וואָלט שוין געמעגט מיטהעלפן דעם קראַנקן טאַטן. נאָר ווי פאַרדינט מען עס?

רעב מענדלס פרוי איז סאַפּקאָלסאַף פאַרגאַן אין טראָגן און האָט געבוירן אַ מיידעלע, וועלכע מע האָט אָנגערופן בלימעלע. פאַרטרויען דאָס בלימעלע דער אַלטער שטוב־דינסט האָט דער מאַגנאַט ניט געוואָלט, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ ספּעציִעלע דינסט. ווו נעמט מען אָבער אַזאַ דינסט, וואָס זאָל האָבן די זכיִע ווערן אַ מענטש אין מענדל פרידמאַנס הויז? אין אַ שיינעם פאַרנאַכט, ווען גיטל דעם כאַזנס האָט געבראַכט צו סאָרען דעם זאַק פּעדערן, וואָס זי האָט אין די ווינטערדיקע נעכט אָנגעפּליקט, האָט איר סאָרע געזאָגט:

— עפּשער וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז כאָטש איינע פון אײַערע טעכטערלעך זאָל לעבן אין אַ באַלעבאַטישער שטוב. פאַר אײַך וועט דאָס זײַן ווייניקער מיט אַ מויל און מער מיט אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע. איך מיין דאָך ניט אומזיסט, כאָלילע!

— דערהאַרגעט מיך, סאָרע־קרוין, נאָר איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט!

— איך רעד שוין דאַפקע צו דער זאַך! איך וויל, אַז לייע זאָל איבערגיין צו מיר. זי וועט זיך, כאָלילע, ניט איבערהאָרעווען. עסן וועט זי דאָס, וואָס מיר עסן, און וואָס איז שײַעך אַ מאַלבעשׂ, צי אַ פּאָר שיך — האָבן מיר גענוג לעדער. און אַז עס וועט זיך איר פאַרגלוסטן אַרײַנכאַפּן זיך צו דער מאַמען — מאַכטייסע! און צאָלן וועל איך איר אַ דרײַערל אַ כוידעש...

גיטל האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אַרויסגעלייגט איר קאָשערן פאַרדינסט אַפן גרינעם

טישטעכל. לויט דעם, ווי זי האָט עס געטאָן, האָט נאַפּטאָלע גלײַך דערפֿילט, אַז עפּעס איז זי צעװערט.

— וואָס איז געשען?

— אַז אַך און ווי איז צו אונדזער מאַזל, נאַפּטאָלע...

— לאָמיך שוין הערן אַ וואָרט!

— סאָרע די נעגידעסטע האָט מיר פֿאַרגעלייגט, איך זאָל איר אָפּגעבן לייעלען...

— וואָס הייסט: אָפּגעבן?! מיר האָבן זי באַ איר אַנטליִען, אונדזער לייעלען?

— אָפּגעבן — הייסט: זי זאָל ווערן באַ איר אַ דינסט.

— האָסטו איר כאַטש אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם? ווי עפּנט זיך עס באַ איר דאָס מויל דיר פֿאָרלייגן אַזאַ זאַך?! — איז נאַפּטאָלע רויט געוואָרן פֿון אופגעבראַכטקייט און האָט זיך פֿאַר־הוסט, ווי געווײנלעך. — נאָר אַ דינסט פֿעלט אונדז אין אונדזער מישפּאָכע.

— עפּשער וועט איר דאָרט בעסער זײַן, ווי באַם טאַטן אירן אין גאַניידן.

מע האָט זיך פֿאַרשפּאַרט לאַנג אַמפּערן. לייעלע האָט ניט דערוווידערט, און איז אין אַ גוטער שאָ געוואָרן די צווייטע דינסט באַ רעב מענדל פֿרידמאַנען.

פֿרײַטיקצונאַכטס, נאָך ליכט בענטשן, פֿלעגט מען לייעלען אָפּלאָזן אויף אַ פּאָר שאָ אַהיים צו דער „כאַליאַסטרע", ווי דער מאַגנאַט פֿלעגט רופֿן דעם כאַזנס קינדער. לייעלען פֿלעגט ליב זײַן יעדע רעגע, וואָס זי האָט געקאָנט פֿאַרברענגען מיטן עלטערן ברודער, בענטשיקן. איר איז געפֿעלן געווען, וואָס ער זאָגט אַרויס ווענגן איר באַלעבאָס. אַנומלטן האָט זי אַליין געהערט, ווי רעב מענדל האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר סאָרען:

— אַ כאַזנס אַ זון און איז אַזאַ כוצפּעניק! גיסט אים פֿאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט, קאָמאַנדעוועט ער נאָך! איך וואָלט אים אַרויסגעשלײַדערט פֿונעם זאַוואָד, נאָר ס׳איז אַ ראַכמאָנעס, נעבעך, אויפֿן כאַזן. דערצו איז בענטשיק פֿאָרט אַ גוטער באַלמעלאָכע.

די דרײַ קערבלעך כוידעש־געהאַלט האָט סאָרע, לויט דער באַקאָשע פֿון גיטעלע דער וויסטער מאַמע, אָפּגעלייגט אין דער זילבערנער פּושקע — עס וועט איר צוניץ קומען!

...אַזוי זײַנען אַדורך קנאַפּע צען יאָר. דער באַלעבאָס איז אַלץ רײַכער געוואָרן. נאָר קיין האַנאָע פֿון זײַן רײַך לעבן האָט ער ניט געהאַט.

— וואָס טויג מיר זײַן רײַכער בײַטל?! — פֿלעגט סאָרע אינדערשטיל זיך באַקלאָגן פֿאַר לייעלען, דער דינסט. — יעדער קאָפּעקע איז באַ אים פֿאַרשריבן און אויסגערעכנט, און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן האָט ער פֿון דעם?

די באַלעבאָסטע איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער אײַנזאַמער געוואָרן. קיין פֿרײַנט און קיין כאַווערטעס האָט זי ניט געהאַט. פֿלעגט זי זיך אַרײַנכאַפּן צו לייען אין אַלקערל זיך אויס־ריידן דאָס האַרץ. אײנמאָל האָט זי אַנטפּלעקט דער דינסט דעם סאָד, ווי זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין רעב מענדלס גאָלדענער גרוב. מע האָט זי פֿאַרקנאַסט אַזוי גיך, אַז ווען זי איז שוין געווען זײַן ווײַב, האָט זי זיך ערשט דערוווּסט, אַז אויף דער לינקער האַנט באַ אים זײַנען זעקס פֿינגער, און אַז עס ווערט אים ניט גוט, דאַרף מען אים טייקעף אײַנדעקן מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע — אַזאַ קראַנקייט איז באַ אים פֿון קלײנווײַז אָן.

ווען לייע איז שוין געוואָרן עלטער, האָט זי אָנגעהויבן אויף גאָר אַן אַנדער אויפֿן כאַפּן אַ קוק אויף דעם אָדער אַנדערן באַכער, וואָס פֿלעגט אַמאָל אַרײַנקומען פֿון דער טשינבאַרניע אין מענדלס שטוב. סאָרע האָט עס באַמערקט און אונטערוועגנס געייצעט לייען, זי זאָל פֿאַרזיכטיק זײַן מיט די מאַנצבלען.

— מיידלשער לײַכטזין ברענגט אַמאָל צו אַן אומגליק.

לייע האָט זי פֿאַרשטאַנען.

באַזונדערס האָט זי עס פֿאַרשטאַנען, ווען זי האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיט נאַסטיען, דעם אוריאַדניקס דינסט. נאַסטיע איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון איר. אַ וווּקסיקע, אַ שטײַפֿברוסטיקע, מיט אַ פּאָר געטאָקטע רויטע ליטקעס און מיט אַ לאַנגן ווײצענעם צאָפּ ביז דער טאַליע, האָט זי געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ דורכגעטריבענער מויד, כאָטש אינדער־עמעסן איז זי געווען צאַרט און ליב, ווי אַ טויב. קיין ביכל אין האַנט האָט זי אויך אָפֿן לעבן ניט געהאַלטן, נאָר מײַסעס האָט זי געוווּסט — פֿון דער וועלט! זי האָט זיי געהערט פֿונעם אוריאַדניקס אײדעם, וועלכער איז צו איר, צו נאַסטיען, ניט גלײַכגילטיק געווען. זײַן יונג ווײַבל, דעם אוריאַדניקס באַסיעכידע, האָט ווענגן דעם געוווּסט. נאָר האָט אים גאָרניט געזאָגט דערוף. איינע אַ קאָרטן־טרעפֿערן האָט איר מיט אַ זיפֿץ געזאָגט: „בעסער האָבן אַ שטיקל מאַן, אײדער פֿאַרבלײַבן אַן אַגונע..."

מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן פֿלעגט נאַסטיע דערציילן לייעלען ווענגן דעם, ווי דאָס אײדעמל איז עס צאַרט און באַפֿרײַנדעט מיט איר, און ווי זיי איז גוט, ווען זיי בלײַבן אויג־

אַף־אויג... נאַסטיע ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז ביז אַ צײַט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט ער זי פאַרלאָזן, די דינסט־מויד, נאָר מײלע — זי איז דאָך ניט די אײנציקע אַזאַ...

— נו, און דײַן באַלעבאָס איז צו דיר גלײַכגילטיק? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דאָס שע־מעוודיקע מײדל. לײַע איז בלײך געוואָרן און אויסגעשריגן:

— ביסט פון זינען אַראָפּ?!

— שאַ, שאַ! מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע! אַלע זײַנען מיר ביז אַ צײַט הײליקע. דײַן מענדל איז ניט אַף קײן סאַך לײַטישער פון מײַן אויסוואורף, נאָר מײַנער איז כאָטש ייִנגער און שענער...

נאַפּטאָלע דער כאַזן האָט זיך עטלעכע יאָר געראַנגלט מיטן טויט. לײַעס מאַמע איז אײַנ־געשרומפּן געוואָרן פון ווייטעק און אָרעמקײַט. בענטשיקן, דעם עלטערן ברודער לײַעס, האָט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אויסרײַסעניש, און לײַע האָט נאָך אַלץ געמוזט דינען בײַ די פרידמאַנס. אין סאָרעס זילבערנער פּושקע האָט זי שוין אָנגעזאַמלט העכער צוויי הונדערט רובל. פאַר די צען יאָר וואָלט זי אַוואַדע געקאָנט צונויפקלײַבן אַ סאַך מער, נאָר אַז דער טאַטע איז געפּערלעך קראַנק און מע מוז אונטערהאַלטן זײַן נעשאָמע כאָטש מיט אַ גלאָז מילך, און בענטשיקן דאַרף מען אַמאָל אַרויסשיקן אַ פּאָר גראָשן, פלעגט זי בעטן בײַ דער באַלעבאָסטע אַ דרײַערל, אַ פינפערל...

אַלץ, זאָגט מען, איז ביז אַ צײַט. גיטלס שכײנעס און גוטעפרײַנט האָבן אָנגעהויבן אײַנ־טײַנען די וויסטע מאַמע, אַז עס וואָלט גלײַכער געווען, ווען לײַע וואָלט אַ טראַכט געבן וועגן טאַכלעס... וויפל איז דער שיר זײַן בײַ יענעם?!

נאַסטיע, די כאַווערטע, וואָס האָט פאַרלאָזן דעם אוריאַדניקס שטוב, ווײַל דער אײדעם, דער אויסוואורף, האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט אין עפּעס אַ מיִעסן איניען און האָט אויסגעלאָזט צו איר זײַן ביטער האַרץ, איז אַריבערגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט און האָט כאַסענע גע־האַט מיט אײנעם אַן אַלמען — זײער אַ פײַנעם מענטש, אַ דוואָרניק פון אַ צווײפליגלדיקן מויער. אוועקפאָרנדיק, האָט זי אַרומגענומען לײַען, ווי אַן אײגענע שוועסטער, און אַזוי געזאָגט:

— עס טוט מיר באַנק, וואָס מיר צעשײדן זיך, ווײַל ווער נאָך, ווי דו, וועט מיך דאָרט פאַרשטײן און פאַר וועמען וועל איך קאָנען אויסרײדן מײַן האַרץ. אײן זאַך וועל איך דיר זאָגן, לײַעטשקע, וואָלסט שוין אויך גערדאַרפט ווערן אַ מענטש פאַר זיך און אופהערן דינען דעם הונט מיט אויערן פאַר אַ פינפערל אַ כוידעש.

צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל — דאַכט זיך אַזוי זאָגט דאָס ווערטל. האָבן זיך שאַדכאָנים אָנגעהויבן פאַרנאַדיען צו דער כאַזנטע. מע האָט שוין געוווּסט, אַז לײַעלע, די טאָכטער אירע, איז אַ מײדל מיט נאַדן... גיטל האָט אופגעוואָרפן עטלעכע שידור־כים פון אײַזיק דעם שאַדכן, וועלכער פלעגט קערן וועלטן און צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אַן אופגעבראַכטער, האָט ער איר געזאָגט:

— וואָס דרײסטו אַזוי מיט דער נאָז?! דײַן לײַעלע איז טאַקע פונעם גרויסן ייִכעס, פאַרגעס אָבער ניט, אַז זי האָט נאָך אַ נאָכווײעניש — אַ ברודער אַ קאַטאָרזשניק!

— וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט זי צום שטיפברודער?

— ס'איז אַ פלעק, גיטעלע, אַ גרויסער פלעק!

וואָס האָט אים גיטל געקאָנט ענטפערן דערויף? זי האָט זיך בלויז דערלויבט זאָגן:

— איז וואָס זשע דרײט איר אונדז אַ ספּאָדעק?!

אין אײנעם אַ שײנעם פרײַטיקצונאַכטס האָט זיך צו נאַפּטאָלע דעם כאַזן געבעטן אַף שאַבעס אַ צווײטער שאַדכן, פון סקווירע. ער האָט דערצײלט, אַז אַלײן איז ער אַ מענטש, וואָס האָט ליב מיטהעלפן אַזוינע, ווי דער כאַזן איז — קאַפּצאָנים און דאַלפּאָנים. ער איז ניט ענלעך צו דעם ליגנער און שטריגנער אײַזיקן, וואָס יאָגט זיך דעריקער נאָך גרויסן נאַדן און, בעמײלע, שאַדכאָנעס־געלט...

— איך, אַז איך האָב שוין אַ כאָסן, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, — גראָב איך מיט דער נאָז די ערד און געפין פונזײַנעטוועגן אַ רעכטע קאַלע. וויפל איז זי אַלט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אײַער לײַעלע? צוואַנציק, זאָגט איר? איז האָב איך פונירעטוועגן אַן אויס־געשפּילטן באָכער. אַזוינס ווערט געבוירן אײן מאָל אין טויזנט יאָר. געזונט, קײן אײַנהאָרע ניט — אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן! ער איז, פאַראַוודע, ניט קײן גרויסער לאַמדן — אין דאָרף בײַ זײ איז, צום באַדויערן, קײן כײדער ניט געווען. מײלע, האָט ער ניט געקוועטשט די באַנק און ניט געקראַצט די פײעס. דערפאַר אָבער האָט ער אַ קאָל, ווי בײַ אַ סאָלאָווײ־טשיק, זאָל איך אַזוי לעבן!

— א באַלמעגאַגן האָבן מיר שוין אין אונדזער מישפּאָכע...

גיטל האָט אויסגעהערט דעם סקווירער שאַדכן — ער איז, קענטיק, א לײַטישער מענטש. נאָר ס'וואָלט ניט שלעכט געווען אים אָנקוקן, דעם אויסגעשפּילטן כאָסן, וואָס איז פרײַ פון א מינדסטן כיסאָרן און איז פון קליינווײַז אָן פאַרליבט אינעם וואַלד און אינעם פעלד, שווימט, ווי א פיש, און זינגט, ווי א סאָלאָווײ.

— ווּיפל, זאָגט איר, איז זי אַלט, אײַער טעכטערל, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

— טאַמעז ווערט איר ווערן צוואַנציק.

— מײַלע — צוואַנציק איז צוואַנציק! באַ מיר טרעפן זיך קאַלעס צווײ מאָל עלטער און דרײַ מאָל אויך! מײַן כאָסן איז מיט א פּאָר יאָר ייִנגער, ער איז נאָך אַפילע באַם פּריזיוו ניט געשטאַנען...

— אַף וויפל, אַשטייגער, איז ער ייִנגער?

— כ'וויס! אַף דרײַ יאָר. נאָר איר וואָלט שוין געמעגט אָנקוקן סאַראַ שטאַלט דאָס איז, סאַראַ פּלייצעס. און אויגן! ווי באַ אַן אָדלער, און געזונט — א כּיעס! און דער איקער איז, וואָס דערצויגן איז ער אַזוי, אַז ער וואָרט ניט, עמעצער זאָל אים עפּעס גיבן אין מויל, ניט פון די איידל־געפּאַטשקעטע! ער טראָגט ניט קיין פּייעס און האַלט ניט פון קיין יאַרמלקעס. מיט איין וואָרט: ס'איז א סאָוורעמיאָנע מענטש, וואָס האָט ליב די מאַמע זײַנע, די צאַדייקעס, און אויך די שוועסטער זײַנע, וואָס אײַער טאָכטער וועט אימירצעשעם זיך כאַווערן מיט איר, ווי מיט אַן אייגענער שוועסטער; ווײַל אײן כיסאָרן מוז איך, פונדעסטוועגן, אײַך יאָ וואָ־רענען: ער האָט ליב דעם פּאַפּיראָס.

— מײַלע! אויך מיר א כיסאָרן!

— אוי! אוי! געפעלט ער מיר טאַקע! ווײַל ווי האָט איר געזען א סאָוורעמיאָנע יונגערמאַן אָן א פּאַפּיראָס? דערפאַר שמעקט פון אים מיטן שענסטן רייעך פון דעם סטאַמבאַלישער טאַבעק!

קיין שום שנאַפּס האָט מען באַ נאַפּטאַלע דעם כאָזן אין שטוב ניט געהאַלטן, האָט מען אויסגעטרונקען א גוטע גלאָז קאָמפּאָט פון ראָזשינקעס און געטריקנטע בארעלעך, וועלכן גיטל פלעגט קאָכן אַף שאַבעס, און מע האָט זיך וועגן אַלץ צונויפגערעדט. דער סקווירער שאַדכן האָט געשווירן באַ זײַן ווײַב און קינדער, אַז ער איז גליקלעך. און כאָטש קיין גרויס שאַדכאָנעס־געלט וועט ער זיכער ניט באַקומען, דערפאַר וועט ער אָבער וויסן, אַז ער איז דער שאַליעך, וועלכער האָט גליקלעך געמאַכט צוויי קאָשערע נעשאָמעס און דאַפקע ניט פון די באַרימטע און אויסערגעוויינלעכע נעגידים.

זונטיק האָט ער זיך געלאָזט אינעם פּאָלעסיער דערפל ליסאָווע — דאָס איז גראָדע ניט קיין ווײַטע רײַזע. ליסאָווע איז אויסגעוואַקסן אַף די ברעגן פונעם בלויען טײַכל, וואָס שלענגלט זיך אינעם געדיכטן וואַלד, ווו עס וואַקסן הונדערטיאָריקע דעמבעס. א סאַך פון זיי האָט מען אויסגעהאַקט און עס זײַנען פאַרבליבן אָן א שיר ברייטע פּניאַקעס. א טייל פון זיי האָט מען שוין אויסגעקאָרטשעוועט און עס איז געוואָרן א גוטער פעלד־שטעטעך פאַר די פּויערים פונעם פאַרוואָרפענעם ווינקל. צווישן די פּאָר הונדערט פאַמיליעס פּאָלישטשוקעס האָבן דאָ געלעבט פיר ייִדישע מישפּאָכעס. בלויז איינער פון זיי האָט געהאַט א רײַכע קראָם און גערופן האָט מען אים רעב עליע קויפמאַן. דאָס איז געווען א מענטש, וועלכער האָט געקאָנט פון גאָרנישט מאַכן געלט. קאַרג און שפּאָרעוודיק האָט ער געפירט זײַן באַלעבאַטיש־קײַט און אין א גוטער מינוט, ווען עס פלעגט זיך צו אים אַראָפּכאַפּן א סוחר פון דער גרויסער שטאָט, פלעגט רעב עליע טײַנען:

— געלט דאַרף געבוירן געלט, עלע ניט, איז צוליב וואָס דאַרף מען עס?!

כּוץ עליע דעם קלייטניק האָט אין ליסאָווע א היפּש ביסל יאָרן געלעבט שײַע דער גלעזער — א ייִד מיט א ברייטער באָרד און מיט איין אויג. עליע דעם קלייטניק האָט ער טאַקע צוליב זײַן קאַרגשאַפט ניט געקאָנט אָנקוקן. שײַע פלעג אַרומשפּאַנען מיטן זײַן שווערן קאַסטן איבער די אַרומיקע דערפער און זיך סטאַרען אויסמײַדן דעם גוויר, דעם גאַזלען — עליע קויפמאַן.

און נאָך האָט אין ליסאָווע געלעבט ציפּוירע — לאַזעבניק דעם קאַסירס ווײַב מיט אירע צוויי יעסוימים בערל און ליזע. דער קאַסיר איז געווען א שטיקל קאָרעוו מיטן קלייטניק, נאָר קיין איבעריקע גוטעפרײַנט זײַנען זיי ניט געווען.

— ניט יעדער קאָרעוו איז א פרײַנט, — פלעגט ער זאָגן, דער באַשיידענער קאַסיר, וואָס האָט זיך געוווּסט זײַן שטילע אַרבעט און ניט געסטאַרעט זיך דריאַגן זײַן קאָרעוו אין אשרעס. — וואָס פאַר א מעכוטן בין איך מיטן אופגעקומענעם גוויר?

בערל לאַזעבניק, דעם קאַסירס זינדל, איז טאַקע געווען דער אויסגעשפּילטער כאָסן, וועלכן דער סקווירער שאַדכן האָט געשאַדכנט גיטל דער כאַזנטעס טאָכטער לייע.

נאָך דער כופּע

דאָס דאָרף ליסאָווע איז מיט גאָרנישט ניט באַרימט געווען. עס האָט אַפילו ניט געהאַט די זכיה צו באַקומען עפּעס אַ פּײַנעם נאָמען. ליסאָווע, ס'הייסט אַ ייִשעװ אין אַ װאַלד, װאָס איינער אַ װאַלד־סױכער האָט אָפּגעקױפט בײַ אַ רײַכן פּאַריץ און געגומען אים אויף זײַן אײפּן אױסהאַקן. װאָס מער דער װאַלד האָט זיך באַפרײַט פון די הױכע און געזונטע בײמער, אַלץ גרעסער איז געװאָרן דער ערד־שעטעך און אַלץ מער האָבן זיך דאָ באַזעצט די פּאַ־לישטשוקעס, גרעסער איז אויך געװאָרן די צאָל כעװרע, װאָס זײַנען אונטערגעװאַקסן אין דער גרויסער אָרעמקײַט.

די כעװרע פּלעגן קומען אינעם װאַלד װער נאָך שװאָמען, װער נאָך טרוקענע צװײַגלעך און סאָסנע־בערעלעך, און האָבן ניט איין מאָל זיך באַגעגנט מיט לײזער דעם קאַסיר, װעל־כער האָט זיך אויף קיין רעגעלע ניט געשײדט מיט זײַן סוקעװאַטן שטעקן, נאָר האָט אױף זײַן לעבן ניט געטאָן קײן שלעכטס ניט זײ, ניט זײערע עלטערן.

כיניע, עליע דעם קלײטניקס פּלוינעסטע, איז געװען אַ נידעריטשקע, אַ צעפּלאָסענע יידענע מיט אַ פּאָר גראָבע זיך טרײסלענדיקע הענט, װײַסע, װי מילך, און װײכע, װי טײג. אַלע יאָר האָט זי עליע קױפּמאַנען געבױרן אַ קינד — דעריקער מײדלעך, װאָס זײַנען, װי צװײ טראָפּן װאַסער, ענלעך געװען אויף איר. כיניע פּלעגט זיך ניט מישן צו דער קראָם — עליע האָט איר ניט פאַרטרױט קײן גראָשן. „געלט האָט פּײַנט װײַבערשע הענט", — האָט ער גע־טײַנעט. ער איז געװען איבערצײַגט, אַז זײַן פּלוינעסטע קאָן ניט פירן קײן כעזשבן און װײסט ניט װי צו רײדן מיט אַ קונע.

לײזער דעם קאַסירס װײַב, ציפּוירע, איז געװען פּונקט דער הײפּעך פון כיניען — אַ באַשײדענע גוטע באַלעבאָסטע. זי האָט פּונקט, װי איר מאַן, לײזער, ניט געהאַלטן פון רעב עליען מיט זײַן הױזגעזינד, באַזונדערס פון די מײדלעך, װאָס זײַנען געראָטן געװען אין די קאַטשקעס, װעלכע האַלטן זיך אין איין באָדן אינעם טײַכל. ציפּוירע איז ניט מקאַנע געװען אויף עליעס רײַכקײַט, איר איז אויך דערװידער געװען קױפּמאַנס קאַרגשאַפט. זי האָט ניט געקאָנט מױכל זײַן די נעגידים, װעלכע האָבן ניט ליב געהאַט געבן אַ נעדאָװע די אָרעמעלײַט, װאָס פּלעגן אַלע פרײַטיק זיך באַװײַזן אינעם דאָרף. זי, ציפּוירע, פּלעג זײ דאַפּקע מעכאַבעד זײַן מיט אַ טעלער זופּ אָדער מיט אַ פרישן פּלעצעלע, װאָס מע באַקט אויף שאַבעס. אַזאַ איז זי געװען אַלײן און אַזױ האָט זי דערצױגן איר זון בערל און דאָס טעכטערל ליזעטשקע.

בערל, דער בכאָר און בעניאָכידע, איז געראָטן געװען אינעם טאַטן: פּונקט אַזאַ פּײַנע שטים, אַזאַ געטאָקט פּאָנעם מיט אַ פּאָר אויגן, װי צװײ רײַפע קאַרשנס. און ליזעטשקע איז דאַפּקע געראָטן געװען אין דער מאַמען — אַ הױכער שטערן, אַ געדיכטע קאָפּ האָר, צװײ גיכע און קלוגע הענט בײַ איר. די אױגן זײַנען בײַ איר אויך געװען טונקעלע און פלינקע; הײַנט אַ צינגעלע — אויף שרײַפּעלעך!

װען בײַ עליע קױפּמאַנען האָבן געגומען אונטערװאַקסן זײַנע מײדלעך, האָט כיניע ניט אויפגעהערט צו טײַנען, אַז עס װאָלט בעפּײרעש רעכט געװען, װען בערל דעם קאַסירס זאָל װערן איר אײדעם. װאָס װאָלט אים שלעכטס געװען? ער װאָלט זיך אויסגעלערנט זײַן אַ באַלעבאָס אין דער קלײט און װאָלט אַ מענטש געװאָרן צו לײַטן גלײַך. װעגן דעם האָט כיניע געפּרוװט אַ שמועס טאָן מיט שײַע דעם גלעזערס װײַב, װעלכע האָט געהאַט די זכיה אַרײַנקומען צו כיניען אין קיך דורך דער הינטערטיר... מע איז דאָך אַזױ אײנזאַם, איז װי זשע קאָן מען זיך באַגײן אײנער אָנעם אַנדערן? אַדעראַבע, זײַט איר די שאַדכנטע און טוט אַ טאַפּ אין װאַגן!

— װעמען, אַשטײגער, װאָלט איר געװאָלט באַגליקן מיט אַזאַ באָכערעץ?

— איך האָב זײ, קײן אײַנהאָרע ניט, גענוג! — האָט כיניע געשמײכלט.

— פונדעסטװעגן, װעמען, לעמאַשל?

— כ'מײן — מאַניע, די עלטערע, — אַ כאַכאָמע און אַ באַלעבאָסטע, אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געװאָרן!

— מאַניע?! זי איז דאָך — זאָל עס אײַך ניט פאַרדריסן! — אַ ביסל קאָסאָקע.

— נו איז װאָס, אויב דאָס לינקע אויג בײַ איר קוקט אַ ביסל אָן אַ זײַט? איר זאָלט אָבער זען, װי זי נײט אױס. די קאָסאָקעדיקײַט שטערט איר ניט. הײַנט איר נײען? מיר האָבן דאָך פונירעטװעגן געקױפט אַ זינגער־מאַשין...

— נײן, איך מײן, אַז מיט מאַניען װעט קײן שידעך ניט פאָרקומען.

— ניט, איז ניט! — האָט זיך כיניע אַ ביסל באַלײדיקט. — נו, און האָדעלע?

— האָדעלע?

— אזא יאָר אױף מיר, סאַראַ קינד דאָס איז, מע קאָן דאָך זי ניט אָפּרײַסן פֿון די ביכלעך און זשורנאַלן, װאָס מײַן עליע שרײַבט אויס פֿונ׳ירעטװעגן.

— ביכלעך! זשורנאַלן! בערל דעם קאַסירס האַלט ניט פֿון קײן ביכלעך, — דאָס, זאָגט ער, מאַכט קאַליע די אויגן און פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט נאַרישקײַטן! ער האַלט בעסער פֿון שפּילן אַ זעקס־און־זעכציק.

— נו, איז אויב ניט מאַניע און אויב ניט האָדעלע, איז װאָס װעט איר זאָגן אױף מײַן איטען? מע קאָן דאָך איר אין פּאָנעם ניט קוקן, אַזױ שײן איז זי. עמעס, זי איז אַ גרויסע איבערקלײַבערן, און ס׳קאָן טרעפֿן, װען זי דערװויסט זיך, אַז איך װיל זי פֿאַרקנאַסן מיט בערלען, װאָלט זי מיר אויסגעדראַפּעט די אויגן... נאָר אַז גאָט װעט װעלן, איז עפּשער װעט איר זי קאָנען אײַנריידן — פֿון אײַך האַלט זי אַ װעלט! ס׳איז דאָך אַ װײַטעק דער מאַמען, אַז עס איז דאָ אַ פֿולע שטוב מיט קאַלעס און מע קאָן זײ פֿאַר זײ ניט צוקלײַבן קײן געהעריקע פּאָר.

— און די יאָרן לויפֿן... אוי, לויפֿן זײ! — האָט איר אונטערגעבאָמקעט די גלעזערן. — און אַז מע װיל צוריק, זײַנען זײ דאָך עלטער פֿון אים, אײַערע קאַלעס.

— עלטער — שמעלטער! נאָדן מאַכט יונג. מײַן עליע זאָגט, אַז געלט קאָן אופּטאָן אַזױנס, װאָס קײן שום רופֿעס און קונצנמאַכער אין דער װעלט איז ניט אימשטאַנד צו מאַכן. און געלט, ניט צו פֿאַרזינדיקן, האָבן מײַנע טעכטער! און אויב ניט מאַניטשקע, אָדער איטעלע, אָדער האָדל, מײַן שײנהײַט, האָב איך, כאַלילע, ניט קײן ייִנגערע — זײ זאָלן מיר געזונט זײַן! — סאָניע, לעמאַשל, אָדער שײנדל — מיר פֿאַר אירע בײנער, — דאָס איז דאָך אַ צירונג אין שטוב. איך רעד שוין ניט פֿון מײַן פֿאַניטשקע, װאָס איז נאָך גאָר־גאָר אַ יונג צװײַגעלע און איז ליכטיק, װי אַ בערעזקעלע אין פֿרילינג!

— אװאַדע, אװאַדע! — האָט די גלעזערן געשאָקלט מיטן קאָפּ, — האַלעװײַ װאָלט ער נאָר אַ באַלן זײַן, אָט דער בערעלע.

איז אָבער בערל לאַזעבניק ניט געװען קײן באַלן. ער האָט די אַלע קױפֿמאַנס אָנקוקן ניט געקאָנט. אים איז פֿרעמד געװען אַפֿילו דער גערוך פֿון עליע קױפֿמאַנס שטוב. און בערל איז זײ דאַפֿקע יאָ געפֿעלן געװען, כאָטש ער פֿלעגט אויסמײַדן צו באַגעגענען זיך מיט זײ. די גאַנצע צײַט האָט ער זיך געפֿירט מיט די פּאָלישטשוקעס, זיך געלערנט בא זײ אײַנשפּאַנען אַ פֿערד, צונױפֿלײגן די סנאָפּעס אָפּן װינטער, געטאַנצט װי זײ און געזונגען װי זײ. ער האָט אויסגעגעבן מיט די אַלטע פּויערים, װאָס זיצן טעגװײַז אױף די קלעצער לעבן קלױסטער.

— װען בערקאָ נעמט אָן אונדזער גלויבן, װאָלט גאָר קײן אונטערשייד ניט געװען צװישן אים און אונדזערע כלאָפּצעס.

װער װאָלט געקאָנט זאָגן, צי דאָס איז אַ כיסאָרן, צי אַ מײַלע? באַם סקװירער שאַדכן איז דאָס גראַדע געװען אײנע פֿון די גרעסטע מײַלעס!

בערל האָט זיך בא זײַן מאַמע ניט איבערגעהאָרעװעט, כאָטש, װען מע האָט אין אײנער אַ װיסטער נאַכט געבראַכט לײזער דעם קאַסיר אַ טױטן, — עס האָט אים פֿאַרצוקט אַ הונגעריקער װאָלף אין װאַלד, — איז בערל געװאָרן דער אײנציקער מאַנצבל אין שטוב און װאָלט זיך שוין געמעגט פֿאַרטראַכטן װעגן טאַכלעס. נאָר בערל האָט זיך דאַפֿקע ניט פֿאַרטראַכט. די שװעסטער זײַנע, װאָס איז נאָך, אײגנטלעך, געװען אַ קינד, האָט זיך אָנגעהויבן לערנען נײען. ציפֿױרע האָט איר אויך אויסגעשריבן אַ זינגער־מאַשין. דער געזאַנג פֿון דער מאַשין האָט פֿול געמאַכט די שטוב מיט הילכיקן אימפּעט און זיכערקײַט, אַז פֿון הונגער װעט מען שוין יאַקאָס ניט שטאַרבן.

— װאָס טוט מען אָבער מיט בערלען?

— װאָס הײסט װאָס? מאַכט אים כאַסענע!

ער דאַרף זיך דאָך נאָך שטעלן צום פּריזיװ...

— אַזױ פֿיל גוטע יאָר אױף מיר, — האָט זיך געשװוירן דער סקװירער שאַדכן, — װיפֿל כּי־פּעס מיר האָבן געשטעלט מיט באָכערים, װאָס זײַנען מיט אַ פּאָר יאָר ייִנגער פֿון אים. און אויב עס פֿעלן אַ פּאָר יאָר? קאָן מען זײ ניט צושטיקעװען?! װעט מען אים פֿאַרשרײַבן אכצן — װעדליק ער איז, קײן אײַנהאָרע ניט, הױך און שלאַנק — אױף אַלע מײַנע פֿרײַנט געזאָגט געװאָרן! דעריקער, ער זאָל איר געפֿעלן װערן, װײַל זי איז אויך ניט אַבי װער — דעם כאַזנס אַ טאָכטער!

דעם סקװירער שאַדכן איז ניט אויסגעקומען אײַנלײגן די װעלט: מע האָט זיך אָנגעקוקט, מע איז זיך געפֿעלן געװאָרן און אין אַ גוטער שאָ געשריבן טנאָים.

ציפֿױרע די אַלמאָנע האָט ניט געפּאָדערט, מע זאָל באַזאָרגן די שנור מיט אַ רײַכן גאַר־דעראָב. אַ פּאָר קישנס מיט אַ װײכער איבערבעט האָט גיטל דעם כאַזנס צוגערײַט פֿאַר איר

לייעלען. א פּאָר קליידער און א וואַרעמען מאַנטל אויך. קיין איבעריקס רײַכע כאַסענע האָט מען ניט געפּראַוועט. אַמאָל טרעפט, אַז א שטילע כאַסענע איז א סאַך שענער פון א סימכע, וואָס דויערט עטלעכע מעסלעס.

דער כאָסן מיט זײַן מאַמע ציפּוירע און דער שוועסטער ליזע זײַנען געקומען קיין קאָזשומיאַקי. מע האָט זיי גאָר פײַן אויפגענומען. עמעס, ציפּוירע האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אין וואָס פאַר אן אָרעמקײַט איר שנור איז אויסגעוואַקסן. מיילע, האָט זי געטראַכט: אָרעמקײַט איז אַמאָל ניט קיין כיסאָרן. מיר זײַנען אויך ניט פון די נעגידים. וועט טאַקע ניט אויסקומען אײַנער דעם אַנדערן אויסוואַרפן דעם ייִכעס. גאָט ווייסט, ווען ער פאָרט!

דער כאָסן האָט אויסגענומען בא דעם אוילעם. ניט קיין שווײַגער און ניט קיין גאַדלען. פאַרשײַסט ניט די נאָז און נעמט זיך ניט איבער, וואָס ער שטאַמט פון די סקווירער לאַזעבניקעס — א פּאָשעטער נאַש־בראַט. ער האָט, צום בײַשפּיל, אַרומגעכאַפּט די סאַרווערן — גיטלס א ווײַטע קרויווע — און איז מיט איר אַוועק א טאַנץ.

— קוקט נאָר אָן! קוקט נאָר אָן, סאַרא צוגעלאָזטער ער איז!

און ווען מע האָט גענומען צוביסלעך ווײַן און די שטימונג בא די געסט איז געוואָרן א געהויבענע, האָט דער כאָסן מיט זײַן שיינער שוועסטער ליזעטשקע זיך אַוועקגעשטעלט זינגען לידער, וואָס האָבן אַלעמען איבעראַשט. אַך, סאַרא לידער זײַנען דאָס געווען! באַזונדערס די ליד וועגן די פאַרליבטע טויבן און דאָס לידעלע וועגן דער טיפער קרעניצע, וואָס וויפל מע זאָל ניט טרינקען פון איר, ווערט זי אַלץ טיפער. און דער, וואָס טרינקט איר וואַסער, איז געזונט און גליקלעך.

דערנאָך האָט מען געבעטן דעם כאָסן, ער זאָל עפּעס אויסזינגען אַליין. בערל האָט א קוק געטאָן אַף דער מאַמען, און זי האָט מיט א שאָקל פון קאָפּ דערלויבט איר זונעניו מעכאַבעד זײַן דעם אוילעם מיט א באַליבטער ליד.

זומער, אין די גרויסע היצן,
די נאַכט איז געווען זייער שיין,
די לעוואָנע טוט זיך דערווײַטערן,
די זון הייבט שוין אָן אונטערגיין...

ווען די ליד איז דערגאַן ביז די ווערטער:

טאָ לאָמיר שוין זײַן ביידע גליקלעך
און לאָמיר שוין זײַן ביידע רײַך,
אַזוי ווי די פיש אין וואַסער,
אַזוי ווי דער זאַמד באַם טײַך...

האָבן די געסט אַזוי געפּליעסקעט, אַז דער הענגלאָמפּ האָט אַזש געציטערט.

— די קאַלע! די קאַלע זאָל אויך עפּעס אָפּזינגען!

— קאָזשומיאַקי וועט אויך ניט פאַרשעמט ווערן!

און לייע האָט געזונגען. קײנער האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז זי האָט אַזאַ סאַמעטענע שטים. און באַזונדער האָבן אויסגענומען די לידער, וואָס נאַסטיע, איר כאַווערטע, האָט זי געהאַט אויסגעלערנט. זי האָט זיי געקענט אָן א שיר! לידער, וואָס קאָנען רירן א שטיין...

ציפּוירע איז גליקלעך געווען און ניט געוווּסט, מיט וואָס אָפּצודאַנקען דעם סקווירער שאַדכן, וואָס ער האָט איר אויסגעשאַדכנט אַזאַ שנור.

אינמיטן דער שטילער כאַסענע האָט דער בריוונטרעגער געבראַכט א בריוו פון לייעס עלטערן ברודער, וואָס איז פאַרשיקט געווען אַף דרײַ יאָר קיין סיביר. בענציע האָט געשריבן: „טײַערע מאַמעניו און ליבע מײַנע שוועסטערלעך! איך לעב דאָ גאַנץ נישקאָשע. דער קלימאַט איז דאָ א ביסל אַן אַנדערער, דער ווינטער קומט אַף א סאַך פריִער, ווי בא אונדז אינעם פּאָלעסיער קאַנט, און מע זאָגט, אַז ער פאַרהאַלט זיך דאָ אויך א ביסל לענגער, נאָר נישקאָשע, מע ווערט צוגעווינט... דאָס נײַע יאָר און דעם נײַעם יאָרהונדערט האָבן מיר באַגעגנט מיט האָפענונג, אַז דער נײַער יאָרהונדערט וועט געוויס זײַן א סאַך מאַזלדיקער. כ׳בין זיכער, אַז אַזוי וועט טאַקע זײַן! לייעלען, אונדזער גאָלדענער קווייט, ווינטש איך א גליקלעך לעבן, זי זאָל זיך עלטערן מיט איר מאַן. און דאָס, וואָס ער איז ניט פון די גאָר הויכע פענצטער — מאַכט ניט אויס, אַמאָל איז דאָס גאָר א מײַלע — איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב פײַנט די אָנגעפּרעסענע, די אָנגעשטאָפּטע נעגידים. ווי זאָגט מען דאָרט, בא אונדז אין פּאָלעסיע: „כליב ז וואָדאָיו, אבי סערצע ז טאָבאָיו"... דו פרעגסט מיך, מאַמע, צי איך

בענק? אוואדע בענק איך, נאָר איך גלייב, אז עס וועט מעקויעם ווערן דעם גרויסן פושקינס ווערטער, וואָס ער האָט אמאָל געשריבן צו זײַנעם א גוטנברודער טשאאדאיעוון.״ ווער דער טשאאדאיעוו איז און וואָס עפּעס א פושקין האָט אים געשריבן, האָט די כאזנטע ניט געוווּסט, נאָר אז דער זון שרײַבט, ווייסט ער, וואָס ער שרײַבט...

די כאסענע איז געווען א קורצע, פאר בערל לאזעבניקן — נאָך קירצער. ער האָט איינמיטנדערינען געמאָלדן, אז ער מוז וואָס גיכער זיך אומקערן קיין ליסאָווע.

— וואָס איז דאָס כאפּעניש?!

— מיסטאמע די געשעפטן רופן אים, — האָט אים גיטל די כאזנטע געפּרוּווט פארטיידיקן. בערל האָט גענומען דאָס צוגעגרייטע נאָדן, זיך געזעגנט מיט די נײַע קרויווים.

— נעכטיק כאָטש איבער, זינו, — האָט אים ציפּוירע געבעטן.

— מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, מאמע! — האָט בערל אומדערוואָרט געהעכערט דאָס קאָל. מע האָט אים פײַן ארויסבאגלייט. און כאָטש לייע האָט אים געקענט ניט מער, ווי עטלעכע שאָ, איז ער איר שוין געוואָרן אזוי ליב און טײַער, אז עס האָט זיך איר געדאכט: מע רײַסט אָפּ פון איר נעשאָמע דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע. איר איז גראָדע געפעלן געווען זײַן זעלבשטענדיקײַט, וואָס ער איז פון קיינעם ניט אָפּהענגיק. אין די פינצטערע נעכט, אין וועלכע זי האָט מיט גרויס געדולד געוואָרט אָף דער גליקלעכער מינוט פון איר כאסענע, האָט זי זיך גאָר אָף אן אנדערן אויפן פאָרגעשטעלט דעם אָנהייב פון איר נײַ לעבן. סאָרע, די באלעבאָסטע אירע, האָט איר געהאט דערציילט, ווי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן בא איר מיט איר מענדלען.

לייען איז, זעט אויס, באשערט געווען א גאָר אנדערער אָנהייב מיט לייזער דעם קאסירס בעניאכיד. מע האָט איר דאפקע צוגעגרייט דאָס קליינע אלקערל, ווו איר טאטע, אָלעוואהשאָלעם, איז געלעגן אין געהאקטע ווונדן... מע האָט עס ריין אויסגעקאלכט. ס׳איז א פארגניגן געווען אהין ארײַנצוגיין, נאָר איר בערל האָט זיך געוואָלט צוריק אהיים, קיין ליסאָווע. זאָגן, אז זי איז אים עפּשער ניט געפעלן געוואָרן, וואָלט געווען אן אומזין — ער האָט די גאנצע צײַט געקוקט אָף איר, זיך געשפּיגלט אין איר.

זי האָט אים הייס א קוש געטאָן, ווען ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אינעם שליטן, זיך אײַנגעהאלטן, זי זאָל זיך ניט צעוויינען — ניט געוואָלט, ער זאָל זי זען א פארוויינטע. סאָרע די באלעבאָסטע האָט איר געזאָגט, אז דאָס מיִעסטע איז א פארוויינט פרוייִש פּאָנעם.

— און אז עס וויינט זיך פאָרט? — האָט זי לייע איבערגעפרעגט.

— דערמאָנט מען זיך אין עפּעס גוטס און מע טוט א לאך.

אין וואָס פאר א גוטס האָט זיך לייע געקאָנט דערמאָנען? אז די טרערן זײַנען פון שטענדיק אָן געווען איר אומגעבעטענער באגלייטער.

— אין א גוטער, אין א מאזלדיקער שאָ! — האָט זי אים נאָכגעשריגן. — דעק זיך גוט אײַן די פיס, זאָלסט זיך ניט פארקילן, כאָלילע.

— האָב קיין יעסורים ניט! און פארהאלט זיך דאָ ניט! וויאָ!

דאָס פארשפּילטע נאָדן

שפּעט באנאכט איז בערל לאזעבניק געקומען אין ליסאָווע. בלויז איין פענצטערל האָט זיך געלויכטן בא ניקיטע דעם מאָנאָפּאָלשטשיק אינעם ענגן צימערל, אין וועלכן מע פלעגט אָפּט ביז פארטאָג שפּילן אין דער בארימטער שפּיל „פּרעפּעראנס״ צוזאמען מיטן גאלעכס זינדל, וועלכער האָט פארענדיקט די דוכאָוונע סעמינאריע און געוואָרט, מע זאָל אים צוקלײַבן א געהעריקע פּאראפיע. די דריטע האנט אין דער שפּיל איז געווען דעם פּאָרעצס איידעם, וועלכער האָט זיך אויך באמיט זײַן נעענטער צו דער מישטיינסגעזאָגטער אינטעליגענץ פון ליסאָווע. אמאָל פלעגט מען אײַנשליסן אין דער שפּיל אויך ניקיטע דעם מאָנאָפּאָלשטשיקס ווײַבל, וועלכע האָט זיך אויסגעלערנט די שפּיל בא איר מאן. די לעצטע פּאָר כאדאָשים האָט מען צוגעצויגן צו דער שפּיל אויך בערל דעם קאסירס בענאָק. ער האָט גאנץ גיך באהערשט די שפּיל, נאָר ווײַל געלט האָט ער שטענדיק געהאט בעצימצן, האָט ער געשפּילט פּאָרזיכטיק. עס האָט אים בעפּיירעש געקאָסט פיל געזונט, ווײַל בעטעווע איז ער געווען א היציקער און האָט געהאָפּט, אז מע קאָן אויסשפּילן. עמעס, אים האָט דערווײַל זעלטן געגליקט.

די לעוואָנע האָט זיך פּאוואָלינקע געגליטשט אינעם כאנעקע־הימל, דאָס דאָרף איז געלעגן ווי אן אויסגעשטאָרבנס, בלויז דאָס ליכטיקע פענצטער פון דער מאָנאָפּאָלקע האָט איידעס געזאָגט, אז ליסאָווע איז אויך אן אָרט, ווו די צײַט ווערט ניט סטאם פארפאלן.

ביז דעם שטיבל פון די לאַזעבניקעס איז געבליבן ניט מער, ווי א צוויי־דריַ מינוט פאָרן. דאָס שליטעלע איז געגאַנגען גרינג — א מעכיַיע. אַט־אַט וועט עס זיך אָפּשטעלן באַם גאַנעקל, וואָס קער שוין אַוואַדע וואַרטן אַף דער ניַיער באַלעבאָסטע — לייען. נאָר פּלוצעם האָט זיך בערל א כאַפּ געטאָן — וואָס וועט ער דאָרט טאָן איינער אַליין? ער האָט באַפוילן דעם אָנטריַי־בער פאַרקערעווען דאָס שליטעלע צו דער מאַנאַפּאָלקע.

דאָס גלעקל אַף דער טיר באַם אַריַינגאַנג האָט זיך פריילעך צעקלונגען. און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן בערל.

— זעט נאַר! זעט נאַר, בערקאָ! — האָט זיך אָנגערופן ניקיטעס וויַיבל, — ביסט דאָך ער־געץ אַף דיַין כאַסענע, ווי זשע קומסטו אַהער?!

— וואָס פרעגסטו? עפּשער איז ער אַנטלאָפן פון אונטער דער כופּע? אין די ראָמאַנען טרעפט אַזוינס!

— באַ מיר קאָן אַזוינס ניט טרעפן! א קאַלע האָב איך זיך גענומען אַן אַנטיק!

— דיַין פעטער עליע זאָגט דאַפקע, אַז זי איז אַן אַלטע מויד.

— ניט עלטער פון זיַינע קראַסאַוויצעס.

— וואָס זשע האָסטו זי פאַרלאָזט?

— דאָס איז שוין מיַין אייסעק, גאַספּאַדאַ! און אויב איר דערווידערט ניט, שליס איך זיך אייַן אינעם קאָן!

ווי אַף צולאָכעס, האָט זיך צעוויינט דאָס פּיצעלע קינד אינעם שלאָפצימער, און ניקיטעס וויַיבל האָט געמוזט באַפריַיען איר אָרט דעם אומדערוואַרטן גאַסט.

...דעם באַגינען האָט מען באַגעגנט, ווי עס פּאַסט נאָך א גאַנצער נאַכט־שפּיל, מיט אויסגעמאַטערטע פּענעמער און פאַרכאַלעשטע אויגן. ניקיטע, וואָס האָט זיך באַפריַיט פון דער וויַיבס האַזשגאָכע, האָט געשפּילט אָנגריַיפעריש, דער סעמינאַריסט — אויך, ווי עס פּאַסט פּאַר א מענטשן, וועלכער האָט דריַי יאָר שטודירט אין דער גרויסער שטאָט די סוידעס פונעם „פּרעפעראַנס״, און בערל לאַזעבניק האָט פאַרשפּילט ביז א קאָפּעקע דאָס גאַנצע נאַדן, וואָס לייע האָט אים אָפּגעגעבן גליַיך נאָך דער כופּע.

...צען לאַנגע, שווערע יאָר האָט לייע געזאַמלט די צוויי הונדערט קערבלעך. סאָרע, די גאָלדענע באַלעבאָסטע אירע, ווען זי האָט איר אָפּגעגעבן דעם פאַרמעגן, האָט איר גע־ווונטשט, זי זאָל עס פאַרנוצן געזונטערהייט, אַז פון די צוויי הונדערט זאָל באַ איר ווערן צוויי הונדערט טויזנט, וויַיל געלט, זאָגט איר מאַן מענדל, מוז געבוירן געלט.

— צוויי הונדערט קערבלעך! — לייעס מאַמע און איר קראַנקער טאַטע האָבן אָפּן לעבן ניט געהאַלטן אַזוי פיל געלט אין די הענט, און זי האָט עס געהאַלטן עפּשער א טאָג, ניט מער. זי איז אַזוי גליקלעך געווען, וואָס דער שווער פאַרהאַרעוועטער נאַדן האָט זיך איר געשטעלט ווי א ליכטיקע לעוואָנע אין איר שוואַרצער נאַכט און באַשיַינט דעם וועג צו איר גליק.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און לייע איז צוזאַמען מיט דער מעכוטענעסטע און מיט ליזעטשקען געקומען אַהיים, קיין ליסאַווע.

עליע קויפמאַן צוזאַמען מיט זיַינע מיידן זיַינען נייַגעריק געווען א קוק צו טאָן, וואָס פאַר אַן אַנטיק האָט זיך ציפּוירע געוּנומען פאַר א שנור. טיף אין האַרצן זיַינען זיי לייען מעקאַנע געווען. ניט אַלע, פאַרשטייט זיך, האָדעלע, צום ביַישפּיל, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— ווען מע גילדט מיך אָפּ, ווען מע בויט פאַר מיר אויס א קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, איך זאָל זיך עלטערן מיט בערעלען, וואָלט איך זיך אָפּגעזאָגט.

— ניט יעדערער גליקט אַזוי אָפּ, ווי דער קאָזשומיאַקער רויטער מויד, — האָט א פּינטל געטאָן מאַניטשקע די קאָסאָקע.

נאָר האָדל, די שטענדיק פּאַרטיפּטע אין די ביכלעך און אין די זשורנאַלן, איז, גליַיך ווי לייע איז געקומען אין דאָרף, אַוועק צו די לאַזעבניקעס, קעדיי זיך באַקענען מיט זייער שנור. האָדל האָט דערפילט אין לייעס האַנט, ווען מע האָט זיך געוויטעוועט, א באַזונדער פעסטקיַיט און אויך צוגלאַזנקייט. איר זיַינען געפעלן געוואָרן לייעס טונקל־גרויע אויגן — פאַרקלערטע, א ביסעלע אומעטיקע, ווי באַ איינער פון די העלדנס, מיט וועלכע האָדל האָט זיך לעצטנס באַקענט פון טורגעניעווס א ראָמאַן.

— עס וועט דיר דאָ, מינאַסטאַמע, זיַין א ביסל אומעטיק אין אונדזער ליסאַווע... באַ איַיך אין קאָזשומיאַקי איז, זיכער, א סאַך פריילעכער.

— ווי פאַר וועמען, — האָט לייע א זיפץ געטאָן, — דאָס איז שוין געווענדט אין דעם, ווי מע פירט זיך אויף, מיט וועמען מע פאַרוויַילט זיך.

— אָט דאָס איז דאָך די מַיִסע... ניטאָ בא אונדז, מיט וועמען א וואָרט אויסריידן.
— וואָס זשע טוט מען?
— ס'איז נאָך גוט, וואָס אף דער וועלט זײַנען פאַראַנען קלוגע ביכלעך און זשורנאַלן. איך וועל זיך גערן טיילן מיט דיר.
לייע האָט איר דערוף גאָרנישט ניט געענטפערט. לייענען האָט זי ניט געקענט און גלײַך זיך מודיע זײַן דערין איז איר געווען א ווייטעק און א ביזאָיען.
זינט לייזער דער קאַסיר איז אומגעקומען, איז ציפּוירען גאַנץ שווער געווען מיט די צוויי קינדער. קיין סאָד און קיין גאָרטן, ווי באַם פרײַנטל עליע קויפמאַן, האָט זי ניט געהאַט. קיין מעלאָכע אין די הענט אויך ניט. עמעס, ליזעטשקע האָט שוין אָנגעהויבן זיך לערנען אף דער זינגער־מאַשין און וועט עפשער אָנהייבן פאַרדינען — כאָטש דערווײַל כאַפּט מען זיך ניט איר עפּעס־וואָס באַשטעלן אופנייען. בערל? וואָס קאָן ער טאָן אין ליסאָוועז? זיך אײַנאָרדענען באַם פאַרעץ אף דער עקאָנאָמיע, אָדער ווערן א באַטראַק בא א רײַכן פּויער? דער פעטער עליע האָט אים דאָפּקע געהאַט פאָרגעלייגט שטעלן זיך צו דער סטויקע אין זײַן קלייט.
— פאַר א מעשאָרעס?
— וואָס זשע — עס שטייט דיר ניט אָן?! דײַן טאַטע איז אויך געווען א מעשאָרעס.
— דעם טאַטן טשעפּעט ניט! מײַן טאַטע איז געווען א קאַסיר, ניט קיין שיק־ייִנגל.
— וועסט בא מיר זײַן, ווי א שוטעף...
— אף צו זײַן א שוטעף דאַרף מען האָבן א העלפט אָדער כאָטש א דריטל, וויפל דאָס געשעפט פאַרמאָגט.
בערל האָט בא זיך באַשלאָסן: שוין בעסער נעמען א פאָר מייעס נאָדן און עפענען אַן אייגענע קראָם. אזוי האָט אויך געמיינט ציפּוירע די אַלמאָנע.
— מירצעשעם, זונטיק, זינו, וועלן מיר זיך מיט דיר אָראָפּכאַפּן קיין פאַסטעוו אײַנקויפן א ביסל סכוירע — כ'ווייס, א פעסל קעראָסין, א קעסטל זייף, שוועבעלעך, און עפשער טאַקע א פאָר שטיקלעך ציץ...
נאָר איידער עס איז געקומען דער זונטיק, האָט פּאַסירט אזא געשיכטע. צו דער אַלמאָנע איז געקומען דעם פאַרעצס געשעפטס־פירער, קעדיי באַקומען די טעלעכע קערבלעך ארענדע פאַר דער שטוב, וואָס געהער דעם פאַרעץ פון קאַדמוינים אָן.
— דזיען דאָברי, פּאַני ציפּאַ! — האָט ער דערלאַנגט זײַן גראָבע האַריקע האַנט, — שוין באַלד א יאָר, זינט איך בין געווען דאָ בא דיר און פאַרזוכט דײַן מעכײַעדיקן ווישניק און דײַנע מאָן־פּלעצעלעך...
— א דאַנק אײַך, פּאַניע, פאַר אײַער הויכער אָפּשאַצונג פון מײַנע פּלעצעלעך. איך וואָלט אײַך באַדאַרפט מעכאַבעד זײַן מיט א גלאָז גוטן ווײַן אָדער בראָנפן.
— וואָס איז די סימכע, ציפּאַ?
— מײַן זון האָט, אין א גוטער שאָ, כאַסענע געהאַט!
— אָר־וואָ! באַרדזאָ פשיעמניע... איך גראַטולירע דיך פונעם גאַנצן האַרצן! וואָס זשע פאַר אַן אַנטיק האָסטו אויסגעקליבן דײַן בערקען? באַוויַז זי — דײַן שנור!
לייע האָט אף אים געמאַכט זייער א ווילן אײַנדרוק — אַן עמעס פּעלדבלימל!
— באַרדזאָ פשיעמניע! — האָט דער געשעפטס־פירער געהאַלטן אין איין לויבן דאָס קאָ־זשומיאַקער אַנטיקל.
קיין סאָך צײַט אף צו פאַרברענגען בא דער אַלמאָנע האָט ער ניט געהאַט. ציפּוירע, ווי דער שטייגער איז, האָט אים געדאַרפט אָפּגעבן דאָס ארענדע־געלט. זי האָט אָפּגערופן בער־לען אין א זײַט און געבעטן אים ארויסלייגן די צוועלף רובל פונעם נאָדן פאַרן האַלבן יאָר. נאָר בערל האָט זיך איר מודיע געווען, אז קיין געלט האָט ער ניט.
— וואָס הייסט, דו האָסט ניט?! ווו זשע האָסטו עס אהינגעטאָן?
— וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפּעט?! שטעל זיך פאָר, אז איין וואָלד זײַנען אף מיר אָנגעפאַלן גאַזלאָנים, ווען איך בין געפאָרן פון קאָזשומיאַקי...
— ווײ איז מיר! גאַזלאָנים! — איז לייע בלייך געוואָרן, — וואָס זשע האָסטו מיר ניט דערציילט, וואָס זשע האָסטו געשוויגן?!
— פרעג מיך גרינגערע זאַכן.
— דאָס גאַנצע נאָדן?! — האָט זי אָנגעהויבן ברעכן די פינגער.
— וואָס איז בא דיר טײַערער — איך, צי די פאַרשיוועווע צוויי מייעס?
— א בראָך אף זייער קאָפּ, זינו!

בערל איז געשטאַנען און געקוקט אַף לייען, ווי ער וואָלט געמוזט טייקעף ענטפערן אַף איר פראַגע. דער געשעפטס־פירער האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך א בעכערל ציפּוירעס ווישניק. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אז צו קיין געלט קומט עס ניט, האָט ער אויסגעווישט די וואָנצעס מיט א ווײַס טיכעלע און מיט א ליבן שמייכל געזאָגט:

— נעם זיך ניט צום הארצן, ציפּאַ... איך וועל ארײַנקומען אין א וואָך ארום... נעם זיך ניט צום הארצן. — און האָט זיך געזעגנט מיט דער אַלמאָנע און מיט איר פײַנער שנור.

ביז שפּעטער נאַכט האָט ציפּוירע געוויינט מיט ביטערע טרערן. ס'איז איר געווען א ווייטעק און ביזאָיען פאַר דער שנור. בערל האָט ניט געוואָלט זיך מודה זײַן, אז דאָס געלט האָט ער פאַרשפּילט אין „פרעפעראַנס". מער פון אַלע איז געווען אופגעבראַכט די שוועסטער ליזעטשקע, וועלכע האָט שוין דערפילט, ווי שווער עס איז פאַרדינען א גראָשן... וויפל קליידער און בלוזקעס וואָלט זי געדאַרפט אופנייען, קעדיי פאַרדינען אזא סומע — צוויי הונדערט קערבלעך!

לאַנג ציט זיך די ווינטערדיקע נאַכט בא געוויינלעכע אומשטענדן, נאָך לענגער איז געווען די נאַכט בא דער אַלמאָנע ציפּוירע לאַזעבניק. צו וועמען גייט מען, וועמען דערציילט מען וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט מיט איר געטראָפן. ביז באַגינען האָט זי ניט פאַרמאַכט קיין אויג, עס האָבן זיך איר אַלץ פאָרגעשטעלט די וואַלד־גאַזלאָנים, וואָס האָבן געקאָנט אומברענגען איר איין־און־איינציקן זון. א ראַכמאָנעס, נעבעך, אַף אים, — ער האָט זיך אוודאי גוט איבערגעשראָקן. נאָך גוט, וואָס ער האָט זיך אויסגעקויפט בא די מערדער. א מאַמע בלײַבט א מאַמע: זי האָט זיך ניט געוואָלט פאַרשטעלן, אז איר בערעלע נאַרט זי אָפּ.

וועגן וואָס איר בערל האָט געשמועסט א גאַנצע נאַכט מיט זײַן יונגער ווײַב, האָט ציפּע, פאַרשטייט זיך, ניט געוווסט. ס'א סוואַרע, אז אויך זי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי דאָס איז פאָרגעקומען גלײַך נאָך זייער כופּע.

די דערשראָקענע לעוואָנע האָט זיך געשעמט ארײַנקוקן אינעם בלווילעכן פענצטער פון דער נידעריטשקער פאַלעסיער שטוב, אין וועלכער פרייד איז געווען א זעלטענער גאַסט. א גרויסער שטערן האָט דאָפקע יאָ ארײַנגעקוקט אין ציפּעס פענצטער, נאָר אויך ער האָט ניט געקאָנט דערציילן לייעלען דעם עמעס פון יענער נאַכט.

גאַנצפרי איז ציפּע אוועקגעפאָרן צו אירע קרויווים, וועלכע האָבן געוווינט ניט ווײַט פון דער גרויסער שטאָט וויניצע. אירע קרויווים האָבן זי זייער ליב געהאַט און זײַנען שטענדיק צופרידן געווען, ווען זי פלעגט זיך צו זיי אראָפּכאַפּן אַף א פּאָר טעג. גייענדיק צום באַלעגאָלע, האָט ציפּע באַגעגנט נעסטאָרן דעם סאָטסקי.

— וווּהין לויפסטו עס אזוי, ציפּאַ?!

— וואָס פרעגסטו, טײַערער מענטש. דער דאַלעס טרײַבט מיך.

— עפּשער קאָן איך דיר קומען צוהילף? איך בין דאָך שטענדיק גרייט, מיט וואָס איך קאָן, דיר מיטהעלפן, ציפּאַ!

— אזוי האָסטו מיך ליב?

אזוי האָב איך ליב געהאַט דײַן לייזערן.

פון זײַנע רייד איז איר מיטאַמאָל ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. איז נאָך הימל ניט בא דר'ערד! פאַראַנען מענטשן — גוטע פרײַנט אַף דער וועלט!

— איך נייטיק זיך אַצינד אין א ביסל געלט, פּאַני סאָטסקי.

— וויפל? — האָט ער געפרעגט, ווי א מענטש מיט אַן אָפענעם בײַטל און א טאָפּ געטאָן די קעשענע, וואָס טאַקע זי, ציפּוירע, האָט אים געהאַט אײַנגענייט אין דער סוויטקע.

ער האָט איר מיט גרויס קאָוועד געגעבן עטלעכע רויטע פאַפּירלעך.

— פאַרנוץ זיי געזונטערהייט. קיין וועקסל בעט איך ניט בא דיר. ווי זאָגט מען עס בא אײַך: נאָ בענעמאָנעס, דאַכט זיך אזוי?

אז עס איז ניטאָ קיין מאַזל

נאָך די לאַנגע און שווערע צען יאָר, וואָס לייען איז אויסגעקומען צו שלאָפן אַף א פרעמד געלעגער בא דעם לעדער־זאַוואָדטשיק, איז איר אזוי ליב געווען דאָס קליינע אַלקערל, וואָס ציפּוירע האָט אָפּגעטראָטן דעם יונגן פּאָרפּאָלק, דאָס ציטעטיקע געלעגער. די ערשטע נאַכט אין ליסאָווע איז פאַר איר געווען, ווי אַן אומענדלעכער כאָלעם. בערל איז געווען מיט איר אומגעהייער צאַרט, ארויסגעוויזן אזויפיל ליבע צו איר, אזויפיל פאַרזיכטיקײַט און דאָך

הייסקײַט, ווײַגן וועלכע לייע האָט זיך געהאַט אָנגעהערט פון איר כּאַווערטע נאַסטיע. גאָט איז א פּאַטער, — האָט זי געטראַכט. אַלץ איז פּאַרגעקומען אַזוי, ווי צוועלף מאַלאָכים וואָלטן געשטאַנען בײַ זייער צוקאָפּנס און זיי אונטערגעזאָגט, ווי אַזוי מע דאַרף זיך אופירן אין דער ערשטער נאַכט פון זייער צוזאַמענלעבן. בערל איז אַנשלאָפן געוואָרן, און זי האָט געוויינט, ווי א קליין קינד. שווער צו זאָגן, פאַרוואָס טרערן זײַנען געשטאַנען אין די אויגן — שרעק צי אומגעריכטע פרייד פון דעם דערגרייכטן גליק. דער שטערן איז אַנטרונען געוואָרן, אויך די לעוואָנע האָט זיך מעיאַשעוו געווען און איז אַוועק אַרײַנקוקן אין אַנדערע פענצטער.

ווען לייע האָט גענומען צעקעמען אירע געדיכטע געקרײַזלטע האָר, האָט בערל ניט גע־קאָנט זיך אָנטישען מיט זיי: בײַ וועמען נאָך זײַנען פאַראַן אַזעלכע האָר?! בײַ דעם פעטער עליעס טעכטער? — נעכטיקע טעג! ווי קומט צו זיי אַזא שיינקײַט! די שוועסטער ליזע, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען א ביסל שענער פון דער שנור, איז לייען מעקאַנע געווען אַף איר קאָפּ האָר. זי האָט זיי א טאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט, אַז זיי זײַנען בײַ דיר שטײַף, ווי דראָט. קערסט זיי אַוואַדע וואַשן מיט באַזונדערע קישעף־גראָזן.

— וואָס טויגן מיר גראָזן?! איך וואַש זיי אין געוויינלעכער קרענעצע־וואַסער, און קעדיי זיי זאָלן גלאַנצן, גיב איך צו א ביסעלע עסיק.

פון זייער ערשטן געשפּרעך האָט מען גלײַך געקאָנט דערפילן, אַז מיט ליזעטשקען וועט זיך לייע קענען כּאַווערן, נאָר אַפן דריטן טאָג, ווען ליזעטשקע האָט באַליידיקט איר ברודער מיט א כּשאַד, אַז דער אָנפאַל פון די גאַזלאָנים איז אָן אויסגעטראַכטע מײַסע, איז לייע באַרויִקט געוואָרן — עפּעס איז ער דאָך איר אָן אייגענער ברודער!

— ווי זשע פּאַרט איז דאָס פּאַרגעקומען? — האָט לייע געפרעגט בײַ בערלען.

— דורך אונדזער וואַלד ביסטו דאָך שוין געפאָרן? ווי ער איז געדיכט, האָסטו אַוואַדע באַמערקט.

— אַוואַדע באַמערקט. אַרום אונדזער קאַזשומיאַקי איז אויך א וואַלד, נאָר ווי קומט ער צו אײַערן!

— וואָס געדיכטער דער וואַלד, — האָט זיך בערל אָנגעשפּאַרט אַפן עלנבויגן, — אַלץ גרעסער איז די סאַקאָנע. און אַלץ שרעקלעכער זײַנען די גאַזלאָנים.

— געוויס, געוויס, בערעלע.

— האָסט אַמאָל געזען א גאַזלען?

— ווו האָב איך אים געקאָנט זען?

— און מיר איז באַשערט געווען אַרײַנפאַלן אין זייערע הענט.

— וויפל זײַנען זיי געווען — דרײַ, פיר, צען, כאַלילע?

— איך זע, לייע, אַז דו גלייבסט מיר אויך ניט? — האָט ער זיך באַליידיקט, — וואָלסט זיי געמעגט אָנקוקן אין די גרויסע פעלצן און היטלען און מיט אַזוינע בולאַוועס... בײַ איינעם פון זיי — אָט אַזא גרויסער מעסער, ווי א שווערד די לענג!

— נו, און דער אַנטרײַבער, דער פויער, וואָס האָט דיך אָפּגעפירט?

— ער האָט מוירע געהאַט, מע זאָל אים אויך ניט צושטעלן דאָס מעסער צום האלדז. לייע האָט זיך אַף א רעגעלע פאַרגעשטעלט, ווי דאָס איז פּאַרגעקומען און ווי זי איז שיר ניט געבליבן קיין אַלמאָנע, נאָך איידער זי איז באַגליקט געוואָרן מיט א מאַן.

— וואָס זשע האָבן זיי פון דיר געוואָלט?

— דאָס געלט אָדער דאָס לעבן! — האָט דער עלטסטער צווישן זיי אויסגעשריגן.

— וואָלט איך זיי א וואָרף געטאָן דאָס געלט אין זייער טריפן פּאָנעם און זאָלן זיי זיך אָנצינדן צוזאַמען מיטן געלט, גאָטעניו!

— אַזוי טאַקע האָב איך געטאָן! — האָט זיך בערל אופגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און געשמאַק א צי געטאָן זיך.

— איז עפּשער דיר אופזידן א טעפּעלע ציקאָריע?

ציקאָריע איז געווען דאָס ליבסטע געטראַנק פון איר באַלעבאָס מענדל מאַגנאַט.

— כ׳וואָלט בעסער אויסגעטרינקען א גוטע גלאָז ביר...

— ווו זשע נעמט מען עס דאָ, בײַ אײַך אין ליסאָוועץ?

— באַם פעטער עליע. בײַ אים אין קראָם איז פאַראַנען וואָס דו ווילסט!

לייע האָט אָפּדערגייך אַרופגעוואָרפן אַף זיך די וואַרעמע שאַל און איז שוין גרייט געווען לויפן צום פעטער עליע, קעדיי דערקוויקן די נעשאָמע איר מאַן, וועלכער איז מיט ניסים לעבן געבליבן, נאָר אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ליזעטשקע, א פאַררויטלטע פּונעם פראָסט, פּונעם פּאַלעסיער שניי, וואָס שמעקט מיט געשמאַקן סאָסנע־קליי.

— וווהין לויפסטו עס אין אזא פראָסט?
— נאָך א פלאַש ביר פאַר דײַן ברודער.
— ביר האָט זיך אים פאַרגלוסט, דעם שלימאַזל? סאַם וואָלט איך אים געגעבן!
— וואָס האָט ער דיר אַזױנס געטאָן, וואָס דו ביסט אַף אים אַזױ אופגעבראַכט?
— ער ווייסט אַליין פאַרוואָס, דער קאַרטיאַזשניק! ער האָט דיר דען ניט דערציילט, דער גאַרנישט!
— און וואָס האָט ער דען געזאָלט דערציילן? — האָט לייע אופגעהויבן אירע דערשראָ־קענע אויגן. — דערציילט שוין דו, אויב, כאַלילע, עפּעס שלעכטס.
— דער אויסוואָרף האָט פאַרשפּילט דײַנע צוויי הונדערט רובל. פאַרשפּילט אין איין אָפּדערנאַכט, גלײַך ווי ער האָט זיי באַ דיר באַקומען!
— וואָס פּלוידערסטו, מעשוגענע?!
לייע האָט זיך באַמיט באַרויקן בערלס שוועסטערל, נאָר ליזע האָט זיך אַלץ מער צע־פּאַליעט פון פאַרדראָס און ביזאַיען. א בליײַכע, א דערשיטערטע, האָט זי א פרעג געטאָן באַ איר שיינעם מאַן:
— וואָס זשע שווײַגסטו, בערל? עפּשער איז דאָס פּאַשעט א בילבל אַף דיר?
— אַוודע א בילבל! ווער האָט עס דיר געזאָגט אַזאַ נאַרישקייט?
— די מאַנאָפּאַלשטשיצע, א טויט אַף איר!
— אָט וועל איך באַלד צו איר אַרײַנגיין. איך וועל באַ איר פרעגן. — און בערל איז שמײַדיק אַרויסגעלאָפן אינעם פאַרשנייטן דרויסן. לייע האָט אויך אַרופגעכאַפּט אַף זיך דאָס מאַנטעלע און איז אַרויס פון שטוב, דעריאָגט איר מאַן, געגומען אים אונטער דער האַנט. אָ, זי וועט ניט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אים מעוואַיעש זײַן, אויסטראַכטן אַף אים אַזאַ מיִעס בילבל. וואָס זשע?! ער איז פון זינען אַראָפּ — צוויי הונדערט רובל אַרויסוואַרפן פון דער קעשענע? און ווער קאָן עס זיך דערלויבן צונעמען באַ אַזאַ יונגן באָכער אַזויפיל געלט? מע איז געגאַנגען שווײַגנדיק. לייע האָט קוים באַוויזן צו שטעלן די פיס אינעם סקרי־פּענדיקן שניי. און דער פראָסט האָט, ווי אַף צולאָכעס געבריט, געשטאָכן מיט זײַנע דינע נאָדעלעך איר פאַרוויינט פּאָנעם. פאַר אירע צוואַנציק יאָר האָט זי זיך דאָס ערשטע מאָל געפילט אַזױ באַליידיקט, אַזױ געקריוודעט און דערנידעריקט. אַף איר לעבן האָט זי קיינעם ניט אָפּגענאַרט. אויך זי האָט קיינער ניט אָפּגענאַרט, אַפילע דער באַלעבאָס אירער, מענדל, וועלכער האָט די לעצטע צײַט געפּרוווט באַ איר נויסע כיין זײַן, דערביוען זיך באַ איר א שמייכל...
און פאַרוואָס קומט איר, לייעלען, אַזאַ שטראָף? צוליב וואָס האָט ער, איר פײַנער מאַן, געדאַרפט אויסטראַכטן אַזאַ באָבעמײַסע מיט די גאַזלאָנים?! בערל איז געגאַנגען מיט זײַן גע־ווײַנלעכן פעסטן שפּאַן און ס'האָט געקאָנט דאַכטן, אַז ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, און אַז אָט וועט ער איר, דער ליגנערן, דער מאַנאָפּאַלשטשיצע אָנלייגן אין די ביינער, זי זאָל פאַרזאָגן א צווייטן טרײַבן רעכילעס אַף אַן אומשולדיקן אָרנטלעכן מענטשן! לייע איז ווי געהאַנגען אַף זײַן לינקער האַנט. א צאָפּן־ווינטעלע האָט פּלוצעם אופגעהויבן א שנייִק פּאַרטעכל פאַר בערלס אויגן. צו דער מאַנאָפּאָלקע איז שוין ניט מער געווען ווי א צוואַנ־ציק שפּאַן. אָט וועלן זיי באַלד אַריבערטרעטן די שוועל, אָט וועט ער זי באַלד א פרעג טאָן, די פּלאַפּלערן.
— עפּשער וועלן מיר זיך בעסער אומקערן צוריק? — האָט אים לייע אָפּגעשטעלט און א שטאַרקן שלעפּ געטאָן באַ דער האַנט.
— האָסט מוירע, איך זאָל זי ניט דערהאַרגענען?
— ניין, סטאַם אַזױ. וואָס וועסטו דערמיט אויסשפּילן? אויב עס איז אָן עמעס, איז דאָך שוין בעמיילע פאַרפאַלן, און אויב ס'איז א ליגן... קום, לאָמיר זיך אומקערן אַהיים. בעסער ניט האָבן צו טאָן מיט אַזױנע. קום, בערעלע, קום!
— עפּשער ביסטו טאַקע געזאָגט, — האָט בערל א קרעכץ געטאָן, — און אַז דאָס, וואָס איך האָב דיר דערציילט, איז ריינער עמעס, וועסטו זיך איבערצײַגן, אַז דו וועסט א רעד טאָן מיטן אָנטרײַבער.
„האָט ער, הייסט עס, אַן איידעס — דעם אָנטרײַבער" האָט לייע א טראַכט געטאָן. זי האָט אַף בערלען איצט געהאַט אַזאַ ראַכמאָנעס, זי האָט אַזױ געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זײַן אַזױ, ווי ער, בערעלע, האָט איר דערציילט.
— נו, איז אָפּגערעדט — קום צוריק...
— זאָל זײַן אַזױ, ווי דו ווילסט, קום. נאָר איך וועל אַף א פּאָר מינוט זיך אַרײַנכאַפּן צום פּעטער עליע. כ'מיין, וועסט ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

ער האָט זי אויסגעקערעוועט מיטן פּאַנעם צו זייער שטוב און אליין זיך געלאָזט צום בערגל, ווו עס איז געשטאַנען דעם פּעטער עליעס קלייט.

געגאַנגען איז ער ניט אַזוי צום פּעטער, ווי צום אַנטרײַבער, וועמענס שטוב איז גע־שטאַנען בישכיינעס מיט עליע קויפמאַנס קלייט, אינעם הינטערגעסל. פּאַר אַ פּאָר רובל וועט ער זיכער קאָנען אײַנריידן דעם פויער, אַז ער זאָל באַשטעטיקן בערלס אויסטראַכטעניש וועגן די גאַזלאָנים, וועלכע זײַנען, קלוימערשט, אָנגעפאַלן אױף אים. דער אַנטרײַבער וועט אים ניט אָפּזאָגן. און אויב מע וועט בא אים פרעגן: פאַרוואָס זשע האָסטו ביז איצט גע־שוויגן וועגן דעם גרויסן אומגליק?

— וואָס הייסט, פאַרוואָס? ער האָט מוירע געהאַט, אַז די גאַזלאָנים זאָלן אים ניט נעמען קיין נעקאָמע. אָ, איר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ ווילדע כײַעס עס זײַנען אָט די מערדער, אָט די וואַלד־גאַזלאָנים! — אַזוי וועט ער אים אויסלערנען ענטפערן, דעם אַנטרײַבער.

צום שלימאַזל, זאָגט מען, דאַרף מען אויך האָבן מאַזל. ווען בערל איז שוין געווען אױף דער שוועל פונעם פּעטערס קלייט, האָט ער דערהערט אַ באַקאַנט הייזעריק קאָל:

— ווו װערסטו עס פאַרפאַלן, בערקאַ?

— וואָס הייסט, ווו? באַ זיך אין שטוב.

— זי לאָזט דיך שוין ניט אַרויס אין גאַס, די שיינהײַט דײַנע?

— נו יאָ! נאָר עס קומט דאָך פון דיר אַ מאַהאַריטש, בערקאַ!

דאָס איז גראַדע געווען דער פורמאַן, מיט וועלכן בערל האָט זיך געקליבן באַגעגענען.

— גאָט אַליין האָט דיך געשיקט אַהער, — האָט בערל אַ דערפרייטער זיך אָנגערופן. — אוואָדע קומט דיר מאַהאַריטש! דו מוזסט מיך ראַטעווען, איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, פּעטערל!

— ראַטעווען — דאָס קאָנען מיר... און פאַרוואָס טאַקע ניט?! אַזאַ באַכער, ווי דו, איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו ראַטעווען, הײַנט נאָך, אַז מע שטעלט דיר דערפאַר אַ גלעזעלע.

— וואָס עפּעס אַ גלעזעלע — אַ פלאַש!

— נו, איצט האָסטו, דאַנקען גאָט, מיט וואָס צו פּאַטשעווען, — האָסט דאָך מיסטאַמע באַקומען אַ פּײַן ביסל נאַדן.

בערל האָט ניט געוואַרט, ביז דער פורמאַן וועט ווערן שיקער און האָט אים דערציילט דעם גאַנצן עמעס און וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים, דעם טײַערן מענטשן. דער פויער איז נאָך געווען גאַנץ ניכטער און האָט אים אונטערגעבאָמקלט:

— אַ יאַק זשע, אַ יאַק זשע!

אַ באַגליקטער דערמיט, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט און גרינג דערליידיקט, האָט בערל געשטעלט דעם פורמאַן אַ גרויסע פלאַש בראָנפן.

צוויי מאָל אין וואָך פלעגט מען באַ די קויפמאַנס באַקן ברויט פאַרן גרויסן הויזגעזינד. באַקן פלעגט כיניע די גראַבע. דאָס איז בעפּיירעש געווען אַן אוּלע: האָבן אַזוינע מיידן און אַליין קנעטן דאָס קלעפּיקע טייג אין דער באַקדייזשע, אַרײַנלייגן אין דעם דאָס גאַנצע גע־זונט, — ווײַל גראַב איז כיניע געווען, ווי די באַקדייזשע, דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַ זאַ־דישקע און די הענט האָבן זיך באַ איר געטרייסלט, — נאָר עליע האָט זי ניט געוואָלט באַ־פרײַען פון אָט דער טירכע. די טעכטער וועלן דאָס טאָן, ווען זיי וועלן, מירצעשעם, אַליין ווערן באַלעבאָסטעס באַ זיך.

כוץ דער מומע כיניע, וואָס האָט זיך מאַמעש צוניפגעגאָסן מיט דער באַקדייזשע, איז אין קיך געווען די עלטערע טאָכטער מאַניע. זי האָט געריבן אױפן ריבײַזן קאַרטאָפל פאַר לאַטקעס, וואָס רעב עליע האָט ליב געהאַט אין אַ פּעטער זראַזע. קיינער פון די טעכטער קען אים אַזוי ניט צוטרעפן — אַזאַ גראָטענע לאַטקעמאַכערן איז זי, אַזאַ אויסגעשפּילטע באַלעבאָסטע איז זי, די קאַסאָקע מאַניטשקע.

— זע נאָר, זע נאָר, מאַניע, ווער עס איז צו אונדז געקומען! — האָט כיניע אויסגעגלײַכט דעם רוקן.

— מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו! — האָט מאַניע צו אים אַ פינטל געטאָן מיטן קאָסע אייגל. — מיט מאַזל זאָלסטו לעבן. איז ווי זשע פילסטו זיך אַלס אַ פאַרשלייערטער, — האָט מאַניע אַ פרעג געטאָן. — וואָלסט כאָטש געקומען מיט איר, מיר זאָלן זי אָנקוקן, דײַן בריליאַנט.

— ווען זי נאָך אָנקוקן, — האָט איר בערל געענטפערט מיט אַ ליבן שמייכל, ווי איי־נער רעדט: האָסט קיין טאָעס ניט געהאַט — זי איז טאַקע אַ שטיק בריליאַנט!

— מע זאָגט, אַז זי איז באַ דיר אַ ביסל אַ קלײַנדיקע.

— דאָס שטערט ניט צו איר שיינקײַט!

— וואָס איז שײַעך צו ריידן, קיין מיִעסע וואָלסטו זיך ניט אויסגעקליבן.

— די שענסטע ווייצענע מעל האָט אין זיך א ביסל קלײַען, דערפון ווערט זי, כאָלילע, ניט ערגער אָדער ביליקער, — האָט בערל געפּרווּוט צונישט מאכן איר ביטל־באַמערקונג. מאניעס פּאָנעם איז טאקע ריין פון קלײַען און זי האלט פון זיך א וועלט, נאָר ס׳איז נאָך א פראגע, ווער פון זיי, מאניע צי לייע, פּאסט אים מער פאר א ווײַב.

די מומע כיניע וואָלט געוויס ניט דערווידערט, אז זיי זאָלן זיך פּאָרן — בערל און איר מאניטשקע. אין קיין נאדן וואָלט קיין מעניִע ניט געווען. אויב לייע פון קאָזשומיאקי האָט אים געגעבן צוויי מייעס, איז פאר מאניטשקען געווען אָנגעגרייט צען מאָל אזויפיל.

כיניע האָט אָפּגערייניקט די הענט פון דעם קלעפּיקן טייג, א טיפן זיפץ געטאָן און פארשווּונדן פון דער קיך. מאניע איז געבליבן מיט בערלען אויג אָף אויג. נאָר וועגן וואָס האָבן זיי דאָ געקאָנט ריידן? זיך דערמאָנען, ווי פאראיאָרן פרילינג האָט זי אים עטלעכע מאָל א קוש געטאָן און צודריקן זיך צו זײַן שטײַפער ברוסט. צי עפּשער אים דערמאָנען, ווי איטע־דריטע האָט זיי אנומלטן מוסער געזאָגט לעמיִ זיי נעמען זיך ארום, אז די מאמע זאָל ניט וויסן. וואָס טויגן די דערמאָנונגען? עפּשער דערציילן אים, וואָס בא איר אפן הארצן טוט זיך — דאָס ניט! דערפרעגן זיך בא אים, ווי טראכט ער צו לעבן מיט זײַן קלײַענדיקער קאָזשומיאקער יעפּאסטויער — וואָס איז איר אייסעק, קיין שום טײַנעס צו אים קאָן זי ניט האָבן. ווערדליק זי האָט א שארף צינגעלע, וואָלט זי אים טאקע דאָ, אין קיך, געקענט א שטאָך טאָן, אָדער אָפּטאָן עפּעס א צולאָכעס, ער זאָל זיך ניט איבערנעמען. נאָר הײַנט וויל זי ניט! אָף זיך אליין א ראכמאָנעס, כ׳לעבן!

— עפּשער ווּעסטו צוּווארטן עטלעכע מינוט, וועל איך דיך מעכאבעד זײַן מיט א פּאָר פרישע לאטקעס, מיט מײַנע לאטקעס!

— א דאנק! מיר האָבן ערשט געגעסן פרישע לאטקעס מיט גענדזענע שמאלץ — לייעס מאמע האָט איר מיטגעגעבן א היפּש קריגל גריוון, וואָס כראָמטשען אזש אונטער די ציין. מײַן לייע איז אויך א בעריע אָף לאטקעס... קום ארײַן, ווּעסטו זיך מיט איר באקענען און עפּשער טאקע ווערן כאווערטעס אויך.

לאנג פארהאלטן זיך דאָ, אין דער אָנגעהייצטער קיך, האָט בערל ניט געוואָלט — דאָרט אין דער היים האָט אָף אים געווארט זײַן לייע. דאָרט איז אויך איצט זײַן כוצפּעדיקע שוועסטערקע ליזע. ווער ווייסט, וואָס זי וועט דאָרט אָנריידן אָף אים. זינט ער גערעדנקט זיך, זײַנען זיי ביידע, ווי א קאץ מיט א מויז. באזונדערס די לעצטע צײַט, ווען עס קומט איר אויס צו זיצן אײַנגעבויגן איבער דער מאשין, קעדיי פארדינען עטלעכע גראָשן, און ער איז, ווי פריִער, א פרײַער פויגל און טוט קיין האנט אין קאלטער וואסער.

ארויסגייענדיק פון דער מומע כיניעס קיך, האָט בערל זיך דאָך אָנגענומען מיט דרייסטקײַט און א זאָג געטאָן:

— פון דײַנע לאטקעס, מאניטשקע, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, נאָר ווען דו ווילסט, וואָלסטו מיר יאָ געקאָנט א טויווע טאָן, אלס א פרײַנטל און ביכלאל...

— וואָס פאר א טויווע, לעמאָשל? — האָט זי אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— א גמילעסכעסעד...

— געלט?! ווי קומט צו מיר געלט?

—־ווּעמען גייט עס אָן: ווי עס קומט? מע ווייסט, אז דו האָסט.

— פונוואנען ווייסטו עס?

— סארא נאפקעמינע? מע ווייסט!

ווּעגן דעם, אז עליע קויפמאנס טעכטער האָבן יעדע זייער אייגן קניפּל, האָט געוווּסט ניט נאָר בערל, זייער קאָרעוו. באזונדערס האָט זיך איבערגענומען מיט אירע אָפּגעשפּאָרטע קלינגערס מאניטשקע, די קאָסאָקע. די מאמע פלעגט איר אונטערשטופּן, עליע זאָל ניט וויסן, א דרײַערל אָדער א פינפערל. הײַנט, דאָס כאנעקע־געלט, וואָס דער טאטע און די געסט, וועלכע פלעגן זיך אראָפּכאפּן קיין ליסאָוועַ, האָבן איר געשענקט, — אלץ פלעגט זי שפּאָרעוודיק צונויפלייגן אין איר סאמעטענעם טײַסטערל — ס׳וועט אמאָל צוניץ קומען! דאָס טײַסטערל האָט זי אָפּגעהיט, ווי מע היט אָפּ א קאמייע. איטע די דריטע, וועלכע האָט ליב געהאט אָפּשפּעטן פון דער עלטערער שוועסטער מאניע, פלעגט איר אויך אָפּגעבן אירע קאָפּעקעס און גריווּעניקעס. איטע האָט געטײַנעט: „איך דארף קיין געלט ניט. געלט מאכט קאליע דעם מענטשן. א מענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך רײַכקייט, איז א קראנקער מענטש... כאָכמעס! אָט דאָס איז א זאך! לײַטישקײַט, גוטסקײַט, — אָט וואָס עס פעלט אונדז אָפּט. דאָס אָבער קאָן מען ניט אנטלײַען אָדער אויסבעטן בא א צווייטן. דאָס מוז זײַן אינעם מענטשנס הארץ.״

ווען מע פלעגט בא איטע דער דריטער פרעגן, ווו האָט זי עס געהערט אזוינע דיבורים, פלעגט זי ענטפערן, באזונדערס דעם טאַטעשקעס אירן:

— איך האָב דאָס אויסגעלייענט פון א בוך, וועלכן דו האָסט אפן לעבן ניט געהאַלטן אין דײַנע הענט.

— פון א בוך, הייסט עס? און וואָס פאַר א שויטע האָט עס אים אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ, דעם מעכאַבער, הייסט עס, וואָס פאַר א דיבעק האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז געלט מאַכט קאַליע? וואָס וואָלט, אַשטייגער, געווען פון דער נאַרישער וועלט, ווען עס זאָל, כאָלילע, ניט זײַן קיין געלט? ווען דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער צום אַלעם ערשטן געזאָגט צו אָדעם אַרישענען: „היט אָפּ יעדע קאָפּעקע און זע, דערלאָז ניט, אַז כאַווע, דײַן פּלוינעסטע, זאָל עס צעטערענצלען אָף רעכטס און אָף לינקס. אָף געלט שטייט די וועלט — אַזוי זאָגט דאָס גלײַכוואָרטל!

איטע האָט זיך געהאַלטן בא אירס: א מענטש, וואָס לייגט אַײַן וועלטן און יאָגט זיך נאָך געלט, פאַרגעסט אָפּט אינעם איקער פונעם לעבן, וואָס זשע איז דער איקער? כאָכמע און גוטסקײַט!

פּונקט אין דער מינוט, ווען בערל האָט געבעטן דעם גמילעסכעסעד, האָט זיך טאַקע אין קיך אַרײַנגעשטעלט איטע די דריטע. צו בערלען פלעגט זי זיך מער פון אַלע אירע שוועסטער באַציִען מיט ניט פאַרשטעלטער איראָניע. זי פלעגט אים, כאָלילע, ניט באַליידיקן מיט א קרום וואָרט, נאָר פאַר איר איז ער געווען א גראָבער יונג, וואָס האָט אפן לעבן ניט געצומען קיין ביכל אין האַנט, וואָס פלעגט האַלטן אין איין שפּילן אין קאָרטן מיט די דאָר־פישע כעוורע אין דער באַרימטער שפּיל „דוראַטשאָק” און אַמאָל טאַקע אין אַן איין־און־צוואַנציק אויך. און בעפיירעש אָף געלט.

— ווי קומסטו עס פלוצעם צו אונדז אין קיך? — האָט זי אים א פרעג געטאָן.

— וואָס איז דער כילעק, אין קיך צי אין אַלקער? — ניט דאָס איז דער איקער!

— אין וואָס זשע איז דער איקער?

— אינעם גמילעסכעסעד, איטעניו...

— נו, איז קאָן זי דיר ניט אָנטלײַען? זי איז דאָך בא אונדז אַנגעשטאָפּט, די גווירנטע. ווען איך האָב, וואָלט איך דיר גראָדע ניט אָפּגעזאָגט. מיסטאָמע נייטיקסטו זיך, אויב דו ביסט שוין געקומען.

— אָט דאָס איז דאָך די צאָרע, — האָט בערל טיפזיניק געזאָגט, — דער, וואָס האָט, איז אַמיינסטן קאַרג און כאַפּט זיך ניט טאָן קיין טויווע.

די ווערטער האָבן מאַניען מאַמעש אָפּגעבראַכט. זי האָט אויסגעווישט די הענט, פאַר־שאַרט די האָר, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אָף איר נידעריקן שטערן, און דערלאַנגט פונעם בוזעמקעשענקעלע, וואָס זי האָט קונציק אײַנגענייט אין איר וואַכעדיקער קאָפטע, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן, איר גלאַנצנדיק טײַסטערל.

— נאָ! און מיין ניט, אַז איך בין אַזאַ, ווי אונדזער איטע־דריטע שטעלט מיך פאָר. קיין וועקסל און קיין פּראָצענט וועל איך בא דיר ניט נעמען... איך אַנטלײַ עס דיר אָבער מיט איין טנײַ: זאָלסט מיט מײַן געלט ניט שפּילן אין קאָרטן.

— און פאַרגעס ניט, אַז דאָס איז א טייל פון איר נאַדן, — האָט זיך איטע אָנגערופן מיט א שמייכל, — און קיין נאַדן־געלט טאָר מען ניט פאַרשפּילן.

זאָל עס הייסן, אַז עס איז א מין אָנדײַט און זי ווייסט שוין אויך וועגן זײַן שפּיל מיט די פאַרביסענע קאַרטיאָזשניקעס? — האָט בערל א טראַכט געטאָן.

— האָב קיין יעסורים ניט, איך דאַרף עס צוליב גאָר א וויכטיקן איניען.

— אַשטייגער, וואָס פאַר אַן איניען?

— מיר קלײַבן זיך עפּענען א קליייטל אין אונדזער ווינקל...

— אַזוי גאָר די מײַסע, — א קלייטל?!

— פון עפּעס דאַרף מען דאָך אָנהייבן... דײַן טאַטע, לעמאָשל, איז אויך ניט מיטאָמאָל געוואָרן א גוויר.

— מײַן מאַמע האָט אים באַזאָרגט מיט א פײַנעם נאַדן.

— אַז גאָט וועט וועלן, וועלן מיר יאַקאָס אויך ניט פאַרפאַלן ווערן.

— דו פאַרופסט זיך שוין אויך אָף גאָט, בערל? — האָט אָף אים איטע־דריטע א קוק געטאָן אַזוי, ווי זי איז געוווינט צו קוקן אָף אַלעמען, וואָס זײַנען איר ניט צום האַרצן. זעט אויס, פון די ביכלעך, וואָס זי האָט שוין באַוויזן איבערצולייענען, האָט זי זיך אויסגעלערנט פאַראַכטן די געמאַכטע גאָטספאַרכטיקײַט און אַלע די, וואָס פאַרופן זיך אָף גאָטס יוישער. מער פון אַלץ האָט איטע פײַנט געהאַט איר טאַטנס פרומקײַט, זײַן שטענדיקן געשפּרעך מיט

גאָט, וואָס לעבט אייביק דאָרט אין זײַנע פּאַרשטעלטע הימלען. אַז אַלץ איז באַ זיי געבויט אַף ליגן און פֿאַלשקייט. אַ מענטש, וועלכער האַלט זיך אין איין שווערן, האָט אין זיך קיין וואָר וואָרט — אין דעם איז איטע טיף איבערצײַגט!

בערל האָט גענומען דעם קנאַפּן גמילעסכעסעד. איטען האָט זיך געדאַכט, אַז די האַנט האָט באַ אים געציטערט, ווי באַ דעם אַלטן פּאַרעץ, וועלכער פֿלעגט אַמאָל באַזוכן עליע קויפּמאַנס קלייט און מיט ציטעריקע הענט איבערצײַלן די „זדאַטשע", וואָס ער פֿלעגט באַקומען פֿון אַ זילבערנעם רובל.

בערל איז געגאַנגען מיטן פּאַרשנייטן געסל צו זיך אין שטוב, ווו עס האָט אַף אים געוואַרט די פֿאַרווײַנטע לייע. מיט וואָס נאָך האָט זי געקאָנט אויסלאָדן איר ביטער מאַזל, איר אומגעריכטן אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפֿן אַפֿן גלײַכן וועג.

ליזעטשקע, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעלערנט וואַרפֿן אַף קאָרטן, ווי אַן עמעסע ציגײַנערן, האָט פֿאַנאַנדערגעלייגט דאָס טעשל אַפֿן קווייטלדיקן טישטעך און האָט זיך געסטאַרעט פֿאַרויסזאָגן, וואָס עס דערוואַרט דער יונגער פֿרוי פֿון קאַזשומיאַקי, וועלכע האָט זיך פּלוצעם דערפֿילט אַזוי פֿרעמד און עלנט, ווי אַ קווייטל, וואָס עמעצנס אַ פֿרעכע האַנט האָט אַראָפּגעריסן פֿון אַ בליִענדיקן קוסט און אַ שלײַדער געטאָן אינמיטן וועג און אַ שווערע ראָד פֿון אַ סקריפּענדיקן וואָגן האָט זי אײַנגעטאָפּטשעט אין דער קלעפּנדיקער ערד. אָך, ווי עס האָט איר, לייען, איצט געפֿעלט די טײַערע כאַוועריטע אירע, נאַסטיע! זי וואָלט איר געוויס געגעבן אַ קלוגע אייצע, וואָס זי דאַרף טאָן אין איר וויסטער לאַגע. נאָר נאַסטיע אין איצט ערגעץ ווייס־איך־ווו, אין דער גרויסער שטאָט — זי שטעלט זיך גאָר ניט פֿאָר, ווי לייע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ צאָרע.

ווען די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן, האָט לייע זיך אופֿגעכאַפּט, ווי פֿון אַ שווערן שלאָף. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אַף איר שיינעם מאַן. פֿונעם פּראָסט איז ער געוואָרן נאָך שענער, ווי פֿריִער, און פּונקט ווי גאָר וואָלט ניט געווען געשען, האָט ער צו איר פֿריילעך אַ זאָג געטאָן:

— איז וואָס זשע האָט דיר אויסגעלייגט אַף אירע קאָרטן מײַן טײַערע שוועסטער?

— קיין ליגן האָט זי איר יעדנפֿאַלס ניט געזאָגט...

— אַזוי צי אַזוי, נאָר לייג איר ניט אויס, ווי אַ קאַנאָוואַל — אַלץ וועט זײַן גוט! דאָס זאָג איך דיר!

און באַ די לאַזעבניקעס אין שטוב איז ווידער ליכטיקער געוואָרן פֿון בערלס גוטמוטיקן פֿריילעכן שמייכל. אַזוי ווערט ליכטיק און פֿריילעך נאָך אַ שטורעמדיקן רעגן, ווען עס באַווײַזט זיך די זון אינעם אויסגעלײַטערטן הימל. אָך, ווי לייע דעם כאַזנס טאָכטער האָט זיך עס געגנייטיקט אין אַזאַ הימל! אַז פֿון זינט זי געדענקט זיך, איז ער איבער איר געווען אַ גראָוער, אַ פֿאַרווײַנטער, ווי די מאַמע אירע, גיטל די כאַזנטע. און פֿאַרוואָס קומט עס איר אַזוינס! גוואַלד, פֿאַרוואָס? ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די ערד און דעם הימל, האָט ער דאָך מינאַסטאַמע ניט אין זינען געהאַט, אַז איינעם זאָל זײַן גוט און אַ צווייטן ביטער, אַז פֿאַר איינעם זאָל די זון שײַנען און וואַרעם זײַן, און פֿאַר איר, פֿאַר דער אויסגעהאַרעוועטער געוועזענער דינסט, זאָל די זון זײַן פֿאַרהאַנגען מיט אַ קויטיקן פֿאַרטעך, אָדער מיט אַזאַ פֿעלעכל, איבער וועלכן עס פֿלעגן זיך אַמאָל אײַנבויגן אינדרײַען אירע ברידער, די האָרבאַרניקעס. זעט אויס, דעם עלטערן ברודער אירן, בענטשיקן, איז דאָרט אין דער פֿאַרשיקונג פּונקט אַזוי אַפֿן האַרצן, ווי זײַן שוועסטער לייע און עפּשער נאָך שווערער. זי האָט אַ טיפֿן קרעכץ געטאָן און זיך גענומען שטעלן דעם סאַמאָוואַר, וועלכן זי האָט געבראַכט מיט זיך אַלס געשאַנק צו איר כאַסענע, אַ געשאַנק פֿון סאַרען, איר געוועזענער באַלעבאָסטע, אַ געזונט איר אין די ביינער! זי איז אויך ניט איבעריק גליקלעך.

דער מויכערספּאַרימניק

צו צאָרעס, זאָגט מען, ווערט מען צוגעוווינט... נאָר ס'אַ סוואָרע, אַז דאָס ווערטל האָט צוגעטראַכט אַ מענטש, וואָס האָט קיין גרויסע צאָרעס ניט פֿאַרזוכט. לייעס לעבן באַ די לאַזעבניקעס איז אויסערלעך געווען ניט ערגער און ניט בעסער, ווי באַ אַ סאַך אַנדערע. ציפֿורע האָט זיך צו איר באַצויגן, ווי צו אַן אייגן קינד און עפּשער נאָך בעסער. ליזע האָט אויך אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז מיט אַזאַ קאָשערער נעשאָמע, ווי לייע, דאַרף זי זײַן גוט און צוגעלאָזט. בערל? ער איז צאַרט געווען מיט איר... זיך ניט דערוועגט אופֿהייבן דאָס קאָל, אַ געשרייַ טאָן, ווי עס טרעפֿט אַמאָל באַ אַנדערע, ניט געשאַפֿט זיך מיט איר — מײַסע באַלעבאָס פֿון שטוב, ווי דער פֿעטער עליע קויפּמאַן, לעמאָשל, שאַפֿט זיך מיט דער גראָבער מומע

כיניע. בערל האָט זי צײַטנווײַז גערופן לייעלע. דאָס האָט שוין ליזעטשקע גאָר ניט דער־ווארט פון אים, דעם גראָבן יונג, ווי זי פלעגט אים אָפּט רופן. עמעס, ער האָט ניט אלעמאָל ארויסגעוויזן זײַן פארליבטקײַט אין דער אַנוועזנהײַט פון זײַטיקע מענטשן, ניט געהאלדזט זיך, ניט געקושט זיך, ווי אנדערע דערלויבן זיך עס. לייע האָט גראדע געפילט, אז זי איז אים צום הארצן, מע וואָלט געקאָנט אפילע זאָגן, אז זיי זײַנען פון גאָט אליין א פּאָר. אלץ, אלץ וואָלט גוט געווען, ווען גאָט וואָלט אים, איר שיינעם מאן, ניט געשטראָפט מיט דער שוואכקײַט צו די קאָרטן. בא בערלען איז דאָס שפּילן געווען דאָס וויכטיקסטע אינעם לעבן. ווען עס פלעגט קומען דער פארנאכט — און אין די פּאָלעסיער קאַנטן קומט ער אָן גאָר פרי, באזונדערס אום ווינטער — פלעגט זיך בערל ניט געפונען קיין אָרט; צוזעענדיק, ווי ער מאטערט זיך, ווי ער פּײַניקט זיך, פלעגט אים לייע אליין זאָגן:

— גיי שוין, גיי — מע וואַרט דאָרט אָף דיר...

און בערל פלעגט אוועקגיין אָן א זײַגעזונט, און זי, לייע, פלעגט זיך זעצן מיט דער שוויגער פליקן פעדערן. צו דעם האָט זיך לייע ניט געדאַרפט צוגעוווינען. פונקט ווי די מאמע אירע, גיטעלע די כאזנטע, וועלכע האָט געהאט דיניניקע פלינקע פינגער און האָט אין מעשעך פון א פארנאכט אָנגעפליקט א גרויסע זיפּ פעדערן, אזוי האָט אויך לייע גיך־גיך געפליקט, מורמלענדיק דערבײַ איינע פון אירע באליבטע לידער.

דאָרט, אין קאַזשומיאקי, האָט לייע אויך געפליקט פאר איר באלעבאָסטע, פאר דער אונ־טערוואַקסנדיקער בלימעלע, און דאָ, אין ליסאָווע, האָט לייע מיטגעהאָלפן ציפּוירען פאר־גרייטן גוט בעטגעוואַנט פאר ליזעטשקען, וועלכע וועט, מירצעשעם, אויך באַדאַרפן, ווען זי וועט אין א גוטער שאָ ווערן בא זיך א באלעבאָסטע. עס גייט דאָך דערצו — נאָך א יאָר און נאָך א יאָר, און מע וועט זי דאָך געוויס אויסכאַפּן!

אין איינעם א פארנאכט, זיצנדיק בא דער זיפּ מיט פעדערן, האָט לייע פלוצעם א זינג געטאָן דאָס לידעלע „לאָמיר זיך איבערבעטן”. ציפּוירע האָט אויך ליב געהאַט אָט די ליד, באזונדערס די ווערטער:

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטיי ניט בא דעם פענצטער —
לאָמיר זיך איבערבעטן
ביסט בא מיר דער שענסטער!

נו, פארשטייט זיך, לייע זינגט די ליד, ווײַל איר בערל איז טאַקע דער שענסטער אָף דער גאָרער וועלט! ציפּוירע פלעגט אויך דערמאָנען זיך אין א ליד, שוין גאָר אָן אלטער, נאָר לייע האָט זי אויך געקענט, האָט זי איר אונטערגעצויגן. דאָס פינפער לעמפּל איז, ווי גע־וויינטלעך, צוגעדרייט — גאז דאַרף מען אויך שפּאָרן און קיין סאך ליכט אָף צו פליקן דאַרף מען דאָך ניט — זיי האָבן דאָס געטאָן געניט מיט צוגעמאַכטע אויגן. ליזע פלעגט אונטערדרייען דעם קנויט, ווען עס איז איר אויסגעקומען עפּעס צושנײַדן, אָדער דרינגענד פארענדיקן — א בלוזקעלע, צי א קליידל פאר אירע דאָרפישע באַשטעלערנס. אין דאַרף האָט מען שוין געוווּסט וועגן דעם, אז ליזעטשקע דעם קאַסירס האָט א פּאָר גאָלדענע הענט.

— ווו האָט זי זיך עס אזוי אויסגעלערנט?! — האָט מען זיך געכידעשט.

— בידא נאַוטשישיט! אז מע האָט אזא קאָפּ אָף די פּלייצעס, איז דאָך ניט שײַעך!

ווען ציפּוירע האָט זיך אומגעקערט פון אירע קרוויוּים, וועלכע האָבן איר אַנטליִען א ביסל געלט, קעדיי עפּענען א קליין קרעמל, האָט זי זיך מעיאַשעוו געווען און איינעם מיט איר בערלס עטלעכע רובל זיך אראָפּגעכאַפּט קיין פּאַסטעוו, אײַנגעקויפט א ביסל סכוירע. עס האָבן זיך געפונען עטלעכע סאָכרים, וועלכע האָבן איר געטרויט, געגעבן איר אָף באָרג מיט איין טנײַ, זי זאָל ביסלעכווײַז אויסצאָלן, ווידער נעמען א ביסל קראָם און ווידער אויס־צאָלן — וואָס טוט מען ניט צוליב אזא פּײַנער אלמאָנע! דערצו איז דאָך דער גאָרער וועלט באַוווּסט, אז אָף צוטרוי האַלט זיך די קאָמערציע.

ציפּוירע האָט זיך געסטאַרעט ניט ארויסלאָזן פון אירע הענט דאָס ביסל אײַנגעלייגטע געלט, ניט צוגעלאָזט צום שופלעד בערלס קלעפּיקע פינגער. זי האָט שוין געוווּסט פון איר גרויסן אומגליק, די מײַסע מיטן נאַדן, וואָס איז אין מעשעך פון איין נאכט אנטרונען גע־וואָרן. מע האָט זיך געסטאַרעט ניט ריידן וועגן דעם — צוריק ווערסטו דאָך ניט אומקערן דאָס ביטער פארהאָרעוועטע געלט.

ווען בערל פלעגט אויסשפּילן עטלעכע קערבלעך, פלעגט ער זיך אומקערן אהיים א באַפליגלטער, א פריילעכער, אומגעריכט פלעגט ער ארומנעמען די מאמע, זי קושן און

טרייסטן. לייען וואָלט בעפּיירעש ליבער געווען, ווען ער נעמט אויך זי ארום, ווי עס טרעפט בא אנדערע. נאָר בערל האָט בא זיך איין מאָל פאר אלע מאָל באַשלאָסן, אז א ווײַב טאָר מען ניט באַלעווען! א ווײַב דאַרף שטענדיק געדענקען, אז זי איז א ווײַב. בערל האָט געהאַט פון וועמען זיך נעמען א מוסטער — דער פעטער, עליע קויפמאַן, מיט זײַן פלוינעסטע כיניע! אײַ לייע איז ניט כיניע — דאָס מאַכט ניט אויס. בערל האָט געוווּסט פונעם פעטערס קלאַל: וואָס ווייניקער מע איז צוגעלאָזט צו דעם ווײַב, אלץ גרעסער איז דער אָפּשײַ, שטאַרקער די ליבע.

עס איז שוין אוועק דער ווינטער מיט די פרעסט און מיט די פּאַלעסיער שנייען, וואָס אז זיי טוען א שיט, איז עס שוין אַף לאַנג, נאָר אלץ איז פאָרט ביז א צײַט. אָט איז שוין דער ליבער פרילינג געקומען. פאר אירע מיידלשע יאָרן האָט זי גאָר ווייניק פאַרגעניגן געהאַט פון די פרילינגס, דאָרט, אינעם איפּעשדיקן קאָזשומיאַקי, אז דער רייעך פון די זאָלניעס פלעגט פריטשמעליען אלע שענסטע רייכעס, וועלכע עס ברענגט געוויינלעך דער פרילינג אַף דער וועלט. אינעם דאָרף ליסאָווע איז דער פרילינג גאָר אַן אנדערער. דער פרילינג אין ליסאָווע טוט אָן אלץ ארום אין נײַע קאָלע־קליידער. די סעדער ווערן באַשאָטן מיט צוויט און שמעקן אזוי, אז מע קאָן פאַרשיקערט ווערן, גאָר ניט אזוי ווי אינעם שטעטל פון איר קינדהײַט, ווו יעדער ליאַדע ווינטל טוט א הייב אוף די זויערע רייכעס פון די טשינבאַרניעס. דאָ, אין ליסאָווע, ווערט מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן דער מינדסטער שפּור פונעם ווינטער, די צעאַקערטע ערד פון די ארומיקע גערטנער, וואָס האָט אזוי געבענקט נאָך דער פרילינג־וואַרעמקײַט, הייבט אָן אָטעמען מיט אזא צופרידנקײַט, אז עס איז א פאַרגעניגן צו שפּירן, ווי מיט יעדער טאָג ווערט זי גרינער און לעבעדיקער. אפילע די זון שטייט דאָ אוף פריִער און נעמט זיך שפּילן מיט די טראָפּנדלעך זילבערנעם טוי, וואָס בלישטשען, ווי די טײַערסטע שטיינדלעך אין סאָרע דער נעגידעסטעס אויערינגלעך.

לייע איז דאַפקע קיינמאָל איר ניט מעקאַנע געווען אַפּן צירונג — אַף די פינגערלעך און אויערינגלעך און דעם גאָלדענעם קייטעלע מיטן מעדאַליאָן, וואָס ליגט אזוי שיין אַף איר געטאָקטן האַלדז. וואָס טויגן זיי איר, לייען? פאר וועמען וועט זי זיך מיט זיי אויספּײַנען אָדער באַרימען? נאָר אלע מאָל, ווען לייע פלעגט זיך אופכאַפּן פאַרטאָג — בא ציפּוירען שלאָפט מען ניט שפּעט! — און ארויסגיין אינעם שמעקנדיקן דרויסן, פלעגט זי דאָך פאַרגלײַכן דעם טוי מיט די דימענטן, וואָס האָבן אזוי געפּאַסט סאָרען, לייעס באַלעבאָסטע.

ציפּוירעס שטוב שטייט באַם סאַמע ברעג טײַך, וועלכער פליעסקעט זיך געלאַסן און רופט מאַמעש צו זיך. ארום דער שטוב איז פאַראַנען א גערטנדל, אין וועלכן ליזע האָט זיך ליב פאָרען. לייען איז אויך ליב נאָכצוקוקן, ווי פון ברעקעלעך זוימען וואַקסן אויס אזויפיל געשמאַקע זאַכן. און כאָטש זי איז שוין געווען אין די הויכע כאָדאָשים, האָט זי זיך באַגלײַך מיט ליזען געבייגט צו דער ערד, צו די בייטן, ווו עס זײַנען אופגעגאַנגען רעטעכלעך און ציבעלקעלעך, מייערן און בוריקלעך...

— זע נאָר! דו קאָנסט דאָך אויך, — האָט ליזע געלויבט די קאָזשומיאַקער שוועגערן, — איר האָט דען אויך געהאַט א גאָרטן?

— מיר? — האָט לייע אויסגעגלײַכט דעם רוקן, — מיר ניט, נאָר בא אונדזערע שכיינים, בא דעם דיאַטשאָק, לעמאָשל, באַם אוריאַדניק זײַנען געווען היפּשע גערטנער און סעדער. נו, און בא מענדל דעם מאַגנאַט איז דאָך אויך געווען א שטיקל גאָרטן.

ס'הייסט, אז מע וויל, געפינט מען ווו צולייגן א האַנט!

לייע האָט זיך געסטאַרעט ניט אַנטפּלעקן דעם סאָד פון איר צעניאָריקער אַרבעט בא מענדל דעם לעדער־זאַוואָדטשיק. ס'איז איר א ביזאָיען געווען אופּצומישן די טרויעריקסטע בלעטלעך פון איר לעבן, כאָטש אויב גוט א טראַכט טאָן, איז איר איצטיק לעבן געווען ניט אַף א סאַך פריילעכער און גרינגער.

„גוואַלד, גוואַלד, — האָט לייע געטראַכט אין די אָפּדערנאַכטן, ווען בערל פלעגט זי איבערלאָזן אליין מיט אירע ביטערע מאַכשאָוועס, — פאַרוואָס קומט עס מיר? שוין זשע האָב איך מיט עפּעס פאַרזינדיקט בא אים?!"

ליגנדיק אין זייער אַלקערל און וואַרטנדיק ביז בערעלע וועט זיך אומקערן פון זײַן קאָרטנשפּיל, פאַרשאָלטן זאָל זי ווערן, גאָטעניו הארציקער, האָט זיך לייע ניט איינמאָל באַוואַשן מיט טרערן. דעריקער איז איר ביטער געווען, וואָס זי האָט ניט געהאַט צו וועמען האָבן א טײַנע; דער סקווירער שאַדכן האָט דאָך געוויס ניט געמיינט איר פאַרקירצן דאָס לעבן. נו, און די מאַמע? זי האָט דען געוואָלט וואָס גיכער אַרויסשטופּן זי פון שטוב, אבי פּאָטער ווערן פון איר, ווײַל עס האָבן דאָך געוואַרט אַף זייער ריי די ייִנגערע שוועסטערלעך איידל און סאָניע, וועלכע זײַנען שוין אויך צײַטיק געוואָרן, נאָר האָבן אפילע ניט געקאָנט

טראכטן וועגן כאסענע האָבן, ביז זי, די עלטערע, וועט ניט פארקנאסט ווערן. עפשער טאקע צוליב דעם, די שוועסטער אירע זאָלן ניט בלײַבן קיין פארזעסענע, האָט זי זיך אָנגעכאפּט אינעם שידעך. זי האָט געהערט, אז אזוינע ווי זי, אָרעמע יעסוימים, גיט מען אָפּ פאר אַן אלטן אלמען, אָדער א קראנקן ליידיקגייער, וואָס זיצט גאנצע טעג אין דעם בעסמעדרעש, „לערנט" א בלאט געמאָרע און דאָס ווײַב מוז נעבעך זיך אײַנשפּאנען אינעם יאָך און האָדעווען אים און די יאָרשים זײַנע.

און עפשער, ווען זי זאָגט זיך אָפּ, ווען זי זאָגט — ניין, וואָלט איר גאָט צוגעשיקט עפּעס בעסערס? דער אומגליק איז אָבער געווען אין דעם, וואָס זי האָט אים, בערעלען, מיטאמאָל ליב באקומען, צוגעזאָטן געוואָרן צו אים. עפשער דערפאר טאקע האָט לייע אָנגעהויבן פײַנט האָבן די שוועסטער ליזע, וועלכע פלעגט זען אין אים נאָר דאָס שלעכטע און שפּרינגען אים אין פּאָנעם, אים אָנרופן מיט די לעצטע ווערטער.

לייע האָט זיך ניט געקאָנט צוגעווינען צום געדאנק, אז ליזע מיינט דאָך טאקע איר, לייעס טויווע. ליזע האָט שוין באצײַטנס ראכמאָנעס געהאט אפן נעפעשל, וואָס דארף אײַנגיכן געבוירן ווערן.

און דאָס נעפעשל האָט טאקע ניט געלאָזט אָף זיך לאנג ווארטן. פּונקט ערעוו יאָמקיפּער האָט עס זיך באוויזן אָף דער וועלט — א רויטס, א שרײַענדיקס, קיין אײַנהאָרע ניט, א געזונט ייִנגעלע מיט שיינע גאָלדענע הערעלעך און ליכטיק־בלויע אויגן, פּונקט אזוינע, ווי בא לייזער דעם קאסיר, אים צו לענגערע יאָר.

לייעס ערשטלינג האָט מען געגעבן דעם ליכטיקן נאָמען לייזער. ווי דען, זאָל דעם זיידנס נאָמען ניט פארגעסן ווערן.

די קימפּעטאָרן איז געלעגן אָף דער ווייכער איבערבעט, די געקרײַזלטע האָר אירע האָבן זיך צעשאָטן אפן הויכן צוקאָפּנס. דאָס קינד לעבן איר פארוויקלט אין א ווארעמער שאל. ס'איז שוין געווען שפּעטער הארבסט, פּאָלעסיער הארבסט. עס האָבן גענומען גיסן געדיכטע רעגנס. אָף די ניט גאָר הויכע פענצטער פון ציפּוירעס ווױנונג זײַנען געפּלאָסן לאנגע שנירעלעך טראָפּנס, ווי עמעצער וואָלט זיי אָנגעסילעוועט אָף דינינקע שפּיזלעך. זעלטן־ווען די זון פלעגט זיך ארײַנכאפּן אינעם האלב־טונקעלן צימער, נאָר לייזערל, דאָס הילכיק־שרײַענדיקע נעפעשל, האָט פארביטן לייען די זון מיט אירע ווארעמסטע שטראלן. לייע איז איבערצײַגט געווען, אז מיט זײַן קומען אָף דער וועלט וועט זיך איר לעבן ענדערן צו בעסערס. און טאקע! בערל האָט אפילע אופגעהערט אלע פארנאכט אנטרונען ווערן, ער האָט אָנגעהויבן שאנעווען זײַן לייען, שטיין בא דער מולטער, ווען זי און ציפּוירע — די גליקלעכע באבע, און אמאָל אויך ליזעטשקע, פלעגן צוזאמען באָדן דאָס קינד; בערלס פּאָנעם האָט געשײַנט פון גליק, אים האָט זיך געדאכט, אז דאָס קינד דערקענט אים שוין און שמייכלט צו אים.

זאָל זיך די שוועסטער ליזעטשקע ריידן וואָס זי וויל, נאָר בא לייען איז בערל געווען אזוי ליב, ווי דאָס קינד, און קיין שום כעסרוינעס האָט זי אין אים ניט געזען און ניט געוואָלט זען. איר האָט זיך געדאכט, אז צוליבן קינד איז בערל לאזעבניק געוואָרן ניט צו דערקענען. ווען עמעצער האָט צופעליק אַן עפן געטאָן די טיר בעשאסן באָדן דאָס קינד, פלעגט זיך בערל צעשרײַען:

— איר וועט מיר פאַרקילן דאָס קינד!

און אז עמעצער האָט געוואָלט א קוש טאָן דאָס נעפעשל, האָט אים בערל אָפּגעשטויסן:

— קושט אײַך די מעזוזע און טשעפּעט ניט דאָס קינד!

א קוק טאָן אָף ציפּוירעס אייניקל איז געקומען אויך די מומע כיניע, וועלכע איז גראָדע ניט געווען קיין אָפטער גאסט בא די לאזעבניקעס. דאָס קינד איז איר בעפּיירעש געפעלן געוואָרן, נאָר בעסער וואָלט עס געבוירן ווערן בא איינער פון אירע טעכטער און ניט בא דער געלער קאָזשומיאקער קראסאוויצע.

אין ליסאָווע פלעגט זיך אלע פרײַטיק ארײַנכאפּן אָף א פּאָר שאָ רעב כאצקל דער מויכערספאָרימניק — אַן אלטער ייִד מיט א שיטער בערדל און מיט אַן אָנגעבראָכענער בריל, וועלכע ער פלעגט אראָפּנעמען נאָר אָף נאכט און געהייסן האָט בא אים די בריל — „מײַן פענסנע". די פענסנע האָט אים געמאכט כאָשעווער — אזוי האָט ער געמיינט. אָן דער פענסנע וואָלט ער מיסטאמע געווען ענלעך צו אלע ייִדן פון זײַן גלײַכן און עלטער, און אזוי האָט ער געמאכט אַן אײַנדרוק פון א געלערנטן, פון א פּראָוויזער, צי א דאָקטער — אזוי האָט ער געמיינט, דער אלטער.

כאצקל האָט געצויגן זײַן פארנאָסע דערפון, וואָס ער פלעגט ארײַנברענגען אין די ארוימיקע דערפער און שטעטלעך עטלעכע ביכלעך, און אויך צעשארפּעטע זשורנאלן, אין וועלכע

עס זײַנען אָפּגעדרוקט גאָר־גאָר טשיקאַווע געשיכטעס, וואָס נאָר בא אים, דעם געטרײַען מויכערספּאָרימניק, קאָן מען עס קריגן. דאָס זײַנען געווען האַרצרײַסנדיקע געשיכטעס און ראָמאַנען, אין וועלכע עס ווערן באַשריבן פיל גליקלעכע און אומגליקלעכע פאַרליבטע.

— איין זאַך דאַרפט איר קלאָר וויסן, — האָט ער זיך געקראַצט דאָס שיטערע בערדל, — אַז וואָס בעסער עס איז דער סייפער, מער לייענט מען אים. און אַז מע לייענט אים, ווערט ער אָן דעם אויסזען, אָבער צום פאַרגעניגן, וואָס ער פאַרשאַפט, האָט עס ניט!

דער מויכערספּאָרימניק האָט זיך קיינמאָל לאַנג ניט פאַרהאַלטן אין ליסאָווע, ווײַל נאָר אין צוויי שטיבער האָט ער געהאַט זײַנע שטענדיקע קוינים און לייענער, וועלכע פלעגן אים באַצאָלן עטלעכע גראָשן דערפאַר, וואָס ער פלעג איבערלאָזן א בוך צי א פּאָר זשורנאַלן אויף א וואָך צײַט. דאָס זײַנען געווען האָדלעס און איטעלע, רעב עליע קויפמאַנס טעכטערלעך, און שײַע דער אַלטער גלעזער, וועלכער האָט ליב געהאַט אום שאַבעס ארײַנקוקן אין א סייפער.

האָדל האָט געהאַלטן פון די בײַלאַגעס צום זשורנאַל „ניוואַ” — אַמייניסטן פון יענע, אין וועלכע עס זײַנען געדרוקט געווען די דערציילונגען פון טורגעניעוו און פונעם גראַף טאָל־סטאָי.

— דו לייענסט און לייענסט, — האָט געטײַנעט כיניע די גראָבע, — און עפּעס זע איך ניט, דו זאָלסט אויף א האָר קליגער ווערן. לייע די קאַזשומיאַקער לייענט דאָפּקע ניט און זעסט דאָך, איר האָט מער אָפּגעגליקט.

יאָ. לייע האָט ניט געקאָנט לייענען, נאָר וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? וואָלט כאָטש בערל, איר מאַן, ווען־ניט־איז ארײַנגעקוקט אין א ביכל, וואָלט ער איר עפּשער איבערדערציילט, וואָס דאָרטן ווערט באַשריבן, האָט איר גראָד אין דעם ניט אָפּגעגליקט. ס׳הייסט, לייענען קאָן ער דאָפּקע יאָ, און דער קסאַוו איז בא אים זייער א גראָטענער. ער, אַז ער צעשרײַבט זיך, איז א פאַרגעניגן צו קוקן. נאָר לייענען — דאָס ניט! וויפל כאַצקל דער מויכערספּאָרימניק האָט מיט אים ניט אײַנגעטײַנעט, אַז א מענטש אָן א סייפער איז געגליכן, לעהאַוודל, צו א פערד, האָט זיך בערל געהאַלטן בא זײַנעם: די ביכלעך פאַרדרייען נאָר דעם קאָפּ. פונדעסט־וועגן, ווען כאַצקל פלעגט זיך באַווײַזן אין ליסאָווע, האָט מען שוין געוווּסט, אַז ער וועט זיך אומבאַדינגט ארײַנכאַפּן צו ציפּוירע דער אַלמאָנע. כאַצקל איז אַן אַלמען, מע האָט אים דאָפּ־קע גערעדט א שידעך מיט איינער ביז גאָר א פײַנער פרוי, וואָס איז נעבעך געבליבן א פאַרזעסענע און וואָלט גערן געוואָרן כאַצקלס פלוינעסטע, נאָר ער האָט מוירע געהאַט, זי זאָל אים ניט פּאַטערן דאָס לעבן. זײַן ברושקע, אָלעוווהאַשאָלעם, זײַן צאַדייקעס, וועט זי אים דאָך זיכער ניט פאַרבײַטן. אָט, זעט איר, ציפּוירע, זי איז אים גראָדע זייער געפעלן! ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס זי האָט א נאָכוויייעניש — צוויי דערוואַקסענע שוין קינדער — מיט איר וואָלט כאַצקל יאַקאָס אויסגעקומען.

בא ציפּוירען פלעגט זיך כאַצקל פאַרהאַלטן מער מיט א ביסל, פּונקט ווי ער וואָלט אַלע זײַנע ביכלעך אויסגעפּאַרקויפט, צי אײַנגעטיילט צווישן די לייענער, וועלכע וואַרטן אויף אים מיט אומגעדולד. ציפּוירע פלעגט שטעלן דעם סאַמאָוואַר, וואָס האָט אין אירע הענט גע־בלישטשעט, ווי א שפּיגל, און ווי זי וואָלט ניט זײַן פאַרנומען מיט אירע שטוב־אַרבעטן, האָט זי זיך צוגעזעצט צום טיש, לעבן דעם קלוגן גאַסט, דעם כאָכעם, און געשמועסט מיט אים, האַנאָע געהאַט פון זײַנע רייד.

דעריקער האָט זי ליב געהאַט צו הערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ניט ווײַל זי האָט, כאָלילע, דערוואַרט פון דער גרויסער וועלט עפּעס א פאַרגרינגערונג, אָן אויסלייזונג פון איר ביטערער דאָליע. ס׳איז איר סתּם טשיקאַווע געווען צו הערן, ווי עס לעבן מענטשן פון איר, און ניט נאָר פון איר שטאַנד. און ער האָט ליב געהאַט זיך דערפרעגן, וואָס מאַכט זי אין געזונט און ווי גייען אירע געשעפטן. געשעפטן זײַנען געווען בא איר פרײַנטל, עליע קויפמאַן.

— איר שפּעט פון מיר, רעב כאַצקל, צי איר טרײַבט קאַטאָוועסן? — האָט אים ציפּוירע געפרעגט, באַטראַכטנדיק זײַן עטוואָס געהויקערטן שטאַלט און דאָס שיטערע בערדל, וואָס מאַכט אים פיל עלטער, ווי ער איז אפּדערעמעסן.

כאַצקל פלעגט איר אונטערוועגנס אָנדײַטן, אַז אַלץ איז געווענדט אין איר אַליין. זי וואָלט דאָך געוויס געקאָנט אָנהייבן א נײַ בלעטל אין איר לעבן... מיט א פײַנעם מענטשן, מיט א לײַטישן מאַנצבל, לעמאָשל, ווי עס ווערט באַשריבן אין איינעם א ראָמאַן, און דער מויכערספּאָרימניק פלעגט איר אָנהייבן אינקורצן, פאַרשטייט זיך, איבערדערציילן דעם אינ־האַלט פון א ביכל, וואָס ער האָט אָקאָרשט ניט לאַנג איבערגעלייענט אינעם זשורנאַל „ניי־וואַ”... ציפּוירע האָט אים אופמערקזאַם אויסגעהערט, א טיפן זיפץ געטאָן, אָנגעגאָסן אים א

צוויטע און טאקע א דריטע גלאָז שטארק פארפארעטע טיי, אָדער מעכאבעד געווען מיט א הייסער קארטאָפליע און בעפיירעש פונעם אייגענעם גאָרטן. א קארטאָפליע פון אן אייגענעם גאָרטן, וואָס מע באארבעט מיט די אייגענע הענט, האָט טאקע גאָר אן אנדער טאַם!

— וואָס איז שײַעך צו ריידן, רעב כאצקל, — האָט ציפּורירע געזיפצט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אין די ביכלעך איז אלץ זייער פּאָשעט און איינפאך, נאָר וועדליק איך פארשטיי מיט מײַן ווײַבערשן סייכל, זײַנען דאָס בלויז אויסגעטראכטע געשיכטעס און אויסטראכטן קאָן מען וואָס מע וויל. דערציילט מיר בעסער, רעב כאצקל, וואָס הערט זיך אין דער וועלט און ווי האלט עס מיט א נײַער מילכאָמע?

— איר ווארט אף א נײַער מילכאָמע, ציפּורירע־לעבן?

— זי גייט מיר אָפּ, ווי א לאָך אין קאָפּ! נאָר די וועלט רעדט...

— נאט אײַך א קאָפּעקע פאר די ריידן! נאָר א מילכאָמע פעלט אונדז!

— נעסטאָר, אונדזער סאטסקי, האָט מיר ערשט נעכטן א באָמבל געטאָן, אז ער איז זיי־כער: זי וועט אויסברעכן אומבאדינגט און טאקע גאָר גיך!

— ווי קומען צו אים אזעלכע יעדיִעס?!

— אין דער יעוואנגעליע, זאָגט ער, איז אלץ פאָרויסגעזען. דעם גאלעכס זינדל האָט אויך געזאָגט, אז ערגעץ האָט ער געליינט, ווען ער איז נאָך געווען אין דער סעמינאַריע, אז מילכאָמע איז אזא געוויטער, וואָס נאָך אים ווערט ריינער די לופט, און אז רוסלאנד איז אזא מעדינע, וואָס קאָן ניט לעבן אָן מילכאָמעס.

— שפּײַט אים אָן אין פּאָנעם, אײַער גאלעכס זינדל! און וואָס גייט אײַך אָן גאנץ רוסלאנד, ציפּע־לעבן? לאָמיר בעסער טראכטן וועגן זיך...

דאָס איז בעפּיירעש געווען ניט מער ווי א טרייסט. אינדערעמעסן האָט כאצקל אליין אויך געוווּסט, אז אף דער ערד איז ניט אלץ גלאטיק. צו אלע צאָרעס האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרט באוויזן אזוינע הייסע קעפּ, וואָס אלץ געפעלט זיי ניט. זיי וואָלטן זי, די זינדיקע וועלט, געשטעלט מיטן קאָפּ אראָפּ. מע איז ניט צופרידן מיטן קייסער און מיט זײַנע געטרײַע מיניסטאָרן. דעריקער זײַנען זיי צווישן די סטודענטן און טאקע צווישן די ארבעטער אף די זאוואָדן און פאבריקן.

— וואָס זשע פאר א שײַכעס האָט עס צו אונדז, יידן? — האָט ציפּורירע ניט געקאָנט פארשטיין דעם מויכערספאָרימניק. — סטודענטן, ארבעטער... א סאך יידישע סטודענטן האָט איר, רעב כאצקל?

פון דעם מויכערספאָרימניק האָט זיך ציפּורירע דערוווּסט אזוינס, וואָס קיינער, כוץ דעם סטאראָסטע, האָט ניט געהאט די זכיִע צו וויסן. נו, עפּשער נאָך דער סעמינאַריסט מיט די דינע וואָנצעלעך. אזוי, צום בײַשפּיל, האָט ער איר דערציילט, אז עס האָט זיך באוויזן, ווער ווייסט פונוואנעט, אזא שרײַבער, וואָס רופט זיך גאָרקי. ער באשרײַבט דאָס לעבן פון די באָסיאקעס און סטאם אָרעמלײַט...

— וואָס הייסט עס — באָסיאקעס?! און פארוואָס דארף מען זיי באשרײַבן?

— באָסיאקעס זײַנען מענטשן פונעם צוויטן סאָרט אָדער פונעם דריטן.

— ווי קאָן מען עס אײַנטיילן די וועלט אף סאָרטן? וועדליק איך פארשטיי, זײַנען מענטשן — מענטשן, און ווען זיי זײַנען ניט הונגעריק און נאקעט, זײַנען זיי אלע גלײַך, כוץ, פארשטייט זיך, די נעגידים. מיך, רעב כאצקל, כידעשט, וואָס אזא קלוגער מענטש, א לאַמדן, זאָלט אזוינס ריידן!

דאָס, וואָס כאצקל האָט ציפּורירען דערציילט וועגן די באָסיאקעס און סטאם כעווּרע, וועלכע דערוועגן זיך עפענען דאָס מויל קעגן דעם קייסער, האָט די אָרעמע אלמאָנע זייער אומרויִק געמאכט. ווײַל וואָס וועט זי טאָן, אויב איר בערל וועט זיך, כאָלילע, אָנשטעקן פון זיי. קיין אייגענעם סייכל האָט ער דאָך ניט. און דער סעמינאַריסט, מיט וועלכן ער באגעגנט זיך בא דעם מאָנאָפּאָלשטשיק, ווו ער כאפּט א קערטל, — יענער קאָן אים אראָפּפירן פונעם גלײַכן וועג.

אומגעריכט האָט זיך ציפּורירע דערוווּסט, אז בא איר שנור אין דער מישפּאָכע איז אויך פאראן אזא כאָכעם, א שטיפברודער, וואָס האָט געפרוווּט איבערמאנדערשן די וועלט און איז פארשיקט געוואָרן ערגעץ אין אויסרײַסעניש. און דערוווּסט האָט זי זיך עס פון א בריוו, וואָס לייע האָט באקומען פון איר צוויטן ברודער, וועלכער איז פארבליבן אין קאָזשומיאקי אפן לעדער־זאוואָד. אף דער כאסענע האָט ער זיך געהאלטן זייער באשיידן און האָט געמאכט אן אײַנדרוק פון א שטילער טויב.

אינעם בריוו, וואָס לייע האָט באקומען פון שנייערן, האָט דער ברודער מוידיִע געווען,

אַז בענטשיק, דער פאַרשיקטער ברודער, איז דאַנקען גאָט געזונט און אַז ער האָפט, אַז אים וועט אָפּגליקן און ער וועט זיך אומקערן אַהיים...

לייע האָט זיך גוט אויסגעוויינט. די גאַנצע צײַט האָט זי זיך געסטאַרעט ניט אַרויסצוזאָגן איר גרויסן ווייטעק. שנייער האָט געשריבן אינעם בריוו, אַז בענטשיק האָט אויסגעמיטן די גרויסע סאַקאָנע. לייע האָט ניט געוווּסט, אין וואָס איז באַשטאַנען די סאַקאָנע און ווי ווײַט עס איז אים אָפּגליקן זיך אַרויסצורײַסן פון די ראָצכישע הענט... ערשט אַצינד האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם טאַם פון דער ליד, וואָס בענטשיק פלעגט אַמאָל זינגען, די ווערטער וועגן דעם, אַז אי באַטאָג, אי באַנאַכט היטן אָפּ די וועכטער דאָס פענצטער פון דער טורמע, ווו עס זיצט דער פאַרמישפּעטער... דער פאַרמישפּעטער איז געווען איר טײַערער ברודער בענטשיק.

— וואָס זשע האָסטו די גאַנצע צײַט געשוויגן וועגן דעם גרויסן אומגליק דײַנעם. — האָט ציפּוירע געפּרעגט בא לייען.

— ניט געוואָלט אײַך פאַרשאַפן קיין איבעריקע יעסורים.

— ביסט א קינד, לייעלע! עפּעס זײַנען מיר דאָך פרײַנט!

— און ווען איר וואָלט שוין וויסן פון מײַן אומגליק, וואָלט איר מיר געקאָנט עפּעס העלפן? געגנוג פון אײַערטוועגן די אייגענע צאָרעס, — האָט זי א טיפן זיפץ געטאָן, און ציפּוירע האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, וועגן וואָס די שנור אירע רעדט.

לייע האָט זיך געסטאַרעט ניט שווערער מאַכן דער שוויגער מיט איבעריקע אָנקלאָגעס אָף בערלען, נאָר ציפּוירע איז געגנוג קלוג, זי זאָל אַליין זען, וואָס פאַר א זון עס איז בא איר אויסגעוואַקסן. א מאַמע, זאָגט מען, זעט ניט קיין כעסרוינעס אָף אירע קינדער. נאָר ניט אַזאַ איז זי, ציפּוירע לאַזעבניק.

גיטל די כאַזנטע

אין איינעם א שיינעם פרילינג־פאַרנאַכט האָט זיך אין ליסאָוועו באַוויזן א קליינינשקע פרוי אין א וואַרעמען וואָלענעם טיכל מיט א גאַנץ היפּש פּעקל אונטער דער האַנט. זי האָט געפּרעגט, ווו עס וווינען די לאַזעבניקעס.

— קום, טײַערע, וועל איך דיר באַווײַזן, — האָט זיך אָנגערופן די באַבקע אוליאַנע, וועלכע איז פּונקט געגאַנגען צו לייעטשקען, ציפּע דעם קאַסירס שנור. — קום, קום, איך גיי גראַדע צו דער יונגער מאַמע, א געזונט אין אירע ביינער! און דו ביסט, זיכער, אירע א קרויווע?

— איך בין איר מאַמע.

— האָסטו דאָך ניט געזען איר ייִנגעלע?

— ניט געהאַט דעם זכוס, כ'בין העכער דרײַ כאָדאָשים אָפּגעלעגן אין בעט. ערשט די וואָך זיך קוים געשטעלט אָף די פיס. ווי די וועלט זאָגט: „ווער עס מאָזלט ניט קיינמאָל, און איך, שלימאַזל, צוויי מאָל"... ניט געגנוג פון מײַנעטוועגן דער הוסט, נעמט עס בא מיר אָפּ אויך די פיס. וואָלט כאַטש דער אייבערשטער געשטראָפט די נעגידים, די ראָצכים, שטראָפט ער דאָפקע די קאַפּצאָנים, די קראַנקע, ווי איך.

— מע זעט עס טאַקע, מע זעט, טײַערינקע. א קראַנקן מענטשן דערקען איך פונדער־ווײַטן.

— און וואָס מאַכט זי, מײַן טאָכטער, הייסט עס, לייעלע?

— גאָט צו דאַנקען, געזונט, קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן. דאָס בין איך דאָך געווען איר באָבע. איך האָב דאָס קינד בא איר גענומען, א וווּיל קינד, קיין אײַנהאָרע ניט, א שרײַ־ענדיקער, א מאָטאָרנער כלאָפּטשיק, אָט דאָס גיי איך דאָך צו אים, צו מײַן אייניקל. רופן רופט מען מיך באַבקע אוליאַנע. און קענען קען מיך דאָ יעדער איינער, ווײַל דאָס האָב איך דאָך די ערשטע זיי גענומען אָף מײַנע הענט און געוווּנטשן זיי א לאַנג לעבן. אָן מיר באַ־גייט זיך ניט קיין איין קימפּעט.

— לאַנג לעבן זאָלט איר און ניט וויסן פון קיין קרענק.

— א ווױלע טאָכטער בא דיר, טײַערינקע, א בענימעסע, ניט פון די איידל געפּאַטש־קעטע. עס איז איר נעבעך ניט גרינג, אָנגעקומען צו ברענגען אָף דער וועלט דעם רויטן כלאָפּטשיק, נאָר זי האָט זיך אָבער געסטאַרעט ניט שרײַען. געליטן, ווי יעזוס, אונדזער גאָט און אויסלייזער האָט געליטן דעם וויי און אָף קיינעם זיך ניט געקלאָגט. איך האָב גאָר

פאַרשפּאַרט זי טרייסטן און באַרויִקן, פּראַוודע, די גאַנצע צײַט האָט זי געררופן: מאַמע, מאַמאַטשקאַ... דאָס האָט זי, מיסטאָמע, דיך אין זינען געהאַט...

— אַוואַדע, אַוואַדע, ווער'מען דען?!

— נו, און אָט איז זייער כאַטקע, זעסט אַ מין ווײַסינקס, אַ מין ציכטיקס, ווי בײַ די בעסטע באַלעבאַטעס! ניט בײַ אַלע אונדזערע פּאַלישטשוקעס ווערסטו באַגעגענען אַזאַ ריינקײַט, אַזאַ ציכטיקײַט, אַפילו בײַ אונדזער רײַכן קלייטניק — בײַ עליע קויפמאַנען, איז ניט צו זען אַזאַ ריינקײַט. כאָטש די שטוב איז בײַ אים פול מיט יונגע מיידלעך.

— מײַן לייעלע איז טאַקע אַ ציכט פון קינדווײַז אָן, — האָט גיטל שטיל געזאָגט מיט קוים באַמערקטן גאַדלעס.

מע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. אָליאַנע האָט זיך גלײַך אַ וואָרף געטאָן צום קינד, ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען איר אייגן אייניקל, און גיטל האָט וויינענדיק זיך גענומען קושן מיט לייען. וואָס האָט באַדײַט איר וויינען, פאַרוואָס האָבן זיך אַזוי געגאָסן די טרערן פון אירע אויגן איז שווער געווען צו זאָגן. עפּשער זײַנען דאָס געווען טרערן פון פרייד.

ציפּוירע האָט האַרציק און פרײַנטלעך אויפגענומען דעם ליבן גאַסט, אויך געלאָזט אַ טרער — אַזוי איז שוין, זעט אויס, אײַנגעפירט בײַ די ווײַבער — ווי נאָר איינע וויינט, לאָזט די צווייטע אויך אַ טרער... ציפּוירען איז גראָדע געווען פון וואָס צו וויינען. איר בערל האָט ווי אומיסטן אויסגעמיטן לייעס מאַמע. מע קאָן שווערן, אַז ער האָט דאַפקע געזען, ווי זי איז אַראָפּגעקראָכן פונעם פורל און זיך געלאָזט צו די לאַזעבניקעס, נאָר אַף אים האָבן געוואַרט די קאָרטנשפּילער און ער האָט בײַ זיך באַשטימט:

— מיילע! איך וועל נאָך באַווײַזן זיך באַגעגענען מיט דער שוויגער.

די לעצטע צײַט איז ער סטאַם געוואָרן אומדערטרעגלעך, און וואָס האָט זי געקאָנט טאָן, זײַן לייע — זעט אויס, אַזוי איז איר באַשערט.

אָליאַנע האָט שוין פּאַנאַנדערגעוויקלט דאָס קינד, וואָס זי האָט פּונקט, ווי ציפּוירע, גערופן לייזערוניו, גערעדט מיט דעם, אַרויסגערופן בײַ אים אַ פריילעכן שמייכל אַפן רויטלעכן פּענעמל. איר איז ווייניק אָנגעגאַנגען, וואָס די מעכוטענעסטעס פּלאַפּלען דאָרט אַף זייער אומפאַרשטענדלעך לאָשן. זי האָט געטײַנעט מיט לייזערוניען אַף איר זינגעוודיקן פּאָלעסישן אוקראַיִניש און איז געווען זיכער, אַז ער פאַרשטייט זי, עפּשער נאָך בעסער ווי זײַן אייגענע מאַמע.

— ער איז דאָך מײַן כרעשטשעניק, מײַן זאַלץ אין די ביינער! — האָט זי געטײַנעט, — מיר געפעלן אַזוינע, זיי זײַנען עמעסע פּאַלישטשוקעס! איר זעט אַ פּאָר הענט? הײַנט די אויגן? קוקט נאָר אָן, ווי זיי זוכן מיך, ווי זיי דערקענען מיך?!

אָליאַנע איז געווען עלטער פון גיטלען און ציפּוירען. ווען מע פלעגט זי פרעגן: ווי אַלט ביסטו, באַבקע אָליאַנע? פלעג זי ענטפערן: אַ ביסעלע מער פון דיר, נאַרעלע וואָס דו ביסט און וואָס דו פרעגסט גאָר וועגן דעם. איך בין אַף אַ סאַך יִינגער פון אונדזער שיינער וועלט.

— און ווי לאַנג קלײַבסטו זיך נאָך לעבן, באַבעניו?

— ביז כ'וועל ניט דערלעבן, אַז אָנשטאָט דיר וועט געבוירן ווערן אַ קליגערער און אַ לײַטישערער פון דיר, נאַרוץ, שויטע און אויסוווּרף!

אָליאַנע האָט נאָך בעשאַס דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע פאַרלוירן איר מאַן. אירע פיר זין און דרײַ טעכטער זײַנען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט. איינער האָט אַפילו אָנגעשטעקט אין אַמעריקע. צוויי טעכטער זײַנען ווייסעך ווו, די דריטע וווינט דאַפקע אין ליסאָווע, נאָר קיין קינדער האָט זי ניט, איז די גאַנצע וואַרעמקײַט פון איר האַרצן גיט אָליאַנע אָפּ די פרעמדע קינדער. אַף אַלע כאַסענעס באַזעצט מען זי אויבנאָן, מען טראָגט איר אונטער דעם שענסטן כיילעק.

און וויפל מאָל טרעפט, אַז אין אַ נויט קומט מען צו איר נאָך אָן אייצע און טאַקע נאָך אַ פּאָר קערבלעך. ווי קאָן זי אָפּזאָגן, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זײַנען אירע קרויווים.

ציפּוירע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. אָט שטייט ער שוין אינמיטן טיש, עס דאַכט, אַז ער זינגט מאַמעש אַ באַגעגענונגס־ניגנדל לעקאָוועד דעם ליבן גאַסט.

אָליאַנע האָט ניט קיין סאַמאָוואַר און איז ניט צוגעוווינט צו קיין טיי. נאָר בײַ די לאַזעבניקעס איז איר ליב אויסטרינקען אַ דרײַ־פיר גלעזער. זי צעשפּאַלט מיט דער שטשיפּצע דאָס רודקעלע צוקער אַף פיר טיילן און דאָס קלעקט איר אַף פיר גלעזער טיי. זי האָט אויך ליב ציפּוירעס געבעקס, באַזונדערס איר שטרודל... ער איז אַף אַ סאַך געשמאַקער פון די פּראַספּירקעס, וואָס דער גאַלעך צעטיילט אין קלויסטער לעקאָוועד אַ גרויסן יאָמטעוו.

דער סאַמאָוואַר זידט, און לייזערוניו איז שוין אויסגעבאָדן און ליגט אינעם מולטערל א שמעקנדיקער און א רויִקער.

— נו, איז ווי זשע געפעלט ער אײַך, אונדזער כלאָפּעץ?

— אזא יאָר אף מיר!

— פון מײַנע הענט גייט ארויס נאָר אזוינס!

— ווו זשע נעמען זיך די פּאסקודניאקעס, אוליאַנע?

— דאָס איז שוין ניט מײַן זאך! דאָס איז שוין ווי אײנעם עס איז באשערט. ווערליק איך פאַרשטיי, ווערן זיי אלע געבוירן לײַטישע און ערלעכע לײַט און דערנאָך קומט דער שוואַרציאַר און קלײַבט זיך אָפּ די יעניקע, פון וועלכע ער מאכט זיך די געטרײַע באַדינער זײַנע. דערנאָך, פּראַוודע, זאָגט מען, אז די מאמע איז שולדיק. נאָר ווי איז דער מאמען, אז דער רוועך איז פאַרט שטארקער פון איר!

— נאָך וואָס דאַרף ער זיי גאָר אזויפיל, דער שוואַרציאַר?!

די נאכט נעמט שטארקער ארום דאָס דערפל ליסאָווע. דאָס פּאָלעסיער ווינטל טוט א רוים ארײַן אינעם אויער א שטילן „גוטענאכט". וווּ־ניט־וווּ זײַנען נאָך ניט פארלאָשן די קליינע לעמפּעלעך, וואָס זעען אויס, ווי די ליכט־ווערעמלעך, וואָס שײַנען אין דער פינצטער, אָדער ווי פוילע שטיקעלעך האָלץ אינעם געדיכטן וואלד. ערגעץ האָט זיך צעבילט א הונט, ווי ער וואָלט געגעבן צו וויסן, אז אין ליסאָווע וועט זיך קיין שום גאנעוו ניט געפונען קיין אָרט — אלץ איז אָפּגעהיט פון א סאקאָנע! בלויז איין פענצטערל באַם מאָנאָפּאָלשטשיק איז העל באלויכטן — דאָרט גייט די שפּיל, די איידעלע פריצישע שפּיל „פּרעפערענס".

— נו, און ווו זשע איז ערגעץ אזוי שפּעט מײַן איידעם? — האָט גיטל זיך ערשט איצט דערוועגט צו אָנפרעגן.

— בערעלע? — האָט זיך לייע אָנגערופן. — ער וועט זיך מיסטאמע באלד ארײַנשטעלן. ס'איז אים דאָ צו לאנגווײַליק מיט אונדז, פארברענגט ער זיך די צײַט מיט זײַן גלײַכן.

גיטל קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, ווער איז דאָ איר איידעמס גלײַכן? עפשער איז ער בא זײַן פרײַנטל, עליע דעם קלייטניק? נאָר ווער זשע איז דאָרט זײַן גלײַכן? ס'א סוואָרע, אז טאקע עליע קויפמאן אליין?

די באבקע אוליאַנע הייבט זיך אוף, פארשאַרט די שיטערלעכע גרויע האָר, פארבינדט שטארקער די שפּיצן פון דער פאַטשיילע.

— ס'איז דאָ בא זיי ניט זייער גערעם, — טוט זי א זיפץ, — איז עפשער וועסטו בא מיר איבערנעכטיקן, איך שלאָף בעמיילע אפן אויוון, און דער פּיל איז בא מיר, ניט פאר קיינעם געדאכט, שוין א היפּש ביסל יאָרן פרײַ.

— וואָס רעדסטו, אוליאַנע! — ענטפערט איר ציפּוירע, — ווו האָסטו געהערט, אז א מאמע זאָל קומען צו גאסט צו אן אייגענער טאָכטער און נעכטיקן בא פרעמדע מענטשן.

— פרעמדע?! וואָס פאר א פרעמדע בין איך דיר?! קיין נעענטערע קרויווים, ווי איך, וועסטו ניט קריגן, ציפּאַ!

— לאַנג לעבן זאָלט איר, באבקע אוליאַנע, — נעמט זי לייע ארום און טוט זי א הייסן קוש, — מיר וועלן פאר מײַן מאמע מאכן א גוט געלעגער, טאקע אף דער איבערבעט, וואָס זי האָט פאר מיר אזוי פיל יאָרן געפליקט די פעדערן. קומט, וועל איך אײַך א ביסל באגלייטן.

לייע גייט מיט אוליאַנען אין דער נאכט ארײַן, און עפשער ניט אזוי צוליב דעם, זי זאָל זי באגלייטן, ווי צוליב דעם, זי זאָל אָנקלאַפּן אין פענצטער צו דעם מאָנאָפּאָלשטשיק און דערפרייען איר מאן מיטן ליבן גאסט.

אזוי האָט זי טאקע געטאָן. געלאָזן אוליאַנען ווײַטער גיין אהין, ווו הארט באם וואלד שטייט איר אײַנגעבויגענע אלטע שטוב, האָט זי אליין פארקערעוועט צו דער מאָנאָפּאָלקע.

די פּוליעטשקע האָט זיך גראדע פארענדיקט, קיין נײַע האָט מען באשטימט ניט אָנהייבן. בערלען האָט דעם אפּדערנאכט אָפּגעגליקט — ער האָט אויסגעשפּילט קימאט א דרײַערל. דערזען דאָס ווײַב אף דער שוועל, האָט ער אויסגעשריגן:

— אָט איז זי דאָך, מײַן לייעטשקע. כאַפּט א קוק, סארא שיינע זי איז בא מיר. און ווי זי בענקט עס נאָך מיר.

— א סימען, — האָט לייע געזאָגט, אונטערהאלטנדיק בערלס וויץ, — א סימען, אז איך בין געקומען דיך באגלייטן אהיים.

— עפשער וועט איר נעמען מיט אונדז א קאָפּעטשקע, — איך האָב ספּעציִעל אָנגעגרייט א פלעשעלע פּייסאכאָווקע.

— א דאנק. איך טרינק ניט. כוץ דעם, איז בא אונדז א גאסט אין שטוב, מײַן מאמע. קום, בערעלע, קום שוין אהיים!

בערל איז, ווי דער שטייגער איז, געגאנגען עטוואָס פונפאַרנט און זי האָט אים געקוקט אין דער פּלייצע — אין איר פּלייצע! אַלץ איז אין אים געווען אירס. לייע איז גליקלעך געווען, וואָס זי קאָן זאָגן: מײַן מאַן! מײַן בערל! איצט איז איר בערל א צופרידענער געגאנגען דער ערשטער. אזוי איז ער געגאנגען דאָס גאנצע לעבן — פונפאַרנט. כאָטש זינט לייע געדענקט זיך, האָט זי געטרוימט גיין האנט־בא־האנט מיט אים, אָנרירן זיך אין זײַן אקסל, אַרײַנקוקן אים אין זײַנע טיפע און קלוגע, ווי איר האָט זיך אויסגעדאכט, אויגן. נאָר עפשער דאַרף זײַן אזוי? עפשער איז איר מאזל אזא? סאָפקאָלסאָף גייט זי דאָך מיט אים ניט אזוי אָפט. נישקאָשע, איר טאטע, נאפטאָלע, ער זאָל דאָרט האָבן א ליכטיקן גאניידן, פלעגט ביכלאל ניט גיין מיט זײַן ווײַב. אין דער ווײַבערשער שול האָט זי געהאט די מעגלעכקײַט אים זען אין דער פּלייצע, ווען ער איז געשטאנען באם אָמעד. נו, און עליע, דער קלייטניק, רעדט ביכלאל ניט מיט זײַן כיניען. און ער, בערל, ווען עס קומט אָף אים אָן די גוטע מינוט, ווערט ער צו איר גוט און ווערטלט זיך מיט איר און לערנט זי אפילע שפּילן א זעקס־און־זעכציק.

ווען מע איז שוין געווען נאָענט צו דער שטוב, האָט לייע פלוצעם דערזען, ווי פונעם הימל האָט זיך אראָפּגעגליטשט א גרויסער העלער שטערן.

— בערל, בערעלע! — האָט לייע אויסגעשריגן דערשראָקן, — זע נאָר, זע נאָר — שטערן שיטן זיך פונעם הימל!

— דו זעסט עס דאָס ערשטע מאָל?

— דאָס ערשטע.

— ווײַל דו ביסט זעלטן אין גאס באנאכט.

— נו, יאָ, ביסט אוואדע גערעכט. באנאכט בין איך אין גאס נאָר דעמלט, ווען איך גיי דיך צונעמען אהיים.

בערל האָט ניט באמערקט איר שטאָך. פאַר זײַנע אויגן איז נאָך אַלץ געלעגן דאָס צעוויירעטע בייגעלע פּאַפּיר מיט די צייכנס פון דער פרעפעראנס־שפּיל. ער איז נאָך פול געווען מיט די איבערלעבונגען פון א פאַרביסענעם שפּילער, וואָס טראַכט בלויז וועגן דעם, אז עס זאָל אים אָפּגליקן, ער זאָל געווינען!

— ווּהין פאלן זיי, בערעלע, די שטערן?

— וואָס איז שײַעך — ווּהין? וואָס גייט עס דיר אָן?!

— ערגעץ מוזן זיי דאָך אנטרינען ווערן.

— נארישקײַטן! דערצייל בעסער, וואָס איז עס די מאמע פלוצעם געקומען צו פאָרן.

— ס'הייסט, וואָס? א קוק טאָן אָף איר אייניקל.

— אפן אייניקל. נו, איז ווי געפעלט ער איר?

— ווּעסט בא איר אליין פרעגן. — האָט לייע געזאָגט.

ביז לייע האָט באגלייט אוליאנען און געווען בא דעם מאָנאָפּאָלשטשיק, האָט ציפּוירע זיך גענוי דערפרעגט בא גיטלען וועגן איר עלטערן זון, בענטשיקן, וועלכן גאָט האָט אזוי געשטראָפט און אים פאַרשיקט ערגעץ אין אויסרײַסעניש.

— גאָט האָט אים פאַרשיקט?! — האָט ציפּוירע איבערגעפרעגט מיט הייסן מיטגעפיל. — דער אייבערשטער מישט זיך ניט אין אזעלכע זאכן; די מערדער, די ראָצכים האָבן אים פאַרמישפּעט. און ניט נאָר אים אליין. איך האָב שוין געהערט, געהערט. מיינט ניט, אז אויב מיר לעבן אין ליסאָווע ווייסן מיר ניט, וואָס אין דער וועלט טוט זיך. עס קומט דאָ צו אונדז אַרײַן א מויכערספאָרימניק, ער האנדלט מיט ביכלעך, האָט ער מיר א ביסל אופגעעפנט די אויגן.

— עס קאָן טרעפן, אז דאָ, אין אײַער דערפל, ווייסט איר מער פון אונדז אין קאָזשומיאקי. מע לעבט, ווי אין א זומפּ, לעהאוודל, די דײַגעס וועגן א שטיקל ברויט בייגן אײַן אינדרײַען. קיין באזונדערע קאָפּמענטשן זײַנען בא אונדז ניטאָ... דער צווייטער ברודער, שנייער, וואָס איז ייִנגער מיט א פאָר יאָר פון אונדזער בענטשיקן, סטארעט זיך האלטן אין א זײַט פון די הייסע קעפּ, וואָס האָבן זיך געכאוועט מיטן פאַרשיקטן. איך וויל, זאָגט ער, צונויפקלײַבן א ביסל געלט און עפשער זיך אינגאנצן ארויסרײַסן פונדאנעט. ווּהין? דאָס ווייסט ער נאָך אליין ניט. א גליק, וואָס נאפטאָלע האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע ביז דעם, וואָס דער גרויסער בראָך האָט אונדז געטראָפן... ער האָט דאָך אים אזוי ליב געהאט, אונדזער בענטשיקן, זיך געגרייסט מיט אים. פונעם צווייטן, פון שנייערן, האָט ער ניט זייער געהאלטן. שנייער, פלעגט ער זאָגן, איז א מענטש פאַר זיך, אים טוט ניט וויי, ווען א צווייטער קרעכצט. פון שנייערן, האָט מײַן נאפטאָלע געטײַנעט, וועט עפשער אויסוואקסן א באלעבעסל און עפשער גאָר א נאָגיד, וועגן וועלכן עס ווערט געזאָגט: „וואָס מער נאָגיד מער סאָבאקע"...

— נו, און העלפן אײַער בענטשיקן קאָן מען מיט עפּעס?

— סיַדן מיט אַ קרעכץ. מיר ווייסן דאָך אַפילע ניט, ווו ער איז אַצינד... דאָרט, ווו ער איז געווען, איז ער שוין איצט ניטאָ — גיי זוך אַ ווינט אין פעלד!

דאָס געלט, וואָס בערל האָט יענעם אָפּדערנאַכט געוווּנען, האָט אים געמאַכט אויפגעלייגט, און ווען ער איז אַריַינגעקומען אין שטוב, האָט ער גלייַך אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוטנאָוונט און זיך אַפילע צעקושט מיט דער שוויגער, כאָטש ער האָט ניט געהאַלטן פון אָט די שטיק — פון קעלבערשע היספּיַילעס.

— דו זעסט, קיין איַינהאָרע ניט, גאַנץ פיַין אויס! מיט וואָס האָדעוועט זי דיך, דיַין וויַיב, וואָס דו ביסט אַזוי אויסגעפּאַסעט.

— וואָס איז שיַיעך מיט וואָס? מיט וואָס דער אייבערשטער שיקט צו. אַמאָל אַן אייפּעלע, אַמאָל אַ פישעלע, און דעריקער: מיט קאַשע און מילך, — ער האָט זייער ליב קאַשע מיט מילך...

— ער איז באַ אונדז ניט פון די איבערקליַיבער, אַ נאַש בראַט! — האָט ציפּוירע זיך באַרימט מיט איר יוירעשׁ.

לייען איז ליב געווען דער אויסדרוק „נאַש בראַט". זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט באַ ציפּוירען זאָגן וועגן בערלען: „מיַין בערל" און „באַ אונדז איז בערל אַזאַ און אַזאַ"... „באַ מיר" האָט געדאַרפט באַדיַיטן, אַז זי איז דאָ ניט אַנגעוואָרפן ניט קיין גאַסט, נאָר אַן עמעסע באַלעבאָסטע! טאַקע וועגן דעם האָט זי אַזוי געטרוימט דאָרט, באַ זיך אין קאָזשומיאַקי, ווען זי האָט מיט נאַסטיען געטראַכט וועגן זייער לעבן אין דער ניט וויַיטער צוקונפט. נאַסטיע האָט געטרוימט וועגן אַן אייגענער באַלעבאַטישקיַיט, אַז אין אירע שטאַלן זאָל זיַין פי און רינדער, אַ סאַך גענדז און קאַטשקעס און איבערן הויף זאָלן אַרומשפּאַנען אָן אַ שיר הינדעלעך. לייע האָט זיך ניט געהאַט קיין האַסאָגע וועגן אַזאַ ווירטשאַפט.

— באַ מיר, — האָט זי געזאָגט, — וועט ניט זיַין קיין סאַך גענדז און הינער. פאַר מיר וואָלט געווען גענוג אַ גוטע בעהיימע, זי זאָל געבן מילך פאַר מיַינע קינדער.

— און וויפל קינדער, אַשטייגער, ווּעסטו האָבן?

— וויפל עס וועט באַשערט זיַין, אַזויפיל וועל איך האָבן. קינדער, זאָגט מען, איז די גרעסטע ריַיכקיַיט.

— און דער גרעסטער קלאָפּיט.

און אָט איז שוין לייע באַגליקט געוואָרן מיט איר ערשטלינג, מיט איר לייזערוניו און ס'איז איר אַזוי ליב צו איבערכאַזערן: מיַין זון, מיַין קינד, מיַין מאַן... זי קאָן נאָך דערוויַיל ניט זאָגן מיַין בעהיימע, מיַין קעלבל — דאָס האָבן זיי נאָך ניט. די עטלעכע הינער, וואָס דרייען זיך אַרום אין גאָרטן, ברענגען דערוויַיל מער שאָדן, ווי שפּיַיז. באַ ליַיטן לייגן זיי אָפּ אַלע טאָג עטלעכע צענדליק אייער און באַ לייען, ווי אַפּצולאָכעס.

— עס וואָלט ניט געשטערט, אַז אין שטאַל זאָל שטיין אַ קו. וואָלט כאָטש געווען אייגענע מילך פאַרן קינד.

— אַ קו דאַרף מען האָדעווען, און מעלקן, און נאָכקוקן נאָך איר — רייניקן די שטאַל און אַרויסטריַיבן צו דער טשערעדע... און ווער וועט עס באַ אונדז טאָן? — האָט בערל זיך אָנגערופן מיַיסע באַלעבאָס, — איך וועל זיך דערמיט ניט פאַרנעמען און לייען איז גענוג, וואָס זי האָט צו טאָן מיט לייזערונטשיקן — ער וואַקסט, קיין איַינהאָרע ניט, און וויל נאָר זיצן אָף די הענט!..

— נו, און מילך? — האָט פאָרגעזעצט די שוויגער.

— מילך טראָגט מען אונדז אַריַין. פאַר געלט קאָן מען אויך באַ אונדז אין ליסאָווע קריגן וואָס איר ווילט.

— געלט! אַ מיַיסע מיט געלט! ווו נעמט מען אָבער אַזוי פיל געלט, מע זאָל קאָנען אַלצדינג איַינקויפן?

גיטל האָט ניט געוווּסט פונעם אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן מיט איר לייעס נאַדן. ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגערעדעטע זאַך, האָט קיינער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם. דאָס ביסעלע סכוירע, פאַרן קלייטל, איז איַינגעקויפט געוואָרן אָף אַנטליגן געלט.

ליגנדיק מיט איר לייען אין איין בעט, האָט גיטל אַרומגענומען די טאָכטער, געטוליעט צו זיך. לייעס האָר האָבן געשמעקט מיט פרישׁ גראָז, און דאָס ליַיב מיט די בעסטע רייעכן פון קינדהיַיט, ווען זי האָט נאָך ניט געוווּסט פון קיין זאָלניעס און היפּעשדיקע האַרבאַרניעס, ווען דער סטעלמאַך, דער טאַטע אירער, פלעג האָבן צו טאָן מיט געהובלטע ברעטער און קלעצער, וועלכע שמעקן מיט סאָסנע און דעמב.

מע איז געלעגן שוויַיגנדיק, נאָר אַלע מאָל האָט איינע פון זיי אַ טיפן זיפץ געטאָן. בלויז איין מאָל האָט גיטל זיך דערוועגט אַ פרעג טאָן:

— וואָס קרעכצסטו, טאַטער, וואָס מאַטערט דיך?
— עס דאַכט זיך דיר, מאַמע...
— א מאַמע איז שווער אָפּצונאַרן.
— כ'האָב מוירע, אַז איך בין שוין ווידער טראַגעדיק.
— אַזוי גאָר? ווען האָסטו עס באַוויזן?
— פונוואַנעט זאָל איך וויסן? — האָט זיך לייע שיִר ניט דערוואָרגן מיטן ענטפער.
— וואָס זשע האָסטו מוירע, נאַרעלע? אַלע זײַנען מיר בא גאָט אין די הענט, און וואָס עס איז באַשערט איז באַשערט.
— באַשערט, באַשערט... צו קיין קליין קינד דאַרף איך זיך ניט צוגעווינען. כ'בין שוין, דאַנקען גאָט, געווינט אי מיט פרעמדע, אי מיט מײַן אייגענעם זון. מיר זײַנען דאָך אָבער אַזוי אָרעם, מאַמעשי!
— נישקאָשע, טאַטעשי! נאָך א קינדעלע, נאָך א פישעלע — ס'וועט אויסוואַקסן! דײַן טאַטע איז אויך ניט געווען קיין נאָגיד און די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן. ערגער — בעסער, אַבי מע לעבט. ס'איז אָפּט ביטער, ווי גאַל. צי עפּשער האָט ער דיך ניט ליב, עפּשער זשאַלעוועט ער דיך ניט?
וואָס האָט לייע געקאָנט זאָגן דערויף? ווען זי, גיטל, פרעגט בא איר, צי האָט זי, לייע, ליב איר מאַן. נאָר דאָס פאַרשפּאַרט מען גאָר פרעגן. זי גייט אויס נאָך אים, זי הערט זיך צו צו זײַן יעדן אָטעם, זי ציילט זײַנע טריט. און דעריקער האָט זי מוירע, מע זאָל אים בא איר, כאַלילע, ניט אויסכאַפּן, ניט צונעמען. עפּעס רעדט מען די לעצטע צײַט צו פיל וועגן א מילכאָמע. און בערל איז נאָך אַפילע ניט געווען אַף דער „דעיסטוויטעלנע"... די דאָרפישע באַכורים פון זײַן עלטער גרייטן זיך שוין אין וועג. אַז עס קומט די צײַט, מוז מען דינען!
— זאָרג זיך ניט, טאַטעשי! ער איז בא דיר ניט בעסער און ניט ערגער פון אַנדערע. וואָס עס וועט זײַן מיט אַלעמען, וועט זײַן מיט אים. דעריקער, טאַטעשי, ביז ער איז נאָך אין דער היים, באַגיי זיך מיט אים אין א גוטן מוט. נאָר מיט גוטן, טאַטעשי, נאָר מיט גוטן! ווײַל דאָרט, ווו רויגעז, איז אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ. רעכן אויס אַף בעסערס, ביטאָכן, טאַטעשי, ביטאָכן!
לייען איז ניט אָפּט אויסגעקומען צו שלאָפן מיט דער מאַמען אין איין געלעגער. פון צען יאָר אָן איז זי געשלאָפן בא סאָרען דער נעגידעסטע אין דעם טונקעלן ווינקל. דערנאָך איז זי, ווי א פייגעלע, אַרויס פון דער ענגער נעסט און איז אַרײַן צו בערל לאַזעבניק קיין ליסאָווע. און ערשט אַצינד, ווען זי איז שוין אַליין א מאַמע, ליגט זי לעבן איר מוטער און פילט זיך אַזוי גוט! ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז גוט איז צו ליגן בא דער מאַמען אין שויס.
...לאַנג פאַרברענגען בא דער טאַטעשי האָט גיטל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט — אין קאַזשומיאַקי איז פאַרבליבן שניירער, דער שטיפזון, און אירע צווי מיידלעך, וואָס אָן איר טוען זיי קיין טראָט ניט. זיי זײַנען, קיין איינהאָרע, געראָטענע קינדער, נאָר די אָרעמקייט האָט זיי אַזוי פריטשמעליעט, אַז זיי דערוועגן זיך ניט אופהייבן דעם קאָפּ. שעמעווידיקע, פאַרגינען זיי זיך ניט אַרויס אַפן קאַזשומיאַקער שאָסיי, ווו אין די אָוונטן פאַרווײַלן זיך פונקט אַזוינע ווי זיי, שטעטלדיקע יינגלעך און מיידלעך. די צווי ציצענע קליידלעך זייערע זײַנען אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט. מיט שניירן זײַנען זיי ניט איבעריקס כאַווער, ער טראַכט זיך זײַנס און וויל וועגן זיי ניט זאָרגן. די לעצטע צײַט האָט ער זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, אַז ער מוז זיך אַרויסרײַסן קיין אַמעריקע. דאָרטן, זאָגט ער, וועט ער מאַכן א לעבן. פאַר קיין שום אַרבעט האָט ער קיין מוירע ניט. די וועלט איז דאָך ניט מעשוגע, זאָגט ער, וואָס מע האַלט אין איין פאָרן! ווי באַקומט מען נאָר א שיפסקאַרטע?
אייגנטלעך, דערווידערט ניט גיטל — זאָל ער פאָרן. די גרויסע הילף, וואָס זי האָט פון אים...
די שאַדכאָנים דערקיטשען איר ניט, מע אײַלט זיך ניט אויסכאַפּן בא איר די טעכטער, ווי לייעלען. וואָלט זיך כאָטש געפונען עפּעס א גוטער באַלמעלאָכע, אַן אַלמען. א נעבטיקער טאָג!
נאָר ווען די מאַמע איז אין דער היים, איז די שטוב א שטוב. גוט כאָטש, וואָס לייעלען איז, דאַנקען גאָט, נישקאָשע. ניט קיין נעגידעסטע, נאָר פון הונגער שטאַרבט מען ניט. און דאָס, וואָס זי איז שוין ווידער טראַגעדיק, מאַכט ניט אויס! דאָס וועט דעם איידעם מער צובינדן צו דער שטוב און צו זײַן ווײַב. קינדער, ווי ס'איז ניט גרינג זיי דערציִען, זײַנען דאָך די גרעסטע פרייד אינעם לעבן.
פונעם באַנאַכטיקן געשפּרעך מיט לייען איז גיטלען קלאָר געוואָרן, אַז לייע האָט אים ליב — סאַקאָנעס־נעפאָשעס! און דאָס איז דאָך דער איקער!

גאנצפרי איז זי אריינגעגאַן אין קלייטל און איז מאַמעש דערשיטערט געוואָרן — אַזוי אָרעם און נישטיק איז עס, דאָס מישטיינסגעזאָגטע קלייטל. אין קאַזשומיאַקי אַף די מאַרק־שטעלעס איז מער סכוירע, ווי בא ציפּוירען אין קלייט. פאַרן גאַנצן טאָג, וואָס גיטל איז געווען בא די לאַזעבניקעס, האָט זי באַמערקט עפּשער דריי־פיר קוינים. דעם — א פלאַש קעראָסין, דעם — א בינטל פּאָדעם... און איינע איז דאַפקע געקומען מיט א גרויסן קויש, נאָר גענומען האָט זי א פונט זאַלץ, אי דאָס אַף באָרג... פון אַזאַ האַנדל קאָן מען קיין סאַך רעווען ניט באַקומען...

— פאַרוואָס זײַנען עס בא אײַך אַזוי ווייניק קוינים?

— ווײַל אַמיינסטן גייען זיי צו עליע דעם קלייטניק.

— וואָס זשע, בא אים איז ביליקער? — האָט זיך גיטל געכידעשט.

— מע איז שוין צוגעוווינט צו אים און ס'איז בא אים טאַקע פאַראַן וואָס צו אויסקלײַבן. כוץ דעם, גיט ער אַף באָרג, און מיר, אויב מיר וועלן אַזוי פירן דעם מיסכער, וועלן מיר דאָך בלײַבן אָן א גראָשן בא דער נעשאָמע, — האָט איר דערקלערט לייעלע, וואָס איז ביז איצט ניט זייער באָקי געווען אין די געשעפטן.

— אוואדע וואָלט בעסער געווען, ווען אײַער זון, ס'הייסט מײַן איידעם, זאָל האָבן עפּעס א מעלאָכע אין דער האַנט...

— עס רעדט זיך, א מעלאָכע!.. — האָט אים ציפּוירע פאַרענטפערט. — אָט האָבן מיר בא אונדז אין ליסאָווע א גלעזער. שײַע דער גלעזער. ער האָט שוין יאָ א מעלאָכע... איז קאַרג מוטשעט ער זיך? ער טאַסקעט זיך אַרום מיטן קאַסטן גלאָז אַף די אַקסל איבער די דערפער און כוטאָרס, און וואָס פאַרדינט ער?! רעדט מיט אים צי מיט זײַן פלויניעסטע, זיי שטייען אוף און לייגן זיך מיט איין טפילע: העלף אונדז, גאָטעניו, אַז עס זאָל אויסברעכן א שטורעם מיט א האָגל, דער ווינט זאָל צענעריקן דאָס גלאָז אין די פענצטער, וועלן מיר כאָטש האָבן א ביסל פּאַרנאָסע. איז אָבער ווי אַף צולאָכעס ניטאָ ניט קיין ווינט און ניט קיין האָגל.

— פון דעם, וואָס איינעם איז שווער, ווערט דעם צווייטן ניט גרינגער... — זיפצט גיטל די כאַזנטע, — נאָר א טראַכט טאָן וועגן דעם, ווי ווײַטער צו לעבן, שטערט ניט. עפּשער וואָלט ער געקאָנט זיך אײַנאָרדענען באַם פּאָרעץ אין הויף — א כעזשבנפירער, צי כ'ווייס וואָס? א קסאָוו, זאָגט מײַן לייע, איז בא אים א שיינער.

— א קסאָוו? אָ, בערעלעס שרײַבן!

— עפּשער ווערן א פיסמאָוואָדיטיעל?.. ער איז דאָך זייער יונג, ער וועט זיך אויסלערנען...

— אַך, מאַמע, מאַמע, וואָס איז דאָ לאַנג צו ברײַען? דער איקער איז דאָך ניט אינעם קסאָוו, דעריקער איז דאָך אינעם וועלן. אַז ער וויל זיך ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ! די מאַמע, די אַלמאָנע, וועט זיך אָן אייצע געבן, און די שוועסטער, גאָט צו דאַנקען, הייבט שוין אויך אָן פאַרדינען מיט דער נאָדל.

גיטל האָט פאַרלאָזט די שטוב מיט א שוואַכער האָפענונג אַף בעסערס. דער איידעם האָט זי, כאָלילע, ניט באַליידיקט, ניט מעוואַיעש געווען, פאַרקערט — מיט גרויס קאָוועד זי באַגלייט צום באַלעגאָלע, וועלכער האָט זי אָפּגעפירט צוריק אַהיים.

די עטלעכע־און־פערציק ווערסט, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דאָס דאָרף ליסאָווע פון קאַזשומיאַקי, האָבן זיך איר אויסגעוויזן מוירעדיק לאַנג. אינמיטן וועג האָט זי זיך באַגעגנט מיטן קאַזשומיאַקער דיאַטשאָק גאַווּרילע, וועלכער איז אַמאָל אַזוי באַפרײַנדעט געווען מיט נאַפּטאַליע דעם כאַזן.

— פּאָנוואָנעט פּאַרסטו עס, גיטעלע, — האָט ער אָפּגעשטעלט זײַן וועגעלע.

— פון ליסאָווע, פון מײַן טאָכטער! איר ווייסט דאָך, אַז זי איז אַריבערגעפאָרן אַהין, צו איר מאַן.

— וועלן מיר איצט ווידער זײַן מיט איר זעמליאַקעס, — מיך פירט מען אויך אַריבער אַהין, קיין ליסאָווע... דער דאָרטיקער דיאַטשאָק האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע, נו, איז פאָר איך אַהין.

— אין א גוטער, אין א מאַזלדיקער שאָ!

— פאָר אויך אַריבער, וועט אונדז צוזאַמען פריילעכער זײַן!

וואָס גיטלען קאָן שוין פריילעכער זײַן! דער טאַטע אירער, דער אַלטער סטעלמאַך, פלעג ליב האָבן דעם פּאָסעק:

„בעט ניט אַף קיין בעסערן קייסער!"

וואָס איר קאָן שוין בעסער זײַן אינעם פאַרוואָרפענעם דאָרף... ניין, זי וועט שוין אויסלעבן וויפל עס איז איר באַשערט אינעם פאַרשאָלטענעם שטעטל. דאָרט קאָן זי כאָטש פאַרדינען א פּאָר קערבלעך בא סאָרע דער גווירנטע, און עפּשער וועט זיך פאָרט געפינען א זיוועג

פאַר איר איידעלען, וואָס איז שוין, קיין אײַנהאָרע ניט, גאַנץ היפּש אויסגעוואַקסן. וואָס טוט מען אָבער מיטן שטיפזון, מיט שנייערן? וויפל זי טײַנעט ניט מיט אים, ער זאָל כאָסענע האָבן, איז איינמאָל ניין...

גיטל זיצט אויפן טרייסלענדיקן וואָגן, וואָס שפּרינגט אונטער אַלע מאָל, ווען די רעדער שטויסן זיך אָן אָף די פּאַרהאַרטעוועטע וואָרצלען פון די דעמבעס און גראָבן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט לענגויס דעם וועג קיין קאַזשומיאַקי. דער הימל איז איבערן וואַלד אַ געשטיקעוועטער, אַ צעריסענער, דורך די צווײַגן טוט זיך אַמאָל אַ רײַס דורך אַ שטיקל קויטיקע בלויקײַט, און ווידער איז אַלץ אַרום טונקל, ווי בא איר, בא גיטלען אויפן האַרצן. און וועגן וואָס זי זאָל ניט טראַכטן, קערט זי זיך פאַרט אום מיט די געדאַנקען צו לייעלען מיט איר מאַן, צום טײַערן איינִיקל, וואָס ווייסט נאָך ניט, וואָס פאַר אַ לעבן עס וואַרט אויף דעם, וואָס פאַר אַ גורל איז פאַר אים אָנגעגרייט.

— וויאַ־אָ! — טוט דער אַנטרײַבער אַ שלעפּ די לייצעס און דאָס פערדל, ווי ס'וואָלט זיך אָפּגעכאַפּט פון שלאָף, טוט אַ שאַרפּע דעם וואָגן. — וויאַ־אַ, אומגליק מײַנער, וויאָ!

גיטל טוט אַ קוק אויפן באַלעגאָלעס געהויקערטער פּלייצע. „יעדערער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס, — טוט זי אַ טראַכט, — וואָס, אַשטייגער, גייט אים אָפּ, דעם אַנטרײַבער? אַ פערדל האָט ער, אַ בײַטש אויך, אַ פּאָר גראָשן פאַרדינט ער זיך אַלע טאָג... ווער ווייסט אָבער, וואָס בא אים אויפן האַרצן טוט זיך. יעדער האָט זיך זײַן פּעקל.“ זי וואָלט בא אים דאַפקע געפרעגט, פאַרוואָס שמײַסט ער אַזוי דאָס בידנע פערדל? מיט וואָס האָט עס געזינדיקט, דאָס עטוואָס אָפּגעקראַכענע פערדל? ס'איז דאָך אַ צאַרבאַלעכאַים אַזוי נעריקן עס! וואָס לאָזט ער אויס צו דעם זײַן ביטער האַרץ?! נאָר זי האַלט זיך אײַן. אַמאָל איז גלײַכער, ווען מע מישט זיך ניט צו יענעמס ווייטעקן.

— וויאָ, פאַרבאַרענט זאָלסטו ווערן, אומגליק מײַנער!

און אָט איז שוין דאָס וועגעלע אַרויסגעפאָרן פונעם וואַלד. אָט האָבן זיך שוין באַוויזן עטלעכע הײַזלעך. אויפן בערגל האָט אַ שײַן געטאָן דער צייִלעם פונעם קאַזשומיאַקער קלויס־טער. „אַ שאָד פונדעסטוועגן, וואָס גאַוורילע פאָרט אַרויס פונעם שטעטל, וויניקער מיט אַ גוטנפרײַנט וועט ווערן בא גיטל דעם כאַזנס. שאַ, דערפאַר וועט אָבער בא איר לייען זײַן כאַטש איין איבערגעגעבענער מענטש בא דער זײַט. אַך, ווי שווער עס איז, ווען ס'איז ניטאָ קיין נאָענטער, קיין פרײַנט, מיט וועמען מע קאָן זיך כאַטש אָן אייצע האַלטן, און בא לייען איז, קענטיק, אַזאַ פרײַנט, כאָץ עפּשער דער באַבקע אוליאַנע, ניטאָ.“

דער באַלעגאָלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּלאַץ לעבן דעם קלויסטער, און גיטל איז אַוועק צו איר שטוב. אַך, וואָס אַ מענטש קאָן עס איבערטראַכטן פאַר אַזאַ לאַנגן וועג! און ווידער האָט אַ סקריפּע געטאָן די אַלטע ניט געשמירטע טיר פון דער נידעריקער שטוב, ווו עס האָבן אויף גיטלען געוואַרט נײַע צאָרעס.

רעב מענדל און בענטשיק

—,Життя прожить — не поле перейти...

— בא אונדז אין ליסאָוועס פלעג מען זאָגן:

האָט לייע געגומען דערציילן דעם זון, — אַפּטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דורכגעלעבט צוויי־דרײַ לעבנס, און אויסגעמאַטערט האָבן זיי מיך, אָט די לעבנס, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ בלינד פערד און אַ דולער אַנטרײַבער וואָלט די גאַנצע צײַט געהאַלטן איבער מײַן קאָפּ זײַן פײַפנדיקע בײַטש און ניט אויפגעהערט צו שרײַען וויאַ־אָ!.. וואָס וויאָ, און וווּהין וויאָ, האָט ער, זיכער, אַליין ניט געוווּסט. און איך בין מיר געגאַנגען אײנעם שפּאַן, אָף קיין רעגעלע זיך ניט אָפּגעשטעלט אָף צו איבערכאַפּן דעם אָטעם.

קיין לאַשנקוידעש קען איך ניט, אין די ראַשעס און געמאַרעס בין איך פונקט דאָס זעלבע בלינדע פערד, ווי אין לעבן. און אַז דער טאַטע מײַנער, זאָל ער דאָרט האָבן אַ ליכ־טיקן גאַניידן, האָט געזאָגט עפּעס אַ פּאָסעק, פלעג איך אים בעטן, ער זאָל מיר אים פאַרטײַטשן. ער האָט ליב געהאַט זינגען איין און דאָס זעלבע זעמערל:

— איסמאַך מוישע בימאַטנאַס כעלקוי...

— וואָס באַטײַט עס, טאַטע? — האָט אים לייע אַנומלטן געפרעגט.

און דער טאַטע האָט איר געענטפערט:

— לאָמיך אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס, וואָס דאָס הייסט... דער טײַטש דערפון איז אַזאַ: זײַ צופרידן, מוישע, מיט אַלץ, וואָס דיר איז באַשערט, מיט דעם כיילעק אין דײַן לעבן, הייסט עס.

— וואָס זשע האַלטסטו עס אין איין זינגען, טאַטע?

— עס זאָל זיך מיר ניט גלוסטן קיין בעסערס. איך זאָל ניט מעקאַנע זײַן קיין צווייטן, איך זאָל צופרידן זײַן מיט מײַן מאַזל... יאָ, ניט מעקאַנע זײַן, ווײַל קינע, טאָכטער, איז איינע פון די גרעסטע זינד און הארצקלעמענישן.

— און פאַרוואָס עפּעס מוישע? וועלכן מוישע מיינט מען דאָס? — האָט לייע ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— מוישע מיינט מען אונדז אַלעמען — די בידנע מוישעס, און יאַנקלס, און מאָטלס, נו, און, פאַרשטייט זיך, נאַפּטאָלעס, וועלכע האָבן נאָר איין מעגלעכקײַט אינעם לעבן — באַנוגענען זיך מיט זייער קאַפּצאַנישן כיילעק.

נאַפּטאָלע האָט אומיסטן צווישן די „מוישעס" ניט אָנגערופן בענטשיקס נאָמען, בענטשיק איז גראָדע ניט געווען פון די, וואָס באַנוגנט זיך מיטן אויסגעטיילטן פאַר אים „כיילעק"... בענטשיק האָט געהאַלטן אין איין מיינען, אַז די זינדיקע וועלט איז ביז גאָר שלעכט אײַנגעאָרדנט און אַז מע וואָלט זי געדאַרפט וואָס גיכער ענדערן.

— ווײַטער קאָן אַזוי ניט זײַן, — האָט ער געטײַנעט, — אַז די בראָדסקיס און די מענדלס — די מאַגנאַטן זאָלן לעבן אַ גוטן טאָג, זאָלן פרעסן און זויפן און גאָר שיקער ווערן פונעם אַרבעטערס בלוט!

ס'וואָלט נאָך עפּשער געווען נישקאָשע, ווען בענטשיק זאָל געווען טראַכטן וועגן זײַנע פּלענער, ווי צו ענדערן די וועלט און ניט אַרויסזאָגן זיי פאַר אַנדערע, איז ער אָבער ניט פון די, וואָס פאַרקלײַבן זיך, ווי אַ וואָרעם אין כריין, און טײַנען, אַז עס איז אים גוט...

נאַפּטאָלע דער כאַזן האָט דאָפּקע ליב געהאַט הערן, ווי דער בכאָר זײַנער, בענטשיק, דערציילט, וואָס עס טוט זיך אַף די זאַוואָדן אין די גרויסע שטעט, און וויאַזוי די פּויערים נעמען די ווילעס אין די הענט און מע גייט זיך צערעכענען מיט די פּריצים פאַר זייער קריוודע.

— ס'איז נאָר מיר, די קליינשטעטלדיקע פּאַכדאָנים, זיצן צונויפגעלייגט די הענט און וואַרטן אַף גאָטס ניסים!

אַנדערע באַכערים פון בענטשיקס עלטער האָבן זיך שוין פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי בעסער זיך אײַנאָרדענען, געפונען זיך אַ פּאָר, ווערן אַ טאַטע פון קינדער; בענטשיקן איז דאָס ניט געלעגן אין קאָפּ, ס'הייסט, אין קאָזשומיאַקי איז דאָפּקע יאָ געווען איינע אַ פרוי, וואָס איז אים ביז גאָר געפעלן געווען; ס'פלעגט טרעפן, אַז זי פלעגט זיך אים אפילע כאָלעמען, כאָטש זי איז געווען עלטער פון אים און האָט שוין געהאַט אַ מאַן מיט אַ קינד... און ווער ווייסט, ווען זי איז פון אַן אַנדער שטאַנד, וואָלט ער זיך עפּשער ניט דערשראָקן פאַר דעם, וואָס לײַטן וועלן זאָגן, און וואָלט זיך געלאָזט אין אַ גערانגל פאַר איר, זי אָפּגעשלאָגן פונעם מאַן, נאָר בענטשיק האָט זיך ניט דערוועגט אפילע צו טראַכטן וועגן דעם. און ווער ווייסט, צי זי וואָלט אים ניט אָפּגעשטויסן פון זיך און אים אָנגעקוקט, ווי אַ מעשוגענעם.

כוץ דעם, האָט ער מוירע געהאַט, אַז זײַנע גוטעברידער, די האַרבאַרניקעס, וועלן אים אויסלאַכן: ער האַלט דאָך אין איין טײַנען מיט זיי וועגן גערעכטיקײַט און אַז מע טאָר בעשום־אויפן ניט פאַרגעסן, אַז די וועלט איז צעטיילט אַף צוויי קעגנזעצלעכע צדאָדים, און אַז אַן אַרבעטער דאַרף זיך זוכן אַ פּאָר פון זײַן גלײַכנס. וואָס וואָלטן זיי, אַשטייגער, געזאָגט, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז די, וואָס קומט אים צו כאָלעם, איז גראָדע די גרעסטע נעגידעסטע אין קאָזשומיאַקי און אַז רופן רופט מען זי — סאָרע און אַז איר מאַן איז טאַקע מענדל פרידמאַן, דער מאַגנאַט, בענטשיקס באַלעבאָס...

ווי דאָס איז געשען, וואָס בענטשיק האָט זיך אין איר פאַרליבט, איז אים שווער צו דערקלערן. שולדיק איז אין דעם אוודע לייעלע, זײַן שוועסטערקע, וואָס פלעגט אים דערציילן וועגן איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ גאָלדענע נעשאָמע, אָט די סאָרע, ווי זי איז דאָס געטרײַ דעם אָרעמען דינסטמיידל — ווי אַן עמעסע שוועסטער, כ'לעבן! אַזוינס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר!

אַנומלטן, ווען מענדל האָט באַפוילן זײַן מעשאָרעס, ער זאָל הייסן דעם רעדלפירער, דעם יימאַכשעמוי בענטשיקן, ער זאָל צו אים אַרײַנקומען שאַבעס נאָכן וואַרמעס, ניין, ניט אין דער קאָנטאָר, נאָר צו אים אַהיים, מאַכמעס ער האָט מיט אים צו שמועסן וועגן אַ גאָר וויכטיקן איניען, האָט דער מעשאָרעס אַף אים אויסגעגלאָצט די בולעכאַטע ווײַסע אויגן:

— בענטשיק? דעם כאַזנס בענאָק?! ער וועט מיר אָנשפּײַען אין פּאָנעם!

— וואָס עפּעס אָנשפּײַען? ווען דו לאָדסט אים אײַן צו זיך, וואָלט ער זיך ניט געכאַפּט. און מיר, מענדלען, וועט ער ניט אָפּזאָגן. שאַבעס נאָכן וואַרמעס, זאָג אים, וועל איך וואַרטן!

דער מעשאָרעס האָט גוט געוווּסט, וואָס בענטשיק איז פאַר א פויגל, און אַז ער קאָן ניט אָנקוקן דעם באַלעבאָס! נאָר אַז מע הייסט, איז דאָך ניט שײַעך, אָן אַנדער ברירה האָט ער? שטעלט אײַך פאָר, אַז בענטשיק איז גראַדע צו דער צײַט געקומען אינעם רײַכן מויערל, צו זײַן באַלעבאָס אין הויז.

רעב מענדל האָט נאָכן פעטן וואַרמעס געכאַפּט א דרעמל. זײַן כראָפּען האָט מען געהערט אינעם פאַדערצימער. וויפל סאָרע, זײַן ווײַב, האָט ניט געטײַנעט, אַז כראָפּען איז א מיִעסע געווינהײַט, האָט ער איר שטענדיק געענטפערט:

— פאַרקערט! כראָפּען איז א סימען פון געזונט אין די אייוורים. א קראַנקער מענטש קרעכצט, און א געזונטער — כראָפּעט. אפילו די קייסערינע, זאָגט מען, כראָפּעט... הײַנט די גרויסע נעגידים — צען טויזנט מאָל מער נאָך!

באַגעגנט האָט בענטשיקן סאָרע מיטן קינד אױף די הענט, מיט איר צירונג בלימעלע. לייען, בענטשיקס שוועסטערל, האָט מען גראַדע דעמלט אָפּגעלאָזט אױף א פּאָר שאָ.

דאָס קינד אױף סאָרעס הענט איז געווען פריילעך און געלאַכט פון פאַרגעניגן. די מאַמע האָט אויך געקוועלט און אויסגעזען, ווי אַן עמעסע זומערדיקע קוויט.

סאָרע האָט ניט געוווּסט, אַז זי איז צום האַרצן דעם פלאַמענדיקן באַכער, וועגן וועלכן איר מאַן האָלט אין איין ריידן. זי איז שוין געווויינט געווען צו מענדלס בייזע רייד וועגן יעדן איינעם, וואָס סטאַרעט זיך ניט אים צו געפעלן ווערן. זי האָט ניט איין מאָל געזען בענטשיקן אױף דער גאַס און לעבן דער שטוב זייערער — מע איז דאָך קימאַט ווי שכיינים. נאָר ווערדליק מענדל האָט אים אויסגעמאָלט, האָט זי גאָר מוירע געהאַט זיך באַגעגענען מיט אים — ער קאָן נאָך אומזיסט און אומנישט זי באַליידיקן. „אױף זיי איז צו גלייבן! זיי האַלטן דאָך אונדז פאַר סאָנים!" — אַזוי פלעגט טײַנען מענדל, ניט מוירע האָבנדיק, אַז לייע, בענטשיקס שוועסטערל, וועט עס אָפּטראָגן דעם ברודער.

נאָר אָט איז בענטשיק אַרײַנגעקומען, באַשיידן, אפילו א ביסל שעמעוודיק, איר אָפּגעגעבן א גוטשאַבעס.

— א גוטשאַבעס, א גוטיאָר, — האָט סאָרע געענטפערט. — קומט אַרײַן.

— א דאַנק, איך בין שוין אַרײַנגעקומען.

— טאַ זיצט. איך וועל אים באַלד אופוועקן.

— און עפשער דאַרף מען ניט? — האָט ער אױף איר ליב א קוק געטאָן.

— ער שלאָפט שוין גאַנץ היפש.

— כ'ווייס, אַז א מענטש כראָפּעט אַזוי. א ראַכמאָנעס...

— איר רעדט אויך וועגן ראַכמאָנעס? — האָט זי אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— וואָס זשע, אַזאַ גאַזלען ביז איך? — האָט ער א שמייכל געטאָן, — צי איך בין, כאַ־לילע, א מענטש אָן א האַרץ? אָ, איך ווייס די פרײַז פון א שטאַרקן שלאָף.

— אָפּן שלאָף באַקלאָגט ער זיך דאָפקע ניט. ער שלאָפט, קיין אײַנהאָרע ניט, ווי א דערהאַרגעטער, — האָט זי זיך אויך צעשמייכלט, ווי צו אירס א גלײַכן.

— און איך האָב ביז איצט געמיינט, אַז נעגידים שלאָפט זיך ניט...

— פאַרוואָס עפּעס?

— די זינד זייערע און די מאַמטאַקים לאָזן זיי רויק ניט שלאָפן.

סאָרע האָט אים צום ערשטן מאָל אַזוי נאָענט אָנגעקוקט. אומגעריכט האָט זיך פאַרבונדן א גוטמוטיקער געשפּרעך. סאָרע האָט געהייסן דער דינסט, זי זאָל דערלאַנגען צום טיש א גלאָז קאָמפּאָט מיט אייערקיכלעך. ווי אומיסטן האָט רעב מענדל זיך איבערגעדרייט אױף דער צווייטער זײַט און נאָך שטאַרקער גענומען כראָפּען. סאָרען איז געווען א ביזאַיען פאַרן גאַסט, און ווי זי וואָלט זיך אַנטשולדיקט פאַר אים, האָט זי שטילערהייט צוגעמאַכט די טיר פון מענדלס צימער.

— אויב איר אײַלט זיך ניט...

— נישקאָשע, נישקאָשע! שאַבעס מעג מען זיך אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און זיך ניט אײַלן. דערצו נאָך, אַז איך האָב די זכיִע אָנקוקן אײַער בלימעלע.

— אָ, מײַן בלימעלע! פרעגט בא אײַער לייעלע, וועט זי אײַך זאָגן, וואָס דאָס איז פאַר אַן אַנטיק, אונדזער בלימעלע!..

סאָרע האָט אױף אים ווידער א ליבן קוק געטאָן און אונטערגעטראָגן נעענטער דאָס קינד, ווי זי וואָלט אים פאַרלייגן: „נעם, נעם דאָס אױף דײַנע הענט, וועסטו ערשט דערפילן דעם עמעסן טאַם!"

ווען זי איז צוגעגאַנגען צו בענטשיקן מיטן קינד אױף די הענט, האָט אָפּן באָכער א ווייע געטאָן מיט פרישקײַט, מיט פרויען־רײַנקייט, ער איז אױף א ווײַלע, ווי שיקער געוואָרן.

ווי אַן אויסגעהונגערטער מענטש, האָט בענטשיק גע־שלונגען דעם רייעך, פון וועלכן ס'האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. אין זײַן לעבן איז אים ניט אויסגעקומען צו זײַן צווישן מענטשן, פון וועלכע עס שמעקט מיט פּאַרפומען, אים איז, זעט אויס, אַף אייביק באַשערט צו שלינגען די שטיקנדיקע רייכעס פון די זאַלניע־גריבער. בא זיי, בא נאַפטאַלע דעם כאַזן אין שטוב, האָט איין מאָל אין דער וואָך, ערעוו שאַבעס, זיך גע־שפּירט דער רייעך פון דער שטיפמוטערס זראַזע, אָדער דער דופט פון די מאָן־פּלעצע־לעך, וואָס זי פלעגט זיך פאַר־גינען באַקן פאַר אירע ברויט־געבער, נאָר ווי קומען יענע רייכעס צו די, מיט וועלכע עס איז פול מענדלס שטוב?

בענטשיק האָט ניט איין מאָל געוואָרפן אַף סאָרען אַן אויג, נאָר די סינע צו די נע־גידים איז בא אים געוועזן אזוי גרויס, אַז ער האָט אויך אַף איר אריבערגעטראָגן א טייל פון זײַן האַס.

און אַצינד, ווען זי איז מיטן קינד אַף די פולע שיינע הענט געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך פלוצעם ווי אויסגעוועפּט דאָס סינע־געפיל. די שיינקייט וועסטו דאָך פון איר ניט צו־נעמען, די געלאַסנקייט אויך ניט. די פאַרליבטקייט אינעם קינד מאַכט זי נאָך פײַנער. הײַנט, אויב דערמאָנען זיך אין דעם, וואָס לייעלע האָט אים געהאַט דערציילט וועגן איר קלאָגן אינדערשטיל, דער מאַן זאָל ניט וויסן, איז זי דאָך פּאַשעט אַן אומגליקלעכע פרוי. איז דען דעם שיינעם זינגפויגל בעסער, אויב ער זיצט אין א גאָלדענער שטײַג?

דער פלוצעמדיקער פאַרגלײַך, וואָס איז אים געקומען אפן זינען — סאָרע אין דער גאָל־דענער שטײַג, האָט מיטאַמאָל ווייכער געמאַכט זײַן האַרץ. „אָט אזא פרוי וואָלט איך ליב געהאַט, ווי דאָס לעבן...“ נאָר דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים גלײַך דערשראָקן. אזעלכע פרויען קאָנען זיך פאַרגינען נאָר די נעגידים, צווישן זײַנע באַקאַנטע האָט בענטשיק זעלטן באַגעגנט אזאַ. די שיינקייט פון די קאַפּצאָנישע ווײַבער איז פאַרהילט אין דײַגעס און אין זאָרגן, ווי מיט א שיכט שטויב איז זי צוגעדעקט. און זי, סאָרע, מיט איר ליכטיק פּאָנעם און עטוואָס צוגעלאָשענע און דאָך פײַערדיקע אויגן ליכטיק, ווי א שטראַל. שוין זשע זײַנען איר אויך באַקאַנט די געזאַלצענע טרערן, וואָס זײַנען דער אייביקער איידעס פון אָרעמקײַט.

— פאַרזוכט אונדזער צימעס, פאַרזוכט, שעמט זיך ניט!

— כ'בין ניט פון די שעמעוודיקע, — האָט בענטשיק געענטפערט און דאָך אָפּגערוקט די גלאָז. „זאָל זי ניט מיינען, אַז איך וועל זיך לאָזן קויפן פאַר א גלאָז נעגידישן צימעס...“ — יעדן שאַבעס האָבן מיר אויך די זכיִע זיך קוויקן מיט מײַן מאַמעס צימעס. ער איז אויך זייער געשמאַק.

בענטשיק האָט גאָר אליין ניט באַמערקט, ווי ער שפּירט נאָך דער באַלעבאָסטע. ער האָט געזען איר ראָזלעך לײַב, וואָס דאָס שטוב־מאַלבעשל האָט ניט אײַנגאַנצן באַהאַלטן. די פולע בריסטלעך האָבן ארויסגעשפּאַרט פון דעם בלוילעכן סאַמעט, פון וועלכן דאָס קלייד איז געווען געשיקט אופגעניייט און איז די לעצטע צײַט אַף איר א ביסל ענג געוואָרן. אַף די



פיס האָט זי געטראָגן א פּאָר גרינע שטעקשיך, געניית, מעגלעך, פון דעם לעדער, וואָס זײַנע, בענטשיקס, העגט האָבן אויסגעארבעט אין איר מאנס געשעפט.

ניט לאנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן ביז מענדל וועט דערפילן, אז אין שטוב געפינט זיך א פרעמדער מענטש, און וועט ארויס פון זײַן שלאָפצימער. יאָ, ניט לאנג. דער אײַנגע־לאַדענער באָכער האָט אפילו ניט געהאט קיין צײַט זיך א ביסל דורכריידן מיט סאָרען. וועגן וואָס? עפשער וואָלט ער שוין געפונען וואָס צו זאָגן איר — עס לעבט דאָך בא איר אין שטוב זײַן שוועסטער לייע און עפּעס איז מען דאָך שכיינים!

מענדל איז ארויסגעגאנגען פון זײַן שלאָפצימער, זיך אויסגעגלײַכט די ביינער, אראָפּגע־צויגן דעם זשילעט, וואָס האָט זיך פארוקט אפן פולן בײַכל.

— ביסט שוין דאָ? און איך וואַרט אף דיר, — האָט ער געזאָגט צו אים, ווי צו אן אלטן גוטנברודער און א קוק געטאָן אף דער גלאָז געדיכטן צימעס, וואָס איז געשטאַנען אנטקעגן בענטשיקן.

— מיר האָבן ניט געוואָלט דיך וועקן, — האָט זיך סאָרע ווי פארענטפערט.

— צוליב אן איניען מאכט ניט אויס, אויב מע וועקט אוף, א קליינע אוולע.

— וואָס זשע פאר אן איניען, רעב מענדל?

— אויב איך האָב שוין באשטימט דיך אײַנלאַדן צו זיך...

— וואָס איז שײַעך — אײַנלאַדן...

— אײַנלאַדן הייסט ניט באפוילן, נאָר אײַנלאַדן. א קנעכט באפוילט מען, און א לײַטישן מענטש לאַדט מען אײַן.

מענדל האָט גענומען א בענקל און האָט זיך צוגעזעצט האַרט לעבן בענטשיקן, א ווונק געטאָן צו זײַן ווײַב, זי זאָל אזוי גוט זײַן און לאָזן אים מיטן גאַסט אויג אף אויג. סאָרע האָט, ווי געזעגענענדיק זיך מיט בענטשיקן, א פארבייג געטאָן דעם קאָפּ מיטן הויכן קובלעק, וואָס איז געווען עטוואָס צעשויבערט און דערמיט אויסגעזען אין בענטשיקס אויגן נאָך ליבער און היימישער. זי האָט צוגעמאכט די טיר און אים האָט זיך אף א רעגע אויסגעדאכט, אז דאָס איז נאָך אן איבעריקער באווײַז, ווי מענדל איז זיך נויקעם אין אים. וואָס וואָלט אים געשאַדט, ווען סאָרע זאָל דאָ בײַזײַן?

— ווי זשע פילסטו זיך, בענציע, — האָט מענדל א קוק געטאָן אף אים.

— איר פרעגט בא מיר?

— יאָ. איך פרעג בא דיר, בענציע.

— ס'הייסט, אליין ווייסט איר ניט? איר זײַנט, כאַלילע, פון הימל אראָפּ? — האָט בענטשיק איבערגעקליבן די פרענדזלעך פון דעם סאמעטענעם טישטעך, מיט וועלכן עס איז א גאנצע וואָך פארשפּרייט געווען דער קײַלעכדיקער טיש. אזעלכע טישן האָט ער ניט באגעגנט אין די שטיבער פון זײַנע פרײַנט, מיט וועלכע ער האָט געארבעט בא מענדלען, — ניט פאר זייער קעשענע.

— פון די הימלען, זאָגסטו? אין די הימלען האָב איך ניט וואָס צו טאָן. איך בין א מענטש פון א גאנצער וואָך און שטיי פעסט אף מײַנע פיס דאָ, אף דער זינדיקער ערד, בענציע.

— נו, איז אויב איר זײַנט א מענטש פון א גאנצער וואָך, קערט איר אוודאי וויסן, ווי עס פילן זיך בא אײַך אײַערע ארבעטער די גאנצע וואָך.

— גערעכט, גערעכט! וואָס פאר א באַלעבאָס וואָלט איך געווען, ווען איך וויס ניט, וואָס מײַנע ברויטגעבער טוען און ווי זיי פירן זיך אוף.

— קומט אַרײַן אין דער זאַלניע און שטייט אף — כ'וועל ניט זאָגן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאכט אַרײַן, כאָטש צוויי־דרײַ שאָ, — וועט איר פארשפּאָרן פרעגן, ווי מיר פילן זיך.

— ס'הייסט, נעם זיך פארן שאָבמעסער און טו דאָס, וואָס איך טו? און ווער זשע וועט זיך פארנעמען מיטן מיסכער? ווער וועט אײַך באזאָרגן מיט רוויווארג, ווער וועט פארדינען דאָס געלט, וועלכע איך צאָל אײַך?

— נו, איז קומט דאָך אײַך אוודאי א גרויסער דאנק.

— א דאנק צי ניט קיין דאנק, נאָר קיינער פון אײַך פרעגט מיך ניט, ווי איך פיל זיך.

בענטשיק האָט אים געוואָלט זאָגן, אז וועדליק איר, רעב מענדל, כראָפּעט נאָכן שאַ־בעסדיקן ווארמעס, און וועדליק איר זײַנט, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, גראָב, ווי א פאַס, און וועדליק עס זעט אויס אײַער ווײַב, און וועדליק אײַער שטוב איז פול, ווי א גאָל־דענער בעכער, לעבט זיך אײַך ניט גאָר שלעכט, אף אלע אײַערע ארבעטער געזאָגט גע־וואָרן! נאָר בענציע האָט עס ניט געטאָן, ער האָט זיך ניט געאײַלט, אים איז טשיקאווע געווען צו הערן, וואָס וועט רעב מענדל אים ווײַטער זאָגן — אזוי סטאם וואָלט ער דאָך אים ניט אײַנגעלאַדן צו זיך.

— דאכט זיך, קלוגע מענטשן, בא די געדאנקען, ניט צו פארזינדיקן! און דאָך וויל מען זיך ניט מאטריעך זײַן א טראכט צו טאָן, אין וואָס פאר א צײַט מיר לעבן.

„אך, סארא פאסקודניאק! הער נאָר א זאָג: „אין וואָס פאר א צײַט מיר לעבן". ווער איז דאָס דער „מיר"? אָדעם א מענטש און קאטשקע רוק זיך! — אזוי פלעגט אמאָל זאָגן נאָפּ־טאָלע דער כאַזן. ווען עס לוינט אים, דעם באַלכעסעד, שטעלט ער זיך אינעם אלגעמיינעם צעטל," — האָט בענטשיק געטראכט און מיט אלע קויכעס זיך געהיט ניט פארפירן קיין פריצײַטיקן וויקוועך מיטן באַלעבאָס. בענציע האָט צײַט, ער וועט נאָך באווײַזן אים אַרײַנזאָגן.

— וואָס זשע, צוליב דעם האָט איר מיך גערופן, קעדיי איר זאָלט מיר זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן?

— אויך צוליב דעם, וואָס זשע! עפּעס ביסטו דאָך ניט קיין פּאָשעטער באָסערוועדאָם, עפּעס ביסטו דאָך א גאנצער רעדלפירער אין מײַן געוועוב.

„הערסט א בעסטיע! אז עס לוינט אים, ווערט זײַן זאוואָד מיט די אָנצאַליקע פעסער און ווארשטאטן א געוויינלעך „געווערב" און מיר אלע זײַנען גאָר מיט אים די בעסטע גוטע פלודערן", — האָט בענטשיק ניט אופגעהערט צו טראכטן, ארײַנקוקנדיק אים אין די ציטרע אויגן, וואָס האָבן זיך ווי אומיסטן פארבאהאלטן אונטער די געדיכטע געלבלעכע ברעמען.

— גערופן האָב איך דיך, בענציע, קעדיי זיך האלטן מיט דיר אן אייצע...

— איך בין דיר א שלעכטער באַלייצע! — האָט בענטשיק אומגעריכט און אזעסדיק געענטפערט, — אייצעט זיך מיט אײַערע שוטפים, מיט אײַער גלײַכן.

— ווער איז מיר נאָך מער שוטעף פון די, מיט וועלכע מע לעבט און מע איז פארנומען אין איין געשעפט?

— עפּעס כיטרעוועט איר, רעב מענדל! פון ווען אָן זײַנען עס די ארבעטער, די פינצ־טערע באַלמלאָכעס, שוטפים מיטן באַלעבאָס? עפּעס האָב איך ניט געהערט פון אזא שוט־פעס, אז איינער ווייקט זיך אין די זאַלניעס און אינעם איפּעש, און דער צווייטער באָדט

זיך אין גאָלד... — בענציע האָט האַסטיק זיך אופגעהויבן, א שלעפּ געטאָן דעם טישטעך און שיר ניט איבערגעקערט די גלאָז מיט צימעס.

מענדל האָט זיך אויך אופגעהויבן. איצט האָבן זיי געמאַכט אַן איַינדרוק פון צוויי אָנגע־כאָרכלטע הענער, וואָס זיַינען גרייט איינער דעם אנדערן אויסדראָפּען די אויגן.

— הער נאָר א שפּראַך! הער נאָר א לאָשן! מיַין גאָלד לאָזט דיך אויך ניט רוען? וואָס זשע, עפּשער זאָל איך עס דיר אָפּגעבן אָן א דאנק? עפּשער זיך בייַטן מיט דיר מיט די ערטער — אוועקשענקען דיר מיַין שטוב מיט מיַין האָב־און־גוטס און אליין זיך באַזעצן בא דיַין כאַזנס אַלמאָנע...

— טשעפּעט ניט מיַין טאַטן און מיַין בידנע שטיפמאַמע, די אַלמאָנע...

— איך האָב צו זיי גאָרניט, כאָלילע!

— זאָגט מיר בעסער, וואָס האָט איר דערוואַרט פון אונדזער געשפּרעך, רעב מענדל.

— דערוואַרט האָב איך, גראַדע דאָס, וואָס איך האָב נאַרוואָס אויסגעהערט פון דיר. מיינסט, איך בין אַזאַ טיפּעש, וואָס ווייסט ניט מיט וועמען איך האָב צו טאָן?

— וואָס־וואָס, נאָר טיפּעש קאָן מען איַיך ניט אָנרופן!

— איז דאָך אוואַדע גוט! און אויב דו ביסט שוין אַף אַזויפיל קלוג, וואָס דו פאַרשטייסט, אַז מענדל איז ניט קיין נאַר, איז הער מיך אויס, בענציע, נאָר מיט קאָפּ.

און מענדל האָט, צוקלייַבנדיק פאַרזיכטיקע און אַמיינסטן פּאַסיקע אויסדרוקן, געגומען דערקלערן בענטשיקן, אין וואָס פאַר א צייַט מע לעבט, און אַז די געשעפטן זיַינען איצט ניט זייער וואַזשנע, און אַז אַפן לעדער־זאַוואָד, ווו זיי ביידע אַרבעטן, איז איצט ניט זייער גלאַטיק. פאַרביסענע סאָנים האָבן זיך באַזעצט אַפן זאַוואָד און העצן אונטער די אַרבעטער, זיי זאָלן אַרבעטן ניט אַזוי געטרייַ, ווי פריִער. פאַראַכטאָגן האָט עמעצער געבראַכט אַפן זאַוואָד א פּאָר צעטלדיק פלוגבלעטלעך, אין וועלכע עס שטייט געשריבן שוואַרץ אַף ווייַס, אַז עס איז שוין געקומען די צייַט פון שטרייַק און מע זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט, און מע זאָל פאָדערן פאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג אַף גאַנצע צוויי שאָ! דו שטעלסט זיך פאָר — צוויי שאָ!

בענטשיק האָט שווייַגנדיק אויסגעהערט אַלץ, וואָס מענדל האָט פאַר אים אויסגעלייגט. פאַר אים, פאַר בענטשיקן, איז דאָס אַלץ געווען גוט באַקאַנט, ווייַל ער האָט אַליין מיט זיַין אייגענער האַנט אָט די אַלע פאָדערונגען איבערגעשריבן פון דעם פלוגבלעטל, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַף איינער פון די קיִעווער פאַבריקן מיט אַזאַ אונטערשריפט, ווי אַף מענדלס זאַוואָד — „קאָמיטעט".

— עפּעס האָט זיך דאָ געפונען א גאַנצער קאָמיטעט, וואָס פּרוּווט זיך פאַרקאָכן א קאַשע און מיינט, אַז מענדל וועט זיך דערשרעקן און וועט זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט. צי עפּשער, בענטשיק, הערסטו דאָס פון מיר דעם ערשטן און אַלץ, וואָס איך האָב דיר דער־ציילט, איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך?

— לעמיַי זאָל איך איַיך זאָגן א ליגן, רעב מענדל? איך ווייס נאָך עפּשער א ביסל מער פון דעם, וואָס איר האָט מיר אָקאָרשט דערציילט.

— אָט־אָט־אָט! הייסט עס, ווייסטו די לאַגע.

— איך ווייס!

— און ווי זאָלסטו טאַקע ניט וויסן, אויב מע שמועסט, אַז פון דיר אַליין שטאַמט דאָס אַלץ, אַז דער „קאָמיטעט", דאָס ביסטו, בענטשיק, כ'בעט איבער דיַין קאָוועד, און נאָך עט־לעכע סמאַרקאַטשעס, וואָס זיַינען ניט ווערט זייער נאָמען זאָל אָנגערופן ווערן.

— נו, דאָס רעדט איר שוין ניט צו דער זאַך!

— דו פאַרדרייסט זיי דעם קאָפּ!

— אַזוי גאָר די מיַיסע?! און פונוואַנעט ווייסט איר דאָס?

— איך ווייס! מיין ניט, אַז די ווענט פון מיַין זאַוואָד האָבן ניט קיין אויערן און אַז עס זיַינען דאָרט ניט פאַראַן צווישן איַיך אַזוינע, וואָס טראָגן מיר אָפּ וואָרט בא וואָרט.

— אין יעדער טשערעדע טרעפט אַמאָל א פאַרשיווע שאָף!

— רוף דאָס אָן, ווי דו פאַרשטייסט. און דיך, בענציע, האָב איך איַינגעלאַדן צו זיך ווי א גוטנפריַינט. וואָס איך וויל זען אין דיר, זאָל איך דאָס זען אין אַלע מיַינע ליבע. דו פרעג בא דיַין שוועסטערל, וועט זי דיר דערציילן, ווי מיר באַציִען זיך צו איר — טאַקע ווי צו אַן אייגן קינד!

— איז ווילט איר, אַז איך זאָל איַיך דערפאַר אָפּצאָלן דערמיט, וואָס איך וועל זיך אָפּזאָגן פון זיך אַליין און שטעלן זיך אַף איַיער זיַיט, ווערן איַיערער א „שוטעף".

— איך מײן דאָך ניט אומזיסט, כאָלילע! וועסט בא מיר באקומען כוידעש־געלט, צוויי מאָל אזויפיל, וויפל דו באקומסט בא די פעל.

— ס'הייסט פארקויפן אײַך מײַן אייגענע פעל...

מענדל האָט ארויסבאקומען פון דער בוזעם־קעשענע א צעקנייטשט בלעטל פאפיר, דאָס אויסגעגלײַכט אפן טישטעך.

— אָט דאָ, זעסטו, שטייט דאָס אלץ, וואָס איך האָב דיר דערציילט. האָסט דאָס געלייענט, צי עפשער זעסטו דאָס צום ערשטן מאָל?

— סארא נאפקעמינע?!

— ס'איז שוין דאפקע יאָ א נאפקעמינע! איינס קומט יענעם, וואָס לייענט עס צופעליק איבער, און גאָר עפעס אנדערש באקומט דער, וואָס קלערט דאָס פארשפרייטן צווישן די פינצטערע קעפ, צווישן די פאָלגערס, וועלכע זײַנען פאר א דרײַערל גרייט הארגענען א מענטשן. אָבער דו, בענטשיק, דו ביסט דאָך עפעס א כאָכעם, כ'לעבן. דו וואָלסט געקאָנט...

בענציע איז שוין ניט אומשטאנד געווען צו הערן ווײַטער מענדלס פרעכע ריידערײַ און האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אומזיסט אײַער טירכע, רעב מענדל!

סאָרע, וועלכע האָט אפן לעבן זיך ניט ארײַנגעמישט אין מענדלס געשעפטן, האָט אויך דאָס מאָל ניט דערוועגט זיך ארײַנשטעלן אירס א וואָרט. זי איז געשטאנען אונטער דער טיר און געהערט יעדעס וואָרט. איר האָט זיך אײַנגעבן אײַנצושלעפערן דאָס קינד און זי איז איצט געשטאנען איינע אליין. א ציטער איז איבערגעלאָפן איבער איר לײַב, ווען איר מאַן, דער פריפאדאָטשנער מענדל מיט די דערשראָקענע אויגן, האָט זיך פלוצעם צעשרײַען אף בענטשיקן:

— מיין ניט, אז אלץ איז העפקער פעטרישקע! איך שפײַ זיך אויס אף אלע אײַערע בלעטלעך און אפן קאָמיטעט אויך. טו מיך א בעט, ווארף איך אײַך אלע ארויס אף דרײַ שפענדלעך!

— אדעראבע! פרוווט זיך, פרוווט!

— וואָס וועט איר מיר טאָן? מיר קוילען די קאפּאָטע?!

— די קאפּאָטע אײַערע וועט בלײַבן גאנץ.

— וואָס זשע! איר וועט ניט ארויסגיין צו דער ארבעט? וועגן דעם האָב איך שוין געהערט! נישקאָשע, עס וועלן זיך געפונען גענוג אזוינע, וועלכע נייטיקן זיך אין א שטיקל ברויט. מע וועט מיר נאָך זאָגן א דאנק, דער הימל איז נאָך ניט בא דר'ערד!

בענטשיקן זײַנען נימעס געוואָרן די טײַנעס. אף א רעגעלע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט עס אלץ איבערדערציילן דעם קאָמיטעט — זיי זיצן דאָך דאָרטן און ווארטן אף אים. ער האָט זיך דאָך בא זיי אָנגעפרעגט, צי זאָל ער אָנעמען דעם באלעבאָס' אײַנלאדונג. „ניין, — האָט אים געזאָגט דער אלטער שינדער. — גיי און לאָז זיך ניט שפײַען אין דער קאשע. שוין ניט די צײַטן, וואָס יעדער איינער האָט געציטערט פאר זײַן אייגענער פעל, שוין ניט די צײַטן!"

בענטשיק האָט אָנגערוקט דאָס היטל אפן קאָפּ, נאָכאמאָל אָפּגעמאָסטן מענדלען פונעם קאָפּ ביז די פיס און אָן א זײַ־געזונט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— הייסט עס, זאָגסטו מיר גאָרניט צו?

— אלץ, וואָס כ'האָב געהאט צו זאָגן, איז שוין געזאָגט געוואָרן, רעב מענדל. אלץ! איצט איז שוין פון אײַך געווענדט, אז די ארבעטער זאָלן אײַך, כאָלילע, ניט אונטערטוקן אין איינער פון די גרויסע ביטן.

— הייסט עס, שרעקסטו מיך ווידער?!

— איך שרעק ניט, רעב מענדל, איך וואָרן אײַך.

— וועסט כאראָטע האָבן, בענציע, נאָר ס'וועט שוין זײַן צו שפעט!

— וואָס קאָן שוין ערגער זײַן, ווי ס'איז אונדז אצינד? — בענטשיק האָט א ריס געטאָן די טיר און אומדערווארט זיך אָנגעשטויסן אף סאָרען, וועלכע איז געשטאנען בלייך, ווי די וואנט. ווען ס'איז אין איר רעשוס, וואָלט זי אים אָפּגעשטעלט און מיט איר שמייכל געפרוווט בארויִקן, זאָגן אים, אז מיט איר גאנצן הארצן און מיט איר נעשאָמע איז זי אף זײַן זײַט, נאָר וואָס קאָן מען טאָן, אז מע איז פארקויפט: זי — בא איר מאַן, און ער, בענטשיק — באם באלעבאָס מענדל.

— אָט אזוי, סאָרע־לעבן, אָט אזוי, — האָט בענטשיק איר א קוק געטאָן אין די אופגעריסענע אויגן, און איז ארויס אין גאס.

ווען בענטשיק האָט זיך דערגעענטערט צו זייער שטוב, איז אים אנטקעגן אָנגעגאַנגען לייע.

— נו, וואָס האָט ער דיר געזאָגט, מײַן באַלעבאָס?

— דו ווייסט עס ניט פאַרשטיין, לייעלע, ביסט נאָך צו יונג.

— האָסטו שוין דאָפּקע א טאָעס. יונג?! — האָט זיך לייע באַליידיקט, — שוין גאָר ניט אזוי יונג, ווי דו מיינסט. אמאָל בין איך געווען יונג, און איצט סטאַרען זיי זיך ניט ריידן אין מײַן אָנוועזנהײַט. דו פאַרגעסט, אז די מעשאַרסים וואַקסן אָף א סאַך גיכער, ווי די געוויינלעכע קינדער.

— וואָס זשע, זיי שעמען זיך פאַר דיר?

— דער באַלעבאָס האָט מיסטאָמע מוירע, איך זאָל דיר ניט אָפּטראָגן.

לייע פלעגט טאַקע גאָרניט „אָפּטראָגן”. כוץ איין מאָל, ווען איר באַלעבאָסטע סאָרע האָט זיך פאַרגלוסט אויסגיסן איר ביטער האַרץ און האָט א גאַנצן אָוונט גערעדט מיטן דינסטמיידל וועגן איר, לייעס, ברודער, ער איז איר, זעט אויס, ביז גאָר געפעלן געוואָרן דעמלט, בייס יענעם שאַבעסדיקן באַזוך. סאָרע האָט זיך געגוי דערפרעגט וועגן אים, נאָר וואָס קאָן זי וויסן, לייע, אז א גאַנצע וואָך זעט זי זיך ניט מיט בענטשיקן. דערפרעגנדיק זיך וועגן אים, האָט סאָרע געזיפצט. ער איז איר, קענטיק, אַרײַן אין די ביינער, דער בענטשיק.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי אײַנגערוימט לייעלען א סאָד:

— זאָג אים, ער זאָל זיך היטן!

— וואָס הייסט היטן? — האָט זיך לייע דערשראָקן.

— היטן הייסט — זײַן פאָרזיכטיק, נאַריש קינד וואָס דו ביסט! ער זאָל זיך ווייניקער קריגן מיט מײַן מאַן. מײַן מענדל איז אָף אים אופגעבראַכט. עס קאָן, כאַלילע, געשען א צאָרע... און די צאָרע איז טאַקע געשען.

איינעם א פרײַטיקצונאַכטס, ווען בענציע האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנעם א גאָר־גאָר נאָענטן כאַווער, האָט דער אוריאַדניק זיי ביידע געפּאַקט און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע כעוורע אַרײַנגעזעצט אין דער „קוטוזקע”. גיטל די כאַזנטע האָט זיך איבערגעשראָקן אָף טויט. גאַנץ קאָזשומיאַקי האָט גערוישט: פאַרוואָס? שוין זשע איז נאָפּטאָלע דעם כאַזנס זון א גאַנעוו? און די איבעריקע — זיי זײַנען דאָך, דאַכט זיך, אויך גאַנץ פײַנע באַלמעלאָ־כעס, שטילע און באַשיידענע אַרבעטסלײַט.

ס'האָט ניט געדויערט קיין צוויי וואָכן, ווי מע האָט די פינף כאַווײרים, מיט בענטשיקן בעראָש, אריבערגעפעקלט אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס זײַנען שוין פאַרשפאַרט געווען אין דער גרויסער אַלטער טפיסע נאָך עטלעכע־און־צוואַנציק הייסע קעפּ. מע האָט זיי גע־מישפּעט און פאַרשיקט אָף דרײַ יאָר קיין סיביר...

וואָס דאָס איז אַזוינס סיביר, האָט ווייניק־וועמער געוווּסט אין קאָזשומיאַקי, נאָר אויב מע פאַרשיקט אַהין, איז דאָס, ווײַזט אויס, ניט פון די בעסטע מעקוימים אין דער וועלט. מע שמועסט, אז פון דאָרטן קערט מען זיך ניט אום — פּרעסט און ווילדע כײַעס... ווי וועלן דאָס קאָנען אויסהאַלטן דרײַ יאָר אַזוינע שטעטלדיקע כעוורע, ווי בענציע און זײַנע גוטע־ברידער?

לייע קאָן שווערן, אז ווען די ווייסטע יעדי'ע איז אָנגעקומען קיין קאָזשומיאַקי, האָט כוץ דער כאַזנטע און אירע קינדער נאָך איין מענטש דאָס איבערגעלעבט, ווי אַן אייגענעם אומגליק. דאָס איז געווען סאָרע. וועמער נאָך, ווי זי, האָט געוווּסט, אז דאָס האָט אים, בענ־טשיקן, אָפּגעטאָן איר פּריפּאַדאָטשנע מאַן, מענדל דער מאַגנאַט. סאָרע האָט אים, מענדלען, נאָך מער פײַנט באַקומען. ס'איז איר דערווידער געוואָרן יעדעס וואָרט זײַנס, זײַן יעדער קוק אָף איר. „א שלאַנג, אַן עמעסע פאַרביסענע שלאַנג! — האָט זי געטראַכט. — אָף קאַפּאָרעס דאָס גאַנצע צירונג זײַנס, און אלע זײַנע זיסע רייד, אויב ער קאָן אַן אומשולדיקן מענטשן, אזא בענטשיקן, פאַרשיקן קיין סיביר!”

אויך פרי'ער איז סאָרען געווען דערווידער מענדלס לאַשטשען זיך צו איר. זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן זײַנע גראָבע הענט, דעם שווייס, וואָס פלעגט אים באַגיסן, זײַן פּאָנעם, זײַן יעדער אייווער איז איר נימעס געווען. איצט, נאָך דעם, ווי עס איז געשען דער אומ־גליק מיט בענטשיקן, איז סאָרע גרייט געווען לויפן עק וועלט, אבי ניט פילן דעם מאַן לעבן זיך, ניט קוקן אָף אים.

— עפּעס ביסטו מיר געוואָרן, ווי א פריטשמעליעטע, — האָט איר מענדל פאָרזיכטיק געזאָגט, זיצנדיק באַם טיש, — וואָס איז די מײַסע?

וואָס האָט זי אים געקאָנט ענטפערן, ער וועט זי דען פאַרשטיין? שוין בעסער שווײַגן, ווײַל אויב זי וועט שוין אָנהייבן ריידן, וועט בא איר פּלאַצן דאָס האַרץ. לייע האָט דאָס אַלץ צוגעזען און מיטן האַרצן גוט פאַרשטאַנען. זי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף דער באַלע־באָסטע. נאָר דערפרעגן זיך בא איר האָט זי זיך ניט דערוועגט.

ס'א סוואַרע, אַז זי, סאָרע, איז אויך טייליווײַז שולדיק אין בענטשיקס אומגליק. מענדל האָט זיכער דערפילט, אַז בענציע איז געפעלן געוואָרן זײַן ווײַב און עס קאָן טרעפן, אַז זײַן שיינהײַט זאָל זיך אָפּאָנעמעסן פאַרליבן אין אים; אַניט וואָס זשע איז ער איר אַזוי דערווידער, דער אייגענער מאַן, דער נאַגיד? אַנומלטן האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט ער דיר, סאָרע?

— און דיר? — האָט זי אַף אים דעמלט אַ כיטרע קוק געטאָן.

— איך האָב אים ליב פונדערווײַטן, און ווען איך דאַרף אים ניט אַלס געניטן פּאַכמאַן, וואָלט איך ניט וועלן אים אָנקוקן אין מײַן געשעפט. און דיר, מײַן טײַערע, זע איך, איז ער צום האַרצן. יענע וואָך, דינסטיק, האָסטו אַפילע פון שלאָף אָנגערופן זײַן פּײַנעם נאָמען — בענטשיקל...

— לעמײַ זאָל איך דיר לייקענען, ווען דו האָסט זײַנע מײַלעס, וואָלסטו מיר עפּשער אויך געפעלן געווען.

— הייסט עס, פעלן מיר זײַנע מײַלעס? וואָס זשע פאַר אַ מײַלעס, אַשטייגער?

— זײַן גוטסקײַט, צום בײַשפּיל, זײַן קלוגשאַפט און... וואָס איז דאָ צו ריידן. דו ביסט — דו, און ער איז — ער.

— בין איך, הייסט עס, ניט ער?

— אוואַדע איז מיט אַזאַ מענטשן אַ פאַרגעניגן צו ריידן. כ'מיין, אַז יענע, וועמען ער וועט זיך אויסקלײַבן, וועט זײַן גליקלעכער פון מיר.

די ווערטער זײַנען מענדלען אַרײַן טיף אין זיקאָרן. ער האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָכן ווײַב, צי כוישעד זײַן, אַז זי באַגעגנט זיך מיט בענציען, כאָטש דאָס איז געווען אַ נאַרישער כשאַד — בענטשיקן איז דער קאָפּ פאַרנומען געווען מיט גאָר אַנדערע זאַכן. מענדל האָט עס פאַרשטאַנען, נאָר פאָרט באַשטימט: בעסער זיך באַפרײַען פון אים און פון אַן איבעריקער סאַקאָנע. „דאַלי אָטשי — דאַלי סערדצע" — אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט מען.

עס זײַנען אַדורך קנאַפּע צוויי יאָר, זינט בענטשיק איז פאַרשיקט געוואָרן. מענדלס האַרבאַרניע האָט זיך, כאָלילע, ניט אָפּגעשטעלט, מע האָט פאַרביטן די אומצופרידענע בונ־טאַוושטשיקעס, נאָר אַפן לעדער־זאַוואָד האָבן זיך געפונען אַנדערע דייעזאָגער און אַלע מאָל האָט אופגעריסן אַ נײַער בלאַטער. איינמאָל אַ פרײַטיקצונאַכטס, ווען מענדל האָט זיך אומגעקערט פון שול, איז מען אַף אים אָנגעפאַלן, אַרופגעוואָרפן אַפן קאָפּ אַ זאַק, אים אָנגעלייגט אין די ביינער אַזוי, אַז דער נאַגיד האָט געמוזט העכער צוויי וואָכן ליגן צו בעט און בענטשן גוימל. דער אוריאַדניק האָט אַרויסגערופן צו זיך עטלעכע כעוורע, וועמען מע האָט געקאָנט כוישעד זײַן אין דער נעקאָמע, נאָר זיי האָבן געזאָגט:

— ווען מיר טוען עס, וואָלט ער שוין געווען אַף יענער־וועלט.

שפּעטער, ווען לייע האָט כאַסענע געהאַט און איז אַריבערגעפאָרן קיין ליסאָווע, האָט סאָרע שוין ניט געהאַט, בא וועמען צו דערוויסן זיך וועגן בענטשיקס לעבן אין דער פאַר־שיקונג. און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען לויט דעם אײַנגעשטעלטן סיידער: איינע האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג, אַנדערע האָבן געוואַרט אַף גאָטס ניסים.

צווישן די, וואָס האָבן געוואַרט, איז געווען אויך סאָרע. באַגעגנענדיק די, כאַזנטע, פלעגט זי איר דערציילן, ווי דאָס קינד בענקט נאָך לייען — דער געטרײַער דערציִערן.

פאַרזעצונג קומט

גוט איז אין מײַן פעלד דאָ

דער גערטנער שלאָפט

די ארבעט זײַנע איז ניט פון די גרינגע,
פאר יעדן ביימל טוט דאָס הארץ אים וויי.
ביז ס'הייבט דער זאפט אָן אין די פיירעס
זינגען,
ניט איין מאָל גייט די זון אויף און פארגייט.

ווען שווערע עפל אף די גרינע גראָזן
פון ביימער פאלן קלינגענדיקערהייט,
דער גערטנער שלאָפט. אף זײַן געזיכט
צעגאָסן
האָט זיך אן אָנגעהאָרעוועטע פרייד.

ברידערלעך, שוועסטערלעך

נאקעטע דעמבלעך, בערעזקעלעך,
אײַך איז מיסטאָם איצטער קאלט.
ברידערלעך מײַנע און
שוועסטערלעך
לויפן צו מיר פונעם וואלד.

שטעל איך זיך אָפּ א
פארגליווערטער

אין דער פארווינטיקטער נאכט.
ווארעמע העמדלעך און שטיוועלעך
כ'האָב פאר די קינדער געבראכט.

לויפן ארום קאלטע ווינטן,
גרעסער אין הארץ דער זאוויי.
ס'דוכט, אז זיי זוכן די קינדער...
אומעטום — בערגלעך שניי.

כמארעס

איך קוק א גאנצן טאָג הײַנט אפן הימל,
ווי ער האָט זיך צעדונערט און צעבליצט
און רייצט דעם זאנג אין פעלד, אין סאָד דאָס בלימל,
זיי גייען שיר ניט אויס פון דאָרשט און היץ.
דער פאסטעך קוקט פארזאָרגט אף זײַן אָטארע,
וואָס האָט באהאלטן זיך אין שאָטן לעם דעם וואלד:
אָ, וואָלט פון אָט די לעבעדיקע כמארעס
א זיסער רעגן זיך צעגאָסן באלד
אף די פארוועלקטע לאָנקעס, אף די פעלדער
און סעדער, וועלכע לעכצן נאָך א טרונק...
פארוואָס זשע האָט איר, כמארעס, אָפּגעשטעלט זיך?
שלאָגט אויס פון לײַב פון אייגענעם א פונק!
און וואָס האָסטו זיך, ווינט, צעבלאָזן האסטיק?
איצט טרײַבסטו זיי, די כמארעס, ווײַט אוועק!
ווען איך וואָלט קאָנען ווערן איצט א פאסטעך,
די כמארעס־שעפּסן אָפּשטעלן אין וועג,
כ'וואָלט צו די סעדער, צו דעם פעלד דעםברייטן,
ביז אייינע אלע כמארעס אומגעקערט —
א רעגן זאָל זיך דאָ צעקלינגען פריידיק
און אָנפּויען די סאָרפנדיקע ערד.

פאַרטאָג

דאָס אָנגעשוימטע פערד שטעלט לעבן שטאַל זיך אָפּ
און קריכט פון שפּאַן אַרויס, אַ מידס און שווייסיקס,
עס וואַרפט דער מענטש פון זיך דעם שווערן טאָג אַראָפּ —
די מידקײַט פון די אַקסלען אָפּגעטרייסלט.
און ער דערפילט: די נאַכט אין זיסן כאָלעם פּאַלט.
און ס'גיסן אָן מיט קראַפט זיך זײַנע גלידער.
דאָס פערד צעהירזשעט זיך און רײַסט זיך פון דער שטאַל,
און טאָגן נעמט. אין פעלד מע קלײַבט זיך ווידער.
פון בלייכן שטערן לעשט זיך אויס די לעצטע שײַן,
און אינעם הויף עס וואַכן ווידער צווייען, —
דער מענטש שפּאַנט נאָכאַמאָל דאָס פערד אין וואָגן אײַן,
די קילע ראָסע פינקלט אָף די שלייעס.
און אונטער קלינגעוודיקע רעדער ווערט
אַ נײַער טאָג צעשאָטן אָף דער ערד.

זײַט מיר ניט קיין פעטער

זײַט מיר ניט קיין פעטער,
נייט מיר ניט קיין שיך,
ס'קאָן אַרויס אַן אומגליק פון אַזאַ מין טוויוע.
איר טאַקע זײַנט איר,
און איך בין טאַקע איך,
איך און איר — מירביידע — זײַנען ניט קיין קרוֹווים.

אָט דער גאָרטן — מײַנער איז,
און ס'איז מײַנס דאָס פעלד,
זאַנגען רוישן וואָגיקע,
ס'גיסט זיך אָן דער קאָרן.
רופט מיך ניט זיך איבערטאָן אין אַ פרעמדן פעלץ —
ס'וואָרעמט מיך דער אייגענער אַלע מײַנע יאָרן.

כ'וויל ניט זײַן קיין אַנדערער,
כ'וויל צו קיינעם גיין,
זיך ניט איבעראַנדערשן —
גוט איז אין מײַן פעלד דאָ.
אַלע מײַנע גוטעפרײַנט — אָט אַזוי איך מיין —
זאָגן וואָלטן אויך דאָס זעלבע.

זײַט מיר ניט קיין פעטער,
נייט מיר ניט קיין שיך.
אין דער שטוב אין מײַנער
לויכטן העל די ליכט!

דער אַלטער גראַמאָפאָן

הייזעריק דער גראַמאָפאָן
שפּילט און ווערט ניט מיד,
עס צערוקן זיך די ווענט
פאַר דער אַלטער ליד.

קינדוויַיז, ווען איך בין געגאַן
דורך פאַרשנייטן סטעפּ,
האָט א מילדע וואַרעמקיַיט
זיך אין האַרץ געוועבט.

לייד און פרייד עס אָטעמט אויס
אָט די אַלטע רער,
וועקט א שמייכל אינעם האַרץ,
שלאָגט ארויס א טרער.

שפּיל מיר, אַלטער גראַמאָפאָן,
כאָטש דו ביסט שוין מיד.
אין מיַין האַרצן וואַרעמט זיך
שוין א נײַע ליד.

צופרידן איז דער וואָרצל און דער שטאַם

צעעפנט האָט דער וואַלד די גרינע טויערן,
ווי אין א שטוב, איך גיי אריַין אהין.
אין דעם געזאַנג פון סאָלאָווייַ און בלויערל
דערטרונקען ווער איך, און דער טאָג זיך טרינקט.

דער פּיקהאָלץ אפּן בוים זיך מידט און האָרעוועט,
צופרידן איז דער וואָרצל און דער שטאַם,
און אָף די שורעס פון דער סאָסנעס קאָרע נעמט
דער פּיקהאָלץ אויסקלאַפּן א נייַעם גראַם —
ער דלובעט פון דער קאָרע אויס א ווערעמל,
אז וואַקסן זאָל דעם בוים שוין גאָרניט שטערן מער.

דער אָסיענדיקער וואַלד

דער אָסיענדיקער וואַלד — קימאַט א בראָנזענער,
ער האָט אין נייַע קליידער זיך פאַרפּוצט.
די זון אירע אווטאָגראַפן געלאָזן האָט
אף יעדער בלאַט פון בוים, אף יעדן קוסט.

עס פאַלן זשאָלודעס, ווי האָגלען וואַרעמע,
מיט קלאַנגען קופּערנע ווערט פול די לופט.
און ס'הייבט דער הימל רוישיק אָן צו ליאַרעמען,
און אַלץ ארום פון שלאָף עס כאַפּט זיך אוף.

און אָט צעהירזשעט זיך א יונגינק לאָשעקל,
ציפּט אף א לאַנקע דאָס פאַרגעלטע גראָז.
עס טראָגט א מיידל שוואָמען אין א קאָשעקל,
און באַלד וועט שוין א רעגן טאָן א גאָס.

יאנקל יאַסאַדע

יאנקל יאַסאַדע איז געבוירן געוואָרן אין 1911 אינעם שטעטל קאַלווארי (ליטע). געענדיקט דעם קאָוונער אוניווערסיטעט. אַן אָנטיילנע־מער אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מיל־כאָמע, וווינט אין ווילנע.

דזשעסיס וויזיט

קאָמעדיע

פערזאָנען:

1. דזשעסי לאוי — דאָס איז האדאסע לעווין
2. סאַלאָמאָן לעוין
3. מירעלע — זײַן פרוי
4. סאָניע — זייער טאָכטער
5. נאַפטאַלע — סאַלאָמאָנס ברודער
6. קרוק — א שיינער מאַנצבל
7. אַלעקס — באַווײַזט זיך אַלס מיליציאָנער, ווי נאָר עמעצער נעמט אין דער האַנט דאָס געהיימניספולע קעסטעלע
8. דזשייקאָבס געשפענסט — דאָס איז נאַפטאַלעס און סאַלאָמאָנס געשטאָרבענער ברודער יאַנקל

די האַנדלונג קומט פאָר אינעם שטעטל רומשישאַק. אונדזער צײַט.

ערשטער אַקט

א הויף, אַן אַרומגערינגלטער מיט געדיכטע קוסטעס. אין דער טיף — א שיין הויז מיט אַן אָפענער וועראַנדע, צו וועלכער עס פירן טרעפּלעך. אין צענטער — א טישל און צוויי בענק. הינטערן הויף, באַם טײַכל, זעט זיך א הויכע סאָסנע, א גאַס פירט — אַף רעכטס צום שטעטל, אַף לינקס — צו דער באַן־סטאַנציע.

א זומערדיקער נאָכמיטיק. סאָניע זיצט אונטער א קוסט און לייזט מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס. זי זוכט אין קאָנספעקטן, געפינט ניט. לויפט אַרײַן אין הויז.

פון דער סטאַנציע קומט דזשעסי לאוי. זי שלעפּט צוויי טשעמאָדאַנעס מיט א האַנט־וואַליזקע. קוקט יעדע ווײַלע אַף צוריק, ווי עמעצער וואָלט איר נאָכגעשפּירט.

דזשעסי (עפנט דאָס טויערל, רופט). העלאָ! העלאָ!

קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

מאָדנע, שטיל, ווי אַף א בעסוילעם.

זי פאַרקערעוועט צום הויז, פאַרטשעפּעט זיך אין אַן אַרײַנגעשטעקטן זאַסטעפּ און פאַלט אַנידער.

טפו! (הייבט זיך אויף, טוט א שלײַדער דעם זאַסטעפּ און דערזעט אין זעלבן מאָמענט **דזשייקאָבס געשפענסט**).

געשפענסט רייכערט א ציגאַר און איז האַלב פאַרוויקלט אין וואָלקנס רויך. מיר זעען אָבער גוט זײַן נײַעם אָנצוג, דאָס ווײַס־געפּרעסטע אויבער־העמד און דעם האַרטן קאַפּעליוש.

געשפענסט. האַדאַסע, ביסט בלינד? דאָס איז דאָך א רידל.

דזשעסי. דזשייקאָבס!

געשפענסט. געדענקסט, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט?

דזשעסי. בייזער גײַסט, פאַרשווינד!

געשפענסט. הער, וואָס איך רייד צו דיר!

דזשעסי. אַ, ניט גוטער, פאַרפאַלג מיך ניט!

געשפענסט. דו זעסט באַם טײַכל די סאָסנע? מעסט אָפּ צוויי טריט אַף רעכטס און... גראָב אויס!

דזשעסי. שוין? איצט?

געשפענסט. ביז זיי האָבן דיך ניט דערזען!

דזשעסי קוקט זיך ארום, באהאלט אירע טשעמאָדאנעס הינטער א קוסט, נעמט דעם זאסטעפּ, כאַפּט די וואליזקע און לויפט אוועק צום טײַכל.

סאָניע (דורכן פענצטער). ווער איז דאָרט?

געשפענסט פארשווינדט.

סאָניע גייט ארויס פון שטוב, זעצט זיך אַפן פריזערדיקן אָרט און פארטיפט זיך אין אירע אופגאבעס. פון דער באַן־סטאנציע קומט אַלעקס.

אַלעקס (באַם טויערל). סאָניע! גיב נאָר א קוק, ווער ס׳איז געקומען!

סאָניע (איבעראשט). אַלעקס!

אַלעקס. זיך ניט געריכט? ניט געוואַרט?

זיי באגריסן זיך פריידיק.

סאָניע. איך האָב שוין געטראַכט דיך אײַנצולאַדן. וואָס מאַכסטו? מיטן באַן? מיט א מאַשין?

אַלעקס. איך האָב פאַר דיר א פאַק נײַס... (קוקט זיך ארום). אַך, ווי פּראַכטפול! מאַ־מעש ווי אין א מײַסעלע! און דו ביסט נאָך אַלץ פאַרנומען מיט דײַנע... איקס איז גלײַך צו איגרעק מינוס זעט. ווי נאָר איך האָב באַקומען דײַן בריוו, בין איך געקומען צו לויפן!

סאָניע. האָסט גוט געטאָן.

אַלעקס. איז פאַרוואָס האָסטו מיר געשריבן „געשעצטער אַלעקס"? גע־שעצ־טער!

סאָניע. איך האָב געדאַרפט שרײַבן „געשעצטער ייִנגערער לייטענאַנט"?

אַלעקס. ערשטנס, בין איך שוין ניט קיין ייִנגערער. צווייטנס, פון ווען אָן און וויאַזוי בין איך עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א געשעצטן?

סאָניע. פּאַשעט, איך שעץ דיך. אַף מײַן ערנוואָרט, אַלעקס, פון טיפן הארצן.

אַלעקס. א גאַנצן פרילינג האָסטו מיך ליב געהאַט. לייקן ניט. איך האָב פאַקטישע באַ־ווײַזן. און פּלוצעם האָסטו מיך אָנגעהויבן צו שעצן. דו האָסט אפילע ניט אונטערגעשריבן „מיט הייסע קושן".

סאָניע. אין אַזאַ פּרינציפּיעלן בריוו פּאַסט זיך ניט צו קושן.

אַלעקס. אַז מע האָט ליב, קושט מען זיך באַ יעדער געלעגנהײַט.

סאָניע. נו, גוט, אַלעקס. נאָר זײַ ניט בייז. (גיט אים א קוש).

אַלעקס. געדענקסט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אין ליפּט? „ווי נאָר איך קום פון די קאַניקולן, גייען מיר אין זאַגס". מיר האָבן פעסט באַשלאָסן, איז וואָס איז מיטאַמאָל געשען?

סאָניע. איך וויל פריזער ענדיקן די אוניווערקע.

אַלעקס. ווער וועט דיך ניט לאָזן נאָכדעם? איך וועל דיר שאַפן די בעסטע באַדינגונ־גען. אָט האָט מען מיר ווידער געהעכערט. דו ווייסט, ווער איך בין איצט? דער צווייטער געהילף פון דעם דריטן פּאַספּאָרט־טיש.

סאָניע. אַזש דער צווייטער! איך באַגריס דיך. נאָר איך צווייפל, צי א צווייטער גע־הילף...

אַלעקס. ווייסט, וויפל ער פאַרדינט?

סאָניע. ...איז דײַן עכטער באַרוף.

אַלעקס. סאָניע, דאָס איז זייער א פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָסטן.

סאָניע. עך, אַלעקס, ניט דער פּאָסטן איז דער איקער.

אַלעקס. ווער זאָגט? איך? כאַסוועכאַלילע! דו קאָנסט אָבער ניט פאַרלייקענען, אַז די מאַטעריעלע באַזע...

סאָניע. איז ווערט א שפּײַ.

אַלעקס. ניין, די באַזע איז אַלץ. זי גאַראַנטירט.

סאָניע. אַלעקס, ניט די באַזע, נאָר דעם מענטשנס פייִקייטן גאַראַנטירן. הײַנט האָסטו א באַזע, און מאָרגן קלאַפּט מען זי ארויס פון אונטער דײַנע פיס.

אַלעקס. אַלע זײַנען מעשוגע פאַר באַזעס, רײַסן זיך צוליב באַזעס, און דו... פאַרוואָס דערווידערסטו מיר?

סאָניע. איך זאָג נאָר מײַן מיינונג.

אלעקס. פּריִער הער אויס מײַן מיינונג.

סאָניע. זי איז ניט באַגרינדעט.

אלעקס. מײַן מיינונג איז ניט באַגרינדעט?

סאָניע. ניין.

אלעקס. אויב אַזוי... איז נעם דײַן בריוו און... זײַ געזונט! (גיט אָפּ דעם בריוו און גייט אַוועק).

הינטער דער סצענע קומט צו פאָרן א טאַקסי. עס באַווײַזט זיך נאַפּטאָלע אין א רעגנ־מאַנטל מיט א גרויסן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם.

נאַפּטאָלע (באַגעגנט אלעקסן אין טויערל). אַנטשולדיקט, לייטענאַנט. פונדאַרטן?

אלעקס. פונדאַנען.

נאַפּטאָלע. אײַלט זיך ניט און כאַפּט ניט, לייטענאַנט, עפּשער קאָן איך אײַך מיט עפּעס נוצלעך זײַן? וואָס האָט איר דאָ באַדאַרפט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

אלעקס. אויפקלערן א געוויסן איניען.

נאַפּטאָלע. נו, האָט איר אויפגעקלערט?

אלעקס. נאָך ווי!

נאַפּטאָלע. אַזוי גיך?

אלעקס. מיט וועמען האָב איך דעם קאָוועד?

נאַפּטאָלע. איך בין לעווין.

אלעקס. סאָניעס פאָטער! גוט, וואָס איך האָב אײַך געטראָפן. גיט איבער, אַז נאָר זי איינע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ! (גייט אַוועק).

נאַפּטאָלע (צו זיך). אָט דאָס הייסט געאַרבעט אָפּעראַטיוו! (גייט אַרײַן אין הויף). לעווינס טאָכטער?

סאָניע. סאָניע.

נאַפּטאָלע. איך בין אײַער פאָטער.

סאָניע. פון קאָונאַס? איקס אין קוואַדראַט! סאַרא סורפּריז!

נאַפּטאָלע. מײַן ברודער איז אין שטוב?

סאָניע. נאָך ניט געקומען פון דער אַרבעט.

נאַפּטאָלע. איך האָב געהערט, אַז איר האָט א גאַסט.

סאָניע. ער האָט זיך אָנגעברויגעזט און אַנטלאָפן.

נאַפּטאָלע. וווהין, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

סאָניע קוועטשט מיט די פּלייצעס.

סאָניע. וואָס איז אויזינס געשען? ער וויל ניט אַנערקענען, אַז פרויען האָבן די זעלבע רעכט ווי מענער.

נאַפּטאָלע. אין אַמעריקע — ניט.

סאָניע. אין וואָס פאַר אַן אַמעריקע?

נאַפּטאָלע. ווו מע רוידעפט נעגערס.

סאָניע (גייט צו נעענטער, קוקט אָן פאַרוווּנדערט נאַפּטאָלען). וויפל איז אַכט מאָל זעקס?

נאַפּטאָלע. אַכט און פערציק.

סאָניע. און זיבן אין קוואַדראַט?

נאַפּטאָלע (מיט מיטגעפיל). אײַ, אײַ, א קאָפּעטשקע ניט מיט אַלעמען? (סאָניע לאַכט). וועגן וועמען ריידן מיר? קלאָר, וועגן אײַער מומע.

סאָניע. וועגן וואָס פאַר א מומע?

נאַפּטאָלע. פון קליוולענד. נאָך ניט געקומען צו פאָרן?

סאָניע. ניין.

נאַפּטאָלע. וועט זי קומען. נאָך היינט. און וואָס, זאָגט מיר, האָט דאָ געדאַרפט דער מיליציאָנער?

סאָניע. א פּערזענלעכער איניען.

נאַפּטאָלע (לייגט אַוועק זײַן פּאָרטפעל אויפן טיש, טוט אויס דעם רעגנמאַנטל, זעצט זיך אַוועק, ווישט אָפּ דעם שווייס פון געזיכט). ס'איז גוט, וואָס די געזעלשאַפט זאָרגט זיך אַלץ מער וועגן אונדזערע פּערזענלעכע איניאַנים. דאָס באַטײַט, אַז אונדזער דעמאָקראַטיע וואַקסט. א טעלעפאָן האָט איר?

ס אָ נ י ע (ווײַזט אָף דעם הויז). דאָרטן.
נ אַ פ ט אָ ל ע. קומט.

סאָניע און נאַפטאָלע גייען אַרײַן אין שטוב. באַם טויערל באַווײַזן זיך סאָלאָמאָן און מירעלע.

מ י ר ע ל ע (אַרײַנגייענדיק אין הויף, זעעצט פּאָר). נײַן הונדערט רובל! דאָס איז דאָך אַ פאַרמעגן!

ס אָ ל אָ מ אָ ן. נאָכאַמאָל זאָג איך דיר, ס'וועט זיך אָפּזוכן. ס'איז נאָר אַ בוכהאַלטערישער טאָעס. די רעוויזיע וועט אַלץ אויפקלערן.

מ י ר ע ל ע. אַקאָרשט האָסטו געזאָגט, אַז זי האָט זיך פאַרענדיקט. איז ווי — די רעוויזיע איז פאַרענדיקט, צי ניט?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. מירעלע, נעם זיך ניט צום האַרצן.

מ י ר ע ל ע. דו ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט? (פלעכט איבער די פינגער אין „גראַטעס”). איצט בויט מען מאָדערנע.

ס אָ ל אָ מ אָ ן. אָך וואָס, מיינסטו, האָט דער גאַנעוו געהאַפּט אַז ס'וועט ניט דערגיין צום פּראָקוראָר. אַז יעדערער וועט אַרײַנטראָגן זײַן טייל, און די רעוויזיע וועט אונטערשרײַבן דעם אַקט.

מ י ר ע ל ע. דאָס וואָלט טאַקע געווען קלוג.

ס אָ ל אָ מ אָ ן. אָבער ניט ערלעך.

מ י ר ע ל ע. אַזוי טוען אַלע.

ס אָ ל אָ מ אָ ן. און איך האָב באַשלאָסן ניט צו גיין אין שפּאַן. כ'וועל ניט געבן אַפילע קיין קאָפּעקע, און ניט לאָזן קיינעם. מיר וועלן זען, ווער — ווער — וועמען. די דערפאַרונג ווײַזט...

מ י ר ע ל ע (אויסער זיך). מע וועט דיך אַרײַנזעצן אין כודער־מודער, און ס'וועט זײַן אַ סאָף צו דײַן גאַנצער דערפאַרונג. (דערזעט אָפן טיש אַ פּאָרטפעל). סאָלאָמאָן, גיב נאָר אַ קוק!

ס אָ ל אָ מ אָ ן (נעמט אים אין האַנט). אַ טשעכאָסלאָוואַקישער.

מ י ר ע ל ע. ווער האָט אים דאָ געקענט איבערלאָזן?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. עפּשער דער פאָרזיצער פון דער רעוויזיע?

מ י ר ע ל ע. ער איז געקומען אַהער?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. ניין, מירעלע, אַזאַ טײַערן פּאָרטפעל טראָגט אַ העכערער נאַטשאַלניק.

מ י ר ע ל ע. נאָך אַ העכערער?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. עפּשער האָט אים צוגעשיקט דער אַפּעריסטן־פּאַריין?

מ י ר ע ל ע. וואָס פאַר אַ פּאַריין?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. פאַראַן אַזאַ. און אַ בריוועלע צוגעלייגט: „כּאַשעווער קאָלעגע לעווין, מיר דריקן דיר אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל צוליב דײַן מיִעסן דורכפאַל. מיר שיקן דיר הילף, און פאַרשטאָפּ דער רעוויזיע די מײַלער. זאָל דײַן הייס געליבט מירעלע זיך מער ניט ערגערן. מיט האַרציקע אַפּעריסטישע גרוסן...”

מ י ר ע ל ע. עפן!

סאָלאָמאָן עפנט דעם פּאָרטפעל, שטעקט אַרײַן אַ האַנט.

ס אָ ל אָ מ אָ ן. וואַרט, מירעלע, עפּשער טאָר מען ניט?

מ י ר ע ל ע. נאָך אַ מין מעגן!

ס אָ ל אָ מ אָ ן. גוט. לאָמיר זאָגן, אַז דאָרט ליגן בעעמעס נײַן הונדערט רובל. און איך האַלט זיי אין האַנט.

מ י ר ע ל ע. אַהאַ! דו האַלטסט! סאָלאָמאָן, מאַטער מיך ניט!

ס אָ ל אָ מ אָ ן. איז צי דען וואָלסטו זיי גענומען?

מ י ר ע ל ע. צוגעכאַפּט מיט ביידע הענט!

ס אָ ל אָ מ אָ ן. ניט וויסנדיק, וועמענס זיי זײַנען און פונוואַנען?

מ י ר ע ל ע. אויב דו וועסט מיר די מינוט ניט באַווײַזן, וואָס ס'איז פאַראַן אין פּאָרטפעל...

סאָלאָמאָן באַווײַזט, אַז דער פּאָרטפעל איז ליידיק.

אוי, ווי גוט! אניט וואָלט אונדז נאָך געכאַפּט דער יעיצערהאָרע!

סאַלאַמאַן (לייגט אוועק דעם פּאָרטפעל אפן טיש. רופט). סאַניע!

פון הויז גייען שנעל ארויס סאַניע און נאַפטאַלע.

וועמען זע איך? מײַן ברודערל נאַפטאַלע!

די ברידער נעמען זיך ארום, צעקושן זיך.

נאַפטאַלע. ענדלעך בין איך אין מײַן שטעטעלע!

סאַלאַמאַן. איך האָב שוין געמיינט, אז דו האָסט אונדז פארגעסן. נאָך דער מילכאָמע, דאכט זיך, צום ערשטן מאָל.

נאַפטאַלע. כ׳קאָן זיך ניט ארויסרײַסן, סאַלאַמאַן. דו ווייסט, וואָס פאר א ראָד איך דריי? אף מײַנע פּלייצעס ליגן אזוינע בערג. (באווײַזט).

סאַלאַמאַן. הינטער די בערג בליסטו מאמעש.

נאַפטאַלע (דערזעט דעם פּאָרטפעל). ווי קומט ער אהער? (גיט א כאַפּ).

סאַלאַמאַן. דו האָסט זיך, נעבעך, פארבענקט אהיים. איך פריי מיך בעעמעס.

סאַניע. טאַטע, פריי זיך אין קוואַדראַט. צו אונדז קומט נאָך א גאַסט. פון אמעריקע.

מירעלע. פון אמעריקע? נאָך דאָס פעלט אונדז איצט צום רומל!

נאַפטאַלע. אייערנעכטן, איך לויף אין מיניסטעריום, זע איך אפן קאַטעדרע־פּלאַץ — אויסלענדער. טשיקאַווע א קוק צו טאָן, טראַכט איך מיר. פּלוצעם, איך הער, מע שרײַט: „גאַטעניו געטרײַער, נאַפטאַלע!״ כ׳גיב א קער דעם קאָפּ: האדאסע!

מירעלע. האדאסע?

נאַפטאַלע. וואָלסט געזען, ווי זי איז מיך באפאַלן קושן. כ׳האָב ניט געהאַט, ווו אהינ־צוטאָן די אויגן.

סאַלאַמאַן. זײַ רויק, נאָך יאַנקלס טויט האָט זי אין רומשישאַק ניט וואָס צו טאָן.

נאַפטאַלע. אָדער איך וועל זען רומשישאַק, האָט זי מיר געמאָלדן, אָדער איך קריג א פּאַפּלעקציע.

סאַלאַמאַן. ווען זי וועט קומען, וועלן מיר זי באגעגענען.

נאַפטאַלע. אָבער וויאַזוי?

סאַלאַמאַן. קיין אָרקעסטער וועלן מיר ניט דינגען.

מירעלע און נאַפטאַלע גייען ארײַן אין שטוב. סאַניע לויפט צו צום פּאָטער און שפּעטשעט אים עפּעס אפן אויער.

סאַלאַמאַן. דיר האָט זיך נאָר אויסגעדאכט!

סאַניע. קום, וועסטו זען.

פון הינטער א קוסט קוקן ביידע אין דער ריכטונג צום טײַכל. סאַלאַמאָן זאָגט עפּעס סאַניען אפן אויער און ביידע גייען ארײַן אין הויז. עס ווערט טונקל. פון טײַכל קערט זיך אום דזשעסי. זי דערזעט, ווי צום טויערל דערנעענטערט זיך דער מיליציאָנער. ביז ער גייט ארײַן אין הויף, רעדט זי מיט אים אין די געדאנקען.

דזשעסי (באהאלט די וואליזקע הינטערן רוקן). מיסטער, וואָס ווילט איר פון מיר? אין ווילנע האָב איך זיך געזעצט אין צוג, זע איך — איר פאָרט אויך. אין רומשישאַק בין איך ארויסגעשטיגן — זע איך, אויך איר טוט דאָס אייגענע. איצט זײַט איר ווידער דאָ!

מיליציאָנער. מיסיס לאָוי, איך בין דײַן געוויסן.

דזשעסי. וואָס? איך האָב ניט קיין געוויסן.

מיליציאָנער. דו האָסט. די וואליזע איז דײַנע?

דזשעסי. מײַנע.

מיליציאָנער. וואָס איז אין איר פאראַן?

דזשעסי. ניט אײַער זאַך.

מיליציאָנער (שטרענג). בירגערין!

דזשעסי. אמעריקאַנער בירגערין!

מיליציאָנער. מיט דיר רעדט א פאָרשטייער פון דער מאכט.

דזשעסי. פון אײַערער, ניט פון מײַנער.

מיליציאָנער. וואָס האָסטו אין וואליזע?

דזשעסי. זײַט רויק, ניט קיין באָמבע. איך וועל רומשישאַק ניט אופרײַסן. גיט עס איבער אײַער מאכט, פּליז.

מיליציאָנער. איך פרעג צום לעצטן מאָל.

דזשעסי. זי איז מײַנע, מײַן אײגנטום!
מיליציאָנער. גיב אהער.
דזשעסי. די גאַנצע װעלט שטײט אױף אײגנטום, יעס!
(זינגט)
מענטשן האָװען, בױען, טרױמען,
נאָר קױם דערהערט מען געלט,
װאַרפט מען אַלץ, מע הערט אױף שװינען
אַלץ, װאָס הײליק אױף דער װעלט,
און גרײט איז מען פּאַראַטן
די מאַמע מיטן טאַטן,
װײַל אײגנטום איז געלט —
דאָס איז די גאַנצע װעלט.

מיליציאָנער נעמט אַרױס פֿון שײדל זײַן פּיסטאָלעט.

דזשעסי. איר װילט אַ פּאָליטישן סקאַנדאַל?
מיליציאָנער. מיסיס לאַװי, אױב דו װילסט זיך ניט צעקריגן מיט מיר, דאָס הײסט, מיט דײַן געװיסן...
דזשעסי. דאַרלינג! מעגסט װיסן, אַז מיר, אַמעריקאַנער, זײַנען ניט קאַרג. זײַ רויִק, איך װעל דיך ניט באַאװלען.
מיליציאָנער. דו װילסט מיך אונטערקױפֿן? (ער צילט אין איר).

אָבער דזשעסי גיט אים אַ „כאַפּ פֿאַר דער האַנט". דער פּיסטאָלעט „שיסט אױס" אין דער לופֿטן.

דזשעסי (פֿאַלנדיק, שרײַט). גװאַלד! גאַזלאָנים! רױבער!

אַלעקס גײט אַרײַן אין הױף, דזשעסי הײבט זיך אױף.

אַלעקס. אַנטשולדיקט, גיט איבער אײַער טאָכטער...
דזשעסי. מײַן טאָכטער?
אַלעקס. ...אַז מער װעט זיך עס ניט איבערכאַזערן.
דזשעסי. אָט איצט רעדסטו מיט מיר, װי אַ מענטש.
אַלעקס. זי האָט אײַך קײן זאַך ניט דערצײלט?

דזשעסי װינקט צו אים מיט אַן אױג.

כאַװערטע לעװין, איך בעט אײַך, העלפֿט מיר.
דזשעסי. אַזױ גאָר? יעס, כ'װעל דיר העלפֿן, נאָר מיט אײן באַדינג, אױב דו װעסט שװײַגן.
אַלעקס. דאָס קען איך. אָבער װאָס טו איך, אױב זי...
דזשעסי (רײַסט איבער). ...האָט ניט קײן נאַדן? זאָרג ניט, באָכער, נאַדן װעט זײַן.
אַלעקס. און איר װעט צװישן אונדז שאָלעם מאַכן?
דזשעסי. אומבאַדינגט.
אַלעקס. װען?
דזשעסי. טײַערער מענטש, אַװעקלײגן אין באַנק אַן עפּעקטפֿולע סומע איז ניט אַזױ פּאַשעט.
אַלעקס. אַ סומע? אַ!
דזשעסי. איז גײ געזונט און קום מאָרגן.
אַלעקס. אַ דאַנק אײַך, כאַװערטע לעװין. איך דאַנק אײַך פֿון טיפֿן האַרצן. (גײט אַװעק).

דזשעסי טראָגט אַװעק צו דער שטוב אירע טשעמאָדאַנעס.

נאַפּטאַלע (דערזעט זי דורכן פֿענצטער). באָרוך־האַבאָ! דער גאַסט איז דאָ!

נאַפּטאַלע, סאָלאָמאָן, מירעלע און סאָניע גײען גיך אַרױס אין הױף.

סאָלאָמאָן. אָ, װעמען זע איך! װאָס פֿאַר אַן אומגעריכטער גאַסט!
מירעלע. ניט שױן זשע האַדאַסע?!
דזשעסי. מיסיס דזשעסי לאַװי!.. (צו סאָלאָמאָנען). מיסטער לאַװי! גאָטעניו געטרײַער, זיך אײנגאַנצן ניט געענדערט! און זי איז אײַער פֿרױ? װאַרט, װעמען זע איך? דאָס איז דאָך מירעלע מיט די בײנער. אײַער פֿרױ? און די קראַסאַװיצע איז װאָדע אײַער טאָכטער?

ס אַ נ י ע (דערלאנגט די האנט). סאַניע לעווין.

ד ז ש ע ס י. מיס לאוי! וואָס פאר אַן עפעקטפולע בייבי! איך בין דײַן מומע פון קליוו־לענד, דזשעסי לאוי, האָסט אמאָל געהערט וועגן קליוולענד? אַן עמעסער באָוול. ווען איך וואָלט דיר אָנגעהויבן דערציילן, וואָס דאָרט טוט זיך... (דערשטוינט). נאַפטאַלע? שוין דאָ?

נ א פ ט אַ ל ע. געקומען צו פאָרן.

מ י ר ע ל ע (צו סאַניען. שטיל). לויף אין גאסטראַנאַם.

ס אַ נ י ע. אין ערגעץ וועל איך ניט לויפן.

ד ז ש ע ס י. בייבי, וווּהין ווילסטו ניט לויפן?

נ א פ ט אַ ל ע (צו דזשעסין). ווי נאַר מע האָט מיר אין האָטעל געזאָגט, אַז דו ביסט ניטאָ, בין איך...

ד ז ש ע ס י. נאַפטאַלע, דו ביסט א כאַכעם.

מ י ר ע ל ע. ביטע, קום אַרײַן אין שטוב.

ד ז ש ע ס י. יעס, איך האָב א שפּײַ געטאָן אף אלע עקסקורסיעס און בין געקומען צו פליִען. צו זען אָט די סאָסנע. דעם שפּיץ קלויסטער... ווו איז דער שפּיץ? א, גאָר דאָרטן! גאָטעניו געטרײַער, סארא נידעריקער! געוווען אזא הויכער...

(זינגט):

געטרוימט איך האָב צו בלאָנדזשען
אין פּײַכטן גראָז אין ווייכן,
די האָר מײַנע די בלאָנדע
אין טײַכל וואשן, שווענקען.
די סאָסנעס פון מײַן קינדהײַט
אייביק כ׳וועל געדענקען.
אָט איז די ליבע סאָסנע,
וואָס וועט מיר מאזל שענקען.

יעס! דזשייקאָב, ער זאָל נאָר ליגן אין זײַן רו, האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פארגעסן אָט די סאָסנע. געמאַכט ביזנעס און אלעמען אין אָפיס דערציילט וועגן דער סאָסנע. געיאָגט זײַן „שעוראַלע״, און אף אלע וועגן פלעגן זיך אים אויסדאַכטן סאָסנעס. אפילע דאַן, ווען ער פלעגט מאַכן א שנאַפּס, יעס!

באַם טויערל באַווײַזט זיך קרוק.

ק ר ו ק (רופט). לע־ווין! כאַוער לעווין!

אלע קוקן זיך אום.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. ביטע, גייט אַרײַן אין שטוב. איך וועל באַלד אַרײַנקומען.

ק ר ו ק (שרײַט). א דונער האָט מיך געטראָפן, אַקאָרשט האָב איך זיך דערוווּסט!

מ י ר ע ל ע. קרוק, וואָס האָט פּאַסירט?

ק ר ו ק. דאָס גאַנצע שטעטל קלינגט! אלע ווייסן שוין!

ד ז ש ע ס י (דערשראָקן). אז איך בין געקומען? גאָטעניו געטרײַער!

ק ר ו ק. וועגן דער גנייווע! נײַן הונדערט רובל! דאָס איז דאָך...

מ י ר ע ל ע (שלאָגט אים איבער). א גאסט פון אמעריקע!

ק ר ו ק (הערט ניט). ...א ריזיקע סומע!

ד ז ש ע ס י. באַגאַזלט? דערהאַרגעט?

ק ר ו ק (דערזעט דזשעסין). א, אנטשולדיקט!

מ י ר ע ל ע. ביטע, זײַט באַקאַנט.

ד ז ש ע ס י. דזשעסי לאוי. (דערלאנגט די האנט).

ק ר ו ק (קושט די האנט. שטעלט זיך פאָר). קרוק.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אַן אָנגעשטעלטער אין רומשישקער אוניווערמאַג.

ד ז ש ע ס י. א סאָוועטישער ביזנעסמען! אָל־רײַט! מיט אײַך דאַרף איך זיך טאַקע באַ־קענען נעענטער.

מ י ר ע ל ע. נו, האַדאַסע, איצט קום אַרײַן אין שטוב.

דזשעסי, מירעלע, סאַניע און נאַפטאַלע גייען אַרײַן אין שטוב.

ק ר ו ק (צו סאַלאַמאָנען). א גאַסט?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. פון אמעריקע.

קרוק. אַן אויסערגעווײנלעך שײנע פרוי.

סאַלאַמאַן. קרוק, ס'איז אַן עמעס, וואָס מע זאָגט, אַז דו האָסט ערגעץ אַ ווײַב?

קרוק. קוים פּאַטער געוואָרן.

סאַלאַמאַן. וואָס ווערסטו מיר זאָגן גוטס?

קרוק. ווי נאָר קאַרעצקי האָט מיר דערציילט וועגן דער פאַרשוועונדונג, האָב איך באַשלאָסן: איך לויף צו דיר. האָסט אונטערגעשריבן דעם אקט?

סאַלאַמאַן. די פּראָצעדור שטייט מיר פאַר מאָרגן.

קרוק. איך ראָט דיר, ווי אַן אייגענעם ברודער: שרײַב ניט אונטער.

סאַלאַמאַן. און אַז ס'וועט ניט זײַן קיין אַנדער ברירה?

קרוק. גאַנץ רומשישאַק קען דיך. אונדזער סעקציע וועט לייגן פאַר דיר דעם קאָפּ.

סאַלאַמאַן. אַזוי זאָגט קאַרעצקי?

קרוק. דער הייליקער כיווּו פון יעדן מענטשן איז...

סאַלאַמאַן. דאָס ווייס איך אָן דיר. אָבער זאָג, ווי/אַזוי וועט איר מיר העלפן?

קרוק. קוידעמקאָל וועל איך ריידן מיטן פאַרזיצער פון דער רעוויזיע.

סאַלאַמאַן. וואָס ווערסטו אים זאָגן?

קרוק. זײַ רויִק. כ'וועל וויסן וואָס.

סאַלאַמאַן. עפשער רייד איצט מיט אים? טעלעפאָניר אים.

קרוק. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

סאַלאַמאַן און קרוק גייען אַרײַן אין שטוב. פּויזע.

ס'ווערט פינצטערער. אין הויז צינדט זיך אָן עלעקטרע. עס גייט אַרויס דזשעסי מיט איר האַנט־וואַליזקע. אין אַ ווײַלע אַרום באַווײַזט זיך נאַפטאַלע.

דזשעסי. ענדלעך!

נאַפטאַלע. ווידער אין דער אַלטער היים.

דזשעסי. איצט בין איך גליקלעך.

נאַפטאַלע. אין אונדזער נײַעם רומשישאַק.

דזשעסי (ווײַזט איר וואַליזקע). כ'האָב שוין. דאָ!

נאַפטאַלע (קוקט זיך אַרום). הײַנט אינדערפרי, ווי נאָר כ'האָב אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ, הער איך: מע האָט געלאָזט פליִען נאָך אַ ספּוטניק.

דזשעסי. איך בין צוגעגאַנגען צו דער סאָסנע, אָפּגעמאָסטן צוויי טריט, און — וואָס מיינסטו? פונקט געטראָפן.

נאַפטאַלע. דו ווייסט, דער וויפלסטער?

דזשעסי. וואָס?

נאַפטאַלע. ספּוטניק.

דזשעסי. נאַפטאַלע, דריי ניט קיין ספּאָדעק. ווייסט, וואָס יאַנקל האָט מיר געזאָגט אַ מינוט פאַר זײַן טויט? פאַרטרוי דעם סאָד נאַפטאַלען, ער וועט דיר העלפן.

נאַפטאַלע. ס'קאָן ניט זײַן. מיט יאַנקלען בין איך קעסיידער געווען פונדערווײַטן. ער האָט געהאַט אין זינען סאַלאַמאַנען.

קרוק (גייט אַרויס פון שטוב. צו דזשעסין). אַנטשולדיקט, מיסיס, שוין לאַנג, ווי איר זײַנט פון ליטע?

דזשעסי. פון פיר־און־פערציקסטן, יעס! מיר דאַכט, ס'איז שוין פאַרבײַ אַן אייביקייט. אין אַמעריקע האָט מען שוין אַפילע באַוויזן מיך צו קרוינען מיט אַ נײַעם נאָמען. פון האָדאַסע בין איך געוואָרן דזשעסי.

קרוק. ניט דער נאָמען באַשײַנט אַ שיינע מיסיס, נאָר אַ שיינע מיסיס באַשײַנט דעם נאָמען.

דזשעסי. ווי נאָר איך בין אין ווילנע אַרויס פונעם אַעראָפּלאַן, האָט מיר עמעצער ווי אָנגעטאָן ברילן. קישעף־ברילן. אַלץ זעט מיר אויס אויסערגעווײנלעך שיין!

קרוק. איך אויך?

דזשעסי. יעס!

קרוק. מיסיס לאַווי, אויסערלעכע שיינקייט איז קיין קאָפּעקע ניט ווערט. דער איקער איז אַן איידל האַרץ.

דזשעסי. אָבער ווו געפינט מען עס?

קרוק ווײַזט אויף זײַן האַרץ.

נו, יעדער ביזנעסמען לויבט זײַן סכוירע.

קרוק. אויב איר גלייבט ניט, ביטע, פּרוּווט אויס.

דזשעסי (פאַרינטריגירט). פליז, מיסטער קרוק. מירן זיך עפּשער צוזעצן? (וויַזט אף די טרעפּלעך).

ביידע זעצן זיך צו. דזשעסי לייגט אוועק איר וואַליזקע הינטער זיך.

קרוק. פאַרזיכטיק! אײַער פּרעכטיק קלייד... (שפּרייט גאַלאַנט אויס זײַן נאָזטיכל).

דזשעסי. סענק יו. ווען איך בין א קינד געווען, געדענק איך, האָב איך ליב געהאַט אַזוי צו זיצן. מיר האָבן געלעבט אָט דאָרט, איר זעט דעם קוימען פון דער ציגעלניע? הינ־טער איר איז געווען א וועלדל. דאָרט זײַנען געוואַקסן ניס...

קרוק. אנטשולדיקט, אײַערע האָר זײַנען עטוואָס צעשויבערט.

דזשעסי (קוקט אין שפּיגעלע). איצט איז אַזאַ מאָדע.

קרוק. א פײַנע מאָדע. מיר געפעלט זי.

דזשעסי. איר, ביזנעסלײַט, שיט אָן פון די מאָדעס זעק מיט דאָלאַרן. זאָגט מיר, מיס־טער קרוק, וויפל קאָסט איר?

קרוק. איר ווילט מיך קויפן?

דזשעסי. פאַרוואָס ניט? איך בין ריַיך.

דזשעסי לאַכט. באַמערקט ניט דעם אַרויסגעקומענעם נאַפּטאַלע. ער גייט צו אף די שפּיץ פינגער צו דער וואַליזקע, גיט זי א כאַפּ און וויל אַרײַנלויפן צוריק אין שטוב, נאָר דערזעט באַם טויערל דעם מיליציאָנער. רעדט מיט אים אין די גדאַנקען:

מיליציאָנער. היי, בירגער, וווּהין?

נאַפּטאַלע שטעלט זיך אָפּ.

לייג אוועק, ווּ ס'איז געלעגן.

נאַפּטאַלע. ווער זײַט איר? פאַרוואָס באַפּוילט איר מיר?

מיליציאָנער. איך בין דײַן געוויסן!

נאַפּטאַלע. ניט שוין זשע? אף וויפל איך ווייס, איז געוויסן אַן אידעאַליסטישע זאַך, איך אָבער, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, בין פון קאָפּ ביז די פיס א מאַטעריאַליסט. אַלע מײַנע טועכצן זײַנען באַזירט אפן געזעץ.

מיליציאָנער. בין איך דער געזעץ.

נאַפּטאַלע. שאָלעם-אַליכעם, כאַווער געזעץ. מיר זײַנען קאָלעגן. איך האָב געענ־דיקט דעם יורידישן.

מיליציאָנער. זאָל אַלץ ליגן דאָרט, ווו עס איז געלעגן.

נאַפּטאַלע. אז דער געזעץ הייסט, פאָלג איך. (לייגט אוועק די וואַליזקע).

דער מיליציאָנער וויל אוועקגיין, נאַפּטאַלע נעמט ווידער די וואַליזקע.

מיליציאָנער. נאַפּטאַלע!

נאַפּטאַלע לייגט אוועק די וואַליזקע.

(דער מיליציאָנער זינגט):

כאַשעווער בירגער, גליטשט זיך ניט אויס!
געדענק, די טרעפּ זײַנען געדרייטע.
דעם געזעץ פאַרגעדענק, לערן אים אויס
דאַן באַקומסטו פליגל ברייטע.
נאָר קוים פאַרגעסטו כאָטש איינעם א פּונקט,
וועט דיר ניט העלפן שוין קיינער,
וועסט ניט באַוויַיזן צו געבן א ווונק,
וועסט צעברעכן די ביינער.

מײַן פליכט איז דיך צו פאַרהיטן, זאָלסט ניט געשטרויכלט ווערן.

נאַפּטאַלע. באַמיט זיך ניט, איך בין, קיין אײַנהאָרע, מאַראַליש פעסט. כ'וועל ניט אַראָפּ פון דערעך-האַיאָשער. (פּלוצעם). וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר!

מיליציאָנער. געדענק דעם געזעץ!

נאַפּטאַלע וויל נעמען די וואַליזקע. דער מיליציאָנער כאַפּט אַרויס זײַן פּיסטאָלעט.

טשעפּע ניט!

נאַפּטאַלע. ווי קאָן איך ניט טשעפּען, אז דער יעיצערהאָרע הייסט. דאָרט איז אָן אוצער.

טוט א כאַפּ די וואַליזע און אַנטלויפט. מיליציאַנער „שיסט”. אָבער נאַפּטאַלע איז שוין אין שטוב. מיליציאַנער פאַרשווינדט.

ד ז ש ע ס י (זעצט פאַר איר געשפּרעך). קליוולענד רוישט טאָג און נאַכט, ווי דער סאַמ־באַטיען. מענטשן לויפן מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער. איך ווער אַזוי אויסגעשעפּט, אַז דאָס איינציקע, וואָס מיר ווילט זיך, איז אָפּכאַפּן דעם אָטעם און...

ק ר ו ק. ...אַרײַנקוקן אין זיך?

ד ז ש ע ס י. ...פרעגן, ווער בין איך?

(זינגט):

איך שטאָלענער שטראָם, צווישן שטיינערנע ברעגעס,
עס פינקלען רעקלאַמעס, מיט פײַער עס שפּריצט.
איך בין, ווי א שפּענדל. געפּערלעך דער וועג איז,
ראַטעוועט! שרײַ איך פאַרכאַלעשט, צעהיצט.
איך ווייס ניט, צי טאָג איז,
צי הײַנט נאָך, צי מאָרגן,
איך ווייס ניט, וואָס גוט איז,
דאָס גליק צי די זאָרגן...

ק ר ו ק. מיסיס דזשעסי, דאָס זײַנען נערוון.

ד ז ש ע ס י. און וואָס איז נערוון? לעבן. און צו וואָס לעבן מיר, ווייסן מיר ניט. און מירן קיינמאָל ניט וויסן. ביטאָ קיין ענטפער.

ק ר ו ק. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב די האָזע אײַך צו זאָגן. נאָר ווי מיר שײַנט, זײַט איר ווײַט פון זײַן גליקלעך, דזשעסי.

דזשעסי קערט אָפּ דאָס געזיכט און דערזעט פּלוצעם דזשייקאָבס געשפּענסט. ער רייכערט א ציגאַר.

ד ז ש ע ס י. דזשייקאָב!

ק ר ו ק. וואָס זאָגט איר?

ג ע ש פּ ע נ ס ט. דערלאַנג אים א גאָב, עס זאָל אים אין האַלדז ניט קריכן. פאַרוואָס עפּעס זאָגט ער, אַז דו ביסט אומגליקלעך?

ד ז ש ע ס י. דזשייקאָב, איך בעט דיך, לאָז מיך צורו.

קרוק, א באַליידיקטער, שטעלט זיך אויף.

ג ע ש פּ ע נ ס ט. ענטפער אים!

ד ז ש ע ס י. פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך בין אומגליקלעך?

ק ר ו ק. מיר דאַכט, אַז איך קען אײַך שוין פון לאַנג. אַז איך ווייס וועגן אײַך אַלץ.

ג ע ש פּ ע נ ס ט. וואָס ווייסט ער וועגן דיר?

ד ז ש ע ס י. וואָס ווייסט איר וועגן מיר?

ק ר ו ק. נאָר גוטס, ליבע דזשעסי.

ג ע ש פּ ע נ ס ט. פאַרוואָס זאָגט ער דיר „ליבע”?

ד ז ש ע ס י. ניין, ניין, זאָגט מיר ניט „ליבע”. פּליז, בא אונדז זאָגט מען ניט קיין פרעמ־דער פרוי „ליבע”.

ק ר ו ק. זײַט מיר מוחל. כ'האָב ניט געוווּסט.

ג ע ש פּ ע נ ס ט. דזשעסי, ניט שוין זשע זעסטו ניט, אַז ער איז אַן אונטערגעשיקטער. זײַ פאָרזיכטיק!

ד ז ש ע ס י. נאָו, דזשייקאָב, ס'קאָן ניט זײַן!

ק ר ו ק. וואָס קאָן ניט זײַן?

ג ע ש פּ ע נ ס ט. בא זיי קאָן אַלץ זײַן! (פאַרשווינדט)

ד ז ש ע ס י. איר זײַגט... אַן אונטערגעשיקטער?

קרוק, פון אומגעריכטקייט, ווייסט ניט וואָס צו זאָגן.

גייט! אוועק פונדאַנען!

ק ר ו ק. ניין, דזשעסי, איך באַליידיק זיך ניט. פאַרקערט, איך א געוויסן זין פאַרשטיי איך אײַך.

פון הויז גייען אַרויס מירעלע און סאָניע. זיי טראָגן עסנוואַרג.

ד ז ש ע ס י (צו קרוקן). אויב איר וועט די מינוט ניט אוועק פונדאַנען...

קרוק (מילד). פאַרוואָס טרײַבט איר מיך? טרײַבט מיך ניט אוועק פון זיך.
דזשעסי. ...וועל איך רופן מענטשן.
קרוק. גוט, איך גיי. אָבער איך וועל נאָך קומען. מיך האָבן נאָך א סאך וועגן וואָס צו ריידן. כ׳וועל קומען, מיסיס דזשעסי לאַוי! (גייט אוועק).

סאָלאָמאָן טראָגט ארויס פלעשער מיט גלעזלעך.

דזשעסי (כאפט זיך פלוצעם). ווו איז מײַן וואליזע? גאָטעניו געטרײַער, ווו האָב איך אוועקגעלייגט מײַן וואליזע?
סאָניע. איר האָט זי געהאַט מיט זיך.
דזשעסי. גוטע מענטשן! לעדיס און דזשענטלמענס! כאַווײרים! ווו איז מײַן וואליזע?
מירעלע. זאָרג ניט, האדאסע, זי וועט זיך געפינען.
דזשעסי. גאָטעניו געטרײַער... ער! ער! (לויפט צום טויערל, שרײַט צום אוועקגייענדיקן קרוקן). היי! העלאָו! וואַרט! ווי טראָגט אײַך דער טײַוול? קערט זיך אום!

קרוק קומט צוריק.

קרוק. איך האָב געפילט, אז איר וועט מיך רופן. ניין, איך בין אָף אײַך ניט אין קאס.

פון הויז גייט ארויס נאפטאָלע.

דזשעסי. מיסטער קרוק, איר האָט ניט געזען, ווו איך האָב געלייגט מײַן וואליזע?
קרוק (לוסטיק). קלוג צוגעטראַכט! אָט אזוי געפעלט איר מיר.
דזשעסי. זײַט אזוי גוט, הער קרוק, גיט זי מיר אָפּ.
קרוק. וואָס פאר א וואליזע?
סאָניע. אַן אמעריקאַנישע.
דזשעסי. איר האָט צוגענומען!

קרוק, א דערשטוינטער, ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. אלע לאכן, זעצן זיך ארום טיש.

סאָלאָמאָן. מיסיס לאַוי, אײַער וואליזע ליגט הינטער דער טיר... נאפטאָלע, באַוויַז אָקאַרשט, ווו דו האָסט געלייגט דזשעסיס וואליזע.
נאפטאָלע. זי האָט זיך געוואַלגערט אָף די טרעפּלעך, האָב איך באַהאַלטן... (טראָגט ארויס און דערלאַנגט דזשעסין).
דזשעסי. מאלעך מײַנער! א דאנק דיר, טײַערער! (נעמט אים ארום, פון גרויס פרייד קושט יעדן לויט דער ריי).
סאָלאָמאָן (צו קרוקן). דו האָסט מיסטאמע פארגעסן, אז דו אײַלסט זיך.
קרוק. איך? אוואדע, איך לויף! (גייט אוועק).
דזשעסי. דער קראַסאַוועץ האָט מיך שטארק איבערגעשראָקן. נאָך־דאַם! אין ערגעץ פארקויפט מען דאָך ניט קיין ניילאָנענע נערוון. קיין דערפינדער האָט זיי נאָך ניט צוגעטראַכט. (גייט צו צום טיש). עפּעקטפּול! ווי קומען צו אײַך אזוינע גווירישע מײַכאָלים?
סאָלאָמאָן. גלייבט ניט אײַערע אויגן. ס׳קאָן זײַן, אז זיי זײַנען ניט קיין עמעסע.
דזשעסי. יעס! פון פלאסטמאסע? פון גומי?
סאָלאָמאָן. גיט א טאַפּ.
מירעלע (מיט פאָרוווּרף). סאָלאָמאָן!
סאָלאָמאָן. אדרעבע, נעמט און פארזוכט.
מירעלע. האדאסע, הער אים ניט. סאָלאָמאָן האָט ליב צו טרײַבן קאַטאָוועס.

דזשעסי באטאמט דאָס עסנווארג.

סאָלאָמאָן. נו, ווי?
דזשעסי. ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע.

אלע לאכן, זעצן זיך ארום טיש.

נאפטאָלע, טײַערער, זעץ זיך לעבן מיר, פּליז.
נאפטאָלע. מיסיס לאַוי וויל אונטערשטרײַכן, אז מיר זײַנען דאָ ביידע געסט.
דזשעסי. איך וויל אונטערשטרײַכן, אז דו ביסט מיר אזוי טײַער ווי אמאָל.
סאָניע. מומע דזשעסי, דערלויבט צו פרעגן: דער פעטער נאפטאָלע איז אײַער ערשטע ליבע?
מירעלע. טעכטערל, דאָס איז ניט קיין טאַקטישע פראַגע.

ד ז ש ע ס י. יעס, בייבי, אָט דער אַנגעבלאָזענער אינדיק איז עס געווען דער, וועמען איך האָב צום ערשטן מאָל געשאָנקען מײַן האַרץ. כ׳געדענק, דאָס איז געווען...

נ אַ פ ט אַ ל ע (רײַסט איבער). ...שוין אַזוי לאַנג, אַז אַלץ איז פאַרגעסן און באַדעקט געוואָרן מיט שטויב.

ס אָ נ י ע (צו דזשעסין). ווי מיינט איר, מע קאָן ערשטע ליבע?

מ י ר ע ל ע. סאָניע, ווידער ניט קיין טאַקטישע פראַגע.

ד ז ש ע ס י (צאַרט). זײַ זיך מוידע, נאַפטאַלע, דו האָסט דאָך ניט פאַרגעסן?

נ אַ פ ט אַ ל ע (שטעלט זיך אויף). כאַוויירים! הויכגעשעצטע מיסיס לאַוי! לאָמיר אויס־טרינקען פאַר די, וועלכע פאַרגעסן ניט זייער פאָטערלאַנד.

אַלע טרינקען אויס.

ד ז ש ע ס י (פּלוצעם צו נאַפטאַלען). וואָס בלאָזסטו זיך? סײַווי ווער סטו מיך ניט אָפּנאַרן. מיינסט, אַז איך ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך בײַ דיר דאָרטן? (ווײַזט אויפן האַרצן). אַזאַ ווי אַמאָל! אַ גוטינקער, אַ ווייכינקער און אַפילע אַ...

נ אַ פ ט אַ ל ע (שלאָגט איבער). דזשעסי, איך פּראָטעסטיר! דו ביסט נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ שטיפּערקע. אַלע זײַנען שוין לאַנג עלטער געוואָרן, סאָליד, נאָר דו אײַנע ביסט פּונקט ווי אַמאָל.

ד ז ש ע ס י (שלאָגט איבער). פּליז, איר הערט? ער דערקלערט זיך דאָך מיר ווידער אין ליבע! וואָס האָב איך אײַך געזאָגט?

נ אַ פ ט אַ ל ע. דזשעסי, וואָס איך זאָל ניט זאָגן, מאַכסטו פון אַלץ אַ שפּאַס.

ד ז ש ע ס י (צו אַלעמען). איר ווילט ערנסט?

אַ ל ע. ביטע!

ד ז ש ע ס י (שטעלט זיך אויף). לעדיס און דזשענטלמענער! מיט יאַנקעלען האָב איך געלעבט אין פרײַדן און אין ליבע... אַ קײַמעלאָן פון ווי פל יאָרן? איך האָב אים געטראָפן אין קלייוולענד אויף אַ פּיקניק פון לאַנדסלײַט. גלײַך נאָך דער מילכאָמע. האָט ער מיר פאַרגע־לייגט זײַן האַנט. מיט זײַן טשעק־בוך. איז ווי האָב איך אים געקאָנט אָפּזאָגן? האָבן מיר געשטעלט אַ כופּע. אָבער אין איינעם טאָג איז ער געשטאָרבן. האָב איך אים באַער־דיקט, ווי עס פּאַסט, מיט מוזיק. עפּעקטפול. איך האָב ליב געהאַט דזשייקאָבן, ער זאָל נאָר ליגן אין זײַן רו, איר ווייסט פאַרוואָס? עפּשער דערפאַר, ווײַל... (צו נאַפטאַלען) ער פלעגט מיר מיט עפּעס דערמאָנען אין דיר. אָף מײַן ערנוואָרט, אין קלייוולענד האָב איך שטענדיק דיך געטראָגן אין האַרצן. ווי נאָר איך האָב פאַרלוירן דײַן ברודערל, האָט מיך געגומען פּיקן אַ געדאַנק: איך מוז דיך זען.

מ י ר ע ל ע. קומט גאָר אויס, אַז דו ביסט געקומען ספּעציעל צוליב אים?

ד ז ש ע ס י. יעס! פרײַנט, באַקאַנטע, אַפילע פרעמדע האָבן מיך אָפּגערעדט. דערציילט וועגן דער סאָוועטישער ליטע די סאַמע שרעקלעכסטע זאַכן. איר ווייסט, וואָס עס שרײַבט אונדזער קלייוולענדער צײַטונג?

ס אָ ל אָ מ אָ ן. אַז פון רומשישאָק איז געוואָרן רומשישקאָו, און אַז רומשישקאָוו האָט מען שוין אַריבערגעפעקלט אויף צאָפן־פּאָלוס, יאָ?

מ י ר ע ל ע. ווי פלאַמט זיי ניט דאָס פּאָנעם פאַר שאַנד צו שרײַען אַזוינע ליגנס!

ד ז ש ע ס י. איך האָב אַלץ געגלייבט, נאָר דו, נאַפטאַלע, ביסט מיר טײַערער.

נ אַ פ ט אַ ל ע. כאַוויירים, אויב איר ווילט עסן הייסע קניידלעך, בעט איך ערנסט זיך צו פאַרינטערעסירן מיטן טיש.

אַלע עסן. ס׳קלינגט דער טעלעפאָן. סאָלאָמאָן גייט אַרײַן אין שטוב.

ס אָ נ י ע. מומע, עס איז עמעס, אַז אין אַמעריקע האָבן די עפּל ניט קיין וויטאַמינען?

מ י ר ע ל ע. ווידער ניט קיין טאַקטישע פראַגע.

ס אָ ל אָ מ אָ ן (רעדט טעלעפאָניש). כ׳קאָן ניט. כ׳האָב געסט... פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס זײַן שלעכט געשטימט? די פאַרשוועדונג איז אין קאַסע, ניט אין געוויסן... צום פּראָקוראָר? אוואַדע וויל איך ניט. אָבער אָפּט קערעוועט די היסטאָריע ניט דאָרט, וווהין מיר ווילן.

ד ז ש ע ס י (פּלוצעם). דער קראַסאָוועץ מיסטער קרוק איז געקומען אַהער מיר נאָכשפּירן?

אַלע קוקן זיך איבער דערשטוינט.

מ י ר ע ל ע. קרוק איז געקומען צו אונדז וועגן אַן איניען.

ד ז ש ע ס י. וועגן אַן איניען? וואָס פאַר אַן איניען?

מ י ר ע ל ע. המ...

דזשעסי. פאַרוואָס שווײַגסטו?

מירעלע. איך קאָן זאָגן.

דזשעסי. ווײַזט אויס, אַז דו קאָנסט ניט. עמעצער לאָזט ניט.

סאָניע. ווער?

דזשעסי. בייבי, גאַנץ אַמעריקע ווייסט ווער.

סאָניע. אויב אַזוי, זאָג, מאַמע!

מירעלע. אין אוניווערמאַג איז פאַרשווונדן סכוירע אויף אַ סומע פון נײַן הונדערט רובל און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי איז סאָלאָמאָן.

נאַפּטאָלע. אַט דאָס האָסטו דאַפקע ניט געטאָרט זאָגן.

דזשעסי. נאַפּטאָלע, ס'איז אַ סאַך פאַר גאַנץ בראָד, אַז איצט גאַנווענען קינד־און־קייט. ווער נאָר עס האָט אַ האַנט. אומעטום.

מירעלע. קרוק איז געקומען העלפן סאָלאָמאָנען.

דזשעסי. וואָס איז ער אים — אַ מעכוטן?

מירעלע. זיי אַרבעטן צוזאַמען.

דזשעסי. און ער וויל אים העלפן? מאָדנע. נאָר פאַר אַ דאַנק העלפט קיינער ניט.

סאָניע. בײַ אײַך אין אַמעריקע.

דזשעסי. אומעטום, דאַרלינג!

סאָלאָמאָן (אַרויסגייענדיק פון הויז). כאַווייריִם, כ'מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר אײַך. כ'וועל באַלד קומען צוריק.

דזשעסי. שור, פּריִער פאַר אַלץ איז ביזנעס!

מירעלע נעמט אַראָפּ פון טיש און גייט אַרײַן אין שטוב.

ווידער האָט מיך אָנגעכאַפּט מײַן מיגרענע! עס שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ! פּונקט ווי אין קליוולענד.

נאַפּטאָלע. איך ראָט שוין אַרויסרופן אַ דאָקטער.

דזשעסי. ביסט מעשוגע? ער וועט אַרויסרײַסן צען דאָלאַר און זאָגן, אַז ס'איז נערוון.

סאָניע. מומע דזשעסי, באַ אונדז קאָנט איר קרענקען, וויפל אײַער האַרץ גלוסט. אומזיסט.

נאַפּטאָלע. פּראָפּסאָיוז צאָלט נאָך צו.

דזשעסי. אין קליוולענד קרענקט יעדער צווייטער אויף נערוון. (גיט סאָניען שליסעלעך). עפן מײַן טשעמאָדאַן. דעם קלענערן, וועסט דאָרטן געפינען אַ גאָל פּלעשעלע. איז ברענג עס אָהער, פּליז.

סאָניע נעמט די שליסעלעך, גייט אַוועק. ס'בלײַבן דזשעסי און נאַפּטאָלע.

דזשעסי. נאַפּטאָלע, כ'בעט דיך, נאָר אָן פּראָפּאַגאַנדע. דעם רײַנעם עמעס. וויפל פאַרדינסטו אַ מאָנאַט?

נאַפּטאָלע. הונדערט פערציק. כוץ פּרעמיעס און כוץ פּראָגרעסיווקע.

דזשעסי. אַנדערהאַלבן גאָלדענע זייגערלעך, יעס?

נאַפּטאָלע. אָן ערעך.

דזשעסי. אַ קאַפּיטאַנישער געהאַלט.

נאַפּטאָלע. כ'וואָלט עס ניט געזאָגט. אָבער פאַרוואָס, דזשעסי, מעסטו אַלץ מיט געלט? אַמאָל, געדענק איך, ביסטו געווען גאָר אַן אַנדערע.

דזשעסי. דו געדענקסט, האַ? דאָס ווערלדל! וואָס פאַר אַ ניס דאָרטן זײַנען געוואַקסן. ריזיקע ניס!

נאַפּטאָלע. געשמאַקע. דאָס הייסט... אין וואָס פאַר אַ זין?

דזשעסי. אַ, ווי עס ציט אַהין דאָס האַרץ. דיך ניט?

נאַפּטאָלע. האַדאַסע, וועק ניט אויף קיין יוגנטלעכע טרוימען.

דזשעסי. אַט גיב אַ קוק אויף מיר, נאַפּטאָלע. צי דען זעסטו ניט? אַזויפיל יאָרן האָב איך געוואַרט אויף דער דאַזיקער גליקלעכער מינוט. נעם מיך אַרום, נאַפּטאָלע. נו, דריק מיך צו צו זיך, טײַערינקער. גיב מיר אַ קוש... (וויל אים אַרומנעמען).

נאַפּטאָלע. וואָס טוסטו? מע טאָר ניט!

דזשעסי. פאַרוואָס? ווער לאָזט ניט? ניט שוין זשע איז באַ אײַך פאַרבאָטן?

נאַפּטאָלע. ס'איז ניט ערנסט.

דזשעסי. זיך קושן? זיך אַרומנעמען?

נאפטאַלע. אַזוי פירט זיך ניט.

דזשעסי. איז ווי פירט זיך יאָ? אדעראבעט, זאָג, ווי ליבט מען זיך באַ אײַך?

נאפטאַלע. האדאסע, מאַך זיך ניט נאַיוו.

דזשעסי. דערפאַר טאַקע פרעג איך, ווײַל איך בין ניט נאַיוו.

נאפטאַלע. קווידעמקאַל דאַרפסטו פאַרשטיין...

דזשעסי. כ'פאַרשטיי. וואָס־וואָס, נאָר אין ליבע זײַנען מיר אין אמעריקע ספּעציאַ־ליסטן. א כּאַרפּע צו דערציילן, וואָס מיר קלערן אויס. ניט שוין זשע האָט איר אונדז אויך דאָ אריבערגעיאָגט? איז, פליז, נאַפטאַלע, דערקלער מיר, באַווײַז, ווי ליבט מען באַ אײַך?

נאפטאַלע. סאָליד. באַוווסטזיניק.

דזשעסי (נעמט אים ארום). אָט אַזוי?

נאפטאַלע. ניין. ליבע דאַרף האָבן אַן ערנסטן גרונט.

דזשעסי. איז פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד ניט געזאָגט? איך האָב א גרונט, יעס! אָן אויצער! נאַפטאַלע, קיין זײַטיקע מענטשן הערן דאָ ניט, קענען מיר ריידן אָפן: דו ווילסט ווערן א גוויר?

נאפטאַלע. אין וואָס פאַר א זין?

דזשעסי. אָן קיין זין. און אָן פּראָפּאַגאַנדע. פליז, ענטפער מיר קורץ און קלאָר: דיר ווילט זיך ווערן רײַך?

נאפטאַלע. ערנוואָרט, איך ווייס ניט, וועגן וואָס דו רעדסט.

דזשעסי. נאַפטאַלע, אָט גיב זיך א פּרעג. הער זיך צו צו דײַן אינווייניקסטער שטים... וואָס זאָגט זי דיר? דו הערסט?

נאפטאַלע. זי שווײַגט.

דזשעסי. און איך הער...

(זינגט):

די שטים פון דײַן הארצן איך הער,
איך שווער דיר מײַן ליבער, איך שווער.
איך דאַרף אָף קאַפּאַרעס דעם עמעס,
דאָס גליק רופט, דאָס גליק רופט —
איז נעם עס.
א טשעק־בוך, א ווילע
א נאָר וויל אפילע,
די שטים פון דײַן הארצן איך הער,
איך שווער דיר מײַן ליבער, איך שווער.

האָ? זײַ זיך מוידע, נאַפטאַלע, דו ווילסט עס?

נאפטאַלע. ווילן וויל איך, אָבער...

דזשעסי. אָן שום אָבער. (נעמט אים ארום און קושט). ווערסט מײַן מאַן, באַקומסטו אַן אויצער. שווײַג, איצט רייד איך. נאַפטאַלע, וואַרף אלץ אוועק און פאָר מיט מיר קיין אמעריקע.

נאפטאַלע. דו ביסט ניט באַם קלאָרן זינען.

דזשעסי. מירן שטעלן א כופּע און מאַכן א וואַיזוראַק. אלע פּאַפּירן וועט אין איין אויגנבליק מאַכן דער אמעריקאַנער קאָנסול.

נאפטאַלע. אָבער וואָס וועל איך טאָן אין אמעריקע?

דזשעסי. ביזנעס! יעס! וועסט זיך באָדן אין א שמאַלצגרוב.

נאפטאַלע. און אז די שמאַלץ וועט אויסרינען?

דזשעסי. נאַפטאַלע־קרוין! דו ווייסט, וואָס פאַר אַן עפּל עס וואַקסן באַ מיר אין סאָד הינטער קליוולענד? ריזיקע עפּל! דרײַ הונדערט עפּלביימער, ווי די בערן!

ס'קומט סאָניע.

סאָניע (דערלאַנגט דזשעסין א פּלעשעלע מיט א גלאָז וואַסער). ביטע.

דזשעסי. סענק יו, בייבי. איצט נעם אראָפּ פון טיש, פליז.

סאָניע טראָגט אוועק דאָס איבערגעבליבענע עסנוואַרג.

(דזשעסי נעמט ארויס פון וואַליזע א מעטאַלן קעסטעלע און באַווײַזט). איין וואָרט — און עס איז ניט נאָר מײַנס, נאָר אויך דײַנס. ביידנס.

נאפטאַלע (נעמט דאָס קעסטעלע, פּרוווט עפענען). האָסט שוין געזען, וואָס עס איז אינווייניק?

ד ז ש ע ס י. אַן אויצער.

נ אַ פ ט אַ ל ע. געעפנט?

ד ז ש ע ס י. צו וואָס? אַז איך ווייס.

נ אַ פ ט אַ ל ע. איך באַדאַרף ניט קיין אויצרעס.

ד ז ש ע ס י. וואָס הייסט, דו באַדאַרפסט ניט? אַ, דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר!

נ אַ פ ט אַ ל ע. נעם אַ טאַבלעטקע.

ד ז ש ע ס י. וואַרט, דערקלער מיר. איך פאַרשטיי ניט. דו ווילסט גאָר ניט ווערן קיין ראַקפעלער?

נ אַ פ ט אַ ל ע. ניין.

ד ז ש ע ס י. פאַרוואָס?

נ אַ פ ט אַ ל ע. איך דאַרף דאָס אויף קאַפּאַרעס.

ד ז ש ע ס י. איז נעם דו אַ טאַבלעטקע, נאַפטאַלע! דו ביסט קראַנק. איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ לעקיש, ווי דו, אַפילו אין קינאָ ניט.

נ אַ פ ט אַ ל ע. ווען ס'איז געשטאָרבן מײַן פרוי, האָב איך געגעבן אַ נײדער: פון איצט לעב איך נאָר פאַר מײַנע קינדער און, פאַרשטייט זיך, פאַר מײַן קאָלעקטיוו.

ד ז ש ע ס י. און איך האָב אַזוי געהאָפט. געטרוימט. געטראָגן אין האַרצן. האָסט זיך געענדערט, נאַפטאַלע. ניין, ביסט אויך פריִער געווען אַ שטיק קאַשע. נאָר איצט ביסטו פאַר־גליווערט געוואָרן. פאַרשטיינערט.

נ אַ פ ט אַ ל ע. אויב אַ סאָוועטישער בירגער געפינט אַ ווערטפולע זאַך, איז ער מעכוייעוו די מינוט...

ד ז ש ע ס י. ניט מעכוייעוו! אײַערע געזעצן זײַנען פאַר מיר ניט גילטיק! הערסט, ניט גיל־טיק!!!

צ ו ו י י ט ע ר   א ק ט

ב י ל ד 1

די זעלבע דעקאָראַציעס. סאָניע זיצט הינטער אַ קוסט און לייזט אופגאַבעס. מירעלע קומט אַן אָנגעלאָדענע מיט פּעקלעך.

מ י ר ע ל ע (רופט). סאָניע!

ס אָ נ י ע. דאָ בין איך, מאַמע!

מ י ר ע ל ע. ווו איז אונדזער גאַסט?

ס אָ נ י ע. די מומע דזשעסי האָט זיך צוגעשפּאַרט. זי איז טויט מיד.

מ י ר ע ל ע. אין גאַסטראָנאָם האָב איך אָנגעקויפט מאַראָקאַנער אַפּעלסינען, באַנאַנען און גרייפּפרוטן. זאָל די אַמעריקאַנערין ניט מיינען, אַז נאָר אין אַמעריקע זעט מען אַזעלכס. דער טאַטע האָט ניט געקלונגען?

ס אָ נ י ע. ניין. ווייסט, מאַמע, מיר האָבן נאָך אַ גאַסט.

מ י ר ע ל ע. אוי, איך עק מיך!

ס אָ נ י ע. אַלעקס.

מירעלע שווײַגט.

מאַמע, פאַרוואָס זאָגסטו גאָרניט?

מ י ר ע ל ע. טעכטערל, איצט פירט זיך, אַז מאַמעס שווײַגן אין אַזעלכע פאַלן.

מירעלע גייט אַרײַן אין שטוב. אין אַ ווײַלע אַרום גייט פון שטוב אַרויס נאַפטאַלע אין רעגנמאַנטל און מיטן פּאָרטפעל. ער באַמערקט ניט סאָניען, וועלכע קוקט אויף אים פון הינטער אַ קוסט. ער גייט צו צום טויערל, דערזעט עמעצן אויף דער גאַס, פאַרקרימט זיך, ווי פון ציינווייטעק, לויפט צוריק, שטעקט אַרונטער דעם פּאָרטפעל אונטער די טרעפּלעך און גייט אַוועק צום טײַכל. סאָניע קומט אַרויס פון הינטערן קוסט, נעמט דעם פּאָרטפעל, באַקוקט אים, נעמט אַרויס פון אים דאָס קעסטעלע, פּרוּווט עס עפענען, נאָר דערזעט באַם טויערל דעם מיליציאָנער. לייגט גיך אַרײַן דאָס קעסטעלע צוריק אין פּאָרטפעל. ביז דער מיליציאָנער גייט אַרײַן אין הויף, רעדט זי מיט אים אין די געדאַנקען:

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. נאָמען? פאַמיליע?

ס אָ נ י ע. אַלעקס, צי דען דערקענסטו מיך ניט?

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. אַז דו ביסט באַהאַנגען מיט שערבלעך. דו בלישטשעסט אַזוי, אַז איך קאָן ניט קוקן אויף דיר.

ס אָ נ י ע. איך בין סאָניע.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. סאָניע בלישטשעט ניט פון אויסן, נאָר פון אינווייניק. ווענעמס איז דער פּאָרטפעל?

ס אָ נ י ע. מײַן פעטערס.

מיליציאָנער שמייכלט איראָניש.

אלעקס, דו קאָנסט מיט מיר ריידן זאכלעך, איך האָב קיין צײַט ניט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. דזשוליעטע האָט פאר ראָמעאָ יאָ געהאַט צײַט.

ס אָ נ י ע. זי האָט ניט געלעבט אין אונדזער קאָסמישער ערע. ניט געדאַרפט ביז מיטיק לייזן דיפערענציאַלע אויפגאַבעס און נאָך מיטיק אײַנכאַזערן כימישע פאָרמולעס. איצט וואָלט שעקספּיר אנדערש באשריבן דזשוליעטען:

(זינגט):

עס הענגט זיך איצט קיינער פון ליבע,
מע נעמט ניט קיין סאַם פון פאַרדראָס.
ראָמעאָ עס טראָגט זיך אין קאָסמישע הימלען,
דזשוליעטע ווארט אויך ניט אין שלאָס.
מיט אטאָמען פירט זי א הייסן געפעכט,
נאָך דאָך אין די לאַנגע און שלאָפלאָזע נעכט
זי שעפּטשעט: מײַן ליבער, מײַן ליבער,
דו ביסט מיר אָף אייביק באשערט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר (פאטעטיש). איך א בלינענדיקן ראיאָן האָבן געלעבט צוויי פאָרליבטע. אָבער אומגליקלעכע. דאָס מיידל האָט ניט געהאַט קיין צײַט...

ס אָ נ י ע. ...און דער באָכער האָט ניט געפונען זײַן באַרוף!

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. איך איין שיינעם טאָג איז איר פון הימל אראָפּגעפאלן א געהיימניס־פול קעסטעלע...

ס אָ נ י ע (וויַיזט). אָט־אָ!

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. ליבער באָכער מײַנער, דאָ איז אַן אוצער! — האָט זי צו אים גע־זאָגט, — איך וועל קויפן צײַט, דו וועסט קויפן טאַלאַנט, און מיר וועלן זײַן גליקלעך.

ס אָ נ י ע. ניין, אלעקס, פאר קיין שום אוצרעס קאָן מען ניט קויפן ניט קיין צײַט און ניט קיין טאַלאַנט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. אויב אזוי, איז לייג אוועק, ווו עס איז געלעגן.

ס אָ נ י ע. לאָז מיך כאַטש עפענען און כאַפּן א קוק.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר (נעמט ארויס זײַן פּיסטאַלעט). איך הייס אוועקלייגן!

ס אָ נ י ע. אָבער טאָמער איז דאָרט צירונג? אלעקס, א שרעק, ווי מיר ווילט זיך זײַן שיין!

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. אָט וואָס פאר א פויגל דו ביסט!

ס אָ נ י ע. אלעקס, איך בין א פרוי.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. איז פארוואָס דרייסטו א קאָפּ וועגן הויכע מאַטעריעס?

ס אָ נ י ע. כ'וואָלט אלץ אוועקגעגעבן פאר דעם, אז מענטשן זאָלן זען מײַן יאָמטעוו... אפילע די מאַטעמאַטיק!

מיליציאָנער לאַכט, לייגט אַרײַן זײַן פּיסטאַלעט אין שיידל. אלעקס גייט אַרײַן אין הויף.

ס אָ נ י ע (דערזעט אים). אַ, אלעקס!

א ל ע ק ס. פאַרצײַ מיר, סאָניע, איך בין שולדיק. זיך ניט באַהערשט.

זיי לויפן צו אייננער צום צווייטן און צעקושן זיך.

(באמערקט דעם פּאָרטפעל). פונקט אזא האָט מײַן נאַטשאַלניק.

ס אָ נ י ע. דאָס איז דעם פעטערס פון קאַונאַס. אונדזז זײַנען באַפאַלן געסט.

א ל ע ק ס. א גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג. אײַנדערפרי האָב איך פעסט באַשלאָסן: מער קריג איך זיך מיט דיר ניט. דו וועסט זאָגן נאַכט, וועט זײַן נאַכט — אפילע אויב ס'וועט שײַנען די זון. (קוקט זיך ארום). דאָ איז וווּנדערלעך שיין.

ס אָ נ י ע. ניט צו פאַרגלײַכן מיט ווילנע.

א ל ע ק ס. איך פאַרגלײַך דען? ווילנע איז ווילנע. איך לייקן? ניט איך זאָג יאָ, ניט ניין. נעכטן האָב איך דיר ניט באוויזן צו זאָגן: אפן וועלאָסיפּעדיסטן־קראָס האָב איך פארנומען דאָס דריטע אָרט. (ווייַזט אפן לאַץ אן אָפּצייכענונג).

ס אָ נ י ע. איך באַגריס דיך.

אלעקס. אין צײַטונג האָט מען אָפּגעדרוקט מײַן פּאָטאָ. מײַן נאַטשאַלניק האָט מיך באַגריסט און געזאָגט, אַז איך וואַקס. סאָניע, איך וואַקס! הײַנט בין איך אַ לייטענאַנט, אין טעלעכע יאָר ארום — אַ קאַפּיטאַן, נאָכדעם — אַ מאַיאָר. און יעדער שטערנדל...

סאָניע (רײַסט איבער). ניין, אלעקס, שטערנדלעך זײַנען נאָך ניט אַלץ.

אלעקס. וואָ־אַס?! ווער זאָגט? איך זאָג? אָבער דו גיב נאָר אַ טראַכט.

סאָניע. גיב דו אַ טראַכט, פאַרוואָס ביסטו אַ פּאַשעטער מיליציאָנער. אויב שוין ריידן אינגאַנצן אָפּן.

אלעקס. ביטע! אָפּן! לייג אַרויס דעם ריינעם עמעס!

סאָניע. די נאַטור באַשענקט יעדן מענטשן. אָבער ניט יעדער ווייסט וועגן דעם. ס'קאָן זײַן, אַז דו ביסט גאָר אַ קאַפּיצאַ.

אלעקס. אַ וואָס?

סאָניע. דו האָסט קיינמאָל ניט געהערט וועגן קאַפּיצאַן?

אלעקס. לאָז מיר זיך דערמאָנען... אַ פוטבאָליסט?

סאָניע. ניין.

אלעקס. אַ קרימינאַליסט! איינער פון די גרעסטע! קימאַט אַ שערלאָק האָלמס!

סאָניע. אלעקס, דו אינטערעסירסט זיך מיט קרימינאַליסטיק?

אלעקס. אָן פײַיִקייטן ווערסטו דאָרטן גאָרניט אויפטאָן.

סאָניע. גיב אָפּ אַף דעם טעלעכע יאָר און דאַן...

אלעקס. ...וועסטו מיט מיר כאַסענע האָבן? ערשט אין טעלעכע יאָר אַרום? אַזוי לאַנג וועל איך ניט אויסהאַלטן. איך שטים ניט אײַן.

סאָניע. וואָס הייסט, דו שטימסט ניט אײַן?

אלעקס. פאַרשטיי אַזוי, ווי איך זאָג.

סאָניע. ניין, איך וויל פאַרשטיין, ווי דו פאַרשטייסט.

אלעקס. ניין, דו ווילסט ניט פאַרשטיין, ווי איך.

סאָניע. זעסט, ווידער אַמפּערסטו זיך מיט מיר.

אלעקס (אויסער זיך). דאָס אַמפּערסטו זיך מיט מיר! (לאָזט זיך גיין).

סאָניע. אלעקס! וווּהין? וואַרט!

אלעקס גייט שנעל אוועק.

סאָניע לייגט אוועק דעם פּאַרטפעל אונטער די טרעפּלעך און גייט אַרײַן אין שטוב. אָפּן גאַס באַווײַזט זיך סאָלאָמאָן. ער באַגעגנט זיך אין טויערל מיט אלעקסן.

סאָלאָמאָן. אלעקס, יאָ?

אלעקס. און איר ווער זײַט?

סאָלאָמאָן. מיר וועלן זײַן קרויווים... אויב, פאַרשטייט זיך, אַלץ וועט גיין קעשורע.

אלעקס. איך ווייס ניט, מיט וועמען איך האָב דעם קאָוועד.

סאָלאָמאָן. מיט לעווינען.

אלעקס. אָ! מיטן גאַסט!

סאָלאָמאָן. איך בין ניט קיין גאַסט.

אלעקס. לייקנט ניט. כ'ווייס, אַז איר זײַנט אַ גאַסט.

סאָלאָמאָן. דאָ אין הויז?

אלעקס. סאָניע האָט מיר געזאָגט... (האַקט אָפּ).

סאָלאָמאָן. אַז וואָס?

אלעקס. ...אַז אַלץ איז געענדיקט.

סאָלאָמאָן. און איך מיין, אַז ערשט איצט הייבט זיך עס אָן.

אלעקס. אויב איך זאָג געענדיקט, האָב איך מיסטאַמע אַ גרונט דערצו.

סאָלאָמאָן. קומט אויס, אַז איר ווייסט בעסער פון מיר?

אלעקס. גיט איבער אײַער ברודערס טעכטערל, אַז איך פאָר אוועק. (גייט אוועק).

פון שטעטל קומט קרוק.

סאָלאָמאָן. וואָס אַזוי צעטראָגן, קרוק?

קרוק. איך האָב אַ גוטן אײַנפאַל! שטעל זיך פאָר, סאָלאָמאָן, אַז אין איין שיינעם טאָג הייבן אָן גוטע מענטשן העלפן יענעם, וואָס פאַלט אַרײַן אין אַ צאָרע. אין רומישישאַק איז פאַראַן אַ נאַטורליבהאָבער־פאַריין, איז פאַרוואָס זאָל ניט זײַן קיין מענטשנליבהאָבער־פאַריין? ער וואָלט געלערנט צו זײַן גוט, צאָרט און איידל.

ס'קומט נאַפּטאַלע.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. הערסט, ברודער, קרוקן איז אײַנגעפאַלן אַ שײנע אידײ. גריגדן אין רומ־שישאַק אַ מענטשנליבהאָבער־פאַרײן. עס לאָזט אים ניט צורו די פאַרשװענדונג.

נ אַ פ ט אַ ל ע. ריכטיק. רעװיזיעס דעקן זײ אויף, װען זײ װילן אופדעקן.

ק ר ו ק. סאַלאָמאַן, איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז די נײַן הונדערט רובל װעלן מיר צונויפקלײַבן. הײַנט ברענג איך זײ.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. איז לאָמיר באַטראַכטן: אונדזער סעקציע באַשטײט פון פינף אָנגעשטעלטע. װעט יעדן אויסקומען אַרײַנצוטראָגן...

נ אַ פ ט אַ ל ע. הונדערט מיט אַכציק רובל.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אַ כוידעשלעכן געהאַלט! צי דען װעלן פינף מענטשן װעלן אַרבעטן אַזוי־פיל צײַט אומזיסט?

ק ר ו ק. דערפֿאַר אָבער װעלן מיר דיך אַרויסשלעפּן פון אַ צאָרע.

פון שטוב גײט אַרויס דזשעסי. זי מאַכט צײכנס נאַפטאַלען, ער זאָל צוגײן צו איר, אָבער יענער מאַכט זיך ניט זעענדיק.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. איר װעט מיך אַרויסשלעפּן פון אַ צאָרע און דערבײַ װעט איר צודעקן דעם גאַנעװ.

קרוק דערזעט דזשעסין.

מאַלט אײַך אויס, אַז די נײַן הונדערט רובל האָט איר שוין צונויפגעקליבן און אַרײַנגעטראָגן אין קאַסע. װאָס װעט דאַן זײַן? דעם גאַנעװ װעט קײנער ניט זוכן, ניט געפינען און ניט באַשטראָפן.

נ אַ פ ט אַ ל ע. אין פּרינציפּ ביסטו גערעכט.

ק ר ו ק. איצט מאַל דיר, אַז דאָס געלט האָבן מיר ניט צונויפגעקליבן און ניט אַרײַנגע־טראָגן אין קאַסע. װעט דער פּראָקוראָר פאַרפירן אַ פּראָצעס און אַרײַנזעצן דעם פאַראַנט־װאָרטלעכן — דיך! װעט לײַדן אַן אומשולדיקער מענטש.

נ אַ פ ט אַ ל ע. אין פּרינציפּ זײַט איר אויך גערעכט.

דזשעסי מאַכט צײכנס, אַז נאַפטאַלע זאָל צוגײן צו איר.

ק ר ו ק. איז װײסטו גאָר װאָס? מיר אַנטלײַען דיר. װען דו װעסט האָבן, װעסטו אָפּגעבן.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. װעמען?

ק ר ו ק (קוקט נאָך דזשעסין). המם... דער סעקציע.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. מאַכט אַ רעשימע. װעל איך װיסן, װעמען און װיפל איך בין שולדיק.

ק ר ו ק (קוקט נאָך דזשעסין). אַ, מיך רופט זי דאָך!.. (צו דזשעסין). איך גײ!

ד ז ש ע ס י. דו זיץ! נאַפטאַלע!

נ אַ פ ט אַ ל ע. װאָס האָט פּאַסירט?

ד ז ש ע ס י. כ׳דאַרף דיר עפּעס זאָגן!

נ אַ פ ט אַ ל ע. עפּשער שפּעטער?

ד ז ש ע ס י. די סעקונדע! זײער װיכטיק!

ס אַ ל אַ מ אַ ן. קרוק, לאָמיר זײ ניט שטערן. קום אַרײַן אין שטוב.

ק ר ו ק. מיסיס לאָוי, איכ׳ל באַלד קומען!

סאַלאָמאַן און קרוק גײען אַרײַן אין הויז.

ד ז ש ע ס י. ביטאָ מײַן קעסטעלע!

נ אַ פ ט אַ ל ע. ס׳קאָן ניט זײַן!

ד ז ש ע ס י. װי אין דער ערד אײַנגעזונקען. כ׳האָב אַרײַנגעלײגט אין טשעמאָדאַן. ביטאָ דאָס קעסטעלע.

נ אַ פ ט אַ ל ע. מיסטאָמע האָסטו ערגעץ פאַרשטעקט.

ד ז ש ע ס י. אין טשעמאָדאַן. פאַרשלאָסן מיט אָט דעם שליסעלע, כ׳געדענק. ניט שוין זשע האָט מען מיך באַגאַנװעט?

נ אַ פ ט אַ ל ע. באַרויִק זיך. בא אונדז גאַנװעט מען ניט. און אַז מע גאַנװעט, כאַפּט מען.

ד ז ש ע ס י. נאַפטאַלע, מע האָט מיך אויסגעטאָן נאַקעט. אַן אײנזאַמע פרוי. אַן אַלמאָנע. װי ערגעץ אין אַ טעכאַסער פּאַרק. קוק מיך אָן, נאַפטאַלע, איך בין נאַקעט!

נ אַ פ ט אַ ל ע. רויִק, האַדאַסע. װעסט געװיס געפינען.

ד ז ש ע ס י. געקוילעט אָן אַ מעסער. אינמיטן העלן טאָג. דאָ, בא אײַך, אינעם לאַנד פון גערעכטיקײַט!

נ אַ פ ט אַ ל ע. שאַ... מאַך ניט קײן טומל.

דזשעסי. וואָס טו איך פאַרט? עפּשער טעלעגראַפירן מײַן אַמעריקאַנער קאָנסול? עפּ־שער שרײַען? רופן הילף? ווו איז אײַער ערלעכקייט? אײַער מענטשלעכקייט? אײַערע אידעאַלן?

נאַפּטאַלע. דאָרט איז אַ פרעמדער מענטש, ער קען דערהערן.

דזשעסי. שור, דאָ הערט מען יעדן אײנעם אונטער. הינטער יעדן בוים שטעקט אַן אויער.

נאַפּטאַלע. האַדאַסע, טומל ניט, אַט פרווו זיך דערמאָנען: ווען און ווו האָסטו עס אוועקגעלייגט?

דזשעסי. אַט אַן אומגליק! קיינמאָל וועל איך שוין ניט אַרויסקריכן פון זומפּ. ס'איז אויסגערונען מײַן לעצטע האָפענונג.

נאַפּטאַלע. האַדאַסע, באַהערש זיך. דאָס איז ניט קיין גנייוועע.

דזשעסי. די גאַנצע וועלט איז פול מיט גאַנאָווים. ניטאָ קיין אָרנטלעכע מענטשן. ניט בא אונדז, ניט בא אײַך. אַט דאָס האָב איך געוואָלט זיך דערוויסן. איצט ווייס איך.

נאַפּטאַלע. ניין, האַדאַסע. דאָ איז עפּעס ניט אַזוי. דערפאַר דאַרפסטו זײַן פאַרזיכטיק. עפּשער ביסטו עמעצן כוישעד?

דזשעסי. איך?

נאַפּטאַלע. וועמען?

דזשעסי. אַלעמען. מיט דיר אײַנינעם.

נאַפּטאַלע. קרוקן?

דזשעסי. גאַטעניו געטרײַער! ווי איז עס מיר גלײַך ניט אײַנגעפאַלן? זיי האָבן דאָך אים אונטערגעשיקט!

נאַפּטאַלע. האַדאַסע, הײַ זיך ניט. און אײַל זיך ניט.

פון הויז גייט אַרויס סאָניע.

(ווײַזט אָף סאָניען). דו האָסט דאָך איר געגעבן די שליסעלעך!

דזשעסי. אַ געזונט דיר אין קאָפּ, נאַפּטאַלעו... גיי! לאָז אונדז אַליין!

נאַפּטאַלע גייט אַרײַן אין הויז.

פּליז, טײַערע בייבי, קום אָהער צו מיר.

סאָניע (גייט צו). מומע, כ'האָב אײַך געוואָלט פרעגן. ס'איז אַן עמעס, אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַן אַפּאַראַט, וואָס מעסט דעם מענטשנס פײַיקייטן?

דזשעסי. יעס! בא אונדז מאַכן טיפּשים די קליגסטע אַפּאַראַטן.

סאָניע. הייסט עס, אַז ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלע מאַשין?

דזשעסי. אַפּילע צו שטעמפּלען דאָלאַרן!

(זינגט):

אויב דו האָסט אַזאַ מאַשין,
אין קיין מינוט פאַרליר.
אַ דאָלאַר לייג אַרײַן אַהין
און ביסט שוין אַ גוויר.
דו שרעק זיך ניט
און שטעל אין קאָן
באַקומסטו גלײַך אַ מיליאָן.
אָ־קיי!

צום שלימאַזל, האָב איך ניט קיין מאַשינקע. ווער עס האָט, דער איז יונג, שיין און אַפּילע קלוג.

סאָניע. מומע, איר האָט ניט פאַרשטאַנען מײַן פראַגע.

דזשעסי. נאָך ווי פאַרשטאַנען! דו קאָנסט מיט מיר ריידן אַ מינוט ערנסט?

סאָניע. אַדעראַבע.

דזשעסי. איך זע, אַז דו קאָנסט ניט.

סאָניע. איך וואָלט זייער געוואָלט.

דזשעסי. דו ביסט אַ קאָמסאָמאָלקע?

סאָניע. ווי דען אַנדערש?

דזשעסי. אַט פאַרוואָס דו קאָנסט ניט.

סאָניע. מומע, אײַך טוט אָפּט ווייַ דער קאָפּ?

דזשעסי. מיגרענע? לאָזט מיך ניט אָפּ אַפּילע אויף אַ מינוט.

סאַניע. וואַרפֿט פֿון דאָרטן אַרויס די פּראָפּאַגאַנדע, וועט אײַך מער ניט וויי טאָן.
דזשעסי. יעס. זאָג מיר, דו האָסט אַ באַכער?
סאַניע. איך האָב.
דזשעסי. ער ליבט דיך?
סאַניע. זייער.
דזשעסי. איז פֿאַרוואָס האָסטו ניט כאַסענע?
סאַניע. כ׳קאָן נאָך ניט.
דזשעסי (באַקוקט סאַניען פֿון אַלע זײַטן). סײַ פֿון הינטן, סײַ פֿון פֿאָרנט איז קענטיק, אַז דו קאָנסט יאָ.
סאַניע. ניין.
דזשעסי. אָ! דו האָסט ניט קיין נאַדן!
סאַניע. טאַנטע, אונדזערע באָכערים...
דזשעסי. שווײַג. בעטן! באַ אײַך אויך. האָבן געבעטן און וועלן בעטן אייביק. זינט די וועלט שטייט. דו אָבער זאָרג ניט. באַ מיר אין טשעמאָדאַן...
סאַניע. טאַנטע, אַ דאַנק. אַז אונדזערע באָכערים...
דזשעסי. אַהאַ! דו האָסט שוין אַרויסגענומען? דו האָסט געהאַט מײַנע שליסעלעך.
סאַניע. כ׳האָב זיי אײַך אָפּגעגעבן.
דזשעסי. אַרויסגענומען, יאָ?
סאַניע. אַ פֿלעשעלע...
דזשעסי. אַ קעסטעלע.
סאַניע. אַ קעסטעלע?
דזשעסי. גיב עס מיר אָפּ.
סאַניע. אָף מײַן ערנוואָרט, כ׳האָב זיך ניט צוגערירט.
דזשעסי. אויב דו וועסט מיר ניט צוריקגעבן מיט גוטן, מאַך איך דיר כיק־כיריק! (פּירט מיט דער האַנט איבער האַלדז). אָן שפּאַס. איך וואָרן דיך.

סאַניע שמייכלט, דזשעסי דערנענטערט זיך צו איר.

סאַניע. פּרוווט מיך נאָר אָנרירן.
דזשעסי. באַ אונדז אין אַמעריקע זײַנען דאָ טויזנטער אויפֿאַנים, ווי איבערצופּעקלען אַזאַ בייבי, ווי דו, אָף יענער־וועלט.
סאַניע. און איר קענט זיי אַלע?
דזשעסי. אָף אויסווייניק.
סאַניע. ווער האָט עס אײַך אויסגעלערנט?
דזשעסי. דער טעלעוויזאָר. און די קינאָ. און די קאָמיקסן. באַ אונדז הארגעט מען אין יעדן ווינקל. באַטאָג און באַנאַכט.
סאַניע. דאָס הייסט אַ טאָטאַלער מאָרד?
דזשעסי. פֿאַרדרייט מיר ניט די ציין! גיב מיר אָפּ דאָס קעסטעלע!
סאַניע. אַז איך האָב עס ניט.
דזשעסי. איז אָט: אויב דו וועסט מיר ניט אָפּגעבן, וועל איך זיך מאַכן כיק־כיריק. (פּירט מיט דער האַנט איבערן האַלדז). האָב ראַכמאָנעס אָף אַן אומגליקלעכער פֿרוי. דערבאַרעם זיך, גיב מיר אָפּ מײַן קעסטעלע!

דזשעסי „כאַלעשט״. סאַניע מינטערט זי.

סאַניע. מו־מע! אײַער קעסטעלע וועט ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן! איר וועט עס געפֿינען, מו־מע!
דזשעסי. אויב דו וועסט עס ניט אָפּגעבן, שטאַרב איך.
סאַניע. שטאַרבט ניט! לעבט, איך בעט אײַך!
דזשעסי. אָן דעם קעסטעלע קאָן איך ניט. אָט — איך שטאַרב אַוועק!
סאַניע. אין אַמעריקע, ניט דאָ!
דזשעסי. איינס... צוויי...

פֿון שטוב קומט אַרויס קרוק.

סאַניע. מע גייט!
דזשעסי. ווער?
סאַניע. כאַפּט אַ קוק!

דזשעסי זעצט זיך אוף. סאַלאָמאָן מאַכט דורכן פענצטער סאַניען צייכנס, זי זאָל אַריין אין שטוב. סאַניע גייט אוועק.

קרוק (שמייכלט). ווען איך דערזע אײַך, שפּיר איך מאַמעש, ווי מײַן האַרץ ווערט פאַרגאָסן מיט אַ הייסן שטראָם. מיר ווערט אַזוי גרינג, אַזוי גוט...

דזשעסי. מיר אויך. אַ שרעק, ווי מיר הייבט אָן קיצלען אונטערן לעפעלע.

קרוק. איך בין זייער גליקלעך, וואָס איך האָב אײַך געטראָפן.

דזשעסי. איך אויך, איבערהויפּט איצט.

קרוק. אָבער פאַרוואָס זײַט איר אַזוי בלאַס?

דזשעסי. פון פרייד. און פון גליק.

קרוק. ווער האָט אײַך איבערגעשראָקן?

דזשעסי. איר.

קרוק. איך?

דזשעסי. קראַסאַווטשיק, הער זיך אויף צו שפּילן מיט מיר אין קאַץ און מויז. האָב ראַכמאָנעס, איך בין אַ שוואַכע פרוי.

קרוק. טאַקע אַזאַ זוך איך.

דזשעסי. (זינגט):

ווענט, ווענט, ווענט.
ווענט פון אײַזן און שטיין,
מע שטעלט זיי אויף מיט אייגענע הענט,
און מענטשן פאַרבלײַבן אַליין.
איז מענטש איז אַליין געווענדט,
וואָס איינזאַם ער איז אין זײַן היים.
איז לאָמיר צעוואָרפן די ווענט,
די ווענט פון אײַזן און שטיין.

דזשעסי קוקט אַ פאַרגאַפטע אַף קרוקן, אָבער דערזעט הינטער זײַן פּלייצע דזשייקאָבס געשפּענסט. ער איז אָנגעטאָן אָרעם, רייכערט נערוועז אַ פּאַפּיראָס.

געשפּענסט. רוק ניט דײַן נאָז אין פּאָליטיק, דזשעסי. דײַן זאַך איז ביזנעס. פרעג אים, וויפל ער וויל פאַר אָפּשאַפן דעם פּראָצעס.

דזשעסי. וועלכן פּראָצעס?

קרוק. סאַלאָמאָנס? ס'וועט ניט זײַן קיין פּראָצעס.

דזשעסי. אַ, איך בין אַ פאַרפאַלענע.

קרוק. דזשעסי, וואָס רעדט איר?

דזשעסי. איך האָב מוי־רע!

קרוק. פאַר מיר? דאָס ערשטע מאָל טרעף איך אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך פאַר מיר.

געשפּענסט. פּרווו מיט אים דורכקומען מיט גוטן.

קרוק. מע האָט אײַך איבערגעשראָקן, נעבעך. אומעטום שרעקט מען מענטשן. צי דען וועט זיך עס קיינמאָל ניט ענדיקן? (גלעט צאַרט דזשעסין).

געשפּענסט. האַדאַסע, דו געפעלסט אים!

דזשעסי. אַ, דזשייקאָב!

קרוק. איך בין ניט דזשייקאָב. וואָס טוט זיך מיט אײַך? רעדט מיט מיר רויק.

געשפּענסט. רייד. אָבער זאָל ער אָנהייבן.

דזשעסי (צו קרוקן). הייבט איר אָן.

קרוק. איר פאַרשטייט, דזשעסי, איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין מאַזל צו פרויען. איך האָב ניט ווייניק באַגעגנט, אָבער...

געשפּענסט. ער דרייט אַ ספּאָדעק. הייב דו אָן.

דזשעסי. מיסטער קרוק, פּליז, זאָגט מיר אָפן, וויפל ווילט איר פאַר ליקווידירן דעם פּראָצעס?

קרוק. אַז איך וויל קיינעם ניט ליקווידירן.

דזשעסי. פאַר אָפּגעבן מיר דאָס קעסטעלע. און פאַר אָנשרײַבן אַ צעטעלע, אַז די מײַסע איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן.

קרוק. דזשעסי, איך פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס פאַר אַ מײַסע איר רעדט?

דזשעסי. איך וויל ניט אומזיסט. כאַסוועכאַלילע. איך צאָל קעש. אין דאָלאַרן. אויב איר ווילט — אין רובלס, פּליז.

קרוק. ווען איך האָב אײַך צום ערשטן מאָל דערזען און דערהערט אײַער שטים, האָב איך זיך געפרעגט: פאַרוואָס זײַנט איר אַזוי איינזאַם?

געשפּענסט. דיר איז קלאָר, וווּהין דער מאַרעווײַכער בייגט דעם שטעקן?

קרוק. דזשעסי, זײַט זיך מוידע, איר זײַנט זייער איינזאַם?

דזשעסי. יעס, איינזאַם.

קרוק. גיט מיר אײַער האַנט.

דזשעסי (דערשראָקן). צו וואָס? ניין! (גיט ניט).

געשפּענסט (באַפעלעריש). גיב אים די האַנט.

דזשעסי דערלאַנגט קרוקן אַ האַנט.

קרוק (גלעט). קאַלט, ווי אײַז.

געשפּענסט. גיב אים די צווייטע.

דזשעסי (מיט פּראָטעסט). יאַנקל!

קרוק. טײַערע מײַנע, פאַרוואָס רופט איר מיך יאַנקל? רופט מיך פּאַשעט — קרוק.

געשפּענסט. גיב אים די צווייטע האַנט.

דזשעסי, אַ ציטערנדיקע, גיט קרוקן די צווייטע האַנט.

קרוק (צאַרט). און איצט דערציילט מיר וועגן זיך.

געשפּענסט. דערצייל ניט.

דזשעסי. צוערשט דערציילט איר וועגן זיך.

קרוק. איז אָט. איך האָב אין מײַן לעבן געטראָפן ניט ווייניק פרויען, אָבער אַלץ זעלבי-שטענדיקע, ענערגישע, און איך האָב געטרוימט וועגן אַ מילדער, אַ פײַנפילוודיקער, אַן אײדעלער, וועלכע איך זאָל דאַרפן באַשיצן. ניט שוין זשע האָבן פרויען פאַרלוירן זייערע אײַנגעבוירענע אײגנשאַפטן? — האָב איך מיך קעסיידער געפרעגט. — ס׳קאָן ניט זײַן, כ׳וועל געפינען! און אָט האָב איך סאָפּקאָלסאָף געפונען.

דזשעסי. גאָטעניו געטרײַער, איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ טשיקאַוון מאַנצבל, ווי איר.

קרוק. אײַך איז גוט מיט מיר?

דזשעסי. אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך מיר וויינען.

קרוק. איז וויינט. וויינט זיך אויס, וועט אײַך גרינגער ווערן.

געשפּענסט. האַדאַסע, איצט איז ניט קיין צײַט צו וויינען! איצט דאַרף מען טאָן.

דזשעסי. וואָס טאָן?

קרוק. איר טוט גאַרניט. לאָמיר נאָר טרוימען. דזשעסי, איך וואָלט אַזוי געקאָנט מיט אײַך זיצן אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

געשפּענסט. גיי מיט אים צום טײַכל.

דזשעסי. צום טײַכל?

קרוק. איר מיינט, אַז דאָרט איז באַקוועמער?

געשפּענסט. דו טאָרסט זיך ניט אומקערן אהיים מיט ליידיקע הענט.

דזשעסי. אַ, יאַנקל. וואָס האָסטו פאַרטראַכט? עפּעס שרעקלעכס! (שרײַט). ניין! ניין!

געשפּענסט. יאָ, יאָ!

דזשעסי וויינט שטיל.

קרוק. אָ, עס דריקט אײַך אַ שווערער שטיין, איך זע, קומט. עפּשער וועט אײַך דאָרטן לײַכטער ווערן. (נעמט דזשעסין אונטערן אָרעם און פירט זי אַוועק צום טײַכל).

געשפּענסט פאַרשווינדט. פון הויז גייט אַרויס נאַפּטאַלע אין רעגנמאַנטל. ער פּרוּווט ווידער אַרויסנעמען פון אונטער די טרעפּלעך דעם פּאַרטפעל, אָבער דאַסמאָל שטערט אים די אַרויסגעקומענע סאָניע. נאַפּטאַלע זעצט זיך באַם טישל. סאָניע זעצט זיך קעגן אים.

נאַפּטאַלע. אונדזער יוגנט, קיין אײַנהאָרע, וואַקסט, ווי אויף הייוון. פאַרוואָס טאַקע ניט? וויטאַמינען, גימנאַסטיק, אויף אַלעם פּאַרטיקן. כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז באַ מײַן ברודער איז אויסגעוואַקסן אַזאַ סאָסנע.

סאָניע. פעטער מײַנער, איקס אין קוואַדראַט! זאָגט מיר, ווי לעבט זיך אײַך? ווי גייט אײַך?

נאַפּטאַלע. כ׳קאָן זיך ניט קלאָגן. איך בין באַזאָרגט מיט אַלץ.

סאָניע. זאָגט מיר, טײַערער פעטער, איר האָט געפונען אײַער טאַלאַנט? אײַנער, אַשטיי-גער, וואָלט געווען אַ גוטער אַרכיטעקטאָר — איז ער גאָר אַ שוסטער. דער צווייטער — אַ

ווונדעראבער שאָפֿער, רײַסט ער גאָר צײַנער. צוליב דעם לײַדט ער אַליין און טוט אַן ווייטעקן אַנדערע. פֿעטער, און ווי איז מיט אײַך — איר לײַדט אַליין, צי איר מאַכט, אַז אַנדערע זאָלן לײַדן?

נ א פ ט א ל ע. טפֿו! זאָג דײַן קאָמסאָמאָל, ער זאָל דיך אויסלערנען האָבן דרעכערעץ פֿאַר עלטערע. (גייט אַוועק).

פֿון שטוב קומען אַרויס סאָלאָמאָן און מירעלע.

ס אָ נ י ע (וויַזט אונטער די טרעפּלעך). אָט־דאָ. אויב איר ווילט זען, קאָן איך אַרויס־נעמען.

מ י ר ע ל ע. באַוויַז.

ס אָ ל אָ מ אָ ן. ניין, מע באַדאַרף ניט. ס'איז האַדאַסעס, איז גיב אָפּ, ווען עס געהערט. איך האָב צוגעזאָגט דער רעוויזיע באַלד צו קומען.

ס אָ נ י ע. איך גיי מיט דיר.

סאָלאָמאָן און סאָניע גייען אַוועק. מירעלע שלעפּט אַרויס פֿון אונטער די טרעפּלעך דעם פּאַרטפעל, נעמט אַרויס דאָס קעסטעלע, באַטאַפּט פֿון אַלע זײַטן, אָבער דערזעט באַם טויערל דעם מיליציאָנער. רעדט מיט אים אין די געדאַנקען:

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. לעווין? מירע?

מ י ר ע ל ע. איך.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. איך בין דײַן געוויסן.

מ י ר ע ל ע. עס פֿרייט מיך זייער.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. וואָס באַהאַלטסטו פֿון מיר?

מ י ר ע ל ע. קיין זאַך ניט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. בירגערין, דעם געוויסן זאָגט מען ניט קיין ליגן!

מ י ר ע ל ע. אַ קעסטעלע.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. ס'איז דײַנס?

מ י ר ע ל ע. ניין.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. וועמענס?

מירעלע, אַ צעמישטע, שוויַגט.

בירגערין לעווין, פֿונעם געוויסן באַהאַלט מען גאָרניט.

מ י ר ע ל ע. אויב אַזוי, גיב איך אײַך אָפּ. אָט!

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. וויאַזוי גיסטו אָפּ פֿרעמדס?

מ י ר ע ל ע. נישקאָשע. איר האָט באַזונדערע רעכט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. מירעלע, אָבער דאָרט געפֿינט זיך אַן אויצער!

מ י ר ע ל ע. מישטיינסגעזאָגט, וואָס מע קאָן באַ אונדז פֿאַר אַן אויצער קויפֿן. ניט קיין הויז און ניט קיין „וואָלגע״ — אויב דו וועסט ניט דערוויַזן, אַז דו האָסט ערלעך פֿאַרדינט.

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. איז טראָג אַרײַן די ניַין הונדערט רובל!

מ י ר ע ל ע. אַ, איר ווייסט שוין?

מיליציאָנער שוויַגט.

(פּלוצעם היסטעריש). מײַן מאַן האָט ניט געגאַנוועט! ער איז ניט קיין גאַנעוו! ער איז אומ־שולדיק!

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. שולדיק, צי ניט, אָבער אַ ווײַב מוז אַרויסראַטעווען דעם מאַן פֿון אַ צאָרע.

מ י ר ע ל ע. דאָס וויל איך דאָך. אָבער וויאַזוי?

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. נעם אַרויס אַזויפֿיל, וויפֿל דו דאַרפֿסט.

מ י ר ע ל ע (דערפֿרייט). אָ! איר הייסט?

מ י ל י צ י אָ נ ע ר. ראַטעווע דײַן מאַן!

מ י ר ע ל ע. אַ דאַנק אײַך... אַ גרויסן דאַנק!

אַלעקס גייט אַרײַן אין הויף. מירעלע לייגט גיך אַוועק דאָס קעסטעלע אויפֿן טיש און פֿאַרדעקט עס מיט אַ צײַטונג.

וואָס פֿאַר אַ גאַסט! ניט שוין זשע אַלעקס? אַ שאָד, סאָניע איז ניטאָ אין שטוב.

אַ ל ע ק ס. איך וויל ריידן מיט איר מוטער.

מ י ר ע ל ע. איך בין איר מוטער.

א ל ע ק ס. איר? ניין, איר זײַט איר מומע. געקומען פון קאונאס מיטן מאַן.

מ י ר ע ל ע. איך בין סאָניעס מוטער. די מומע איז אַן אנדערע.

א ל ע ק ס. ניין, די מומע זײַנט איר.

מ י ר ע ל ע. איר האָט א טאָעס, איך בין די מוטער.

א ל ע ק ס. די מומע!

מ י ר ע ל ע. די מוטער!

א ל ע ק ס. איר האלט מיך מיסטאמע פאר א קליין ייִנגל? איר קאָנט ארויסרופן סאָניעס מוטער, צי ניט?

מ י ר ע ל ע. א געזונט אײַך אין קאָפּ, צו וואָס דארף איך ארויסרופן, אויב...

א ל ע ק ס. איר ווילט ניט! אזוי זאָגט! איז גיט איר איבער, אז איך פאָר אוועק. איצט שוין ענדגילטיק! (גייט אוועק).

פון טײַכל קומען צוריק קרוק מיט דזשעסין.

ד ז ש ע ס י. מיסטער קרוק האָט צוגעזאָגט שפּעטער מיך אוועקפירן אין וועלדל. איך וועל נאָכאמאָל זען דאָס צויבערווינקל פון מײַן קינדהײַט.

דזשעסי באגלייט קרוקן צום טויערל און קומט צוריק.

מ י ר ע ל ע (הייבט אויף די צײַטונג און באווײַזט דאָס קעסטעלע). האדאסע, ביטע!

ד ז ש ע ס י. גאָטעניו געטרײַער! אַ! (פון איבערראשונג פארמאכט די אויגן, כאפּט דאָס קעסטעלע און דריקט צום הארצן).

מ י ר ע ל ע. עס איז דײַנס?

ד ז ש ע ס י (פריידיק). ווּעמענס דען? ראָקפעלערס? ניט אלץ איז ראָקפעלערס! אוואדע מײַנס! (נעמט ארום מירעלען, קושט). רעטערן מײַנע! מאלעך מײַנער! ווּ האָסטו עס געפונען?

מ י ר ע ל ע. ניט וויכטיק ווּ, וויכטיק איז, אז איך גיב דיר אָפּ.

ד ז ש ע ס י. גיסט מיר אָפּ? אפּאנעמעסן? איך קוק אף דיר און גלייב ניט מײַנע אויגן. פאר־וואָס גיסטו מיר אָפּ?

מ י ר ע ל ע. ווי דען זשע אנדערש?

ד ז ש ע ס י. האָסט ניט געעפנט?

מ י ר ע ל ע. ניין.

ד ז ש ע ס י. און דו ווייסט אפילע ניט, וואָס דאָרטן איז פאראַן?

מ י ר ע ל ע. ניין.

ד ז ש ע ס י. מירעלע, מײַנע אלטע בריוו. און פארגעלטע פאָטאָגראפיעס.

מ י ר ע ל ע. פונמײַנעטוועגן מעג דאָרט זײַן גאָלד.

ד ז ש ע ס י. און דו גיסט אוועק? און האָסט ניט ארויסגענומען? האַ? (קושט דאָס קע־סטעלע). טײַערע מײַנע! טרייסט מײַנע, מײַן איינציקע האָפענונג! א דאנק דיר, גאָטעניו גע־טרײַער, איך בין ווידער אפן פערד! אָ־קיי!

ב י ל ד 2

די זעלבע דעקאָראַציע. פון שטעטל קומט נאפּטאָלע. ער גייט ארײַן אין שטוב און קערט זיך אום, אַנגעטאָן אין רעגנמאנטל. קוקט זיך ארום, גייט צו די טרעפּלעך, נעמט ארויס דעם פּאָרטפעל, אָבער דאָס קעסטעלע איז אין אים ניטאָ.

נ א פ ט אָ ל ע. ווי קאָן עס געמאָלט זײַן? ניט שוין זשע האָט מען מיר אָנגעפײַפט? טשי־קאווע, ווער? מײַן ברודער סאָלאָמאָן? עפשער סאָניע די קאָמסאָמאָלקע? אָדער דזשעסי די אמעריקאנערקע? ניט געטראָפן דאָס אָרט! איך וועל זיך ניט לאָזן. מיר וועלן נאָך זען, ווער פון אײַך איז א גרעסערער מארעוויכער! (דערזעט סאָניען, וואָס קומט פון טײַכל, פארוקט דעם ליידיקן פּאָרטפעל אונטער די טרעפּלעך. צו סאָניען). איך קלײַב זיך אין שטעטל... (שמייכלט צו איר זיס).

ס אָ נ י ע. צום ערשטן מאָל זע איך אײַך א שמייכלענדיקן.

נ א פ ט אָ ל ע. עפשער האָט איר צופעליק געזען מײַן פּאָרטפעל? כ'האָב אים ערגעץ א לייג געטאָן און — ווי אין דער ערד ארײַן.

ס אָ נ י ע. מענטשן ווערן פארפאלן, אָבער פּאָרטפעלן — קיינמאָל ניט. (זעצט זיך, לייגט פאנאנדער אירע קאָנספּעקטן).

פון גאס קומט אלעקס.

נ א פ ט אַ ל ע (דערזעענדיק אים, פאַרקרימט זיך, ווי פון ציינווייטעק. צו סאָניען). אַנטשולדיקט! (גייט אַריין אין שטוב)

סאָניע לייזט אופגאַבעס.

א ל ע ק ס (באַם טויערל). זײַ מיר מויכל, וואָס איך שטער דיר ווידער!

ס אָ נ י ע (דערזעט אים). אַ, אַלעקס! קום אַהער! זעץ זיך.

א ל ע ק ס (צאַרט). איקס מינוס איגרעק געטיילט אויף זעט... מעגלעך, אַז די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט הענגט אָפּ פון איינעם אַן איקס אָדער אַן איגרעק... אָבער פון דעם איז נאָך ניט געדרונגען, אַז מיר דאַרפן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. יעדערער מוז זאָרגן וועגן זיך. נעכטן האָב איך דיר ניט באַוויזן צו זאָגן: כ׳האָב באַקומען אַ דירע.

ס אָ נ י ע. אַן עמעסע, ניט נאָר אַ צוזאָג?

א ל ע ק ס. אַן אָרדער אויף אַ דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. סאָניע, ס׳איז פאַרווירקלעכט אונדזער טרוים.

ס אָ נ י ע. איך באַגריס דיך פון טיפן האַרצן.

א ל ע ק ס. וועסט קומען פון די קאַניקולן און מיטן טשעמאָדאַן גלײַך אויפן רויטאַרמייער־פּראָספּעקט. דער צווייטער וואָלקנקראַצער פון לינקס. אַכטער שטאָק, דער ליפט אַרבעט אַ גאַנצן מעסלעס.

ס אָ נ י ע. אַלעקס, אַלעקס, ניט אין ליפט איז דאָס גליק.

א ל ע ק ס. וואָ־אָס?

ס אָ נ י ע. נאָר הײַנט זיך ניט.

א ל ע ק ס. ווער זאָגט דיר, אַז אין ליפט? איך? ניט איך זאָג, ניט איך. אָבער גיב אַ טראַכט: איך רייכער ניט. טרינק ניט. כ׳בין אַ ספּאָרטסמען, כ׳האָב אַ סאָלידן געהאַלט. אַ דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. איך בין מאַמעש אַן אוצר! וואָס קוקסטו מיך אָן, ווי איך וואָלט אַקאָרשט געקומען פון דײַנע ציפערן? דו מיינסט, אַז ווילשטאַנד איז אַ שפּאָס? איז לייען צײַטונגען!

ס אָ נ י ע. ניין, אַלעקס, ניט אין ווילשטאַנד איז דאָס גליק.

א ל ע ק ס. ווידער דאָס זעלבע לידעלע! סאָניע, איכ׳ל עס מער ניט אויסהאַלטן. מער קאָן איך ניט אַזוי, איכ׳ל פּלאַצן, דו הערסט? איז אָט, מער אַמפּער איך זיך ניט מיט דיר.

ס אָ נ י ע. אַדעראַבע, דו אַמפּער זיך. שטים ניט אײַן מיט מיר. באַווײַז כאַראַקטער.

א ל ע ק ס. דו ווילסט? איך קאָן! אָט! פון איצט אָן וועסטו מיך זען, ווי דײַן לינקן אויער! (גייט שנעל אַוועק).

ס אָ נ י ע. וואַרט! אַלעקס! קער זיך אום!

סאָניע גייט אַרײַן אין שטוב. באַלד גייט פון דאָרט אַרויס נאַפּטאַלע. ער גישטערט אונטער די טרעפּלעך. פון שטעטל קומט סאַלאָמאָן.

ס אַ ל אָ מ אָ ן (דערזעט אַ פּאָר אַרויסטאַטשענדיקע פיס). אַמאָל, אין אַלטע צײַטן, האָט אין אַ גרויסער מעדינע געלעבט אַ בירגער. ניט קיין פּאַשעטער, אַ הויכגעשעצטער, קימאַט אַ מיניסטער. איינמאָל געפינט מען אים אונטער די טרעפּ. „כאַשעוועד בירגער, פרעגט מען אים, ווי קומט עס צו אײַך? וואָס טוט איר דאָ?״ „איך זאָל אַזוי וויסן פון צאָרעס, ענטפערט ער, אָבער נאָר אונטער די טרעפּ שפּיר איך זיך באַשיצט פון אַלע לויערנדיקע סאַקאָנעס״.

נ א פ ט אַ ל ע (שטעלט זיך אויף). פאַרשטייסט, ברודער, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט...

ס אַ ל אָ מ אָ ן. ...אַ גאַנעווו?

נ א פ ט אַ ל ע. איך געדענק ניט, ווו איך האָב אַהינגעטאָן מײַן פּאָרטפעל.

ס אַ ל אָ מ אָ ן. שלוימע האַמעלעך האָט שיין געזאָגט: מענטש, דו מעגסט פאַרלירן דעם קאָפּ, דעם טײַסטער, אָבער דעם פּאָרטפעל — בעשום־אויפן ניט. אָן דײַן פּאָרטפעל ביסטו אויס קאָפּעלייושמאַכער.

נ א פ ט אַ ל ע. אָן קאַטאָוועס, מײַן פּאָרטפעל איז פאַרשווונדן.

ס אַ ל אָ מ אָ ן. דאָ איך הויף?

נ א פ ט אַ ל ע. איך געדענק ניט ווו.

ס אַ ל אָ מ אָ ן. נאַפּטאַלע, דו ביסט צעפּרעסן פון סקלעראָז.

נ א פ ט אַ ל ע. ניין, יעדן טאָג לויף איך דורך ניט ווייניקער פון צען קילאָמעטער — פון איין נאַטשאַלניק צום צווייטן.

ס אַ ל אָ מ אָ ן. עפּשער האָט סאָניע געזען דײַן פּאָרטפעל?

נ א פ ט אַ ל ע. כ׳האָב געפרעגט. זי ווייסט ניט.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. דו לאַכסט.

נ אַ פ ט אַ ל ע. וואָס־וואָס. נאָר לאַכן ליגט ניט אין מײַן כאַראַקטער. איך בין אַן ערנסטער מענטש.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. און וואָס איז אין פּאַרטפּעל געווען?

נ אַ פ ט אַ ל ע. קיין ליידיקן האָב איך אים ניט געשלעפּט פון ווילנע. געווען ניט ווייניק.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אַשטייגער, וויפל?

נ אַ פ ט אַ ל ע. המ... נײַן הונדערט רובל.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. פּונקט אַזויפיל האָט מען דאָך געגאַנוועט אין אוניווערמאַג. הייסט עס, אַז געגאַנוועט האָסטו.

נ אַ פ ט אַ ל ע. און איך האָב אַ כשאַד אַף דיר.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. באַ דזשעסין — אַ קעסטעלע, באַ דיר — אַ פּאָרטפּעל. כ'לעבן, די גאַנאָווים וועלן אונדז אויסטאָן נאַקעט. וואַרט, עפּשער האָט דזשעסי אַרײַנגעשטעקט אַהין אירע זינדיקע פינגערלעך?

נ אַ פ ט אַ ל ע. ניין, זי איז אַוועק מיט איר וואַליזע.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. האָסט גוט געזען?

נ אַ פ ט אַ ל ע. געזען.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. וואָס האָסטו געזען?

נ אַ פ ט אַ ל ע. דו ביסט מיר עפּעס צו פריילעך. ווי דו וואָלסט געפונען אַן אויצער און אַרײַנגעטראָגן אין קאַסע.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. צום באַדויערן.

נ אַ פ ט אַ ל ע. טשיקאַווע, ווער פון אונדז ביידן איז קליגער?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אַמאָל, געדענק איך, אין יענע פינצטערע צײַטן, ביסטו געווען.

נ אַ פ ט אַ ל ע. און איצט, אין די ליכטיקע, מיינסט, אַז דו?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. צײַטן בײַטן זיך.

נ אַ פ ט אַ ל ע. אַ ריין שטיקל אַרבעט.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. דער פּאַרטפּעל?

נ אַ פ ט אַ ל ע. איך מיין די פאַרשווענדונג.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. ניין, דו מיינסט דעם פּאָרטפּעל.

נ אַ פ ט אַ ל ע. ווי די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. ער איז עמעצן, ווײַזט אויס, זייער געפעלן.

נ אַ פ ט אַ ל ע. מיינסט, אַז איך קאָן שוין זאָגן קאַדיש?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אויב דו ביסט אַ גלויביקער.

נ אַ פ ט אַ ל ע (פּלוצעם). איך לייג פּאַר אַ העלפט.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. פון וואָס?

נ אַ פ ט אַ ל ע. פון דעם, וואָס געפינט זיך אין פּאַרטפּעל.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. ברודערל מײַנער נאַפטאַלע! מיר זײַנען געוואַקסן אונטער איין דאַך. ווער־ווער, נאָר דו קענסט מיך גוט. צי דען מיינסטו, אַז די סאָוועטישע אָרדענונג האָט פון מיר גע־מאַכט אַ צווייטן אַסטאַפּ בענדער?

נ אַ פ ט אַ ל ע. ברודערל מײַנער סאַלאָמאָן! מיר געפינען זיך ניט אַף קיין פאַרזאַמלונג. דו שטייסט ניט אַף דער טריבונע, און איך זיץ ניט אין פּרעזידיום. לייג אַרײַן דײַן מאַראַל אין טישקעסטל און רייד מיט מיר צו דער זאַך. נאָכאַמאָל — איך לייג דיר פּאַר אַ העלפט.

ס אַ ל אַ מ אַ ן (טראַכט אַ ווײַלע). גוט. און אַ צוגאָב... דעם פּאַרטפּעל.

נ אַ פ ט אַ ל ע. ברענג אים.

ס אַ ל אַ מ אַ ן. באַווײַז, ווו ער ליגט.

נ אַ פ ט אַ ל ע. מאַך זיך ניט יאַלדיש. דו ווייסט, ווו ער איז. איך דערלייג נאָך צען פּראָ־צענט. געמאַכט?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. אַ גאַנצן לעבן האָב איך געטרוימט וועגן... אַ מיניסטערישן פּאַרטפּעל.

נ אַ פ ט אַ ל ע. סאַלאָמאָן, דו נעמסט מיך אָפּן זיכער?

ס אַ ל אַ מ אַ ן. און מיר דאַכט, אַז דו ווילסט מיר אָנפּײַפן.

נ אַ פ ט אַ ל ע. ברענג מיך ניט אַרויס פון געדולד!

ס אַ ל אַ מ אַ ן. וואָס ווּעסטו מיר טאָן? לויפן צום מיניסטער?

פון שטעטל קומט צו גיין מירעלע.

מ י ר ע ל ע. מײַן דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט שיקן א לײַכטע מאַשין. די אמעריקאַנערקע זאָל, כאַסוועכאָלילע, ניט פאַרשפּעטיקן קיין אמעריקע. ווו איז זי?

ס אָ ל אַ מ אַ ן. נאָך ניט געקומען.

מ י ר ע ל ע. דעם עמעס געזאָגט, איז מיר שוין אַלץ נימעס...

גייט אַרײַן אין שטוב.

ס אָ ל אַ מ אַ ן (צו נאַפּטאָלען). עפּשער האָט מירעלע געזען דײַן פּאַרטפעל? א באַלע־באָסטעס אויג באַמערקט אַלץ. פרעג זי?

נאַפטאָלע גייט אַרײַן אין שטוב. סאָלאַמאַן גייט צו די טרעפּלעך, טאַפּט אָן דעם פּאָרטפעל. פון שטעטל קומט צוריק דזשעסי מיט איר וואַליזע.

ד ז ש ע ס י. פוי, איך בין נאַס, ווי א קאַץ. כ׳בין געוועזן אין וועלדל. א ניטגוטער האָט מיך אַהין פאַרפירט. הענגט מיך, שיסט מיך, זעצט מיך אַפן עלעקטרישן שטול, מײַן קאָפּ באַנעמט ניט, צו וואָס איך האָב עס באַדאַרפט. איך האָב דערזען מײַן קינדהײַט און... אַנטלאָפן.

ס אָ ל אַ מ אַ ן. פאַרוואָס מענטשן לויפן אַזוי פון זייער קינדהײַט, וואָלט מיסטאַמע שלוימע האַמעלעך איר ניט געקאָנט דערקלערן.

ד ז ש ע ס י. גוט, וואָס אײַנגיכן וועל איך ווידער זײַן אין קליוולענד. מײַנע אויגן וועלן ניט זען אָט די פאַרשאָלטענע סאָסנע, דאָס טײַכל, דעם שפּיץ קלויסטער... (פּלוצעם). טײַערער סאָלאַמאַן, העלף מיר. דו ביסט דער איינציקער, וואָס קאָן דאָס. דער קראַסאַוועץ און דער פּאָליציסט גייען מיר נאָך פּוסטריט. זיי האָבן, ווײַזט אויס, עפּעס דערשמעקט. ראַטעווע מיך!

ס אָ ל אַ מ אַ ן. באַרויִק זיך, האַדאַסע. וואָס האָט פּאַסירט?

ד ז ש ע ס י. כ׳וועל באַצאָלן. פאַר קיין דאַנק פאַרלאַנג איך ניט. אָט! (נעמט אַרויס פון וואַליזע דאָס קעסטעלע). פרעג ניט, פּונוואַנען און וויאַזוי? גאָט האָט מיר צוגעשיקט פון הימל. אָן אויצער. נעם אַרויס, וויפל דו ווילסט. פאַר מיר וועט קלעקן אַפן גאַנצן לעבן. נאָר העלף מיר דאָס באַהאַלטן און אַרויספירן קיין אמעריקע. טײַערער מײַנער, דו שטעלסט זיך ניט פאָר, וואָס פאַר א שטיינערנע הערצער עס היטן אײַערע גרענעצן. דו קאָנסט דאָרט באַקומען אַן אײַנפאַרקט, וועלן זיי אַפילע מיט קיין אויג ניט א פּינטל טאָן.

ס אָ ל אַ מ אַ ן. דו מיינסט, אַז איך בין קליגער פון אַלעמען?

ד ז ש ע ס י. דו צווייפלסט נאָך אין דעם? פאַרשטייסט, אָן דעם קעסטעלע בין איך אויס־געשטעלט, א לעבעדיקער מעס.

ס אָ ל אַ מ אַ ן. קוידעמקאָל זאָג מיר, צי דו האָסט עס געגנבעט?

ד ז ש ע ס י. ניין, ניט באַוויזן. דאָס הייסט, איך לייג אַלץ אָפּ די זיסע מינוט. דזשייקאָב, ער זאָל נאָר ליגן אין זײַן רו, האָט זיך געקליבן מיר צו דערציילן איר היסטאָריע, נאָר איך פלעג עס אַלץ אָפּלייגן, יעס. כ׳האָב מורא געהאַט, מײַן לעצטע האָפענונג זאָל ניט אויסרינען. אײַ, סאָלאַמאַנטשיק קרוין, שוין אַזויפיל יאָרן, ווי מײַנע האָפענונגען רינען קעסיידער אויס.

ס אָ ל אַ מ אַ ן. און דו ווייסט אַפילע ניט, וואָס עס איז אין קעסטעלע פאַראַן?

ד ז ש ע ס י. מײַן האַרץ! מײַן נעשאָמע! איך אײַנגאַנצן ליג מיט לײַב־און־לעבן פאַרמאַכט אָט אין דעם דאָזיקן קעסטעלע!

ס אָ ל אַ מ אַ ן. יאַנקל האָט דיר דערציילט, ווען און וויאַזוי ער האָט עס באַגראָבן?

ד ז ש ע ס י. אײַ, גאָטעניו געטרײַער, א קלאָג איז צו מיר! דאָס ווייסטו שוין אויך?

ס אָ ל אַ מ אַ ן. אַנטלויפנדיק פון ליטע, האָט ער די לעצטע נאַכט גענעכטיקט בא מיר.

ד ז ש ע ס י. בא דיר גענעכטיקט, צי בא מיר גענעכטיקט, וואָס איז דער אונטערשייד? איצט אין וויכטיק, אַז מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, יעס?

ס אָ ל אַ מ אַ ן. איך וויל זיך נאָך מעיאַשעוו זײַן.

ד ז ש ע ס י (קאָקעטיש). מיסטער סאָלאַמאַנטשיק, מיר מאַכן ביזנעס?

ס אָ ל אַ מ אַ ן. כ׳ווייס אַליין ניט.

ד ז ש ע ס י. קוק נאָר מיר גלײַך אין די אויגן.

סאָלאַמאַן קוקט איר אין די אויגן.

אָט אַזוי פאַרשטיי איך. איך בין גרייט דיר אויסצוקושן אַלע גלידער! לאָז מיך! (כאַפּט אים אַרום).

ס אָ ל אַ מ אַ ן. פאַרזיכטיק, מירעלע קאָן דערזען!

ד ז ש ע ס י (קושט אים). לאָך זיך אויס פון איר!

ס אָ ל אַ מ אַ ן. כאַפּ זיך ניט צו, ווי צו קאַלטע לאָקשן. זי קאָן א טראַכט טאָן, ווער ווייסט וואָס.

דזשעסי. סאַלאַמאַנטשיק קרוין, מיר זײַנען גווירים! ראָקפעלערס! מאָרגאַנס! און נע־גידים מעגן אַלץ. (קושט אים). **פאַר די ראָקפעלערס קיין געזעצן ניט געשריבן.**
(זינגט):

מענטשן האָוועז, בויען, טרוימען,
נאָר קוים דערהערט מען געלט,
וואַרפט מען אַלץ, מע הערט אויף שווינען
אַלץ, וואָס היילק אַף דער וועלט.
און גרייט איז מען פאַראַטן
די מאַמע מיטן טאַטן,
ווײַל אייגנטום און געלט
דאָס איז די גאַנצע וועלט.

האָסט א מעסער?
סאַלאַמאַן. א מעסער?
דזשעסי. ענטפער: דו האָסט, צי ניין?
סאַלאַמאַן. וועמען ווילסטו קוילענען?
דזשעסי. ניט דײַן מירעלען. שרעק זיך ניט. גיב א מעסער.
סאַלאַמאַן. איך האָב נאָר א קעשענע־מעסערל.
דזשעסי. איז עפן. נאַ.

סאַלאַמאַן נעמט דאָס קעסטעלע, אָבער אין דער זעלבער רעגע גייט ארויס פון שטוב נאַפּטאַלע.

באַהאַלט!

סאַלאַמאַן לייגט אוועק דאָס קעסטעלע אַפן טיש און פאַרדעקט מיט א צייטונג.

נאַפּטאַלע. א, האַדאַסע, ענדלעך צוריקגעקומען! האַנאָע געהאַט פונעם שפּאַציר? פאַר־מאַטערט? (גיט סאַלאַמאַנען צו פאַרשטיין, אַז מירעלע האָט ניט געזען דעם פּאָרטפעל).
דזשעסי. אויסגעצייכנט!
נאַפּטאַלע. א שאָד, וואָס איך בין מיט דיר ניט געגאַנגען. ביסט פּלוצעם פאַרשוווּנדן.
סאַלאַמאַן ווינקט נאַפּטאַלען, ער זאָל ווענדן זײַן בליק אַף דזשעסיס וואַליזע.
נאַפּטאַלע. מיר וואָלטן צוזאַמען אוועק אין וועלדל.
דזשעסי. פאַרגעס! פאַרגעס דאָס וועלדל!
נאַפּטאַלע (באַמערקט דזשעסיס פולע וואַליזע). **ניין, האַדאַסע, דאָס איז אוממעגלעך. ווען איך האָב דיך דערזען אין ווילנע אַפן קאַטעדראַל־פּלאַץ, האָב איך געטראַכט: ס'איז ארויסגעריסן מיטן וואָרצל, אָבער, ווײַזט אויס, אַז...**
דזשעסי. זאָל זיך דיר ניט אויסווײַזן!
נאַפּטאַלע. האַדאַסינקע, דו געדענקסט, ווי מיר פלעגן ביידע שטיפן? וואָס פאַר א שטיפערס מיר זײַנען געווען. איך פלעג לויפן, און דו פלעגסט מיך יאָגן.
דזשעסי. ניין, נאַפּטאַלע, לויפן פלעג איך און יאָגן פלעגסטו.
נאַפּטאַלע. ניט עמעס. האָסט שוין פאַרגעסן. (זעצט זיך לעבן דזשעסין). **אַלעמאָל פלעגט זיך אָנהייבן פון דעם, וואָס פּלוצעם פלעגט זיך מיר פאַרוועלן דיך ארומנעמען.** (נעמט זי ארום).
דזשעסי. אָבער איך פלעג ניט לאָזן! (לאָזט זיך ניט).
נאַפּטאַלע. אַדרעבא, דיר פלעגט דאָס זייער געפעלן. אָבער צוערשט פלעגסטו וועלן זיך מיט מיר א רייץ טאָן. פלעגסט נעמען עפּעס אין האַנט — א נאָזטיכל, א צווײַגעלע, איך — כאַפּ... (כאַפּט ארויס פון דזשעסיס האַנט די וואַליזע). **און דו...**
דזשעסי. פלעג געבן איבער די האַנט! (וויל צונעמען).
נאַפּטאַלע. דו מיר איבער די האַנט, און איך פלעג אַנטלויפן! (לויפנדיק, באַהאַלט די וואַליזע).
דזשעסי. אָבער איך פלעג יאָגן! (יאָגט אים).
נאַפּטאַלע. דו פלעגסט יאָגן, און איך — האָפּ! — הינטער א קוסט... (באַהאַלט זיך הינטער א קוסט, וויל עפענען די וואַליזע).
דזשעסי. און איך — פון הינטן! (כאַפּט נאַפּטאַלען פאַר א פּאָלע).
נאַפּטאַלע. דו — פון הינטן, און איך — אָט אַזוי! (נעמט ארום דזשעסין, פּרוּווט הינ־טער איר רוקן עפענען די וואַליזע, נאָר קאָן ניט).
דזשעסי. לאָז אָפּ!

נאפטאַלע. אַ שרעק, ווי דו פּלעגסט גוואַלדעווען! (לאָזט זיך אַפּ, לויפט מיט דער וואַליזע צום טויערל).

דזשעסי. נאַפטאַלע! די מינוט גיב אַפּ מײַן וואַליזע!

נאַפטאַלע לויפט.

וווהין טראַגט דיך דער טײַוול?! (יאָגט אים). נאַפּ־טאַ־לע!

נאַפטאַלע דערזעט באַם טויערל דעם מיליציאָנער, שפּרינגט אַפּ צוריק און לויפט צום טײַכל.

נאַפּ־טאַ־לע! גאַ־נעוו! גאַז־לען! (יאָגט אים).

ביידע פאַרשווינדן.

סאַלאָמאָן נעמט אַרויס פון אונטער דער צײַטונג דאָס קעסטעלע, וויל עס עפענען, אָבער דערזעט דעם מיליציאָנער. רעדט מיט אים אין די געדאַנקען:

מיליציאָנער. לעווין, איך בין דײַן געוויסן!

סאַלאָמאָן. אין אַן אוניפאָרם פון אַ מיליציאָנער? (פאַרשטעקט דאָס קעסטעלע אונטער דער צײַטונג).

מיליציאָנער. כאַשעווער בירגער, ווי שטעלסטו זיך פאַר דאָס געוויסן — אין אַ מיני־קליידל?

סאַלאָמאָן. געוויסן נייטיקט זיך ניט אין אַנטועכץ. ער איז נאַקעט, ווײַל ער האָט ניט וואָס צו באַהאַלטן.

מיליציאָנער. לעווין, איך בין געקומען...

סאַלאָמאָן. ...שוין מיט אַ סאַנקציע פון פּראָקוראָר?

מיליציאָנער. וואָס האָסטו אונטער דער צײַטונג?

סאַלאָמאָן. אויב איר זײַנט געקומען מיך אַרעסטירן, איז ביטע.

מיליציאָנער. פאַרקערט, מיך פרייט, וואָס דו האָסט זיך דערוועגט צו גיין קעגן קאָרעצקין!

סאַלאָמאָן. ווער עס ריזיקירט ניט, דער האָט ניט, פלעגט זאָגן מײַן באָבע. אַן ערלעכע ייִדענע געווען. אַ קאָשערע נעשאָמע. שרעק זיך ניט פאַר קיינעם, פלעגט זי מיך לערנען. אומעטום און אַלעמאָל זוך דעם עמעס. אָבער די באָבע איז געשטאָרבן און ס'זײַנען אָנגעקומען נײַע צײַטן. איך האָב געקויפט אַ כאָלאָדילניק, אַ טעלעוויזאָר, אַ ראַזיר־מאַשינקע „כאַר־קאָוו", און מיר האָט זיך פאַרוואָלט לעבן רויִק. מיט קיינעם זיך ניט קריגן. ניט ריזיקירן.

(זינגט):

געווען בין איך אַ באַלעבעסל

און אין אַלץ געוואָלט פאַרגעסן.

מאַראָוויכערס, ספּעקוליאַנטן

האָב איך ניט באַמערקט.

אָבער גיך האָב איך פאַרשטאַנען,

צײַט פאַריאָגן זיי פונדאַנען,

גיכער אין געפּעכט!

מיליציאָנער. און איצט זאָג, וואָס האָסטו אונטער דער צײַטונג?

סאַלאָמאָן. אַ קעסטעלע.

מיליציאָנער (נעמט אַרויס זײַן פּיסטאַלעט). וואָס איז פאַראַן אין דעם?

סאַלאָמאָן. ניט קיין סייכל, ניט קיין עמעס און ניט קיין יוישער.

מיליציאָנער. איז צו וואָס באַדאַרפסטו עס?

סאַלאָמאָן. כ'וויל עס אוועקטראָגן אין אָטיל.

מיליציאָנער. לעווין, דו פירסט דײַן געוויסן פאַר דער נאָז! (הייבט אויף דעם פּיס־טאַלעט).

סאַלאָמאָן. אַזוי, איר נעמט גאָר אָן אַזעלכע מיטלען?! פאַרן געוויסן פּאַסט עס ניט!

מיליציאָנער. ווען מײַן נאַטשאַלניק האָט מיר געגעבן דאָס דאָזיקע צאַצקעלע, האָט ער מיר אָנגעזאָגט: קאַלזמאַן עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, בײַ וועלכע דער געוויסן הינקט נאָך אונטער, איז פאַרנוץ עס געזונטערהייט. אָט האָסטו זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם קעסטעלע, ווײַל דו מיינסט, אַז דאָרטן איז אַן אוצער.

סאָלאָמאָן. כּאָווער לייטענאַנט, מאָלט אײַך, אַז איך קוק שוין אַף געלט גאָר אַנדערש. איך בין שוין אויך אַ קאַפּעטשקע געקומען צום סײַכל.

מיליציאָנער. דאָס װעלן מיר זען.

מיליציאָנער לייגט אַרײַן זײַן פּיסטאָלעט אין שײדל. אַלעקס גייט אַרײַן אין הויף.

סאָלאָמאָן. אַ, אַלעקס!

אַלעקס. איך מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר אײַך. איך בין געווען ניט גענוג העפלעך. זיך אופגעפירט ניט קולטורעל. מאַכט שאָלעם צווישן מיר און סאָניען.

סאָלאָמאָן. ניט קיין לײַכט שטיקל אַרבעט. ווי שטעלט איר זיך פאָר מײַן מיסיע?

אַלעקס. פּאַשעט. רעדט זיך דורך מיט איר.

סאָלאָמאָן. מיט רײד װעט איר איצט אַ מיידל ניט נעמען, אַלעקס. איר ווייסט גאָר וואָס? גייט און קויפט איר בלומען, נאַ, רויזן.

אַלעקס. פון אונטער דער ערד װעל איך אויסגראָבן און ברענגען, זײַט זיכער! צום ווידערזען, כאַשעוועור פּעטער! (גייט גיך אַוועק).

דזשעסי קומט פון טײַכל.

דזשעסי. ווידער דער פּאַליס. ווי טשעפּעט מען זיך אָפּ פון אים, האַ? דאָס קעסטל איז דאָ? באַוויזן! (כאַפּט אַראָפּ די צײַטונג). איז גיב דאָס מעסער.

סאָלאָמאָן זוכט אין די קעשענעס, געפינט ניט, פּרוּווט עפענען דאָס קעסטעלע אָן אַ מעסער, אָבער ס'גייט ניט. ס'קומט קרוק.

(דערזעט אים, איבערגעשראָקן). ווידער דער קראַסאַוועץ! ער מיינט, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען פון אים. פּליז, שיק אים צו אַלדי שווערץ יאַר! (כאַפּט דאָס קעסטעלע און לויפט אַרײַן אין הויז).

קרוק. דערלײדיקט. אַלץ איז פאַרטיק.

סאָלאָמאָן. האָסט די רעשימע?

קרוק. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז מיר קאָנען נאָך אַלץ ניט מיטפּילן איינער דעם צווייטן. און אַז ס'איז שוין צײַט צו לערנען מענטשן טאָן גוטס. דאָס איז עפּשער וויכטיקער, ווי פּליען צו דער לעוואָנע.

סאָלאָמאָן. געבראַכט?

קרוק. ווי דען, אַוואַדע געבראַכט. (נעמט אַרויס פון פּאָרטפעל אַ פּאַק מיט געלט און דערלאַנגט).

סאָלאָמאָן. וויפל?

קרוק. ניין הונדערט. נעם.

סאָלאָמאָן (נעמט ניט, קוקט אים אין די אויגן). מאָדנע, מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז פאַלש געלט. דיר דאַכט זיך עס ניט?

קרוק. ניין.

סאָלאָמאָן. אַלע האָבן געגעבן?

קרוק. וואָס איז דער אונטערשייד. נעם.

סאָלאָמאָן. ווײַז די רעשימע.

קרוק. זײַ רויק. דאָס איז ניט קיין נעדאָווע. מע אַנטלײַט דיר.

סאָלאָמאָן. ווער? מײַן באַלטויווע קאָרעצקי?

קרוק. אַז דו וועסט האָבן, וועסטו אָפּגעבן.

סאָלאָמאָן. וועמען? קאָרעצקין?

קרוק. מיר.

סאָלאָמאָן. הייסט עס, אַז דו אַנטלײַסט מיר?

קרוק. מאָל דיר, אַז איך.

סאָלאָמאָן. קרוק, פאַרוואָס זאָגסטו מיר אַ ליגן? (קרוק, אַ באַליידיקטער, שווײַגט). דו האָסט דאָך קיין קאָפּעקע ניט בא דער נעשאָמע, איז פונוואַנען האָט זיך פּלוצעם צו דיר גענומען אַן אוצער? געגאַנוועט האָסטו אים ניט, — כ'קען דיר אַן אָפּגעשוונדענעם. כ'וואָלט דיר אָנגעטרויט דעם רומשישקער באַנק. בלײַבט, אַז דו האָסט דאָס געלט באַקומען. פון וועמען? פאַרוואָס באַהאַלטסטו? נאָר פאַר מײַנע שיינע אויגן וועט מיר קיינער אַזאַ סומע ניט אַנטלײַען. און אויב עמעצער גיט יאָ, איז ער געצוווּנגען. איז וואָס

צווינגט אים? אַף אים איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: עס ציטערט אַף אים די פעל. ער האָט זיך דערשראָקן, אַז די רעוויזיע קאָן דערגיין צום פּראָקוראָר — יאָ, צי ניין?

קרוק. וואָס פרעגסטו בא מיר? פרעג בא אים.

סאָלאָמאָן. בא וועמען?

קרוק שווייגט.

דער גאַנעוו האָט זיך, נעבעך, ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל ניט וועלן גיין מיט אים אין שפּאַן. און ווען ער האָט זיך נאָך איבערצײַגט, אַז איך בין אַן אַקשן, האָט ער באַשלאָסן: זאָל זײַן שאַ, כ׳וועל אומקערן די גנייווע, נאָר עס זאָל ניט דערגיין צום פּראָקוראָר.

עס קלינגט דער טעלעפאָן.

מירעלע (דורכן פענצטער). סאָלאָמאָן!

סאָלאָמאָן. אַנטשולדיק מיר. (לייגט אַרײַן דאָס געלט אין קעשענע און גייט).

קרוק (שרײַט). וווהין? כאַפּ ניט! ווו טראָגסטו דאָס געלט? ס׳איז דאָך ניט דײַנס!

סאָלאָמאָן. אָבער דײַנס אויך ניט. (גייט אַרײַן אין שטוב. אין אַ ווײַלע אַרום הערט זיך, ווי ער רעדט טעלעפאָניש). נאָר אין אַ שאָ אַרום. איך לייקן ניט, מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אָבער צײַט איז רעלאַטיוו... ניין, געלט איז קאָנקרעט. מיילע, אַרעסטירט... דאָס הייסט, בעטן בעט איך ניט, נאָר וואָס? ביטע. דאָס הייסט, ספּעציעל לאַד איך אײַך ניט אײַן, נאָר אויב איר וועט קומען... (לייגט אַוועק דאָס טרײַבל).

פון שטוב לויפט אַרויס אַ פאַרלוירענע דזשעסי מיט איר וואַליזע.

דזשעסי (צו קרוקן). מע אַרעסטירט סאָלאָמאָנען! זיי האָבן געקלונגען! באַלד קומען זיי!

קרוק. ווער?

דזשעסי. פּאָליציי! זאָגט, מע וועט מאַכן אַן אָביסק?

קרוק. כ׳בעט אײַך, פּאַנטאַזירט ניט.

דזשעסי. יאָ, כ׳בין שוין אָנגעלערנט! אַז פּאָליציי קומט, וועלן זיי אַפילע אין דײַנע קישקעס געפינען אַ נאָדל. גאָטעניו געטרײַער, וואָס טו איך? (דערזעט אָפּן טיש דעם פּאָרטפעל און איר פאַלט אײַן אַ גליקלעכער געדאַנק). מיסטער קרוק! טײַערינקער מיסטער קרוק, האָט אַף מיר ראַכמאָנעס! טוט מיר ניט קיין בייז!

קרוק. צו וואָס?

דזשעסי. ניט מיר — לעווינען! (כאַפּט אים אין די אָרעמס). און טאַקע מיר אויך! (הינטער זײַן רוקן באַמיט זיך אַרויסצונעמען פון איר וואַליזע דאָס קעסטעלע, אָבער דערזעט פּלוצעם דזשייקאָבס געשפּענסט).

ער זעט אויס אַן אָפּגעלאָזענער, אין מויל — אַן אויסגעלאָשענער פּאַפּיראָס.

(שלעפּט אַרויס פון וואַליזע דאָס קעסטעלע און באַמיט זיך צו באַהאַלטן אונטערן פּאָרטפעל). ראַטעווע מיך, דזשייקאָב!

געשפּענסט. דזשעסי לאַווי, פאַרליר ניט דײַן מענטשלעכע ווירדע!

קרוק (צאַרט דריקט צו זיך דזשעסין). גוטינקע מײַנע, טײַערע, באַרויִקט זיך. קיין בייז וועט מיט לעווינען ניט געשען.

דזשעסי (שטויסט אָפּ פון זיך קרוקן). ווי׳אַזוי האָט איר די האָזע? וואָס דערלויבט איר זיך?

קרוק. פאַרקערט, איך באַרויק אײַך. גלייבט מיר, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס נאָר איך וועל קענען.

דזשעסי (אַ דערפרייטע). ...מיר צו העלפן? איר נאַרט מיך ניט? (כאַפּט אים ווידער אין די אָרעמס. מיט טרערן). איר זײַנט מײַן איינציקע האָפענונג!.. (הינטער זײַן פּלייצע באַמיט זיך אָפּצושפּיליען דעם פּאָרטפעל).

געשפּענסט. האַדאַסע, דער כאַצעף קושט דאָך דיך!

דזשעסי. דזשייקאָב, פאַרוואָס קאָנסטו עס ניט פאַרשטיין? כ׳טאָר ניט אוועקפאַרן מיט פוסטע הענט.

קרוק. איז פאָרט ניט, דזשעסי, בלײַבט דאָ, אין רומשישאַק.

דזשעסין געלינגט צו עפענען דעם פּאָרטפעל.

לאָמיר כאַסענע האָבן און לעבן דאָ.

דזשעסי. אַזוי גאָר? (שטופּט אַרײַן דאָס קעסטעלע אין פּאָרטפעל).

7*

קרוק. אין דײַן היימיש שטעטעלע, ווו דײַנע אויגן האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דעם הימל, און ווו איך האָב דיך, ענדלעך, געטראָפֿן. אַף דער וועלט זײַנען פֿאַראַן מיליאָנען פּרויען, אָבער נאָר אין רומשישאָק האָב איך געטראָפֿן די איינציקע.

געשפּענסט. הער אים ניט! ער שיט דיר זאַמד אין די אויגן!

דזשעסי. ניין, דאָס איז ניט קיין זאַמד. מיר איז שוין איבער פֿערציק, אָבער קיינמאָל ביז איצט נאָך גליקלעך ניט געווען.

קרוק (קושט זי). און איצט?

דזשעסי (צו קרוקן). און איר זײַט אַמאָל געווען גליקלעך?

קרוק. צוויי מאָל. צום ערשטן מאָל, ווען איך האָב אַרויסגעטראָגן פֿון שלאַכטפֿעלד מײַן פֿאַרווונדעטן קאָמאַנדיר, און צום צווייטן מאָל, ווען ער האָט מיך אַרויסגעטראָגן.

געשפּענסט. הער זיך ניט צו, וואָס ער פּלאַפּלט. רײַס זיך אַרויס פֿון זײַנע אָרעמס.

דזשעסי (צו קרוקן, צאַרט). טײַערער, רוף מיך האַדאַסע.

קרוק (קושט זי און שעפּטשעט). האַדאַסע, האַדאַסע.

געשפּענסט (דראָענדיק). מיסיס דזשעסי לאַוי!

דזשעסי. זאָג מיר, ניט שוין זשע האָסטו אַפּאַנעמעסן זיך פֿאַרליבט אין מיר?

קרוק. פֿון ערשטן אויגנבליק.

דזשעסי. אָבער באַ אײַך טאָר מען דאָך ניט ליבן קיין אַמעריקאַנערקע?

קרוק. באַ אונדז טאָר מען ניט פֿײַנט האָבן. ליבן קאָנסטו, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט.

דזשעסי. זײַ רויִק, איך האָב אַ קאַפּיטאַל.

קרוק. צו וואָס? דו ביסט מײַן קאַפּיטאַל.

דזשעסי. דו דאַרפֿסט ניט קיין קאַפּיטאַל?

קרוק. אַף קאַפּאַרעס.

געשפּענסט. ער זאָגט ליגן!

דזשעסי. דו זאָגסט ליגן?

קרוק. דו ביסט מײַן גרעסטער קאַפּיטאַל.

דזשעסי. אָט אַ טשיקאַווער מענטש. אַלע זײַנט איר דאָ טשיקאַווע.

געשפּענסט (באַפֿעלעריש). דזשעסי לאַוי! פֿאַרליר ניט דעם קאָפּ!

דזשעסי (צום געשפּענסט, היסטעריש). טראָג זיך אָפּ פֿונדאַנען! פֿאַרשווינד פֿון מײַנע אויגן! גענוג!

קרוק. דאָס זײַנען דײַנע קראַנקע נערוון. אָ, דזשעסי, איך וועל דיך אויסהיילן.

דזשעסי (טוליעט זיך צו אים). יאָ... נאָר דו... דו ביסט דער איינציקער...

פֿון שטוב גייען אַרויס סאַלאַמאַן און מירעלע. דזשעסי באַפֿרײַט זיך פֿון קרוקס אָרעמס. געשפּענסט פֿאַרשווינדט.

סאַלאַמאַן (צו מירעלען, זעצט פּאָר). רייד מיר ניט אײַן און בעט מיך ניט.

מירעלע. כאַווער קרוק, וואָס טו איך פֿאַרט? גיט אַן אייצע. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. ווי אַ באָק, און גייט ניט.

דזשעסי. וווהין?

מירעלע. ווידער האָט טעלעפֿאָנירט די רעווויזיע. זיי וועלן וואַרטן נאָר איין שאָ.

דזשעסי. און נאָכדעם אַרעסטירן?

מירעלע. זײַט רויִק, דזשעסי, באַ אונדז זעצט מען ניט אַרײַן קיין אָרנטלעכע מענטשן.

קרוק (ווייך). איך בעט דיך, סאַלאַמאַן, זײַ אַזוי גוט און גיי.

סאַלאַמאַן. בעט מיך ניט. כ'וועל ניט גיין.

מירעלע. וועט מען קומען צו דיר.

דזשעסי. ווער?

מירעלע. טו אַ טויווע, טראָג אוועק דאָס געלט און זאָל נעמען אַ סאָף.

סאַלאַמאַן. אויב איך זאָל דיך פֿאָלגן, וועט זיך ערשט אַלץ פֿאַרפּלאָנטערן.

מירעלע. ווייסט וואָס? גיב מיר און איך וועל אוועקטראָגן.

סאַלאַמאַן. צוליב וואָס זאָלסטו זיך באַמיִען?

דזשעסי. פּליז, סאַלאַמאַן. גיט איר. זאָל זי אוועקטראָגן. אויב ניט, וועט קומען פּאָליצײַ.

מירעלע. האַדאַסע, טו אַ טויווע און מיש זיך ניט אין אונדזערע איניאָנים.

קרוק (פּלוצעם אָנשלאָסן). גיב אַהער צוריק דאָס געלט!

דזשעסי. יעס! גיט אָפּ מיסטער קרוקן!

סאַלאַמאַן. דאָס געלט איז ניט זײַנס. (צו קרוקן) זאָג, דײַנס?

קרוק. ניין.

סאַלאָמאָן. איז ווערמענס?

קרוק. דאָס קאָן איך ניט זאָגן. כ'האָב געגעבן אַ וואָרט.

סאַלאָמאָן. וועמען?

קרוק. כ'האָב נאָך אַף מײַן לעבן מײַן וואָרט ניט געבראָכן.

סאַלאָמאָן. פאַר אַזאַ העלדישקייט דאַרף מען דיר שטעלן אַ דענקמאָל. ניין, איכ'ל דיר אַנדערש פאַרייביקן: דענקמעלער וואַרפט מען שנעל אַראָפּ.

מירעלע. סאַלאָמאָן! דײַנע כאַכמעס וועלן מיך אַרײַנטרײַבן אין קייווער, גיב אים אָפּ דאָס געלט!

סאַלאָמאָן (נעמט אַרויס פון קעשענע, ציילט). שטימט. נײַן הונדערט. (צו קרוקן). אַדאַנק. (לייגט צוריק אַרײַן). און ווי, אַז מע וועט בא מיר פרעגן, ווו איך האָב עס גענומען?

קרוק. זאָג דעם עמעס.

סאַלאָמאָן. דאַן קאָן מען דיך אַ פרעג טאָן, ווו דו האָסט עס גענומען?

קרוק. פון מיר וועט מען קיין וואָרט ניט אַרויסבאַקומען.

סאַלאָמאָן. וועסט שווײַגן?

קרוק. ווי אַ פיש.

סאַלאָמאָן. אפילע דאַן, ווען מיך וועט מען אַרײַנזעצן?

דזשעסי. גאָטעניו געטרײַער, הייסט עס, אַז מע וועט דיך יאָ זעצן! ווען? ווען גייט מײַן צוג?

מירעלע. אינגיכן. ס'וועט קומען אַ מאַשין און דיך אָפּפירן צום וואָקזאַל.

סאַלאָמאָן (צו קרוקן). הייסט עס אַזוי: איכ'ל זיצן אין טורמע, און דו וועסט שווײַגן. און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט מיר דער בעסטער פרײַנט. ניין, איך וועל זיך ניט פאַר־שרײַבן אין דײַן מענטשנליבהאָבער־פאַריין. דאָס וועט זײַן אַ פלאַפלער־פאַריין.

קרוק. ווייסט גאָר וואָס? איך לויף זיך באַראַטן. איכ'ל זיך ראַטן און קומען צוריק.

סאַלאָמאָן. מיטן קלוגיטשקן קאַרעצקין?

קרוק ענטפערט ניט, וויל נעמען דעם פּאַרטפעל.

דזשעסי. ניין! ריר זיך ניט צו! (גיט אַ כאַפּ דעם פּאַרטפעל). איך גיי מיט דיר! (נעמט קרוקן אונטערן אָרעם, גייט מיט אים, אָבער דערזעט באַם טויערל דזשייקאָבס גע־שפּענסט).

ער האַלט אין מויל אַ רעשטל פון אַן אויסגעלאָשענעם פּאַפּיראָס און זעט אויס ווי אַ לומפּ.

געשפּענסט. האַדאַסע, אין ערגעץ גיי ניט!

דזשעסי (שטעלט זיך אָפּ, שרײַט היסטעריש). טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! דו הערסט? פאַרשאָלטענער, לאָז מיך צורו!

געשפּענסט. אויב דו וועסט מיט אים גיין, וועסטו קליוולענד שוין קיינמאָל ניט זען.

דזשעסי (אַנטשלאָסן, צו קרוקן). עפן דאָס טויערל.

קרוק (עפנט). ביטע, מיסיס דזשעסי לאַוי!

געשפּענסט. דערוועג זיך ניט אַרויסצוגיין פון הויף! (פאַרשטעלט איר דעם וועג).

דזשעסי (שרײַט). לאָז! לאָז מיך!

געשפּענסט פאַרשווינדט.

קרוק. וואָס איז מיט דיר, דזשעסי?

געשפּענסטס שטים (פונדערווײַטן). פונדאַנען פירט אַ גלײַכער וועג קיין סיביר!

קרוק. קום, דזשעסי. פאַרוואָס גייסטו ניט?

דזשעסי (פאַרלוירן). וווהין? אַך, גיי אַליין. נעם דעם פּאַרטפעל און גיי בעסער אַליין. (פאַרוקט דעם פּאַרטפעל אונטער זײַן אָרעם). אָט אַזוי. איך גיב דיר אים אַוועק. נעם, טײַערער, נאָר... קום צוריק. איך וועל וואַרטן אַף דיר, קרוק. מירן זיך נאָך זען, שור!

קרוק. אַוואַדע! איך בין באַלד דאָ צוריק! (גייט, אָבער שטעלט זיך אָפּ, באַטאַפּט דעם פּאַרטפעל). פאַרוואָס איז ער אַזאַ שווערער?

דזשעסי. עפן ניט!

קרוק. איכ'ל נאָר אַ קוק טאָן. (עפנט, רוקט אַרײַן אַ האַנט).

דזשעסי. נעם ניט אַרויס!

קרוק. טשיקאַווע. (נעמט אַרויס דאָס קעסטעלע).

דזשעסי. ניין! גיב אָפּ! עס איז מײַנס! (פאַלט צו צו קרוקן).

קרוק. ביטע! (גיט איר דאָס קעסטעלע). כ'וועל באַלד קומען, דזשעסי! (גייט גיך אַוועק).

דזשעסי (דריקט דאָס קעסטעלע צום האַרצן). עס איז מײַנס! איר הערט, מײַנס! איך בין דער אײנציקער געזעצלעכער אייגנטימער!

סאַלאָמאָן (צו מירעלען). אין קעסטעלע איז דזשעסיס האַרץ!

דזשעסי. ריכטיק! מײַן האַרץ! שוין דעם צווייטן טאָג, ווי איך קוק אײַך נאָך און קאָן בעשום־אופן ניט פאַרשטיין, ווי'אַזוי איר לעבט? איך האָב פאַרגעלייגט סאָניען א נאָדן — האָט זי ניט גענומען; באַפּאַלען האָב איך פאַרגעלייגט — ווער א גווירה! וויל ער ניט. (צו מירעלען). דו האָסט געהאַלטן אין דײַנע הענט אן אוצר — אָט דעם! — איז פאַרוואָס האָסטו מיר אים אָפּגעגעבן? גאָטעניו געטרײַער, וואָס זײַט איר פאַרא מענטשן — נאַרמאַלע צי מע־שוגאָים?

אלע שווײַגן.

(צו סאַלאָמאָנען). פאַרוואָס האָט איר ניט גענומען בא קרוקן די נײַן הונדערט רובל? אַנשטאָט אים צו דאַנקען און ווײַטער טרײַבן ביזנעס, דרייט איר א קאָפּ זיך און יענעם — פונוואַנען איז דאָס געלט? צי ערלעך פאַרדינט? צי ניט געפעלשט? איר טוט אַלץ, קעדיי מע זאָל אײַך אַרעסטירן. צו וואָס? קוילעט מיך, שיסט מיך, זעצט מיך אפן עלעקטרישן שטול — מײַן קאָפּ באַנעמט דאָס ניט. האָט כאָטש ראַכמאָנעס אָף אײַער ווײַב און קינד! ס'וועט דאָך באַלד קומען פאָליציי!

סאַלאָמאָן. אָט גייט זי!

אין הויף גייט אַרײַן אַלעקס. ער טראָגט עפּעס אײַנגעוויקלט אין א פּאַפּיר.

דזשעסי (טרייסלט זיך פון שרעק, באַהאַלט דאָס קעסטעלע הינטערן רוקן). גאָטעניו געטרײַער!

לויפט צו דער שטוב, האָט כאַראָטע, פאַרקערעוועט צום טײַכל, האָט ווידער כאַראָטע, קערט זיך אום און זעצט זיך אפן בענקל. קוקט מיט פאַרגלאָצטע אויגן אָף אַלעקסן, וויל עפּעס זאָגן, נאָר קאָן ניט אויסריידן קיין וואָרט. שמייכלט צו אים מיט א הילצער־נעם שמייכל.

אַלעקס. א גוט־יאָר אײַך.

מירעלע. א גוט־יאָר. ביטע, זעצט זיך.

אַלעקס. א דאַנק. (זעצט זיך קעגן דזשעסין).

מירעלע (רופט). סאָניע!

דזשעסי (צו אַלעקסן). איר זײַט אוואַדע געקומען צו מיסטער לאַוי?

אַלעקס. צו וואָס פאַר א מיסטער? איך בין געקומען צו אַלעמען.

דזשעסי. דאָס הייסט, איר ווילט אַרעסטירן אַלעמען?

אַלעקס. פאַרוואָס?

דזשעסי. דאָס הייסט... (ווײַזט אָף סאַלאָמאָנען). נאָר אים?

מירעלע (רופט). סאָניע! (גייט אַרײַן אין שטוב).

אַלעקס (קוקט מיט כשאַד אָף דזשעסיס האַנט, וועלכע זי האַלט הינטערן רוקן). כ'פאַר־שטיי ניט, צו וואָס איך דאַרף אַרעסטירן?

דזשעסי (קאָן מער ניט אויסהאַלטן די שפּאַנונג. מיט ציטערדיקע הענט לייגט זי אַוועק דאָס קעסטעלע אפן טיש). הייסט עס, אז נאָר מיר?

אַלעקס (באַקוקט דאָס קעסטעלע). זייער טשיקאַווע. וואָס איז דאָרט פאַראַן?

דזשעסי. צוערשט זאָגט איר, וואָס האָט איר אין פּאַפּיר?

אַלעקס וויקלט פאַנאַנדער דעם פּאַפּיר און באַווײַזט בלומען.

ניט שוין זשע אַרעסטירט מען בא אײַך מיט בלומען?

(זינגט)

מע גייט מיר נאָך, מע שפּירט מיר נאָך,
מע קוקט פון יעדן שפּעלטל.
א שרעק באַפאַלט פון יעדן שאָרך —
אָט דאָ וועט קומען אן ענדע, א סאָף,
אן ענדע צו מײַן וועלטל.
אָבער פונדעסטוועגן איז שיין, וואָס מע אַרעסטירט בא אײַך מיט בלומען!

ס אַ ל אָ מ אָ ן. האַדאַסע, בלומען איז דאָס פרידלעכסטע געווער, ניט געקוקט, וואָס עס טרעפט אַלעמאָל פונקט אין האַרצן.

מירעלע, דורכן פענצטער, ווײַזט סאַלאָמאָנען, אַז סאַניע וויל ניט אַרויסגיין.

ס אַ ל אָ מ אָ ן (צו אַלעקסן). ביטע, סאַניע וואַרט אויף אײַך אין שטוב.

אַלעקס גייט אַרײַן מיט די רויזן אין שטוב. ס׳בלײַבן סאַלאָמאָן מיט דזשעסין.

(נעמט דאָס קעסטעלע). נו, איצט וועלן מיר עס עפענען.

אָבער דזשעסי כאַפּט אַרויס באַ אים דאָס קעסטעלע און לייגט עס אַרײַן אין וואַליזע.

(נעמט אַרויס אַ מעסערל). אויב איר געטרויט מיר ניט, עפנט אַליין. ביטע... וואָס? איר האָט מוירע? קאָן איך אַוועקגיין.

ד ז ש ע ס י. ניין! נאָר לאָזט מיך ניט אַליין. כ׳האָב מוירע אַליין. (כאַפּט אַרויס באַ סאַלאָמאָנען דאָס מעסערל, שלעפּט ווידער אַרויס דאָס קעסטעלע). איך האָב פאַר קיינעם קיין מוירע ניט. קיינער קאָן אַן אַמעריקאַנער בירגערן ניט אָפּשרעקן. (מיטן מעסערל רײַסט אויף דאָס דעקל, קוקט מיט צעגלאָצטע אויגן אינווייניק, נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ בלאַנק, לייענט). וועקסל... (נעמט אַרויס אַ צווייטן). 1000 ליט. אַקציע. (נעמט אַרויס נאָך). אַקציען־געזעלשאַפט. 5000 ליט. טשעק. וועקסל. אַקציע. (וואַלגערט אָן אָפּן טיש אַ פולן הויפן). דאָס איז אַלץ? (היסטעריש). און מער גאָרניט?!

ס׳באַווײַזט זיך דזשייקאָבס געשפּענסט.

ג ע ש פ ע נ ס ט. דו האַלטסט אין דײַנע הענט האַלב ליטע.

ד ז ש ע ס י. ניין! דאָס זײַנען פּאַפּירלעך. ניט מער ווי פּאַפּירלעך!

ס אַ ל אָ מ אָ ן. די מעכטיקסטע פּאַפּירן ווערן פאַרוואַנדלט אין מיסט. עפּשער צו אונדזער אַלעמענס גליק.

ג ע ש פ ע נ ס ט. האַדאַסע, ס׳איז געקומען אַ סאָף צו דײַנע אַלע צאָרעס.

ד ז ש ע ס י. ניין! דאָס זײַנען פּאַפּירלעך! ניט קיין גאָלד, שמאַטעס! ווו זײַנען די פּערל? די בריליאַנטן? די סמאַראַגדן?

ג ע ש פ ע נ ס ט. דיר געהערט האַלב ליטע!

ד ז ש ע ס י. דו האָסט אַ טאַעס, יאַנקל. איך האָב אויך אַזוי געמיינט, נאָר אַז איך בין אַהער געקומען, האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען.

הינטער דער סצענע קומט צו פאָרן אַן אויטאָמאָביל. דזשעסי וויינט.

ס אַ ל אָ מ אָ ן. איך׳ל ברענגען די טשעמאָדאַנעס. (גייט אַרײַן אין שטוב).

ג ע ש פ ע נ ס ט. וויין ניט, דזשעסי לאַוי. באַווײַז דעם אַמעריקאַנער קאָנסול, וועט ער דיר זאָגן, וואָס מיט דעם צו טאָן. (פאַרשווינדט).

דזשעסי שטופּט אַרײַן די פּאַפּירן אין וואַליזע, פאַרמאַכט דאָס קעסטעלע און וואַרפט אַוועק הינטערן קוסט. פון טײַכל קומט צוריק נאַפּטאַלע, פון הויז גייט אַרויס סאַניע מיט די רויזן. מירעלע און סאַלאָמאָן טראָגן אַרויס די טשעמאָדאַנעס. סאַלאָמאָן גיט אַ צייכן אַלעקסן, ער זאָל בלײַבן אין שטוב.

ד ז ש ע ס י. טײַערע מײַנע, שוועסטער און ברידער מײַנע. איך דאַנק אײַך פאַר אַלץ, וואָס איר האָט מיך אופגענומען, ווי אַן אייגן קינד. אַך, ווי מיר איז געווען גוט מיט אײַך. גוט און טרויעריק. ווען איר וואָלט געוווסט, ווי שווער מיר איז איצט אַוועקצופאָרן. ווי ס׳טוט מיר באַנק און... עך! (נעמט אַ טשעמאָדאַן).

אַלע גייען צום טויערל.

(שטעלט זיך אָפּ). ניין, כ׳מוז זיך נאָך צוזעצן. כאָטש אויף איין מינוט. (זעצט זיך. נאָך אַ פּויזע, רעדט דורך טרערן). אַ, שיינע סאָסנע. איך געדענק, ווען איך בין אַ קליין מיידעלע געווען, פלעג איך קומען אַהער אַ באַרוועסע... טוט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ קרוין. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע קרוין! אין ערגעץ האָב איך אַזאַ ניט געזען... גוט, וואָס איך בין געווען אין וועלדל. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן... דעם שפּיץ קלויסטער. דעם קוימען. דעם הימל. אַלץ וועט בלײַבן אָט דאָ, אינווייניק. (ווײַזט אויפן האַרצן). אין קליוולענד האָב איך איינמאָל געזען אַ מיליאָנערשע...

(זינגט):
אין ווילדן טאַנץ פון בראַדווייער פּײַערן
האָב איך געזען אין צירונג טײַערן
א שיינהײַט, א געטין, וואָס קאָסט מיליאָנען,
איך האָב פון דער נאָענט געקוקט איר אין פּאָנעם,
נאָר אַלץ איז פאַרשוווּנדן, אַלץ איז אַנטרונען —
כ'וועל קיינמאָל, שוין קיינמאָל עס מער ניט געפונען.

עד, אַלץ אין לעבן פאַרשווינדט, גוד בײַ, גוד בײַ! מײַנע טײַערע! יעס, אין קליוולענד וועל איך בענקען נאָך אײַך. א שרעק, ווי איך וועל בענקען. טרעפּט, וויפל עפּלביימער האָב איך אין מײַן סאַד? (מיט קוראַזש). **אַן עפּעקטפולן סאַד האָב איך אין קליוולענד, שור!** (גייט אַוועק).

אַלע גייען אַרויס פון הויף. דער אויטאָמאָביל פאָרט אַוועק. באַם טויערל באַווײַזט זיך קרוק.

קרוק (לויפט אַרײַן אין הויף, רופט). **דזשעסי! וווּ ביסטו?!** (מיט טרערן). **צי דען ביסטו אַוועקגעפאָרן?** (דערזעט דאָס קעסטעלע, הייבט עס אויף און לייגט אַוועק אויפן טישל, לויפט צום טויערל, רופט). **דזשע־סי!!**

פון שטוב גייט אַרויס דער מיליציאָנער.

מיליציאָנער. בירגער, וווּהין? לויפט ניט!

קרוק שטעלט זיך אָפּ, דערזעט דעם מיליציאָנער, רעדט מיט אים אין די געדאַנקען:

מיליציאָנער. קרוק, ווו אײַלסטו זיך?
קרוק. כ'האָב ניט קיין צײַט. באַנען האָבן א מיעסע טעווע, זיי וואַרטן ניט! (לויפט).
מיליציאָנער. שטיי!

קרוק לויפט.

(כאַפּט אַרויס זײַן פּיסטאָלעט). קרוק, שטיי!

קרוק לויפט. מיליציאָנער „שיסט" אין דער לופטן. קרוק שטעלט זיך אָפּ.

וואָס האָסטו געמיינזאַמס מיט דזשעסי לאַוי?
קרוק. איך האָב זי ליב.
מיליציאָנער. דו ווילסט כאַסענע האָבן מיט איר?
קרוק. אומבאַדינגט.
מיליציאָנער. (לייגט אַרײַן זײַן פּיסטאָלעט אין שיידל).

אַלעקס גייט צו צום טישל, דערזעט די רויזן און דאָס קעסטעלע.

אַלעקס (נעמט די רויזן אין האַנט). **זאָגט מיר, פאַרוואָס בין איך אַזאַ שלימאַזל? שטענדיק גייט מיר אין לעבן מיט דער פּוטער אַראָפּ!**

יעכיעל שרייבמאַן

פּראָפעסאָר סאַנדלער

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך פאַרבראַכט מיט אים אַן אָפּדערנאַכט בײַ אים אין דער היים. ער איז אַמאָל געווען גאָר אַ באַקאַנטער נאָמען בײַ אונדז. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען אים אין דער דעמאָלטיקער נאָך קליינער, אויטאָנאָמישער, מאָלדאַוויע גערעכנט פאַרן גרעסטן געלערנטן.

אין אַ צײַט האָבן מיר דאָ, אין קעשענעוו, געוווינט אַ גאַס לעבן אַ גאַס, כ׳פֿלעג אים אָפט באַגעגענען. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ הויכער, געטראָגן אַ שיטער לענגעכדיק בערדל. סײַ דאָס בערדל, סײַ די האָר זײַנע אױפן קאָפּ האָבן נאָך פאַרמאָגט דעמאָלט מערער שוואַרצקייט ווי ווײַסקייט, עטוואָס עפּשער דאָ און דאָרט אַ ביסל צוגעזילבערט, אַזוי ווייניק, אַז ס׳האָט זיך אַזש געוואָרפן אין די אויגן. עמעס, כ׳פֿלעג אים תּמיד זען גיין מיט אַ שטעקן, איין פוס האָט אונטערגעהינקען, אַ האַנט האָט ער געהאַלטן אײַנגעבויגן, בעשאַס דער פוס האָט אַ הינק געטאָן, האָט די האַנט זיך צעשאָקלט, נאָכגעהאַנגען. כ׳האָב געוווּסט, אַז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, באַלד נאָך דער מילכאָמע, איז דער פּראָפעסאָר געבליבן ליגן צו בעט אױף אַ שווערער קרענק און אין רשוין אַזעלכער־אַ פונעם בעט אופגעשטאַנען.

כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר אַ היסטאָריקער. היסטאָרישע אַרבעטן זײַנע, וואָס כ׳פֿלעג אַמאָל, פון צײַט־צו־צײַט, בײַ אַ דאַטע, באַגעגענען אָפּגעדרוקטע, זײַנען מײַנ־סטנס געווען געווידמעט, ווי מע זאָגט, דער סאַמע נײַסטער געשיכטע. דער געשיכטע פון אונדזערע טעג, קאָן מען זאָגן. דער געשיכטע, אַגעוו, האָב איך געוווּסט, וואָס ער אַליין האָט מיט אייגענעם לײַב־און־לעבן דורכגעמאַכט און איז דורכגעגאַן.

כ׳האָב אַפילו געקענט אַ פּאָר בײַאָגראַפישע פּראַטים זײַנע. קינדוויז האָט ער געאַרבעט בלעכערײַ בײַ אַ קאָרעוו אין בעסאַראַבער שטעטל רעזינע אױפן ברעג פונעם דניעסטער. אַ געבוירענער איז ער אַ באַלטער, צי אַ יאַמפּאָליער, אַלקאַלפּאָנעם, אין איינעם פון די פּאָדאָ־ליער שטעטלעך אױף דער אַנטקעגנדיקער זײַט דניעסטער. בײַ אַכצן־נײַנצן יאָר שוין געבערענט אַ וועלט. אָנגעפירט מיט אונטערערדישע סטודענטן־קעמערלעך. באַגעגנט די רעוואָלוציע אין פּעטערבורג. געשיקט געוואָרן אַהיים, אין די היימישע שטעטלעך אױףביידע ברעגן דניע־סטער, העלפן אױפשטעלן די סאָוועטנמאַכט. אין די בירגערקריג־יאָרן, אין דער צײַט פון די פּאָגראָמען און די פּעטליורע־באַנדעס, געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד ער־געץ אין וועלדער אַרום באַלטע. געשלאָגן זיך אין דער קאָטאָווסקי־דיוויזיע. מיט איין וואָרט: דערגאַנגען פון בלעכערײַ צו פּראָפעסאָרײַ ניט אַזוי־אָ פּאַשעט און ניט אַזוי־אָ פּראָסט, דורך פײַער און אַש, קאָן מען זאָגן.

די אַלע זאַכן האָבן זיך, אָפּאָנעם, באַזונדער פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן, מאַכמעס די דאָזיקע דניעסטער־שטעטלעך — רעזינע, ריווניצע, באַלטע, יאַמפּאָלע, קאַמענקע, קרוטי — זײַנען נאָך ראַשקעוו געווען די ערשטע נעמען פון שטעטלעך, וואָס כ׳האָב געהערט בײַ אונדז אין שטוב, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ פּיצל קינד. שטעטלעך — ראַשקעווס נאָענטע שכיינים. כ׳האָב דעריבער געהאַלטן דעם פּראָפעסאָר סאַנדלער פאַר אַ שטיק בען־איר מײַנעם. און

ס׳האָט, הייסט עס, אוואדע געפרייט, וואָס קימאַט א בען־איר איז אזא מענטש. און וואָס אזא מענטש א בען־איר פארמאָגט טאקע אזא ביאָגראַפיע.

ווען איך פלעג אים דעמלט, א פּאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע, באגעגענען, האָבן מיר זיך נאָך ניט געקענט. ס׳האָט עפּעס געפעלט אזעס אליין אָפּשטעלן אים אָף דער גאס און באקענען זיך מיט אים. כ׳פלעג נאָר, פונדערווייטנס נאָך, אָנהייבן קוקן אָף אים, און ער, אַפּאָנעם, דערפילנדיק עס, האָט פארבייגייענדיק, אָף מיר אויך א קוק געטאָן. עס זיינען גע־בליבן פארקריצט אין מיין זיקאָרן א פּאָר קלוגע אָפענע אויגן. כ׳פלעג זיך אפילע אַמאָל אָפּ־שטעלן און אים נאָכקוקן. כאָטש ער איז געגאנגען אָנגעשפּארט אין א שטעקן, א פּוס זיינער האָט אונטערגעהינקען און איין האנט איז אים נאָכגעהאנגען א פארבויגענע, האָט ער פון־דעסטוועגן אויסגעזען גלייך, הויך, אפילע די פּלייצע זיינע און דער קאָפּ האָר הינטן האָבן ארויסגערופן א געפיל פון עפּעס הויכס און דערהויבנס. אלקאַלפּאָנעם, אזוי האָט זיך מיר דעמלט אויסגעדאכט.

איין־און־איינציק מאָל האָב איך מיט אים גערעדט א פּאָר ווערטער. דאָס איז, געדענק איך, געווען אין פּארק. ער איז געזעסן אָף א באנק. עמעצער, כ׳געדענק שוין ניט ווער, האָט אונדז באקענט. אז כ׳האָב זיך געכידעשט, ווען ער האָט א זאָג געטאָן: ער ווייסט, ער האָט געהערט, האָט ער אָף מיין כידעשן זיך נאָך מער זיך פארכידעשט:

— פע, וואָס איז דאָ די הארבע קאשע? מיר זיינען דאָך פון איין אָרט...

כ׳האָב זיך שוין געשעמט צו פרעגן, וואָס ער מיינט. צי מיינט ער פון איין אָרט איצט, און אין איין אָרט קאָן געוויינלעך איינער דעם אנדערן, אָדער מיינט ער געבוירענע אין איינע שכיינעסדיקע שטעטלעך, און איינער דעם אנדערן דארף, הייסט עס, קענען.

ער האָט מיר א קוק געטאָן אין די אויגן און זיך צעלאכט:

— ניט גוט, יונגערמאנטשיק. איר האָט, אַפּאָנעם, איינערע „דריי זומערס" ווייניק ליב!..

נאָר דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק. וואָס איז אין די דאָזיקע דרייסיק יאָר ניט פאָרגעקומען? אין א צייט האָב איך געהערט, אז דער פּראָפעסאָר איז ווידער געבליבן ליגן צו בעט. געלעגן לענגער און שווערער, ווי פריער. גייט שוין איצטער זעלטן ארויס פון דער שטוב. איך האָב זיך איבערגעפּירט אין אן אנדער עק שטאָט. כ׳האָב דעם פּראָפעסאָר אופגעהערט באגעגענען. אופגעהערט זען. פּאוואָליע אופגעהערט אפילע הערן וועגן אים. כ׳בין זיך מודיע, אז אין א צייט איז ער מיר עפּעס אינגאנצן ארויס פונעם קאָפּ. וויפל נאָענטע, ליבע נעמען זיינען אין די דרייסיק יאָר אויסגעמעקט געוואָרן! וויפל נייע נעמען זיינען אופגעקומען! מיינע דרייסיק יאָר זיינען, פארשטייט זיך, אויך אוועק מיט איין טאָג ניט ווייניקער, ווי דרייסיק יאָר...

ווען מ׳האָט מיר אנומלטן פּלוצעם איבערגעגעבן, אז דער פּראָפעסאָר וויל זיך נייטיק זען מיט מיר און בעט מיך, איך זאָל אין א פארנאכט צו אים אריינקומען, בין איך אזש גע־בליבן ווי פארציטערט: דער פּראָפעסאָר? סאנדלער? כ׳האָב שוין, צו לאנגע לעבעדיקע יאָר אים, געמיינט, אז ער איז שוין לאנג־לאנג נישטאָ.

די שטאָט האָט זיך צעשפּרייט. ער וווינט היינט ווייט, דער פּראָפעסאָר. אין א נייער געגנט, אין א הויך זעכצנגאָרנדיק הויז, אונטן, אפן ערשטן גאָרן, פארשטייט זיך. ער איז שוין גאָר־גאָר אן אלטיטשקער. א זאָקן א שיוורע־קיילע. דאָס שיטער־לענגלעכדיקע בערדל זיינס, אי דאָס בערדל, אי דאָס צעשויבערטע ביסל האָר אָפן קאָפּ, זיינען שוין אזוי שיטער און אזוי ווייס, אז די ווייסקייט בלישטשעט אזש, איז אזש בלאָוולעך. ער איז געזעסן אין א שטול באַם טיש, אָנגעטאָן אין א ווייס העמד, אָן איינגעשרומפּענער און קליינגוואָרענער, די פּליי־צע פארהויקערט, די נאָכגעהאנגענע האנט — מיט צעשפּרייטע, פארשטיינערטע פינגער, דער גאנצער קערפּער אזוי פארקאָרטשעט, אז די הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן, זיינען אזש גע־לעגן אָף אים אין דער קרום, פארצויגן אין איין זייט אזש ביז צום האלדז ארויף. בלויז די אויגן זיינע זיינען געבליבן ניט געביטן. די זעלבע קלאָרע און אָפענע. זיי האָבן א קוק געטאָן אָף מיר מיט דער זעלבער קלוגשאַפט, ווי זיי האָבן זיך מיט אזויפיל יאָרן צוריק פארקריצט אין מיין זיקאָרן.

אנטקעגן פּראָפעסאָר, פון יענער זייט טיש, האָט אין א ווינקל פונעם צימער, אָף א שאפקעלע, געארבעט דער טעלעוויזאָר. געארבעט אָנעם קלאנג. מ׳האָט נאָר געזען, וואָס דאָרט טוט זיך, ניט געהערט. די וועלט, האָב איך א טראכט געטאָן, רוקט זיך דאָ דורך אפן עקראן שטילערהייט, אָן קוילעס, נאָר רוקט זיך פארביי דעם אלטיטשקן דורך, ער לאָזט זי פונעם אויג ניט ארויס. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפן מיט ביכער. ס׳האָט

זיך צווישן די ביכער ערגעץ קוים ארויסגעזען א טינטערל מיט א הענטלפען. אין עק טיש, לעבן פּראָפעסאָר, איז געלעגן א צעעפנטער ווערטערבוך, א שטויס העפטן. בא א צווייטן עק טיש איז געזעסן א יונגערמאַן אין אַן אווזשאַ־אוניפאָרמע. געזעסן עפּעס זייער סטאַטעטשנע, קימאַט שילעריש־שעמעוודיק, ווי נאָר אָף א שפּיץ פונעם בענקל, און פון א פולן העפט ארויסגעשריבן שורעס אין א ליידיקן העפט. דערפאַר, אַפאָנעם, איז געווען פאַרדרייט דער קלאַנג באַם טעלעוויזאָר.

דער יונגערמאַן האָט זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט:

— נו, א גרויסן דאַנק. כ׳וועל שוין דאָס איבעריקע באַם צווייטן מאָל.

— ניין, ניין. זיצט און טוט אײַך אײַערס. שרײַבט איבער אַזויפיל ווערטער, וויפל מע דאַרף. אָן אָפּלייגעניש. נישקאָשע, דער גאַסט וועט אָף אונדז קיין פאַריבל ניט האָבן. — האָט דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר א קעם געטאָן מיט צוויי אײַנגעדאַרטע פינגער דאָס שיטערע בערדל זײַנס און מיר א ווײַז געטאָן מיט די אויגן, איך זאָל זיך אוועקזעצן און א ביסל צו־וואַרטן.

דער יונגערמאַן האָט אָבער קיין סאַך ניט אויסגעהאַלטן. אין א פּאָר געציילטע מינוט אַרום האָט ער זיך ווידער א הייב געטאָן פונעם פּלאַץ, נאָכאַמאָל אָפּגעדאַנקט, געזעגנט זיך און איז אוועקגעגאַנגען.

— אײַ, וואָס רעדט איר, זייער א פײַקער מענטש!.. — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן מיט מיר פון א מיט, גלײַך מיר וואָלטן זיך צום לעצטן מאָל געזען נעכטן און ניט מיט דרײַ־סיק יאָר צוריק, — ער לערנט בא מיר אי ענגליש, אי טערקיש...

— טערקיש, וואָס פּלוצעם טערקיש?

— פונוואַנען קומט צו מיר פּלוצעם טערקיש, אָדער וואָס פּלוצעם ער לערנט טערקיש?

— כ׳מיין, צוליב וואָס דאַרף ער טערקיש?

— איך טערקיש קען שוין א פופצן, צוואַנציק יאָר. טערקיש, גריכיש, נאָרוועגיש. אַליין אויסגעלערנט. אַדאַנק די צוויי אינסולטן מײַנע, קאָן מען זאָגן. ביז דער קרענק האָב איך נאָר געקענט ענגליש, פראַנצויזיש, דײַטש, שפּאַניש, טשעכיש, פּויליש. שפּראַכן, פרײַנט מײַנער, איז אויך געשיכטע. זיי צוליב וואָס זיי דאַרפן עס, פרעג איך ניט. מיר איז גענוג, אַז זיי דאַרפן.

— זיי?

— זיי. די שילער מײַנע. זעקס און צוואַנציק שילער האָב איך! — האָט דער פּראָפעסאָר א באַרים געטאָן זיך מיט א פּאָר צעשפּילטע אויגן, ניט ווי קיין שיווער־קיילע, קיין עטלעכע־און־זיבעציקיאָריקער זאַקן, נאָר ווי אַן אַכצניאָריק באָכערל.

אין צימער איז ארײַנגעקומען דעם פּראָפעסאָרס ווײַב. זי האָט ארײַנגעבראַכט אָף א טעצל עטלעכע עפּל, אוועקגעזעצט זיך אָפן דיוואַן קעגן אונדז מיט א ברייטער שאַרף אַרום די אַקסל, מיט א קאָפּ גלאַט־אָפּגעצויגענע גראָווע האָר, שוין אויך גאָר אַן אַלטע צעקנייטשטע פּרוי, כאָטש מ׳האָט געזען, אַז זי איז מיט א גוטע פּאָר יאָר ייִנגער פונעם פּראָפעסאָר. זי האָט א זאָג געטאָן, אַז ס׳האָט נאָרוואָס אָנגעקלונגען דער עלטערער זון זייערער, אָנגעקלונ־גען פון מאָסקווע. אַזוי פירט ער זיך, דער זון, פון טאָמיד אָן — האָט זי געדעדט צו מיר, — ער מעג ערגעץ אוועקפאָרן נאָר אָף א פּאָר טעג, האַלט ער אין איין קלינגען, וויל וויסן, ווי דער פּאַטער פילט זיך. דער ייִנגערער זון איז שוין א קילערער. קאָן זײַן, ווײַל ער איז מערער פּאַרנומען. וווינט טאַקע ווײַט אויך. אַזש אין אירקוטסק. איז א דירעקטאָר פון א גרויסן אינסטיטוט. צוויי אייגענע ברידער — צוויי פאַרשיידענע כאַראַקטערס. ביידע, קיין אײַנהאָרע, וווילע געראָטענע קינדער, נישט צו פאַרזינדיקן. ער האָט געזאָגט, וואָלאַדיע, אַז ער קומט שוין מאָרגן צו פליען. אָפּדערנאָכט, מיטן לעצטן רייס. — האָט זי שוין געדעדט צום מאַן אירן, גערופן אַזאַ אַלטיטשקן פּראָפעסאָר פּאָשעט נאָום. דאַכט זיך, אַפילו נאָומ־טשיק.

איך האָב א נעם געטאָן פונעם טיש דעם צעעפנטן ווערטערבוך, געבלעטערט אים, געקוקט אָף די טערקישע אויסיעס, און דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט:

— מאַניעטשקע, ברענג, כ׳בעט דיך, ארײַן די פּאַפּקע, וואָס כ׳האָב פאַר זיי־לערטווען אָנגעגרייט. די פּאַפּקע מיט דער ריווניצער געטאָ. און נעם שוין אין איינוועגס מיט די אַנ־דערע צוויי בענדער פון דעם פראַנצויזיש־טערקישן ווערטערבוך. וויפל, אַשטייגער, מיינט איר איז שוין דער דאָזיקער ווערטערבוך אַלט? דאָס האָט נאָך נאַפּאָלעאָן, ווען ער האָט פאַר־נומען טערקײַ, באַפוילן ארויסצוגעבן אַזאַ ווערטערבוך. טערקיש זעט שוין הײַנט, פאַרשטייט

זיך, אויס א קאַפּעלע אַנדערש. זיי האַלטן דאָרט, אין אַנקאַראַ, אין איין פּוצן און רייניקן די שפּראַך. מאַכן זי אַלץ, וואָס מער טערקישער. נאָר ס'איז דאָך פּאַשעט א מעכײַע צו נעמען אַזעלכע דרײַ בענדער אין די הענט אַרײַן, א גלעט טאָן מיט די פינגער אַזאַ יעקאַר־האַמ־ציִעסל. איר פאַרשטייט, פּרײַנט מײַנער? צו אַלע מײַנע צאָרעס און צו דער גאַנצער אַלטקײַט מײַנער, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך נאָך א שוואַכקײַט צו אַלטע ביכער אויך. איר האָט כאַטש געכאַפּט א קוק אין קאָרידאָר, וואָס עס טוט זיך דאָרט אויף די פּאָליצעס? אַלטע אויסגאַבעס, אַשטייגער, וועגן מעדיצין זאַמל איך שוין א מײַסע פון א פּופצן יאָר. וואָס פּלוצעם מעדיצין, וועט איר פרעגן, האַ? מעדיצין, פּרײַנט מײַנער, איז אויך געשיכטע. מאַניע, פּאַרכאַפּ שוין מיט זיך א פּאָר אַנטיקלעך פון דער מעדיצין־קאָלעקציע. די אַלטיטשקע מײַנע, טײַערע, איז שוין אַזוי א שיין ביסל יאָרן מײַנע הענט־און־פיס. און דאַרף נאָך דערצו אויסשטיין אַלע מעשוגאַסן מײַנע. און שטייט נעבעך אויס. א ברײַרע האָט זי?

דעם פּראָפעסאָרס ווײַב האָט אוועקגעלייגט אויפן טיש א פאַרבונדענע פּאַפּקע, מיר דערלאַנגט א פּאָר פאַרגעלטע ביכער מיט אַלטע לעדערנע אײַנבינדן.

דער פּראָפעסאָר האָט דערנאָך געזאָגט:

— ערשטנס, פּרײַנט מײַנער, האָב איך אײַך פּאַשעט געוואָלט זען. זיצן גלאַט אַזוי און כאַפּן א שטיקל שמועס. צווייטנס, פאַרמאָג איך אין דער־אָ פּאַפּקע א ביסל צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן וועגן דער ריווניצער געטאָ. אין א צײַט האָב איך אַליין אָנגעהויבן אָנוואָרפן נאָטיצן. כ'האָב פאַרשריבן איידעס, וואָס האָבן די געטאָ איבערגעלעבט, מ'האָט מיר געבראַכט א פּאָר בריוו, אַרויסגעשיקטע פון דער באַוווסטער ריווניצער טפיסע, אויסשניטן פון דעמאָלטיקע אָקופּאַציע־צײַטונגען, א פּאָר אַנדערע דאָקומענטן. קורץ, איר וועט א קוק טאָן, עפּשער וועלן אײַך די אַלע זאַכן צוניץ קומען. כ'ווייס, אַז מ'האָט שוין וועגן געטאָס געשריבן און געשריבן. ס'איז שוין אוודאי ניט קיין נײַס. נאָר פּאַרט — ס'איז דאָך אונדזער ריווניצע. זאָל די פּאַפּקע זײַן בא אײַך. איר וועט האָבן צײַט, קוקט אין איר אַרײַן. עפּשער וועט זי עפּעס אָנרעגן, עפּעס בא אײַך אַרויסרופן. ס'איז דאָך אונדזער ריווניצע. עפּעס־וואָס, פּרײַנט מײַנער, מעג מען, מיין איך, ריווניצע אויך שענקען.

די ריווניצער פּאַפּקע איז שוין געלעגן בא מיר אויף די קני. דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר איז געבליבן זיצן אָן אײַנגעהויקערטער, מיטן בערדל אין דער קליינינקער זשמעניע זײַנער. און ס'האָט זיך מיר א דאַכט געטאָן, אַז פון זײַנע אויגן שמייכלט צו מיר אַרויס עפּעס גאָר א גרויסע טײַנע. ס'איז מיר אַפילע פּלוצעם דורכגעלאָפן א געדאַנק, אַז „פּרײַנט מײַנער" האָט ער, אַפּאַנעם, אויך אַלעמאָל איבערגעכאַזערט אין זײַנע רייד מיט א מין באַזונדערן מיין. וויאַזוי האָב איך טאַקע אַזויפיל יאָרן געקענט אַרויסלאָזן פונעם אויג אי אים אַליין, אי טאַקע „אונדזער ריווניצע"? כ'האָב זיך אָנגעהויבן, פאַר זיך אַליין, ווי פאַרענטפערן. אויב שפּראַכן איז געשיכטע און אַפילע מעדיצין איז געשיכטע, איז ליטעראַטור, פאַרשטייט זיך, אוודאי און אוודאי געשיכטע. א שרײַבער איז אָבער פונדעסטוועגן ניט קיין היסטאָריקער. ס'הייסט, ניט אַזאַ היסטאָריקער, ווי ס'איז אָנגענומען דאָס דאַזיקע וואָרט צו פאַרשטיין. א שרײַבער געשעענישן פאַרשרײַבט ניט — ער לעבט זיי אויף, טוט זיי צוריק אָן מיט פליישׂ־און־בלוט, ווײַזט זיי מיט אַלע פּישטשעווקעס. ניט יעדער שרײַבער קען עס טאָן, אויב ער איז אַליין ניט געווען דערבײַ. כ'וועל די ריווניצער פּאַפּקע נעמען, אַרײַנלייענען זיך אין איר, נאָר כ'ווייס גוט, אַז אָן יענע קלייניקייטן, וואָס דאָס אייגענע אויג מײַנס האָט אַליין ניט אויפגעכאַפּט, וועט זיך בא מיר גאָרניט באַקומען, וועל איך דער ריווניצער געטאָ אַפילע עפּעס־וואָס ניט בעקויעך זײַן צו שענקען. מיילע, ריווניצע ווי ריווניצע. און אים אַליין, דעם אַלטיטשקן פּראָפעסאָר? קימאַט א בען־איר מײַנער. דרײַ צענדליק יאָר — האַלב פּאַראַליזירט. אײַנגעקאָרטשעט. פאַרהויקערט. עטלעכע ווײַסע האָר אויפן קאָפּ. הייבט זיך קוים אויף פונעם בענקל. א זאָקן א שיוורע־קיילע. קוים וואָס ער לעבט. און אָט, ווי ער לעבט. אָט, וואָס ער טוט. אין די לעצטע טעג — אַלטע ביכער. געדאַנקען וועגן געבן א טיקן אונדזער ריווניצע. זעקס און צוואַנציק שילער — האָט ער זיך א באַרים געטאָן, ווי אָן אכצניאָריק באָכערל. אים אַליין, האַ? פאַרוואָס ניט אים אַליין עפּעס־וואָס שענקען?

— זעקס און צוואַנציק שילער... — האָב איך א זאָג געטאָן אויף א קאָל, — כ'פאַרשטיי ניט, וויאַזוי זשע קאָן עס זײַן?

— אַזוי קאָן עס זײַן, — האָט געענטפערט דעם פּראָפעסאָרס ווײַב, — וואָס איז דאָ דאָ צו פאַרשטיין?

— כ'מיין, ס'איז דאָך א גוואַלדיקע האָרעוואַניע. ווען זשע קומט עס פאָר? א גאַנצן טאָג? אָפּדערנאַכט? יעדער קומט אוודאי ניט וויניקער פון איין מאָל אין דער וואָך.

— ווער איין מאָל אין דער וואָך, ווער צוויי מאָל, ווער אפילע דרײַ מאָל. אזוי־אָ זיצט ער אָפּ מיט זיי יעדן טאָג שאָענווײַז באם טיש. איינער גרייט אף ענגליש א דיפּלאָם־ארבעט. א צווייטער דארף ארײַן אין אינסטיטוט און מוז קענען פראנצויזיש. א דריטער וויל גלאט אזוי לערנען שפּאניש. איינער שיקט דעם אנדערן. שוין ניט דאָס ערשטע יאָר. אוואדע אין עס א גוואלדיקע האָרעוואניע. וואָס זאָגט אָבער ער? דאָס איז זײַן לעבן, זאָגט ער, מיט דער־אָ פרייד האלט ער זיך אוף. עס הייסט דען, זאָגט ער, פּאָשעט לערנען מיט שילער? עס הייסט טרעפן זיך מיט מענטשן, זײַן צווישן מענטשן, טאָן עפּעס פאר מענטשן. אוי, האָט ער ליב מענטשן. איצטער, בא אזא־אָ עלטער, נאָך מערער ווי אמאָל, ווען ער איז געווען יונג... — האָט דעם פּראָפעסאָרס ווײַב גערעדט וועגן די אלע זאכן מיט אזא טאָן, אז ס׳איז שווער געווען פינקטלעך צו כאפּן וואָס זי מיינט: שטעלט זי זיך אזוי אויס מיטן מאן אירן, צי זי פארקלאָגט אים גאָר אזוי פאר מירַ.

דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אײַנגעקנוילט טיף אין דער שטול. דעם ווײַבס רייד האָט ער געהערט מיט צוגעמאכטע אויגן, ווי ער וואָלט ניט געווען דערבײַ. ס׳האָט זיך אויסגע־דאכט, ער דרעמלט צו. מיטאמאָל האָט ער א קוק געטאָן אף מיר, א לאך געטאָן:

— די אלטיטשקע מײַנע דעקט פאר אײַך אוף סאמע נײַסן... אלעפבייס־נײַסן...

— אלצדינג איז גוט, טײַערינקער מײַנער. נאָר וואָס צו, ווייסט מען וויל, איז איבעריק. אזוי זאָגט די וועלט און אזוי זאָגן אלע אייגענע אונדזערע. גלייבט מיר, סע גייט ניט אין דעם. מיר נייטיקן זיך, כאָלילע, ניט. פארוואָס אָבער פירן זיך ניט אזוי, ווי די גאנצע וועלט פירט זיך? פאר אזא האָרעוואניע, ווי איר זאָגט, וואָלט א צווייטער אף זײַן פּלאץ געקאָנט האָבן יעדן כוידעש ניט ווייניקער פון א טויזנטער...

— מאניעטשקע, — האָט דער פּראָפעסאָר געלאכט אף א קאָל, — הייבסט שוין אָן מיטן טויזנטער?..

דעם פּראָפעסאָרס ווײַב האָט זיך אויך צעלאכט. זי איז צוגעגאנגען צו אים, אָנגעשפּארט הינטער אים די עלנבויגן אירע אפן ווענטל פון דער שטול, געבליבן אזוי א רעגע שטיין לעבן אים א קאָפּ איבער א קאָפּ. א האנט אירע האָט זיך א ריר געטאָן אין דער שטול לעבן דעם פּראָפעסאָרס אויסגעמאָגערטע באקן.

— נארעלע, — האָט זי געזאָגט, — כאָטש בארימען זיך אמאָל טאָר איך אויך ניט? ער וויל דאָך בא קיינעם פארן לערנען קיין קאָפּעקע ניט נעמען. קיין איין קאָפּעקע ניט.

— בא אלע זעקס און צוואנציק שילער? — האָב איך געפרעגט, — כ׳פארשטיי ניט. ווי׳אזוי זשע קאָן עס זײַן?

— איר אויך? — האָט דער פּראָפעסאָר ווידער א לאך געטאָן. — נעמט אײַך אָן מיט מײַ־נער געארעמט.

— אז עמעצער ברענגט אמאָל א שאכטל קאָנפעטן, צי אפילע א בינטל בלומען, מוז מען עס געבן מיר. אין קאָרידאָר. צי אין קיך, כוישעך טוט זיך.

דער פּראָפעסאָר האָט אין די דינע פינגער זײַנע ארײַנגענומען דעם ווײַבס האנט, וואָס איז אראָפּגעהאנגען איבער אים פונעם שטול־ווענטל:

— מאניעטשקע, אויב דו רעדסט שוין וועגן בארימען זיך, לאָז מיך. איך קען בעסער. וואָס, אשטייגער, מיינט איר, זאָגט זי מיר טאָמיד? איר וועט ניט טרעפן. וויפל דו וואָלסט בא זיי ניט גענומען, זאָגט זי, נעמסטו אזוי, גאָרניט נעמענדיק, טײַערער. נו, פרעג איך אײַך, קאָן מען אמאָל ביזן דנאָ דערגרונטעווען, וואָס עס שטעקט אין א ווײַב?

כ׳בין אהיים געגאנגען פונעם פּראָפעסאָר שפּעטלעך אין דער נאכט.

וואָס האָב איך געטראכט?

ס׳איז מיר געקומען אפן זינען יענע באוווסטע נאָוועלע, ווו א מענטש, א שטארקער מענטש, ראטשקעוועט זיך אף אלע פיר מעסלעסנווײַז אין די מידבער־זאמדן. אן אויסגעהונ־גערטער. א דאָרשטיקער. אן אויסגעמארכעוועטער און אויסגעמוטשעטער. הויט און ביין. מיט איין לעצטן פונק לעבן אין זיך. און דער ווילן זײַנער צו בלײַבן לעבן איז אזוי שטארק, אז ער איז גויווער דעם טויט — ברענגט סאָפּקאָלסאָף דעם מענטשן ניצאָכן.

כ׳האָב פון טאָמיד אָן ליב אויב־ניט־נאָך־העכערדיקס.

כ׳האָב געטראכט, אז דער ווילן צו בלײַבן ביז אין די לעצטע מינוטן פונעם לעבן א מענטש, קאָן אמאָל זײַן אויב ניט נאָך שטארקער, אויב ניט נאָך העכער.

נויעך מיט זיבן גרײַזן

כ׳מוז דערציילן נאָך איין ראשקעווער מײַסע.

* * *

א ייִד פאַרגינט זיך א נאָמען נויעך. און דאָס ווײַב זײַנס האָט אַלץ געקינדלט. א ווײַב האָט ער פאַרמאָגט א גראָבע, צוויי שמאָלע אייגעלעך אַף א פעט גוידערדיק פּאָנעם, א הינטן און א פאָרנט — ריבוינעשעלוילעם! ווען זי האָט אים געשענקט דאָס זיבעטע קינד, האָט מען אים אין שטעטל אָנגעהויבן רופן נויעך מיט זיבן גרײַזן.

ער האָט געטראָגן א רעקל מיט לאַטעס, מערער, פאַרשטייט זיך, לאַטעס איידער רעקל. מ׳האָט געדאַרפט האָבן א מיניסטער־קאָפּ אויסצוזוכן פאַר יעדער לאַטע באַזונדער אַן אַנדער קאָליר; און ס׳האָט געקערט שטעקן אין דעם א שטיק צולאָכעס אַרומצונייען די טונקל־פאַרביקע לאַטעס מיט ווײַסע בײַוועלעך און די העל־פאַרביקע מיט שוואַרצע בײַוועלעך. א פריילעך רעקל און אַן עק. ס׳זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן. דרייט זיך אום אין ראשקעוו א ייִד א קאַפּצן, וואָס פּעכנעט אַפן פּיסק, נויעך אויך.

כּוץ דעם, איז ער א קאַפּעלע געווען בלינד אַף אַן אויג. א בעלמע, צי גלאַט אַזוי א מין שלעכט קאַסאָקעדיקייט. ער האָט געשפּאַנט מיטן פריילעכן רעקל אַף זיך קרומקײַלעכדיק. דער גוף ביז אין די אַקסל איז געגאַנגען פאָרויס, גלײַך, און דער קאָפּ אַף די אַקסל, מיטן איינעם זעענדיקן אויג, האָט אַלץ געצויגן אין א זײַט, געקערעוועט דער רועך ווייסט וווהין.

מעגלעך אים, דעם דאָזיקן נויעכן, האָט געמיינט פּיניע דעכטיאַרס טעכטערל, קעניע, ווען זי האָט אַפן גאַנעקל בײַ זיי א זאָג געטאָן:

— אוי, האָב איך פּײַנט קאַפּצאָנים... כ׳קאָן זיי ניט אָנקוקן!...

צו וואָס זשע נעמט זיך אין ראשקעוו אַזא ייִד, וואָס הייסט נויעך? אַלע פּאַרנאָסעס זײַנען פאַרכאַפּט. וואַסערפירערײַ א כאַזאַקע־זאַך. סע גייט איבער פון טאַטעס צו זין. רוק זיך אַרײַן אינדערמיטן, וועסטו אַרויס מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ. מע שמועסט שוין ניט, אַז מע דאַרף האָבן פאַר דעם א פאַס מיט א צאַפּן, קאַנען, א שטיקל פעגירע. די באַגרעבער אין דער כעווורע־קעדושע האַרגענען זיך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, גייען אום נאָך עפּעס א לײַטישער לעווײַע צעבלוטיקטע. א שאַמעס אין א שול דאַרף כאַטש וויסן א כּילעק צווישן א מאַכזער און א מישנײַעס. לעבן דעם בוימל־פּרעס בײַ מוישע גאַרבער אין מאַסלעבוינע איז יאָ געווען א שאַנס. האָט מוישע גאַרבערן אָנגעכאַפּט אַזא געלעכטער, נאָר אַף צונויפצוליפּן זיך. ער האָט נויעכן א נעם געטאָן בײַ דער האַנט, אַרויסגעשלעפּט אים אין הויף און זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן:

— די בלינדע שקאַפּע מײַנע, וואָס דרייט מיר די גאַנצע מאַשינעריע, זי דיך זעט, און דו זי — א פּײַג, האַ? מיט אַזא קוקעניו ווילסטו שטיין בײַ דעם פּרעס? ייִדן, מע קאָן צעזעצט ווערן!

סײַדן, הייסט עס, אַלע דאָנערשטיק גיין מיט דער קאָמפּאַניע פון טיר צו טיר. ניין. דאָס ניט. דאָס וועלן די ראשקעווער שיינע באַלעבאַטים בײַ נויעכן ניט פּויעלן. עס זאָל אַפילע זײַן נויעך מיט זיבן מאָל זיבן גרײַזן.

האַקיצער, אַזוי צי אַנדערש, ראשקעוו האָט צווישן אַלע פּרעכטיקײַטן אירע אָנגעהויבן פאַרמאָגן א שטיקל יאַנקל שאַפּשאָוויטש אויך. ניט, פאַרשטייט זיך, מיט יענעם יעקלס פאַרנעם, מיט איין פּאָנעם אַהער און איין פּאָנעם אַהין, טוירע, שמוירע — פּראָסטער, שמעלער, ראשקעוויש: כ׳בין הונגעריק, לייג איך אַוועק אַלע לײַטישקײַטן אין א זײַט און זאָל מיר עמעצער קאָנען עפּעס טאָן דערפאַר.

אין דרויסן, אַף דער טיר, איז ניט געהאַנגען קיין שום רויט לאַמטערנדל. נויעך האָט געוווינט אויבן אַפן באַרג, בײַ נאָסן שערער אין א באַשקע. עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּ, א קרום טירל, א הויכע שוועל, צוויי כאַדאָרימלעך מיט די סטעליעס איבערן קאָפּ, א קיכל. די פּאַרנאָסע האָט געאַרבעט צוויי מאָל אין דער וואָך: פרײַטיקצונאַכטס און שאַבעסצונאַכטס. זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק און טאַקע אַפילע פרײַטיק האָבן ביידע „קאַרלעס” געסיליעט טוטין אַפן פעלד. ווער פינקטלעך די צוויי מיידן זײַנען געווען און וויאַזוי זיי האָבן אויסגעזען, האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן. מאַכמעס אַלצדינג איז פאָרגעקומען אין דער פינצטער, אין דער שטיל, אין אײַלעניש, אין ענגן קיכל.

ווען ראשקעוו האָט מעקאַבל שאַבעס געווען, אונדזערע טאַטעס און מאַמעס זײַנען זיך געמיטלעך געזעסן בא די טישן און פאַרזוכט דאָס שאַבעסדיקע שטיקל געפילטע פיש און דאָס שאַבעסדיקע באַטאַמט ביסל יויך, די מאַלקע שאַבעס האָט אַרײַנגעשוווּבט אין יעדער שטוב אָף אירע שפּיץ פינגער, אין די געסלעך איז געווען טונקל-שטיל, האָבן מיר, טעלעכע גוטע שאַלטיקעס, אַרויסגעגאַנוועט זיך פון די הײַזער און זײַנען קימאַט אויך אַזוי־אָ אָף די שפּיץ פינגער אַוועק צו נויעכן מיט די זיבן גרײַזן פאַרזוכן דעם טאַם פון ליבע. קיין באַר־מיצווע־ייִנגעלעך זײַנען מיר, דאַכט זיך, נאָך ניט געווען. פאַר אונדזערע אויירעס זײַנען נאָך דערוויל אָפּגעקומען אונדזערע טאַטעס, נעבעך.

נויעך האָט אונדז אַראָפּגעפירט פון די טרעפּלעך, אַ שקראַבע געטאָן דאָס קרומע טירל. די עטלעכע לײַ, דעם סכאַר פאַר אונדזערע זיסע זינד, האָבן מיר אים שוין געהאַט אַרײַנגע־קוועטשט אין דער האַנט אויבן, איידער עפּעס־וואָס. אין פּאָדערשטן כיידערל איז געזעסן אָף אַ טאַפּטשאַן נויעכס גראַב ווײַב, געהאַלטן די פיס אירע אָף אַ בענקעלע, געזעסן און גע־שאָקלט זיך, ווי מע שאָקלט זיך בא אַ צאָרע, בא גרויסע יעסורים, צי, כאָלילע, באַם באַוויי־נען עמעצן. איינציקוויז האָבן מיר זיך דורכגעשלײַכט פאַרבײַ איר, און זי האָט יעדן באַזונ־דער באַגלייט מיט איין וויינענדיק־זינגענדיקן קאָל:

— דאָס איז מײַן ליכט־בענטשן, אַ בראָך איז צו מיר!..

די צוויי מיידן אין ענגן קיכל האָבן כיכיקעט. זיי האָבן אַרומגענומען אונדזערע שמאָלע פּלייצקעס מיט ברייטע צעוואָקסענע הענט, וואָס האָבן געשמעקט נאָך טוטין־ביטערקײַט. און אַז מיר האָבן זיך אין עטלעכע רעגעס אַרום צוריק אַרויסגעשלײַכט פאַרבײַ נויעכס ווײַב, האָט זי אונדז באַגלייט מיטן זעלבן וויינענדיק־זינגענדיקן ניגון:

— באַלעבאַטישע קינדער, אַ בראָך איז צו מיר... דערציילט כאָטש עמעצן... זאָל כאָטש די וועלט וויסן, אַ בראָך איז צו מיר...

מיר זײַנען אַרויס אין דרויסן מיט אַ געלעכטער. נאַרישע צאַפּיקלעך. אונטן אין גאַס האָט מען שוין שפּאַצירט, נאָך דער פּרייטיקצונאַכטסטיקער סודע. מיר האָבן געלאַכט פון נוי־עכס פּאַרנאָסע. מיר האָבן געלאַכט פון נויעכס ווײַב, וואָס האָט גערעדט „בראַדעריש", גע־זאָגט אָפּן אָרט פון „אַ בראָך איז צו מיר" „אַ בכאָך איז צו מיר". מיר האָבן געלאַכט פון אונדזערע זיסע זינד, וואָס זײַנען שוין גאָרניט געווען אַזוי זיס, מערער ביטער איידער זיס. און זײַנען קעגן די צוויי אָרעמע מיידלעך בעפּיירעש געווען זינד. מיר האָבן געלאַכט, ווײַל מיר זײַנען געווען נאַרישע צאַפּיקלעך און נאָך ניט געוווּסט, ווען מע דאַרף יאָ לאַכן און ווען מע דאַרף ניט לאַכן.

וואַזוי זאָל איך איצטער דעם דאָזיקן נויעכן אויסטײַטשן? פאַרשפּײַען? עפּשער גאָר פאַר־ענטפערן?

עפּשער זאָגן, אַז די דאָזיקע שיינע פּאַרנאָסע זײַנע איז גאָר געווען אַ מין צולאָכעס־זאַך, אַ צולאָכעס־פּאַרנאָסע. ווילסט ניט, וועלט, מיט גוטן, גיי איך מיט דיר מיט שלעכטן. ווילסט ניט זײַן שיין — נאַ, זע, ווי מיִעס דו ביסט.

וועמ ווייסט?

* * *

אַלע שטיבלעך אין שטעטל האָט מען אַרומגעצייכנט מיט קויל. מ׳האָט געריסן קוואָרים, געפּאַסט טאַנייסים, געזעסן טאָג־און־נאַכט אין די קלויזן און געזאָגט טילים. מ׳האָט כאַסענע געמאַכט אָפּן בעסוילעם זיסל די שטומע לעלע מיט שאַפּסע דעם פּריטשמעליעטן. ס׳האָט ניט געהאָלפֿן. די מאַגייפע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

— רעב באָרעכל, מענטשן פאַלן ווי פליגן. ס׳אַ גזאַר, ס׳איז אַן אוינעש, רעבע? וואָס זאָל מען טאָן?

— גייט אַהיים, קינדערלעך, און זיצט שטיל. איך אַליין וועל שוין טאָן...

אין דער פּוסטער קרעטשמע אָף יענער זײַט בריקל קערן זיך אַלע באַנאַכט וועלטן. נישט־גוטע פּראַווען שטיק ביזן ערשטן האָנענקריי. נאַקעטע נעקייוועס טאַנצן מיט נאַקעטע זכאָרים. מע באַהעפט זיך איינער מיטן אַנדערן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. רעב באָ־רעכל איז אויך אינדערמיטן. ער העפּעט מיט אַ הוילן טאַלעסקאָטן אָפּן נאַקעטן לײַב. די שפּיציקע קני זײַנע ציטערן אונטער. די באָרד איז אים פאַרשמיסן אין דער קרום. די אַנט־פּלעקטע ערווע באַמבלט זיך צווישן די ציצעס. עס נעמען דיך ניט, קעוואַיאַכל, קיין מיצוועס און קיין טפילעס, ווען דיך נעמען כויזעק און זינד. און — די מאַגייפע האָט זיך אָפּגעשטעלט. מע דאַרף, פאַרשטייט זיך, זאָגן טויזנט מאָל לעהאַוודל.

נאָר אַזאַ קאַפּוירע געשיכטע איז דעמלט אין די שטעטלעך אומגעגאַן.

* * *

דערנאָך, די קינדער זײַנען אים א ביסל אונטערגעוואַקסן, איז נויעך מיט זײַן הויזגעזינד ארויס קיין יאַס. אין יאַס, אַף דער רויטער בריק, האָבן שוין געלעבט א סאַך ראַשקעווער. ווער ס׳האָט געוואַשן טעלער אין א שענק, ווער ס׳האָט זיך צוגעלערנט וועבערײַ, ווער ס׳האָט געדינט אין א קלייט. מ׳האָט געגעסן א שטיקל ברויט. ראַשקעווער האַסאַגעס.

נויעך, דערציילט מען, האָט זיך אין יאַס צו אלצדינג געוואָרפן. ער איז געווען א טרעגער, א לאַמטערן־צינדער, א נאַכט־שוימער אין א סקלאַד פון ברעטער, א גאַסן־קערער. אַנהייב זומער האָט ער אפילו אומגעפירט אַף א האַנט־וועגעלע אין די הויפן גרינוואַרג: בינטלעך ציבעלעס, רעטעכלעך, פרישע אוגערקעלעך. אַזוי־אָ, דאַפקע מיטן איינעם אויג, מיטן קרומקײַלעכדיקן געגנגל זײַנעם.

אין א גרויסער שטאָט ווערט מען ניט פאַרפאַלן — האָט מען אָנגעהויבן זאָגן אין ראַשקעוו. א הו־הא, א לויפעניש און א יאָגעניש, טראַמוויען, מאַשינעס, א טומל, א בעהאָלע — אייסעך, פוסטע מײַסעס. א סימען: אָט, זעט איר דאָך!

פאַרקערט: ס׳האָט זיך פלוצעם פאַרשפרייט א קלאַנג אין ראַשקעוו, אַז איבערן דאָזיקן טומל און איבער דער דאָזיקער בעהאָלע איז נויעך מיט די זיבן גרײַזן באַגליקט געוואָרן.

און ס׳איז גאָרניט געווען קיין פוסטער קלאַנג. א קינד נויעכס האָט זיך געשפּילט אין גאַס, א מאַשין איז דאָס קינד איבערגעפאָרן, און דער באַלעבאָס פון דער מאַשין האָט נויעכן באַצאָלט דערפאַר צען טויזנט ליי. אליין אַרײַנגעבראַכט אין שטוב און אויסגעציילט אַפן טיש. וואָס איז קעגן אַזא גליק דער גליקלעכסטער אין קאָדניע?

אין ראַשקעוו האָט מען געקנאַקט מיט די צונגען: הער־הער. כ׳האָב מוירע צו זאָגן, אַז שטילערהייט, ערגעץ טיף־טיף אין זיך, האָט ראַשקעוו נויעכן אָנגעהויבן מעקאַנע צו זײַן.

ווהאַרײַע, אַז נויעך מיט די זיבן גרײַזן איז אין עטלעכע יאָר ארום אַראָפּגעקומען עלעל־צײַט אהיים אַף קייווער־אָוועס, האָבן זיך ראַשקעווער יעדן געדרייט ארום אים, באַטאַפּט דאָס רעקל זײַנס, וואָס איז מער ניט געווען קיין פריילעך רעקל, ניט געהאַט אַף זיך, הייסט עס, קיין צולאָכעס־לאַטעס — א רעקל ווי אלע רעקלעך, גערופן אים רעב נויעך, און, דאַכט זיך, אפילו אַרויסגעקוקט אַף א שיינער נעדאָווע זײַנער — די פאַרמאַכיקטע באָד אין ראַשקעוו וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט האָבן א נײַ שטיקל דאַך אַף זיך...

* * *

נא, וועלט, זע, ווי שיין דו ביסט.

רעגעס מיט אָפּאַטאַשן

כ׳מעג זיך שוין עפּשער איצטער אין דאָזיקן כעט מוידע זײַן: מײַנע ערשטע זאַכן, סײַ די, וואָס כ׳האָב נאָך געשעמט זיך עמעצן צו ווײַזן, סײַ, דערנאָך, די, וואָס כ׳האָב שוין אָנגעהויבן שיקן דרוקן, האָב איך זיך „געלערנט" אָנשרײַבן בא אָפּאַטאַשן.

פאַרוואָס כ׳האָב דעמלט צווישן אַזויפיל גרויסע שרײַבער, וואָס האָבן געעפנט פאַר מיר נײַע וועלטן, און כ׳האָב זיי דערפאַר זייער ליב געהאַט, אויסגעקליבן גראָד אָפּאַטאַשן פאַר יענעם באַליבטן לערער, וועמען עס ווילט זיך אלצדינג נאָכמאַכן, אפילו די טנועס, דעם קסאַוו, אפילו די האַרבקײַט זײַנע, האָב איך זיך מינאַסטאַמע קיין כעזשבן ניט אָפּגעגעבן.

מעגלעך, כ׳האָב דעמלט צווישן אלע גרויסע אים געהאַלטן פאַרן גרעסטן. מעגלעך — פאַרן נאָענטסטן. מעגלעך, צו אים האָב איך געפילט א גרינגערן צוטריט. און מעגלעך — אָן שום אַרומטראַכטעניש. ערגעץ טיף אינווייניקס, פאַרהוילנס, אָן א פאַרוואָס.

כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, פאַר קיינעם אַף די ליפּן ניט געבראַכט, בא וועמען איך „לערן" זיך אַזוי געטרײַ. כ׳האָב דאָס געטאָן בעסאָד־סוידעס. כאָטש, אפילו א בלינדער וואָלט עס אויך געווען געקאָנט זען.

כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי א מענטשן א פאַרשלאָסענעם אין־זיך, א טיפן שווײַגער, אייביק א פאַרהויקערטן איבער ספאָרים, א לאַמדן מיט פאַרכמורעטע ברעמען, אָן א שמײַכעלע אַפן פּאָנעם, א פאַרטאָנענעם אין אוילעמעס עליינים.

כ׳האָב זיך מיר אים ביכלאַל ניט פאָרגעשטעלט קיין לעבעדיקן מענטשן, וואָס מוז יעדן טאָג טרינקען א גלאָז טיי, זיצן לעבן א טעלער עסן, טראָגן א פּאָר אויסגעפּרעסטע הויזן. כ׳האָב זיך מיר אים פאָרגעשטעלט אזוינעם, וואָס איז שוין גאָר לאַנג צווישן אונדז נישטאָ, און דרייט זיך אָבער קעסיידער אום א לעבעדיקער אין יעדער שטוב אונדזערער. עלעהיי... עלעהיי מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם...

איז אָט, אין א שיינעם טאָג, הער איך פּלוצעם, אז אָפּאַטאָשו איז דאָ אין בוקארעשט. דורכפאָרנדיק, האָט ער זיך דאָ פאַרהאַלטן אף צוויי מעסלעס. היינט וועט אין באראשעום פאָרקומען א ליטעראַרישער אָוונט זיינער.

ס׳איז גראָדע אויסגעפאַלן אין א זונטיק. איך און מיין פרוי אַלגע זיינען ביידע געווען פריי. א גאַנצן פרימאָרגן האָט אַלגע גערעמט, געוואשן די פענצטער, געבערשטלט אפּן. באַלד קאָן די פּאָר קילימלעך, געווישט, געפּוצט, געראַשט זיך מיט א פאַרפאַליעט־אָנגעצונדן פּאָ־נעם. איך בין אומגעגאַן אין שטוב אַן אומעטיקער. קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפונען. אלצ־דינג איז מיר געפאַלן פון די הענט. אַלגע האָט א זאָג געטאָן:

— הערסט, ביסט עפּעס א קאַפּריזער מענטש. אפּן אָרט זאָלסטו זיך פרייען, עס זאָל זיין בא דיר א יאָמטעוו...

כ׳האָב איר בעפיירעש ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. עפּעס האָט אין מיר געציטערט אזא געפיל, ווי גלייך עס האַלט זיך אין איין אָנרוקן אף מיר א הויכער באַרג. וואָס מער ער דערנעענטערט זיך, אַלץ העכער און העכער ווערט דער באַרג, און אַלץ קלענער און קלע־נער ווער איך. בעפיירעש, טאַקע עפּעס א קאַפּריזער געפיל.

— מענטשן, — האָב איך געזאָגט, — גייען אוודאי צו אים. רעדן מיט אים. פאַרבעטן אים אוודאי צו זיך אף אָנבייסן.

— לאָמיר אים אויך פאַרבעטן. — איז אַלגע טאָמיד געווען א פּראָסטער גוט־שאַבעס, — וואָסי, מירן פאַרשעמט ווערן? דיין מאָגערער אָנבייסן וועט אים עפּשער זיין ליבער פון אן אנדערנס פעטן.

— עס גייט ניט אין אָנבייסנס.

— אין וואָס זשע גייט? א צווייטער אף דיין פּלאַץ וואָלט זיך דערוווּסט, אין וועלכן האָ־טעל ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואָלט אָן שום מייסעס ארופגעגאַנגען צו אים און זיך פאָר־געשטעלט: אזוי און אזוי, דאָס בין איך. ער וועט זיך, גלייב מיר, נאָר פרייען. האַלטסט דאָך טאָג און נאכט אין איין רעדן פון אים.

כ׳האָב אָנגעהויבן שיטן נארישקייטן:

— פאַרשטייסט? אנדערע טויגן זיך אויס. בא אנדערע הייסט כוצפּע דרייסטקייט. אנ־דערע ווייסן וואָס צו זאָגן, ווי צו פירן זיך. איך פאַרליר זיך. פאַרליר דאָס לאָשן. ווייס ניט ווו אהינצוטאָן די הענט. כ׳האָב א פולן קאָפּ מיט געדאַנקען. גוטע געדאַנקען. צעפליען זיי זיך, ווי דערשראָקענע פייגל. דער קאָפּ בלייבט ליידיק. כ׳זע אויס, ווי א נאַר. כ׳בין ניט איך. איך וויל זיין איך, אַלגע. כ׳וואָלט אים נאָר געוואָלט אָנקוקן. שטיין פונדערווייטנס און אים אָנקוקן. איך אים זאָל זען, און ער מיך ניט.

אַלגע האָט מיך ניט געלאָזט אויסרעדן:

— כ׳ווייס. כ׳קען דיך שוין א ביסל. נו, גייען מיר דאָך היינט אפּן אָוונט. וועסטו זיצן פונדערווייטנס, וויפל דאָס הארץ וועט דיר גלוסטן, און וועסט אים אָנקוקן.

— נע. פאַרשטייסט מיך ניט. איך זאָל זיין אליין און ער זאָל זיין אליין. איך זאָל קוקן אף אים און ער זאָל ניט וויסן, אז מע קוקט אף אים.

אַלגע האָט א הייב געטאָן מיט די אקסל. זי האָט ניט גאָר פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל. איך אליין האָב אויך ניט גאָר־גאָר פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל. נאָר בא אַלגען זיינען געווען גלייך אלע מיינע קרומקייטן. זי פלעג ניט פרעגן קיין סאך קאַשעס. אזוי זאָג איך, איז מי־נאַסטאַם אזוי גוט געזאָגט. און זי האָט א מאַך געטאָן:

— שאַ, ווייסטו וואָס? לאָמיר שפּעטער ארויסגיין אין גאַס. ס׳קאָן גאָרניט זיין, ער זאָל ניט דורכדרייען זיך א ביסל אף וואַקארעשט צי אף דודעשט. וועסט אומיסטן זען. מיר שפּאַ־צירן אהער, שפּאַצירן אהין, און גיבן א קוק — ער גייט. וועסט דאָך אים באַלד דערקענען, ניט אזוי?

אַלגעס אייביקע נאַיווקייט. וואָס וועט פּלוצעם אָפּאַטאָשו היינט־אָ פאָרן אָוונט נעמען אומדרייען זיך אף די גאַסן? ווער וועט אים גאָר ארויסלאָזן פון די הענט? און אז ער וועט זיך שוין יאָ, זאָגן מיר, אומדרייען אף די גאַסן, וועט ער זיך אומדרייען אליין? און אז ער וועט זיך שוין אומדרייען אליין, מוזן מיר אים דאַפקע באַגעגענען? נאָר ס׳איז מיר שוין פּאָשעט געווען א בושע פאַר אַלגען אזא־אָ קליינינקייט אויך ניט וועלן טאָן.

א שיינע קלייניקייט. א נארישקייט! מיר האָבן עפשער צוואנציק מאָל אויסגעשפּאנטביידע הין־און־צוריק אי דודעשט, אי וואקארעשט. דאָס ייִדל מיטן באוווסטן קעסטעלע זײַנעם פרישע אונטערגעוואָרעמטע לעקעכלעך טראָגט זיך אום איבער ביידע גאסן, ווי א וויכער, שרײַט: „עלעקטריקע! עלעקטריקע!". די פּאָלעס פונעם רעקל זײַנען אים צעפלויגן, דאָס בערדל — פארשפּיצט, די אויגן — צעיאָגט. אוילעם כאַפּט די לעקעכלעך ניט אזוי, ווײַל זיי, די לעקעכלעך, זײַנען געשמאַק, נאָר ווײַל ס'איז דעם אוילעם גוט אפן הארצן פון דער אײַנפאלערישקייט, קוועקזילבערדיקייט און קאָמישקייט דעם ייִדלס. דאָס ייִדל האָט שוין עטלעכע מאָל דאָס קעסטעלע אויסגעליידיקט און שוין עטלעכע מאָל דורכגעטראָגן זיך פארבײַ אונדז מיט אן אָנגעפולט קעסטעלע: עלעקטריקע! עלעקטריקע!

א צווייטער באקאנטער ייִד, וואָס גייט נאָך אף די טראָטוארן מענטשן הינטער די פּלייצעס מיט א שוואך נעבעכדיק קעלעכל: „גיטס א נעדאָווע! גיטס א נעדאָווע!" און אז מע גיט ניט, ווערט פונעם שוואכן קעלעכל א געזונטע געמבע: „איר ווילט ניט געבן, לײַט זשע א נעדאָווע, מע זאָל אײַך אָפּגעבן!.." דער ייִד האָט דעמלט, געדענק איך, מיך מיט אָלגען אזש צוויי מאָל מעכאַבעד געווען מיט דער דאָזיקער שיינער בראָכע זײַנער.

מיר האָבן זיך עפשער צוואנציק מאָל אָפּגעשטעלט לעבן וויטרינעס. געלייענט אף די רעקלאַמע־בודקעס אפישן. כ'האָב סאָפּקאָלסאָף גוט צעבייזערט זיך אף אָלגען. א זאָג געטאָן דאָס וואָרט נארישקייט. בא אָלגען האָבן א בלישטשע געטאָן די אויגן. זי איז, נעבעך, גרייט צו טאָן די גרעסטע נארישקייטן אין דער וועלט, אבי מיר זאָל זײַן גוט. און מיר איז טאָמיד שלעכט. פארוואָס איז מיר טאָמיד שלעכט? א שטיק צײַט זײַנען מיר ביידע געגאנגען שווײַגנדיקע, ביידע מיט אָנגעברויגעזטע נעז. דערנאָך האָבן מיר זיך איינס־צוויי איבערגעבעטן. מיט אָלגען האָט מען זיך שטארק גרינג גע̇קענט איבערבעטן. מיילע, ס'איז טאקע א יאָמטעווו, יאָמטעווט אָבער יעדער גלײַך? כ'האָב איר דערציילט פּערעצעס „קונצנמאכער". האָקוס־פּאָקוס — און אין דער אָרעמער שטוב איז אויך אויסגעוואַקסן א סיידער, ארבע־קויסעס, ליכט אפן טיש, פרייד. זאָל כאָטש זײַן א פארבלענדעניש! — האָב איך געזאָגט. אָלגע האָט געטוליעט צו זיך אן עלנבויגן מײַנעם. צו וואָס א פארבלענדעניש? ס'וועט זײַן. ס'וועט זײַן. אף א רעכטן עמעס.

מיר זײַנען שטיין געבליבן אף וואקארעשט לעבן קינאָ „איזבינדע", אָנגעקוקט די ארויסגעהאנגענע פאָטאָגראפיעס פונעם נײַעם פילם, וואָס הייבט מאָרגן אָן גיין. פּונקט אנטקעגן איז דער ייִדישער גאָרטן־טעאטער. איבערן טעאטער־טויער, אף א האלב־קײַלעכדיקער ארקע, איז אָנגעשריבן אף רומעניש: „טעאטרו נאָו". דער נײַער טעאטער, הייסט עס. אין הויף איז ערשט פאראן נאָך איין טויער, אויך מיט אזא האלבקײַלעכדיקער ארקע. צווישן טויער און טויער קומען ארויס די פענצטער פון א מין רעסטאָראנדל, אָדער א מין טשײַנע, ווו ייִדן, אמכאָ־מענטשן, קאָנען שאָענווײַז אָפּזיצן איבער א הוילן טשײַניק טיי, אָדער קאָנען אף עטלעכע מינוט ארײַנלויפן א קײַ טאָן א פּאָר הייסע מיטיטייעס, א זופּ טאָן א פּײַן גלעזל צוויקע. אין טעאטער־גאָרטן שוועבן אָפּט אום איבער די קעפּ רויכלעך. נאָר דאָס זײַנען גאָר אנדערע רויכלעך. גראטאר־רויכלעך, וואָס טראָגן אין זיך אלע בעסטע טאַמים און אלע שענסטע רייכעס. קיינער וועט שוין דערנאָך, נאָכן טעאטער, ניט קאָנען קאלטבלוטיק פארבײַגיין דאָס רעסטאָראנדל. ווו א בוקארעשטער ייִדן, א כאָכעם, פאלט אײַן אוועקצושטעלן א געשעפט אף צו האָבן שיין פּארנאָסע!

אָלגע האָט מיר א זאָג געטאָן:

— קום, וועלן מיר אף א פּאָר מינוט ארײַנגיין. מירן עפּעס איבערכאַפּן. און זיך טאקע א ביסל אָפּרוען אויך.

אין רעסטאָראנדל, צי אין טשײַנע, איז פּונקט ווי טאָמיד געווען אן ענגשאַפט, א הו־האַ. קעלנער מיט דינע וואָנצעלעך האָבן זיך זײַטלדיק דורכגעשטופּט צווישן די טישלעך מיט טשײַניקעס טיי אין די הענט, מיט טאצן געבראָטענע פליישן אין דער הייך אף די דלאָניעס. אוילעם האָט געשוויצט, איבערגעשריגן איינער דעם אנדערן, געטײַנעט מיט צעפּאַכטע הענט, געזעסן אײַנגעהילט אין פּארע. אין זאַל, ווו די פענצטער גייען ארויס אין טעאטער־הויף, זײַנען קימאַט אלע דרײַ רייען טישלעך געווען פארנומען פון סאַמע מאנצבלען. א קעלנער האָט אונדז ווי־ניט־איז אָפּגעזוכט צוויי פּלעצער, אוועקגעזעצט אונדז, א גוטן קרום געטאָן זיך פון אונדזער באשטעלונג.

אָלגע האָט מיך ניט שלעכט געפירט. פּלוצעם, כ'טו א הייב אוף די אויגן — ער. כ'האָב אים באלד דערקענט. כאָטש, ניט אזוי גרינג האָט מען אים געקאָנט דערקענען. ס'פּאָנעם האָט מיר אזש אָנגעהויבן פלאַמען. כ'האָב אָלגען א קוועטש געטאָן בא דער האנט:

— אָט זיצט ער. דאָרטן־אָ. באַם פענצטער.

— ווו?
— אַפּאַטאַשו.
— דאָס איז אַפּאַטאַשו?
ס׳איז טאַקע געווען ניט ער. ס׳הייסט, ס׳איז עפּעס יאָ געווען ער און ניט געווען ער. אַרום טישל איז געזעסן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע באַלמעלאָכעס. מאַליערס. מ׳האָט געזען, אַז דאָס זײַנען שטוב־מאַליער, מאַכמעס אַפּן פּענצטער און באַ דער וואַנט לעבן טישל זײַנען געווען אָנגעשטעלט קאַלך־עמערס איינס עמער אין אַנדערן, בערשט, צעגוויפּגעקאַטשעטע טראַפּאַרעט־טאַוולען, אַפּילע אַ פּאָר מאַליערישע לייטערלעך. אַף די לייטערלעך זײַנען געלעגן מאַליעריש־אויסגעקווייטלטע אַרבעטס־בגאָדים. כוץ דעם, האָב איך צווישן דער קאָמפּאַניע דערזען אַ באַקאַנטן מאַליער מײַנעם, איינעם מאָרדכע שאָר. מאָרדכע שאָר איז געווען אַ הויכער און אַ שוואַרצער, האָט געהאַט אַ ביינערדיק פּאָנעם מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, פלעג טאָמיד אַרומגיין מיט אַ ניט אַפּגעגאָלטער האַרטער באָרד. ער האָט ליב, האָב איך געוווּסט, איבערצוליגן אין די טשײַנעס. קאָן זיך אוועקשטעלן פּאַרלייענען דעם אוילעם באַלמעלאָכעס זײַנעם אַ גוט שטיקל פון אַ פרישער בלאַט. און אוילעם ווייסט שוין, אַז מע דאַרף דערנאָך אַרײַנוואַרפן אין אַ שיסעלע אַ צוויי־דרײַ ליי — מאַטיר־אַסורים־געלט האָט עס שאָר גערופן. מאָרדכע שאָר האָט טאַקע איצט באַם טישל געפירט דאָס רעדל.
דער ייִד, וואָס כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז אַפּאַטאַשו, איז געזעסן אַנטקעגן שאָרן, עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט אים. ביידע האָבן, אַפּאָנעם, עפּעס זיך ניט געקענט פאַרגלײַכן. שאָר האָט, זעט אויס, אַלעמאָל געשיט מיט ווערטלעך, און אוילעם האָט זיך אַלעמאָל צעלאַכט. אינגאַנצן אַפּאַטאַשוס פּאָנעם. אַפּאַטאַשוס שטערן, אַפּאַטאַשוס שפּיציקער קין, אַפּילע די אויגן אַפּאַטאַשוס. נאָר ס׳איז ניט ער. ס׳איז ניט דער לאַמדן מיט די פאַרדווייקעטע ברעמען. דער כאַכעם מיט דער האַדרעספּאָנעמדיקײַט. אַ וואָכעדיקער נידעריק־געפּאַקטער ייִד. אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר. אַ פּראָסט רעקל אַף אַ באַלמעלאָכיש־אויסגעהאַרעוועטער פּלייצע. אַ וואָכעדיק מאַכן מיט די הענט. גיי ווייס, אַז אין בוקאַרעשט דרייט זיך אום אַ ייִד אַ שטוב־מאַליער, ווי צוויי טראָפּן ענלעך צו אַפּאַטאַשון.
— פּאַשעט אַף צו כידעשן זיך. — האָב איך אַלגען ניט געלאָזט רוען. — אינגאַנצן, אינגאַנצן זײַן פּאָנעם.
אַלגע האָט געלאַכט:
— גיי, ביסט גוט צעדרייט. זעסט שוין איצטער אין יעדן איינעם זײַן פּאָנעם.
— דער הײַנטיקער טאָג האָט באַ מיר צוגענומען אַ האַלב לעבן. אַ וואָיל שפּאַצירל. כ׳קאָן זיך פונעם בענקל ניט אופהייבן.
— נו, קום אהיים. נאַרעלע, כ׳האָב דען געוואָלט שלעכטס? מע דאַרף שוין סײַוויסײַ איינגיכן קלײַבן זיך אין באַראַשעוס. נאָכן אָונט וועסטו עפּשער קאָנען אַרופגיין צו אים.
— אײַ, לאָז מיך שוין אָפּ מיטן אַרופגיין און מיטן אַראָפּגיין...
— עפּשער גיי איך אַליין נאָכן אָונט צו צו אים? וואָסי, כ׳וועל אים ניט קענען זאָגן, דערציילן? לאָז ער כאָטש וויסן, אַז דו ביסט דאָ.
— ווילסט מיך נאָך אָנטאָן בושעס אויך? ס׳איז מיר קאַרג?
מיר האָבן זיך אופגעהויבן אוועקצוגיין, און איך האָב אַלץ געקוקט אַהין, צו מאָרדכע שאָרס טישל. דער ייִד מיטן אַפּאַטאַשו־פּאָנעם האָט, זעט אויס, דערפילט, אַז מע קוקט אַף אים און האָט אָנגעהויבן קוקן אַף אונדז, נאָכגעקוקט אונדז, ביז מיר זײַנען אַרויס פונעם רעסטאָראַנדל.

דער באַראַשעוס־זאַל איז געווען פול.
מיינסטנס — בעסאַראַבער ייִנגלעך און מיידלעך, פּאַרלעך: לינקע, געוועזענע קולטור־ליגיסטן. אין די ערשטע פּאָר רייען איז געזעסן די בוקאַרעשטער ייִדישיסטישע אינטעליגענץ: באַקאַנטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַ פּאָר ליטעראַרישע דאַמעס, הייסע ייִדיש־כאַסידים, גרויסע פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, די ערשטע און אָפּטסטע אַף ליטעראַרישע אָונטן, בײַפּראַט אַף אַזאַ־אַ זעלטענעם, די לעצטע יאָרן עפּשער איינ־און־איינציקן, קאַבאַלעס־פּאָנעם־אָונט.
אויבן אַף דער גאַליאַרקע האָט זיך געראַשט מאָרדכע שאָר. ער האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אויסגעזעצט דעם אוילעם זײַנעם אַף די לאַנגע גאַליאַרקע־בענק, אָנגעזאָגט, מע זאָל זיצן שטיל, מע זאָל ניט קלאַפּן מיט די פיס. מע זאָל זיך ניט צעלאַכן, ווען מע דאַרף און ווען מע דאַרף ניט, מע זאָל ניט מיינען, אַז מע זיצט אין אַ טעאַטער, זיצט מען, אין אַ כינקע־פּינקע־טעאַטער.

ס'האָט זיך צערוקט דער פאָרהאַנג. אוילעם האָט אָנגעהויבן פּליעסקען. באַם טיש אַף דער בינע, יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע, צעשײַנטע — ביקל, שטערנבערג, גראָפּער. און צווישן זיי — אין דער מיט — ער, אַפּאַטאָשו. א נידעריקער און אײַנגעהויקערטער, נידעריקער און קלענער, דאכט זיך, פון זיי אלע דרײַ.

אָלגע האָט אזש געגעבן א שפּרונג אונטער אפן בענקל, אזש א קניפּ געטאָן מיך:

— ס'איז דאָך ער... יענער!..

מיר זײַנען געזעסן ביידע און געפּײַניקט זיך. אָלגע: סע גייט אים נעבעך ניט. ארויסגעגליטשט זיך פון דער האַנט אזא שאַס־האַקוישער. איך: וויאַזוי האָב איך אים ניט דערקענט? אפילע פּאָשעט דערקענען אים בין איך ניט בעקויעך.

ביקל האָט דעם גאַסט פאָרגעשטעלט. ווען איך שרײַב אָן, — האָט ער געזאָגט, — דאָס, וואָס איך קלײַב זיך איצטריידן, וואָלט איך דעם עסיי אָנגערופן „אַפּאַטאָשו — אויג". אַפּאַטאָשו איז דאָס שאַרפּסטע אויג אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. א צווייטער דאַרף העַנט, פיס, לונגען, פלייצעס, האַרץ, מויעך — אים איז גענוג בלויז דאָס אויג זײַנס. אפילע ניט דאָס גאַנצע אויג, וואָלט איך געזאָגט. נײַערט איין שפּעלטיקל, איין שפּעלטיקל אין אויג. ווען מיר זײַנען אייערנעכטן באַנאַכט געפאָרן מיטן כאָשעוון גאַסט פונעם וואָקזאַל, איז ער געזעסן אין מאַשין א מידער, אַן אויסגעמאַטערטער, בעלאַכעש אונטערגעדרעמלט. און ווען־ניט־איז, מיט א שמאָל שפּעלטיקל פונעם אויג, געוואָרפן א בליק דורך די יאָגנדיקע מאַשין־פענצטערלעך אַף די גאַסן, אַף די הײַזער, אַף די שטאָט־לאָמטערנס. ער דאַרף מער ניט. כ'בין טיף איבערצײַגט, אז אונדזער ליטעראַטור וועט איצטער רײַך ווערן מיט נײַע, בוקאַרעשטער אַפּאַטאָשו־נאָוועלן...

כ'האָב די גאַנצע צײַט געקוקט אַף אַפּאַטאָשון, און ס'האָט זיך מיר פּלוצעם אויסגעדאַכט, אז אַפּאַטאָשו זוכט מיך אויס צווישן די בענקלעך און הייבט אָן קוקן אַף מיר. איך אים, אייגעם, האָב הײַנט ניט דערקענט, און ער מיך, צווישן אזא גרויסן אוילעם, דערקענט יאָ. און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז אַף אַפּאַטאָשוס ליפּן האָט זיך א פּיק געטאָן א שמייכל, און ער זוכט פונדערווײַטנס אַף מײַנע ליפּן אויך א שמייכל. און ס'האָט זיך מיר נאָך אויסגעדאַכט: כאָטש מיר האָבן זיך געזען ניט מער, ווי א פּאָר רעגעס, און כאָטש כ'האָב מיט אים קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט, ווייס איך, איינער צווישן אזא גרויסן אוילעם, זײַנעם א סאָד.

א סאָד!

כ'האָב א דריי געטאָן דעם קאָפּ צוריק, ארוף צו דער גאַליאָרקע, און ס'האָט זיך מיר א דאכט געטאָן, אז אָט־אָ באַלד וועט מאָרדכע שאָר א געשריי טאָן פונויבן אפן גאַנצן קאָל זײַנעם:

— נו, און הײַנט באַטאָג?.. אין רעסטאָראַנדל?..

נאכעם פרידמאַן

אין באַגינען-קאַנט

אַ ניגון

אַן אומקלאָרער ניגן
אין האַרצן זיך שפּינט,
אַף פידלען פון ביימער,
עס שפּילט אים דער ווינט.
וואָס רוימט ער מיר איַין
און וואָס לאָזט ער מיר הערן, —
דאָס קאָנען נאָר וויסן
אין הימל די שטערן.

זיי פינקלען, זיי ווינקען
און זאָגן: „געדענקסט,
ווי גוט איז דער יוגנט
עס האָט זיך געבענקט,
ווי ס'האָבן געטראָגן
אין וויַיט די געדאַנקען,
געוועזן איז ביז אונדז
מיט דער האַנט צו דערלאַנגען“...

אין נאַכטיקער שטילקיַיט
אַ ניגן זיך שפּינט,
אַף פידלען פון ביימער
עס שפּילט אים דער ווינט.
כ'דערשפּיר, ווי אין מיר
טוט אַ ציטער אַ סטרונע:
ניט אַלץ איז פאַרשוווּמען,
ניט אַלץ איז אַנטרונען!

קאַלזמאַן ס'איז פאַראַן
כאָטש אַ ביסעלע פלאַם,
עס האָט נאָך דאָס לעבן
אַ זין און אַ טאַם.
איז הילך אין מיַין האַרצן
און וועט ניט אַנשוויגן,
פון טרוים און פון בענקשאַפט
דער לויטערער ניגן.

אין באַגינען-קאַנט

אין באַגינען-קאַנט,
ווו די זון גייט אויף,
איז ווי וויַין באַטאָמט,
פריש און ריין די לופט.

מיך געבראַכט אַהער
האָט דער יוגנט-ברויז.
מיט געטריַיע הענט
כ'האָב געבויט מיַין הויז.

מיט אַ וואַרעם האַרץ
כ'בין אַרויס אין פעלד,
וואָס געוועזן איז האַרט,
ווי אַ כּיַיע-פעל.

קום אַציַינד און זע,
ווי אַן ברעג און ענד
דאָ מיט גרויסער זעט
אָטעמט פריַי די ערד.

אויך אין זיך איך שפּיר
אָט די צויבער-קראַפט.
אין די אָדערן
שפּילט און ווירט איר זאַפט.

אָבער שענער פאַר אַלץ,
אָבער בעסער פאַר אַלץ
איז די פריַינטשאַפט,
וואָס איז דאָ צעשטראַלט.

פאַר דער גאָרער וויַיט
מיט באַגין צעהעלט,
אַף אייביקער ציַיט
דאָ איר הייכל געשטעלט.

...אויך פרעמדע ווענט
איז אַנזען קעדיַי,
נאָר אַ מענטש איז אַ מענטש,
און ניט קיין קוריַי.

אין דער גרויסער וועלט
כ'האָב מיַין היים און לאַנד,
און ניט זיַין איך וועל
קיינמאָל נאָוענאַד.

ווען עס שיט א שניי

צווישן הימל און ערד
וויַסע פעדעם זיך שפּינען.
א שניי שיט און שיט
פון סאַמע באַגינען.

כאָטש מײַן שטאָט איז א שטאָט
שוין א היפּש ביסל יאָרן,
זי איז מיטאַמאָל
פּונקט ווי דאָרפיש געוואָרן.

פון וויַיטער וויַט
צו מיר, דוכט זיך, קומען
דער שאָרך פון א שליטן,
דער סקריפּ פון א ברונעם.

א רויך פון די קוימענס
ציט זיך הויך, הויך...
ווי ס'איז ביטערלעך־זיס
פון קינדהײַט דער רויך!

אַף זוניקע וועגן פון דיכטונג

נאָכעם פרידמאַן וואָלט אין פעוורואַל כוידעש אלט געוואָרן זיבעציק יאָר. קנאַפּע פופציק יאָר האָט ער געלעבט אין ביראָבידזשאַן. מיט א גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן פאַרענדיקט דעם האָמלער יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, האָט אים געבראַכט אַף דער סטאַנציע טיכאָנקע אין מײַ 1928 דער סאַמע ערשטער עשעלאָן מיט איבערוואַנדערער. ער איז אויסגעשטאַנען און בײַגעשטאַנען אלע שוועריקײַטן, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אפן גורל פון די ערשטע. נאָכדעם איז ער געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן". דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן אלזײַטיקער זשורנאַליסטישער טאַלאַנט.

ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, שוין לאַנג אַף פּענסיע, האָט פרידמאַן ניט פאַרלאָזט די אַרבעט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן". אַן אויטאָר פון אַנצאָליקע פאַרצײַכענונגען, אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, פעליעטאָנען, אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און זשורנאַלן, רעצענזיעס אַף פילמען און ספּעקטאַקלען, האָט ער לעצטנס גענומען זיך באַווײַזן נאָך אין איין זשאַנער — אין דיכטונג.

אומגעריכט? ניט גאָר. פון דיכטונג האָט ער אמאָל אָנגעהויבן, געדרוקט לידער אין „יונגוואַלד".

עס מאַכט זיך: א קוואַל ריזלט אַרויס ניט אַף לאַנג, באַהאַלט זיך ווידער אין דער ערד, גראָבט זיך נאָך לאַנג אין אירע טיפענישן, ביז ער טוט ווידער א בליץ אַרויס אַף דער ליכטיקער שײַן... אזוי איז געשען אויך מיטן אַמאָליקן יונגן איבערוואַנדערער, וועלכער האָט פאַרדינט דאָס בעקאָוועדיקע רעכט, שפּאַנענדיק איצט איבער דער צוואָקסענער שטאָט ביראָבידזשאַן, צו זאָגן:

אויך מײַן מי איז פאַראַן דאָ,
מײַן גאָב.

צוזעענדיק, ווי מע צענעמט אַן אלט הויז, דערמאָנט ער זיך, ווי מע האָט פאַר דעם הויז צעדערן „בעקאָוועד גאַדל פון דער טײַגע געפּירט", ווי „געשמאַק עס האָבן די פּעכיקע שפּענער געשמעקט". דעריקער אָבער באַזינגט ער די הײַנטיקע שטאָט, די הײַנטיקע געגנט, דעם באַגינען־קאַנט און גליקלעכן באַוואוסטזײַן, אַז —

אין דער גרויסער וועלט
כ'האָב מײַן היים און לאַנד,
און ניט זײַן איך וועל
קיינמאָל נאָווענאָד.

נאָכעם פרידמאַן האָט ניט דערלעבט געצײַלטע כאָדאָשים ביז צו זײַן זיבעציקיאָריקן יויוול. ער, דער וועטעראַן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט אין סאָף פון זײַן וועג באַטראַכט די זוניקע וועגן פון דיכטונג.

בוזי מילער

אין בלי און מי

שיין ביסטו, מײַן שטאָט,
מילד און באַקיינט
אין דײַן מײַיקער קלייד.
ווי טשערעדעס שאָף
דײַנע אלייען
זיך ציִען
ווײַט־ווײַט, אָן א סאָף —
צו פעלד,
צו וואלד,
צו דאָרף.

צארט און לײַכט
איז דער בירע־טײַך.
א צעקאָוועטער, און דאָך
נאָך ניט קיין אופגעוואכטער
פון ווינטערדיקן שלאָף,
וועגן עפּעס ער דערציילט
שטילערהייט.
ניט די אויערן —
דאָס הארץ שפּיץ אָן,
קעדיי פארשטיין
זײַנע רייד.

פון די טײַגע־וויקעלעך
מײַן שטאָט איך קען,
אין אלע אירע ווינקעלעך
מײַן שײַטער ברענט.

מע צענעמט אן אלט הויז

אן אלט הויז מע צענעמט...
אָפּגעדינט זייערס
האָבן די טונקעלע,
ווי פון קופּער געקאָוועטע,
צעדערנע ווענט.

און איך געדענק,
ווי אָט די צעדערס
מע האָט געהאַקט,
יעדן איינעם
בעקאָוועד גאָדל
פון דער טײַגע געפירט
אָף צוויי שליטנס.

„טאָק־טאָק־טאָק” —
האָבן זיך צעזונגען
טעסלערישע העק.
און אָך, ווי געשמאַק
עס האָבן
די פעכיקע שפענער געשמעקט.
ערשטע איבערוואַנדערער
האָבן זיך געגרויסט:
ניט עפּעס א באַראַק —
א צווייִשטאָקיק הויז
וואַקסט אויס!

...אין ווײַט באַזונטער
מיט אנדערע שטעט באַנאַנד
ברייט און מונטער
די שטאָט מײַנע שפּאַנט.

דאָס אַלטע הויז מע צענעמט.
קאָוועד די טונקעלע,
ווי פון קופּער געקאָוועטע,
צעדערנע ווענט!

זיקאָרן

אָך, די ווײַטע
יונגע יאָרן!
אָך, דער כּעס
פון דערמאָנונג!
וויפל היילקס,
וויפל פּרעקטיקס
אין זיקאָרן
איז פאַרבאָרגן!

נאָר ווער זאָגט דען
„א גוטנעכטן”?
אלע זאָגן
„א גוטמאָרגן”.
ניט פון אונדז
איז עס געווענדט;
„זײַן” איז בעסער
ווי „געווען”,
און פון סאַמע
העלסטן דעמער
דער קאַיאַר
איז ליבער, שענער.

איז ווי לאַנג
אָן אָדער שלאָגט, —
א גוטמאָרגן,
העלער טאָג!
מיט דער צײַט
און מיטן לאַנד,
עלטער מײַנע,
שפּאַן באַנאַנד!

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל

הענריך זימאנאס

דער וועג צו אומשטערבלעכקײַט

איציקאס מעסקופאס־אדאָמאס איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אין דער ליטווישער שטאָט אוקמערגע, אין א מישפאָכע פון באלמעלאָכעס. צו 17 יאָר טרעט ער ארײַן אין קאָמיוג, צו נײַנצן פארענדיקט ער אין זײַן היימשטאָט די גימנאזיע און קומט אָן זיך לערנען אין קאונאסער אוניווערסיטעט. אין אָט דער צײַט איז ער שוין איינער פון די קאָמיוגישע אקטיוויסטן אין אוקמערגע. אין 1927 ווערט ער פאר רעוואָליוציאָנערער ארבעט ארעסטירט און אין 1929 — פארמישפעט אף אכט יאָר טפיסע. אין דעם זעלבן יאָר, שוין אין טפיסע, נעמט מען אים אָן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. לויט אן אמניסטיע באפרײַט מען אים פארן טערמין, און אין 1931 שיקט אים דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ליטע קיין דײַטשלאנד, ווו ער אָרגאניזירט דאָס דרוקן קאָמוניסטישע ליטעראטור פאר ליטע. אין 1933 ארעסטירן אים די נאציסטן אין בערלין, מע פײַניקט אים, און אין א יאָר ארום קערט אים די דײַטשישע פּאָליציי אום קיין ליטע.

פונעם 1934 איז איציקאס מעסקופאס־אדאָמאס סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג, פונעם 1935 — מיטגליד פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ליטע, און פון אָקטיאבער 1935 — מיטגליד פון זײַן סעקרעטאריאט. אין 1938 ווײַלט מען אים אויס אלס מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און פונעם סעקרעטאריאט פון צענטראל־קאָמיטעט. אין 1939 דעלעגירט מען אים קיין מאָסקווע מיט א באריכט וועגן דער טעטיקײַט פון די ליטווישע קאָמוניסטן. ער נעמט אויך אָנטייל אין VI און אין VII קאָנגרעסן פונעם קאָמינטערן.

אין 1940 איז איציקאס אדאָמאס דער צווייטער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פארטיי, אין 1941 — דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.

אין 1942 שיקט אים דער צענטראל־קאָמיטעט בעראָש פון אן אָפּעראטיווער גרופּע דעסאנטלער אין הינטערלאנד פון דער אָקופּירטער ליטע. ער קומט אום אין שלאכט מיט די פאשיסטן.

קינד־און־קייט איז אין אָט דעם טאָג געוועזן אף דער גאס. גאנץ אוקמערגע האָט זיך צונויפגעזאמלט לעבן דער געבײַדע פונעם שטאָטישן פארטיי־קאָמיטעט, ווו עס האָט זיך געדארפט עפענען דער דענקמאָל איינעם פון די העלדישע זין פון ליטע — איציקאס מעסקופאס־אדאָמאסן.

אין דער שטאָט גופא איז שוין קימאט קיינער ניט געבליבן, ווער עס האָט געקאָנט געדענקען אדאָמאסן אָדער עמעצן פון זײַנע קרויווים. שווערע געוויטערס האָבן זיך פאר אָט דער צײַט דורכגעטראָגן איבער אוקמערגע, באזונדערס איבער דער ייִדישער באפעלקערונג. אדאָמאסעס אלע אייגענע און באקאנטע זײַנען דאָ שוין ניטאָ. אָבער עס איז געוויס ניט פאראן אזא מענטש אין אוקמערגע, וועלכער האָט ניט געהערט וועגן איציקאס מעסקופאס־אדאָמאסן. ניט אין אוקמערגע און ניט איבער דער גאנצער ליטע. מע קען אים, מע ווייסט וועגן אים, מע גרייסט זיך מיט אים.

אף דער עפענונג פונעם דענקמאָל זײַנען געקומען צו פאָרן דער ערשטער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ליטע פיאטראס גרישקיאוויטשאס, דער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט וואלערי כאראזאָוו, דער ערשטער שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראט פון ליטע קסאוועראס קײַריס, א סאך געוועזענע קעמפער פון דער אונטערערד, וועלכע האָבן געארבעט צוזאמען מיט אדאָמאסן.

עס פאלט אראָפּ דער דעק־טוך, און פארן אוילעם אנטשטייט דער מאָנומענט. און איך דערמאָן זיך...

ווער פונעם עלטערן דאָר ליטווישע קאָמוניסטן איז ניט געווען באפרײַנדעט מיט אדאָ־



דער דענקמאָל איציקאַס מעסקופּאַס־אדאָמאַסן

מאַסן? מיט איינע איז ער צוזאַמען געזעסן אין טפיסע, מיט אנדערע געהאַקט און געדרויבלט שטיינער אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער בײַס אין ליטע האָט געוועלטיקט סמעטאָנאַס, מיט נאָך אנדערע האָט ער געארבעט אין אונטערערד אין דײַטשלאַנד, און נאָך עמעצער האָט מיט אים זיך געטראָפן אומלעגאַל ערגעץ אין די וועלד־לעך לעבן קאַונאַס.

ווען אדאָמאַס איז ניט געזעסן אין טפיסע אָדער ניט געווען פארשפּאַרט אין לאַגער, פלעגט ער קימאַט ניט אראָפּקריכן פון זײַן אַל־טיטשקן וועלאָסיפּעד, אף וועלכן אים איז געווען גרינג צו קומען הינטער דער שטאָט אין אָוונט און זיך אומקערן צוריק קאַיאַר. צונויפרעדנדיק זיך מיט א כאַווער וועגן א באַגעגעניש שפּעט אין דער נאַכט אָדער א שפּראָץ אף טאָג ערגעץ א קילאָמעטער דרײַצן־פופצן פון קאַונאַס, פלעגט ער ווי פארענטפערן זיך: „די שפּיקעס קאָנען מיך שוין אין פּאָנעם, מוז איך אוועק פון זיי וואָס ווײַטער"...

באַטאָג פלעגט ער פארברענגען אין די אָרע־מע הײַזקעס בא באַלמעלאָכעס און ארבעטער. וועגן זײַנע יאַווקעס האָבן געוווּסט בלויז גע־ציילטע מענטשן. אדאָמאַסן ווען ניט געפּי־נען, — האָבן געשפּאַסט די אונטערערדלער, — אָבער דיך, אויב ער וועט דאַרפן, וועט ער שטענדיק אָפּזוכן, ווו דו זאָלסט ניט זײַן"...

אפילע ווען ער איז ניט געזעסן אין טפיסע, איז ער, אייגנטלעך, אויך ניט געווען אף דער פרײַ. די שטרענגע קאָנספּיראַציע, דאָס אומלע־גאַלע לעבן האָבן אים ניט דערלויבט זיך צו באַווײַזן גלאַט אזוי פאַר מענטשן. אָבער אזא לאַגע האָט אים ניט געקימערט. א לעבנסלוס־טיקער, אויסערלעך קימאַט שטענדיק א פריי־לעכער, איז ער אינדערעמעסן געווען זייער אַן אײַנגעהאַלטענער און פאָרזיכטיקער מענטש.

טאָמיד מיט א שמייכל אף די ליפּן — און אין דער זעלבער צײַט אָנגעצויגן, ווי א סטרונע. אזא האָב איך אים פארגעדענקט פון דער צײַט, ווען מיר זײַנען ביידע געווען אין אונטערערד.

אונטער אדאָמאַסעס אָנפירונג האָבן מיר גע־טאָן א גרויסע ארבעט.

אין יענער צײַט האָט זיך פארשטארקט די ווירקונג פון דער אזויגערופענער „ייִדישער אופקלערונגס־געזעלשאַפט", וועלכע האָט ארויס־געגעבן א טעגלעכע צײַטונג „פאָלקסבלאַט". געטראָגן האָט די דאָזיקע צײַטונג אַן אנטיציוי־ניסטישן, אנטירעליגיעזן, ליבעראַל־בורזשואזן כאַראַקטער. נאָר אין די יאָרן 1936—1937 האָבן זיך אָנגעהויבן ארום איר גרופּירן אנטיסאָוועט־טישע עלעמענטן, עמעס, ניט אין אזא מאָס, ווי אין די צײַטונגען פון דער ציוניסטישער ריכ־טונג, אָבער דאָך האָט זיך געפילט, אז וואָס ווײַטער קײַקלט זיך די „פאָלקסבלאַט" אראָפּ אלץ מער אף פײַנטלעכע בענגייע דעם סאָ־וועטנפארבאנד רעלסן. די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך באזונדערס פארשטארקט, ווען אין דער געזעלשאַפט און אין דער רעדאַקציע האָבן אָנגעהויבן ארײַנדרינגען טראָצקיסטישע עלע־מענטן.

אונדז, קאָמוניסטן, האָט עס באומרויִקט. די „פאָלקסבלאַט" איז געווען די איינציקע לעגאַלע צײַטונג, פון וועלכער די ייִדישע מאַסן האָבן געקאָנט באַקומען א מער־ווייניקער עמעסע אינ־פאָרמאַציע וועגן דעם סאָוועטנפארבאנד, און מע האָט געדארפט מינימיזירן איר ניטגעוווּנ־טשענע טענדענץ. אָט די אופגאַבע איז געשטעלט געוואָרן פאר א גרופּע כאַוויירים, א דערונטער אויך פאר מיר. געשטעלט האָט זי פאר אונדז איציקאַס אדאָמאַס.

דורכפירן די ארבעט איז געווען ניט לײַכט.

הענריך זימאַנאַס

מיט אַדאַמאַסן האָבן מיר באַהאַנדלט אַלע פּראַ־טים פון דער פּראָבלעם — אידעאָלאָגישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, טאַקטישע. אַדאַמאַס האָט אַלעמאָל אונדז געוואָרנט, אַז מיר דאַרפן זײַן זייער פאָרזיכטיק, קעדיי די פאַשיסטישע אָכראַנקע זאָל אונדז ניט „דערשמעקן". אַ יאָר צוויי האָט געדויערט די דאָזיקע אַרבעט, און די גאַנצע צײַט האָבן מיר געפילט אַדאַמאַסעס האַנט, אַפילע ווען ער איז געווען ווײַט פון אונדז און מיר האָבן פּערזענלעך מיט אים ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו טרעפן. ער פלעגט אונטערמונטערן יענע, וואָס האָבן געצווייפלט, און אָפּקילן די היציקע קעפּ.

און טאַקע אַדאַנק אים, אַדאַמאַסן, האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן דערפאָלגרײַך דורכצופירן די „אָפּעראַציע". פון דער געזעלשאַפט און פון דער צײַטונג האָט מען אַרויסגעשלײַדערט די טראָצקיסטישע עלעמענטן און יענע, וועלכע האָבן זיי מיטגעפילט. די צײַטונג האָט ווידער באַקומען אַ פּראָסאָוועטישע ריכטונג, און ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די אָפּשאַצונג פון פאַרשיידענע געשעענישן אין פּסר, וועלכע די צײַטונג גיט, ווערט אָפט ציטירט אין די אינפאָרמאַטיווע מיטיילונגען פון דער סאָוועטישער טעלעגראַף־אַגענטור טאַסס. דאָס איז געווען אַ זיג פון אונדזער פּאַרטיי אין דער לעגאַלער אַרבעט.

די סאַמע קאָמפּליצירטע פראַגע פלעגט פאַר אונדז ווערן פּאַשעט און קלאָר, ווען אַדאַמאַס האָט געגעבן אַף איר אַן ענטפער. ער האָט אויך געקענט אופמערקזאַם אויסהערן אַן אַנדערן, אַרײַנשטעלן דערבײַ אַ וואָרט, אַ פראַזע — און אַלץ פלעגט געלייזט ווערן. אַדאַמאַס האָט פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן אין די שווערסטע פּראָבלעמען, און דערבײַ האָט ער קיינמאָל ניט „געקנעלט" מיט אַנדערע. איסקומען פלעגט, אַז מיט דער קאָמפּליצירטקייט פון דער אויפגאַבע שטעלט ער ניט זײַן מיטשפּרעכער אין פאַרלעגנהייט, נאָר אייצעט זיך מיט אים, וויאַזוי עס וואָלט געווען בעסער זי אויסצופילן.

קיינמאָל און אין קיין שום פאַל האָט ער ניט גערעדט וועגן זיך גופא. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז ער איז פון אוקמערגע און שטאַמט פון אַ באַלמעלאָכישער מישפּאָכע. אין דער פּריִער יוגנט האָט מען אים געגרייט צו ווערן אַ ראָוו. נאָר אין דער פאַמיליע האָט מען געדענקט, אַז דער מאַמעס ברודער אָסיפּ פּיאַטניצקי (טאַרשיס) איז געווען לענינס אַ מיטקעמפער. ס'איז שווער צו זאָגן, צי דער דאָזיקער פאַקט האָט געשפּילט אַ ראָליע אין אַדאַמאַסעס לעבן. נאָר אַף וויפל איך האָב אים געקענט, קלער איך, אַז אין קאָמיוג און אין פּאַרטיי האָט אים געבראַכט ניט דאָס געפיל פון קרויוועשאַפט צום באַוווּסטן רעוואָלוציאָנער — ער וואָלט געוואָרן אַ קאָמוניסט אַפילע, ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין שום טראַדיציאָנעלע סיבעס דערצו. דער איקער איז געווען, וואָס ער האָט פון די יונגע יאָרן אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אויך דאָס, וואָס אין דער פּריִער יוגנט האָט ער געלעבט אין די באַדינגונגען פון סאָוועטנמאַכט, וועלכע האָט געהערשט אַ שטיקל צײַט אין זײַן היימשטאָט אוקמערגע. ער איז דעמלט נאָך געווען קימאַט אַ קינד, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גענוג, ער זאָל פאַרגעדענקען, מיט וואָס פאַר אַ פרייד די אָרטיקע באַפעלקערונג און, פאַרשטייט זיך, די ייִדישע, האָט אופגענומען די פאָלקס־מאַכט. פאַר אַ קורצער צײַט האָבן די ייִדן זיך דערפילט ווי גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער אין פולן זין פון וואָרט. פון ווילנע פלעגן קומען דעקלאַראַציעס, אופקלערונגען, פאַראָרדענונגען אַף פינף שפּראַכן — ליטוויש, רוסיש, פּויליש, ייִדיש, ווײַסרוסיש. ניט ווייניק ייִדן האָבן דעמלט פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין מעלוכישן און פּאַרטייִשן אַפּאַראַט, און געשעצט האָט מען זיי ניט לויט דער אָפּשטאַמונג, נאָר לויט די זאַכלעכע און געזעלשאַפטלעכע מײַלעס.

אַדאַמאַס האָט געווירקט אַף אונדז מיט זײַן רויִקייט, ער האָט קיינמאָל ניט געהעכערט די שטים, שטענדיק געווען קאַלטבלוטיק, אָבער אָט דער רויִקער כאַראַקטער האָט אים ניט געשטערט צו זײַן אַנטשיידן אין קאַמף און אַפילע האַרטנעקיק.

ער האָט קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט אונטערן נאָמען הערטמאַן געאַרבעט אַ לאַנגע צײַט אין פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, איבערגעלעבט שווערע מעדוירים געהנעם, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט ביכלאַל גאָרנישט ניט דערציילט וועגן זיך, האַלטנדיק, ווײַזט אויס, אַז דאָס קאָן אָנטאָן שאָדן דער זאַך, וואָס ער טוט.

מיר איז אויסגעקומען אים צו זען אין שווע־רע אויספּראָוו־סיטואַציעס. ער האָט גוט געוווסט, מיט וואָס דאָס אַלץ קאָן זיך ענדיקן, און דאָך האָט אים זײַן אויסערגעוויינלעכע רויִקייט ניט פאַרלאָזט, און ער האָט ניט פאַרלוירן דעם גע־פיל פון הומאָר. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ליב געהאַט מענטשן.

אויך אין די יאָרן, ווען ליטע איז געוואָרן אַ סאָוועטישע און אַדאָמאַס איז געווען דער צווייי־טער סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, איז ער פאַרבליבן דער זעלבער באַשיידענער מענטש, ניט ליב געהאַט צו קאָ־מאַנדעווען. איינמאָל, ווען עפּעס איז געווען ניט אַזוי, ווי ס'איז נייטיק, האָט איינער אַ טוער זיך געווענדט צו אַדאָמאַסן:

— עפּעס דאַרף מען פאַרנעמען, עפּשער וואָלסטו זאָגן דײַן וואָגיק וואָרט, אופהייבן דײַן שטים?

— צוליב וואָס? — האָט דערווידערט אַדאָ־מאַס. — שרײַען שרײַט דער, וועמען מע הערט ניט...

צו אַדאָמאַסן האָט מען זיך שטענדיק צוגע־הערט.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנ־מאַכט אין ליטע האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן מערקווירדיקער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט. ער האָט גענומען אויף זיך אַ גרויסע לאַסט. אינעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט ער אָנגעפירט מיט איניאַנים פון אינדוסטריע, פינאַנצן, האַנדל. אָן און פאַר זיך זײַנען די דאָזיקע פראַגן גאַנץ שווערע, באַזונדערס אינעם איבערגאַנגס־פּע־ריאָד. אַ סך קויכעס און אַרבעט האָט זיך גע־פאָדערט. אַכוץ דעם, האָט אַדאָמאַס געהאַט פיל אַנדערע אויפטראָגן, געהאָלפן פירן די אידעאָלאָ־גישע אַרבעט. איך האָב ניט איין מאָל געהערט, ווי דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם צענט־ראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון ליטע אַנ־טאַנאַס סנעטשקוס פלעגט אָפּשיקן אַ מענטשן זיך אויסייצענען מיט אַדאָמאַסן, געפרעגט, צי האָט מען מיט אים קאָנטאַקטירט די אָדער יענע פראַגע. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען איי־נער דעם אַנדערן. אַדאָמאַס פון זײַן זײַט, האָט הויך געשעצט סנעטשקוסן.

פּראָבלעמען זײַנען געווען אַ סך און דער־פאַרענע מענטשן ווייניק. דערצו נאָך האָבן איי־ניקע אָנפירער, ניט האָבנדיק קיין אַדמיניסטראַ־טיווע געוווינהייטן, נאָך מער פאַרקאָמפּליצירט די פּראָבלעמען. אַדאָמאַס איז געווען אָבער איי־נער פון די, וועלכע האָבן ווירקלעך „געשלעפּט דעם וואָגן". זאַכלעך, אָן אײַלעניש און אָן נער־וועזקייט, האָט ער רויִק געלייזט קאָמפּליצירטע פראַגן, צוציִענדיק דערצו מענטשן, וואָס האָבן גוט געוווסט די זאַך.

איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון רעוואָליו־ציאָנערער איבערשטאַלטונג באַשטייט, אָפּאַ־נעם, אין דעם, וואָס צו דער אָנפירונג קומען נײַע מענטשן. אַדאָמאַס האָט געהאַט אַ זעל־טענעם כוש צו אַזעלכע טוער, און ער האָט דרייסט אַרויסגערוקט אַף וויכטיקע פּאָסטנס די בעסטע פאַרשטייער פון די מאַסן.

דער זיקאָרן האָט פאַרהיט אַזאַ פאַל. ווען מיר זײַנען נאָכן אומגעריכטן אָנפאַל פון די היטלעריסטן אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד אָפּגעטראָטן פון ליטע, האָבן מיר זיך אַף אַ געוויסער צײַט אָפּגעשטעלט אין דאַוגאַוופּילס. געגנעכטיקט האָבן מיר אין אַ שול. אין אָוונט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער שטאָט, האָט מיך די וואַך פאַרהאַלטן. דורכקאָנטראָלירט מײַנע דאָקומענטן און זיך דערוווּסט, אַז איך בין לויטן פאַך אַ רעדאַקטאָר, האָט מיר דער אָפיצער געזאָגט, אַז די קאָמאַנדשאַפט פונעם פראָנט האָט בעדייע אַרויסצולאָזן אַ צײַטונג אַף פינף שפּראַכן, און צי וואָלט איך ניט געקאָנט רעדאַגירן דעם ליט־ווישן וואַריִאַנט. איך האָב גערן געגעבן די האַסקאָמע, און דער אָפיצער האָט מיר אָנגע־וויזן, וווּהין איך דאַרף מאָרגן אינדערפרי זיך יאָווען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר ניט צוגעמאַכט קיין אויג. ס'איז געווען, וועגן וואָס צו טראַכטן, אונד־זער לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו שאַריִען אַף טאָג, בין איך אוועק אַהין, וווּהין דער אָפיצער האָט מיר אָנגעוויזן, אָבער קיינער איז שוין דאָרט ניט געווען. פאַר אָט דער נאַכט האָט די לאַגע אַפן פראָנט זיך אַזוי פאַרערגערט, אַז וועגן אַ צײַ־טונג האָט מען שוין ניט געקאָנט טראַכטן.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין דער שול, ווו עס האָט נעכטן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אונדזער גאַנצער רעפּובליקאַנישער אַקטיוו, איז די שטאָט שוין באַשאָסן געוואָרן דורך דער דײַטשישער אַרטילעריע. אין הויף איז געשטאַ־נען בלויז דער אויטאָמאָביל, אַף וועלכן איך בין געפאָרן. לעבן עפּעס אַ געבײַ האָב איך דערזען עטלעכע יאַטן, באַוואָפנטע מיט ביקסן. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי שטייען אַף דער וואַך: אין דער געבײַדע רוען אַקטיוויסטן פון קאָונאַס, וועלכע פירן מיט זיך די דאָקומענטן פונעם שטאָטקאָם.

צוזאַמען מיט די יאַטן בין איך אַרײַנגעגאַנ־גען אינווייניק, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ געפינען זיך, ניט וויסנדיק וועגן דער לאַגע אין שטאָט, ניט נאָר יענע, וואָס פירן דעם אַרכיוו, נאָר אויך אַ סך אַנדערע — קימאַט דער גאַנצער קאָונאַסער פּאַרטיי־אַקטיוו. מיר האָבן אַלעמען אויפגעוועקט, דערציילט וועגן דער געפאַר און געייצעט וואָס גיכער פאַרלאָזן די שטאָט, ווײַל אַרום־און־אַרום רײַסן זיך שוין סנאַריאַדן.

מיך האָט דער צופאַל שטאַרק געערגערט: וואָס הייסט, מע לאָזט איבער אַ גאַנצע גרופּע קאָמוניסטן, ניט וואָרענענדיק זיי וועגן דער געשאַפענער לאַגע? ווען איך בין שפּעטער גע־קומען קיין מאָסקווע און האָב דערציילט וועגן דעם אין צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן איייניקע כאַ־ווייירים געפרווט דאָס דערקלערן מיט די באַ־

דינגונגען פון א פלוצעמדיקן אָנפאַל. נאָר דאָ האָט זיך אָפגערופן אַדאָמאַס:

— אַן אומדערהערטע זאַך. און קיין שום טעררוצים האָבן דאָ ניט קיין גרונט. איבערלאָזן אַף העפקער כאַווײַרים? אַזוינס גרענעצט מיט פאַכדאָנעס און פאַראַט!

אַדאָמאַס האָט געפאָדערט, מע זאָל אויספאָרשן דעם איניען, און האָט זיך דערשלאָגן, אַז די שולדיקע זאָלן באַקומען די געהעריקע שטראָף.

איינמאָל, נאָך אין אונטערערד, האָב איך געפרעגט אַדאָמאַסן, וויאַזוי איך קאָן אים דערנאָך געפינען נאָכאַמאָל. זיך טרעפן מיט אים האָב איך געדאַרפט אומבאַדינגט — ער האָט מיר געגעבן זייער א דרינגענדיקע פאַרגעבונג, וועגן וועלכער איך האָב געמוזט אים פערזענלעך מיטילן, ווען איך וועל זי אויספילן. ער האָט א שמייכל געטאָן:

— וועסט פרעגן באַ די כאַווײַרים.

— באַ וועלכע כאַווײַרים?

אַדאָמאַס האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט:

— אַז דו וועסט דאַרפן, וועסטו א טראַכט טאָן... אָבער שרעק זיך ניט, כ'וועל דיך אַליין געפינען.

איך האָב זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט: וויאַזוי וועל איך אים אָפזוכן, אַז איך ווייס אַפילע ניט, וויאַזוי מע רופט אים.

— נישקאָשע, וועסט געפינען, — האָט ער געענטפערט שוין אינגאַנצן א פריילעכער. — וועסט זאָגן: „פאַרבינדט מיך מיטן געלן“.

און איך האָב דעמלט טאַקע דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז זײַנע האָר זײַנען ווירקלעך געלבלעכע. ער האָט אָבער זיך געכאַפּט, אַז איך קאָן זיך באַליידיקן, וואָס ער פאַרטרויט מיר ניט, און האָט צוגעגעבן:

— וועסט זיך צוגעווינען — וועסטו פאַרשטיין. מיר איז פּאָשעט שווער דיר צו זאָגן, ווו מיך צו זוכן, ווײַל איך ווייס אַליין ניט: הײַנט בין איך דאָ, מאָרגן — דאָרט, איבערמאָרגן — אין אַן אַנדער אָרט...

געזאָגט האָט ער דאָס זייער ערנסט, און איך, א לעגאַלער מענטש מיט א שטענדיקער דירע, האָב זיך דערפילט שולדיק קעגן אים, וואָס איך שטיי צו מיט אומגעלומפערטע פראַגעס.

באַקוקנדיק אים, האָב איך דערזען, אַז ער איז א כיינעוודיקער מענטש: א הויכער שטערן פון א דענקער, א שיינע פריזור, געדיכטע ברעמען, גוטמוטיקע אויגן. אָט אַזוי זעען אויס מענטשן אופריכטיקע, אָפנהערציקע, לעבנסלוסטיקע.

באַזונדערס האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט די באַגעגענישן מיט אַדאָמאַסן אין מאָסקווע אין 1942, ווען ער האָט זיך געגרייט צום אָפפליען קיין ליטע, אין סוינעס הינטערלאַנד. ער איז געווען דער אָנפירער פון דער ערשטער אָפעראַטיווער גרופע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ליטע, וועלכע איז געווען אויסגעטיילט צו אַרבעטן אין דער אָקופירטער רעפובליק. סנעטשקוס האָט אַליין זיך געבעטן אַהין, נאָר מאָסקווע, דער צק פון דער פאַרטיי, האָט אים ניט דערלויבט.

אין אַדאָמאַסעס גרופע זײַנען אַרײַן פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ראַיאָנען. זי האָט געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג נאָך אין 1941, נאָר ס'האָט זיך דעמלט ניט באַקומען: די גרופע האָט געליטן אַן אַוואַריע בײַס א פלוג־אויספרווו. דערנאָך האָט זי זיך פאַרהאַלטן איבער דער שווערער לאַגע אַפן פראָנט.

און אָט פאָר איך צו אַדאָמאַסן אין האָטעל „מאָסקווע“, ווו ער וווינט. שטילע, קימאַט פוסטע גאַסן. פון ערגעץ־ווו דערטראָגן זיך איינזאַמע שווערע טריט פון א פאַטרול. די וויטרינעס פון מאַגאַזינען און רעסטאָראַנען זײַנען פאַרשטעקט מיט זעק זאַמד. פאַרהאַקטע פענצטער, הויפנס אָנגעוואַלגערטע זאַכן אַף די שטאָטישע פלעצער.

געוווינט האָט אַדאָמאַס אין א גרויסאַרטיקן נומער. אויסגעזען האָט ער גאַנץ נאָרמאַל, נאָר איך האָב באַמערקט אין זײַנע אויגן אַן אומרו. אין יענע טעג האָב איך רעגולער געהערט די ראַדיאָ פון ליטע, געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָרט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וווּהין און צוליב וואָס אַדאָמאַס פאָרט. נאָך מער, איך האָב געהאַט אַפילע געוויסע ידיעס וועגן דעם. סנעטשקוס האָט מיך ניט לאַנג צוריק גערופן צו זיך און מיך געבעטן איבערדרוקן איינעם א דאָקומענט אַף דער מאַשינקע. דאָס האָט מיך פאַרכידעשט.

— פאַרשטייסט, — האָט ער מיר געזאָגט, — די מאַשיניסטקע טאָר ניט וויסן דעם אינהאַלט פון אָט דעם דאָקומענט.

דאָס איז געווען א ביטע וועגן אויסטיילן געווער פאַר אַדאָמאַסעס גרופע, וועלכע קלײַבט זיך אין הינטערלאַנד. האָב איך, הייסט עס, שוין געוווּסט, וווּהין ער פאָרט. מיט מיר אָבער האָט אַדאָמאַס וועגן דעם ניט גערעדט, און איך האָב אויך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך ווייס גאָרניט. איך האָב אים דערציילט דעם אינהאַלט פון די ראַדיאָ־טראַנסלירונגען, וואָס איך הער פון ליטע (די דאָזיקע מעגלעכקײַט האָט מען מיר געגעבן אין דער מאָסקווער טעלעגראַף־אַגענטור), און אויך וועגן דעם, וואָס עס גיבן איבער מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פונעם פאַשיסטישן גענעם.

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז די ליטווישע ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן לידער פונעם בורזשואַזן פּאָעט וו. מיקאָלײַטיס־פוטין, אין וועלכע ס'האָט זיך געפילט בענקשאַפט און אומעט, איז ער געוואָרן אופגעלעבט:

— כאָטש איבער א פּאָר פערזן.

קיין פאַרנאָטירונגען האָב איך, געוויינלעך, ניט געהאַט, נאָר איך האָב איבערגעכאַזערט א ליד, ווי זי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט. אַדאָמאַס האָט אופמערקזאַם געהערט, און איך האָב פאַר זיך געטראַכט, אַז קיין בײַס האָט ער, פאַרשטייט זיך, פון מיר זיך ניט דערוווּסט, נאָר אויסגעפרעגט האָט ער מיט אַלע פראָטים. אַזוי איז ער שוין געווען געוווינט — אַלץ, וואָס האָט א

שײַכעס צו זײַן פארגעבונג, דאַרף ער אויס־קלאָרן, פארפינקטלעכן, אפילו ווען מע וואָלט עס געדאַרפט וואָרט אין וואָרט איבערכאַזערן צענדליקער מאָל.

זיך אוועקלאָזן דעמלט קיין ליטע האָט באַטײַט מאַכן א שפרונג אין אומבאַוווּסטקײַט. מע האָט שוין געשיקט אַהין איין גרופע, נאָר קיין שום יעדיעס פון זיי זײַנען ניט דערגאַנגען. ס'איז געווען באַוווּסט: דער סוינע ווילדעוועט אין דער אָקופירטער רעפובליק. אין איין שפאַן מיט די היטלעראָווצעס גייען די ליטווישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. עס זײַנען אומגעקומען א סאַך קאָמוניסטן, נאָר דער קאַמף דויערט.

און געווען זײַנען דעמלט פאַרן גאַנצן לאַנד פריידיקע טעג: נאָרוואָס האָבן די דײַטשן געכאַפט א גרויזאַמען קלאַפ הינטער מאָסקווע. דאָס האָט אונדז אַלעמען באַגײַסטערט און דערמונטערט. אָבער ווער עס האָט געקענט אַדאַמאַסן, האָט געפילט, וויפל זאָרג און אומרויִקײַט עס באַהאַלטן זײַנע אויגן, כאָטש אויסערלעך איז ער געבליבן דער זעלבער: געלאַכט, געשפאַסט — טאַקטיק פון א דערפאַרענעם קאָנספיראַטאָר.

שוין נאָך דער מילכאָמע האָט סענטשקוס דערציילט:

— פעווראַל — מאַרט פונעם צוויי־און־פערציקסטן איז געווען ניט קיין זייער געלונגענע צײַט פאַרן דעסאַנט. דער שניי איז נאָך געלעגן, און די פאַרטיזאַנער האָבן געמוזט איבערלאָזן נאָך זיך שפורן. עפשער וואַרטן נאָך א ביסל, אויב מע האָט שוין אַזויפיל געוואַרט: דער שניי וועט צעגיין, און אונטער יעדן קוסט קאָן מען איבערנעכטיקן. פאַר די דעסאַנטלער, וועלכע דאַרפן זיך נאָך פאַרפעסטיקן, איז דאָס זייער וויכטיק... אָבער אַדאַמאַס האָט אפילו ניט געוואָלט הערן. „און ווען די סאָוועטישע אַרמיי וואָלט געוואַרט אַף א גינסטיקן וועטער? — האָט ער דערווידערט. — ניין, וועגן אָפלייגן די אָפעראַציע דאַרף מען אַרויסוואַרפן פון קאָפ“... שניי איז שניי... קיינעם איז דעמלט ניט געקומען אַפן געדאַנק, אַז גראַד א שפור אין שניי וועט זײַן די סיבע פון אַדאַמאַסעס טראַגישן אומקום.

בלויז נאָך דער מילכאָמע האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו דערוויסן זיך אייניקע פראַטים. אַרויספליִען אין הינטערלאַנד האָט אַדאַמאַס געדאַרפט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, צוזאַמען מיט א גרופע קאָמוניסטן. אַפן אָרט האָבן זיי געהאַט בעדייע זיך פאַנאַנדערגיין איבער די אויעזדן, קעדיי אָרגאַניזירן דאָרט די פאַרטיזאַנישע באַוועגונג. אין איינעם אַן אויספרווו־פלוג האָט דער אַעראָפלאַן געליטן אַן אַוואַריע. דורך א נעס איז געבליבן גאַנץ בלויז די קאַבינע. די מענטשן האָבן זיך א לאָז געטאָן צום אַרויס־גאַנג, ווײַל אין א באַליביקער מינוט האָט געקאָנט פאַרקומען אַן אויפרײַס. אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַדאַמאַסעס שטים.

— אויב אַלע וועלן זיך שטופן, וועט מען בלײַבן שטעקן אין דער טיר.

די רויִקע שטים האָט געווירקט. מע האָט געמאַכט אַן אָרדענונג און אָן פאַניק אַרויס איינער נאָכן אַנדערן.

פון אָט דער גרופע איז נאָך דער מילכאָמע געבליבן לעבן בלויז איינער — וויטאַוטאַס בעליאַוסקאַס. דערציילנדיק וועגן דעם דאָזיקן צופאַל, דערמאָנט ער:

— אפילו אין יענעם קריטישן מאָמענט האָט אַדאַמאַס ניט געהעכערט די שטים, און זײַן רויִקײַט האָט אונדז אַלעמען אויסגעניכטערט פון דער פלוצעמדיקער פאַרלוירנקײַט.

א טראַגישער, אומגעלומפערטער צופאַל האָט, צום באַדויערן, איבערגעריסן איציקאַס אַדאַמאַסעס לעבן. דער פליִער, וועלכער האָט אין א צײַט אַרום אַריבערגעוואָרפן די גרופע אין סוינעס הינטערלאַנד, איז אַראָפ פונעם קורס און האָט זי אַרויסגעזעצט ניט אין יענעם אָרט, ווו עס איז געווען אָנגעוויזן און ווו אַף אונדזערע מענטשן האָט מען שוין געוואַרט, נאָר צאָפנדיקער, אַף דער טעריטאָריע פון לעטלאַנד. אַראָפגענידערט, האָבן די דעסאַנטלער איבערגעלאָזט אין שניי א סאַך שפורן — געווען איז עס אין מאַרט. די דאָזיקע שפורן האָט באַמערקט דער וואַלד־אויפזעער, א פאַשיסטישער אונטערלעקער, און ער האָט גלײַך געגעבן צו וויסן די היטלעראָווצעס. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט זייערע קויכעס צוזאַמען מיט פאַרעטער פון עטלעכע ראַיאָנען און זיך געלאָזט נאָך די שפורן.

די דעסאַנטלער, וועלכע דער אַעראָפלאַן האָט צעשאָטן אין עטלעכע ערטער, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אינײַנעם. קעדיי אויספאָרשן דאָס אָרט, האָט מען אַרויסגעשיקט אַן אויסשפירונג. נאָר די אויסשפירער האָבן פאַרבלאָנדזשעט און זײַנען אומגעקומען. די דעסאַנטלער האָבן וועגן דעם ניט געוווסט און געוואַרט אַף יעדיעס, ביז די פאַשיסטן האָבן זיי אַרומגערינגלט. העלדיש, ביזן לעצטן פאַטראָן, האָט די גרופע, בעראָש מיט אַדאַמאַסן, זיך געראַנגלט מיטן סוינע...

ס'איז זייער שווער צו טראַכטן וועגן דעם, אַז איציקאַס מעסקופאַס־אַדאַמאַס, דער מוטיקער אונטערערדלער און איבערגעגעבענער קאָמוניסט, וועלכער האָט אויסגעמיטן דעם טויט אין די טפיסעס פון דער בורזשואַזער ליטע און איז אַרויס פון די געסטאַפאָ־נעגל, האָט ניט דערלעבט ביז דער פולער מאַפאָלע פונעם פאַשיזם.

טאָג און נאַכט וועט איציקאַס מעסקופאַס־אַדאַמאַס שטיין אין זײַן היימשטאָט לעבן דער געבײַדע פונעם שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט.

א מענטש — א דענקמאָל. א מענטש — א סימבאָל.

■ ■ ■

פון דער שפעריישער יערושע

הארציקע גרוסן

באַ א געלעגנהײַט
שיק איך פונדײַנעטוועגן
א טײַערע מאַטאָנע —
א זון מיט א רעגן.

און נאָך א מאַטאָנע
אן אומגעריכטע —
בערעזענע בלעטער,
א נאָדעלע פּיכטע.

און נאָך וועל איך שיקן
פונדײַנעטוועגן
א פעסעלע וואָלגע.
א קלומעקל ברעגן.

א מאַנטעלע זיך אופנייען
זאָלסטו, מײַן פרײַנט,
אזא הארציק מאַנטעלע
באַ א געלעגנהײַט.

* * *

זינט אין א טײַך
איז מײַן הימל אראָפּ,
טראָג איך פון דעמלט
א טויב אף מײַן קאָפּ.

נאָר דער, וואָס סע ווייסט ניט,
מיינט, איך בין גרוי,
אזוי ווי דאָס אש
פון א טרוקענער שטרוי.

* * *

בלויער הימל,
גרינע גראָזן,
ס'וועט דער ווינט
שוין מער ניט בלאָזן.

זינגער־פייגל
נעסטן בויען,
בייזער ווינט
וועט הײַנט ניט וואָיען.

דעכער קאפען,
ריטשקעס רינען,
אײַ ווי גוט איז,
אײַ ווי גוט איז
פרילינג־צײַט
צו גרינען.

ווייכע סטעזשקעס
ווערן טרוקן.
אײַ ווי גוט איז
אין הימל־בלוי
זיך טוקן.

גאָם זו לעטויווע

אז ווו נאַר אַן אומגליק און ווו נאַר א צאָרע,
איז וועמען זשע טרעפט זי? רעב כאַנעלע סאָרעס!

פאַרמאָגט האָט רעב כאַנעלע סאָרעס א כאַמער,
וואָס האָט זיך געפּאַשעט אין הויף, בא דער קאַמער,

אַן אייזל א כוואַט, וואָס האָט ליב געהאַט קײַען
א ביסעלע האָבער, א זשמענקעלע קלײַען,

א רײַס טאָן א דאָרן, א ציפּ טאָן א גרעזל, —
און פּלוצעם איז נעלעם געוואָרן דאָס אייזל.

ווי־אזוי און ווהין? אַן אוויירע דאָס פרעגן.
דער גאַנעוו האָט זײַנע פאַרבאָרגענע וועגן.

דרייט זיך ארום איצט דער כעלעמער זאַקן
פאַרכווישעכט, פאַרדײַגעט, פאַרקלעמט און דערשראָקן.

מיט ביטערע טרערן באַוויינט ער דעם שאָדן:
— פאַר וועמען זיך קלאָגן? מיט וועמען זיך לאָדן?

קומט מען אים טרייסטן, און עס זאָגן אים מענטשן:
— באַדאַרפט וואָלט איר גוימל, רעב כאַנעלע, בענטשן!

קומט אויך צו לויפן רעב כאַנעס א קרוויווע.
— דו זאָג בעסער, — טײַנעט זי, — גאָם זו לעטויווע!

ווײַל וואָס וואָלט געווען, זאָל דער אייבערשטער היטן,
ווען דעמלט דו וואָלסט אפן אייזל געריטן?!

מײַן אַלטן פרײַנט

צווישן הונדערט און צווישן טויזנט
כ׳וועל דערקענען דיך, מײַן פרײַנט,
מײַן מאַמעס צימרינג און מײַן מאַמעס זאַפרען
שמעקט פון שופלאַד נאָך ביז הײַנט.

כ׳בין געוווינט צו דעם סקריפּען דײַנעם,
צו דעם טיאַכען פון מײַן האַרץ,
ווען אַף די שפּיץ פינגער פלעג איך קריכן
צו דעם סלאָי מיט אײַנגעמאַכטס.

זײַ מיר מויכל, מײַן פרײַנט מײַן אַלטער,
פאַר יעדן קניפּ און פאַר יעדן ריס,
מײַן סאָד מיט עפּל ביסטו געוועזן,
מײַן סאָד מיט בארן און מײַן סאָד מיט ניס.

זײַ זשע מויכל, זײַ זשע מויכל
מײַן יעדן קניפּ און מײַן יעדן ריס,
מײַן סאָד מיט עפּל, מײַן סאָד מיט בארן,
מײַן סאָד מיט ווײַנשל און מײַן סאָד מיט ניס.

פון הודו ביז כוש

ווען איך זאָל הײַנט ווערן
דער קיניג פון הודו ביז כוש,
וואָלט איך א ביימל מיט פײַגן
פאַרפלאַנצט אַפן טיש.

געוווען וואָלט בא מיר
א מיניסטער פּאָמעראַנץ,

דער שייני־לעמיילעך —
א טעפּל מיט שמאַלץ.

געקויפט כ׳וואָלט דער מאַמען
פון גאָלד און פון זילבער א שפּילקע,
און אליין וואָלט איך שפּילן אין פאַלאַץ
מיט יאַנקעלע פאַרך אין פּילקע.

וואָס ווו איז באהאלטן

ביימער באהאלטן
די וואָרצלען אין דער ערד,
דער זעלנער — אין שיידל
זײַן שטאָלענע שווערד.

אונטער דער שאָלעכץ
דער ווײַסער, ווי שניי,
פאַרבאָרגן עס האָט זיך
דאָס געלכל פון איי.

א יאָדער א זיסער
באהאלט זיך אין ניסל,
דער קעז אין די קנישעס,
וואָס זײַנען אין שיסל.

און נאָר בא די מענטשן,
די וויסטע נאַראָנים,
ליגט דער טיפּעש
צעלייגט אפן פּאָנעם.

די וואָג

פאַראַנען א וואָג
מיט ווײַזערלעך לינדע,
א וואָג, וואָס מע וועגט אף איר
פּיצעלעך קינדער.

בלויז מײַן וואָג מע קויפט ניט
אין ערגעץ פאַר געלט,
ס'האָט קיינער מײַן וואָג
ניט געזען אף דער וועלט.

דער קלייטניק וועגט
קאַרטאָפל א קאַשעק,
עס וועגט דער אַפּטייקער
א זעלטענעם פּראַשעק.

נאָר דאָך דאַרף איך זאָגן,
אַז כ'וועג אָפּ פּאַרט
שטענדיק און טאָמיד
יעדעס וואָרט.

זשוטשקע

כוץ א שטיקל צוקער,
א געשמאַקן ביין,
דאַרף מײַן הינטל גאָרניט,
האָוקען — איינמאָל ביין.

נאָר הײַנט, ווען טיר־און־טויער
שטיי'ן אף זיבן שלעסער,

צעהאָוקעט זיך מײַן זשוטשקע,
ווי אף א גאַזלען מיט א מעסער.

מיין איך, אַף מײַן לעבן
לויערט א סאַקאָנע,
לאָזט זיך אויס — מײַן זשוטשקע
בילט אף דער לעוואָנע.

* * *

דער קוואַטשקעס א פעדער,
ווי א פּאָפּליאַטע צווײַג,
האָט א ווינטל פאַרוואָרפן
צו דעם אָדלער אין שטײַג.

געצופּט און געשמיסן,
געפליקט און געריסן,
ניט געוואָלט פון אים הערן,
ניט געוואָלט פון אים וויסן.

באַדאַרפט וואָלט איר זען,
ווי, ניט אף קיין שפּאַס,
איז געוואָרן דער אָדלער
אף דעם פעדער אין קאַס.

איך בין געשטאַנען,
געטראַכט פון דערפון —
איך וואָלט דאָס זעלבע
מיסטאָמע געטאָן.

פארוואָס הייסט דער פּאַפּוגײַ — פּאַפּוגײַ

צוריק מיט א יאָרהונדערט, ווען די צײַט איז געקומען,
מע זאָל געבן די פֿייגל יעדן איינעם א נאָמען,
האָט איינער א פֿויגל באַשטימט זיך ניט מיַעסן,
א טאַפּ טאָן אין וואָגן און דערנאָך ערשט באַשליסן,
וויאַזוי און מיט וואָס פֿאַר דער קאָמיסיע זיך שטעלן,
ער זאָל איר אַמליבסטן, אַמבעסטן געפֿעלן —
און קריגן, פֿאַרשטייט זיך, דעם נאָמען דעם שענסטן,
וואָס רימען ער זאָל זיך באַם גרעסטן און קלענסטן.
געמיינט האָט דער פֿויגל זײַן קליגער פֿון יעדערן
און פֿאַרפּוצט זיך גרויסאַרטיק אין פֿאַרביקע פֿעדערן.
און פּלאַפּלען גענומען, דאָס מויל ניט פֿאַרמאַכט,
און נאָכגעקרימט יעדן, פֿון יעדן געלאַכט.
איצט קאָן אים זײַן הויזגעזינד ניט פֿאַרצײַען
פֿאַר דעם, וואָס מע רופֿט זיי ביז הײַנט פּאַפּוגײַען.

אין פּאַריזש

אין פּאַריזש, אין פּאַריזש —
ווײַנען, זאָגט מען, איידעלע פֿיש.

טאָמער עסט איר פֿיש מיט כריין
און אײַך טוט א שטאָך א ביין,

בעטן באַלד אליין די שלײַען
מוחל זײַן און זיי פֿאַרדײַען,

און זיי שווערן בא דעם לעבן,
קיינמאָל אײַך קיין שטאָך ניט געבן.

אין פּאַריזש, אין פּאַריזש
ווײַנען, זאָגט מען, איידעלע פֿיש.

אָף היסטאָרישע טעמעס

פראָפ. ג. באָנדאַרעווסקי

דער ציוניזם און דער קאַמף פאַר פּאַלעסטינע

פערטער שמועס

„האַוואַדאַ״ איז געווען בלויז איינע פון פיל פאַרשטענדיקונגען צווישן די ציוניסטן און די פאַשיסטן. שוין אין 1933 איז אין דער סיסטעם פון דער זיכערהײַט־דינסט עס־עס געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלער אָפּטייל „112־II״. זײַן אָנפירער איז געווען מילדענשטיין. דעם דאָזיקן אָפּטייל האָט מען באַופטראָגט צו פאַנאַנדעראַרבעטן די „ייִדן־פּאָליטיק״ אין דעם הימלער־אַמט. מילדענשטיין האָט אונטערגעהאַלטן ענגע קאָנטאַקטן מיט די ציוניסטן, ער פלעגט בײַזײַן אָף די קאָנגרעסן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָפן סמך פון א געהיימער פאַרשטענדיקונג צווישן דער ייִדישער אַגענץ און דעם אָפּטייל „112־II״ איז אין בערלין געעפנט געוואָרן א „פּאַלעסטינער אָפיס״, וואָס האָט צווישן די הונדערטער טויזנטער דײַטשישע ייִדן אָפּגעקליבן „די סאַמע פּאַסיקע״, קעדיי אַריבערשיקן זיי קיין פּאַלעסטינע. פון 1933 ביז 1936 זײַנען פון דײַטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע אַריבערגעפאָרן 40 טויזנט ייִדן. מילדענשטיין אַליין האָט לויט דער אײַנלאַדונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס באַזוכט פּאַלעסטינע, וווּ ער האָט זיך געניי באַקאַנט מיט דער סיטואַציע און אַפילע געגעבן די פאָרשטייער פון דער ייִדישער אַגענץ קאָנסולטאַציעס מיקויעך פראַגן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזירן „איבערגרייטונגס־לאַגערן״, וווּ די אימיגראַנטן זאָלן באַאַרבעט ווערן אין ציוניסטישן גײַסט.

וואָס אָנגעשטרענגטער עס זײַנען געוואָרן די באַציִונגען צווישן די ציוניסטן און די רעגירנדיקע קרײַזן פון גרויסבריטאַניע (אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַגרענעצן די ייִדישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע און מיטן געצוווּנגענעם קער פון לאָנדאָן אין דער זײַט פון דערנעענטערן זיך מיט די אַראַבער אין די פראַגן פון לייזן די פּאַלעסטינע־פּראָבלעם), אַלץ אָפטער און ציניִשער האָבן די ציוניסטן געפּרוּווט אויסנוצן „די פאַשיסטישע קאָרט״.

צוערשט אָבער האָבן זיי זיך באַמיט געווינען די שלאַכט אָף דער לאָנדאָנער אַרענע, נעמלעך — אַרום די פאָרשלאָגן פון דער פּיל־קאָמיסיע. די ציוניסטישע לידערס האָבן בעשום־אויפן ניט געוואָלט מאַסקים זײַן, מע זאָל פאַר זיי אויסטיילן עפּעס אַן אומבאַדײַטנדיקן טייל פון פּאַלעסטינע. אַלס א „טאַראַן״ איז אויסגענוצט געוואָרן טשערטשיל. ערעוו דעם טאָג, ווען אין דער געמיינדעס־פּאַלאַטע האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן דער באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע, אין יול 1937, האָט טשערטשיל באַקומען א ספּעציעלן בריוו, פול מיט זאָרגזאַם אָפּגעקליבענע פּראָציוניסטישע אַרגומענטן. א צוגאָבלעכע אַרגומענטאַציע האָט אים איבערגעגעבן פּערזענלעך וו. זשאַבאָטינסקי. אָף וויפל די בריטישע רעגירונג האָט ניט געענדערט איר שטעלונג, האָבן די ציוניסטישע לידערס באַשלאָסן, אַז גלײַכצײַטיק מיט דער אַטאַקע אין פּאַרלאַמענט וועלן זיי באַשולדיקן די ענגלישע רעגירונג אין ניט אויספילן די היסכײַוועסן, וועלכע זי האָט געגעבן דער פעלקער־ליגע באַם נעמען דעם מאַנדאַט אָף פּאַלעסטינע. „אונדזערע מענטשן האָבן זיך געזען מיט אַלע מיטגלידער פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע״, — האָט מיט שטאָלץ געשריבן זשאַבאָטינסקי.

ניט געקוקט אָף דער גאַנצער שוואַכקײַט פון דער פעלקער־ליגע, האָבן די ציוניסטן פונדעסטוועגן זי באַטראַכט אַלס איינעם פון די פּלאַצדאַרמען אינעם קאַמף קעגן דער נײַער פּאָליטיק פון גרויסבריטאַניע, וועלכע האַלט דעם מאַנדאַט אָף פּאַלעסטינע. די ציוניסטן האָבן אויסגערעכנט דערוף, אַז גראָד אין האַרבסט 1937 איז גרויסבריטאַניע, אין צוזאַמענהאַנג מיט

סאָף. זע אָנהייב אין די נומערן 10, 11 און 12 פון פאַריקן יאָר.

דער פאַרשאַרפונג פון דער סיטואַציע אין
אייראָפּע, געווען פאַרינטערעסירט דערין, אַז
איר פּאָליטיק זאָל באַקומען די שטיצע מיצאַד
דער פעלקער־ליגע, באַזונדערס מיצאַד אייניקע
מיטגלידער פונעם ראַט פון דער ליגע. דעריבער
האָט דער נײַער ענגלישער קאָלאָניע־מיניסטער
אָרמסבי גאָר, ווי עס האָט געשריבן די „ניו־
יאָרק טײַמס", אָפּגעשיקט אַ וואַרעמע באַגריי־
סונג־טעלעגראַם דעם ציִעניסטישן וועלט־קאָנ־
גרעס, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אין ציריך.
אָרמסבי גאָר האָט צוגעזאָגט אַרײַנצוטראָגן ענ־
דערונגען אינעם ענגלישן פּלאַן פון צעטיילן
פּאַלעסטינע, אויב די ציִעניסטן וועלן שטיצן
אין דער פעלקער־ליגע די אייראָפּעיִשע פּאָלי־
טיק פון גרויסבריטאַניע.

דעם ציִעניסטישן אַפּאַראַט האָט זיך פונדעסט־
וועגן אײַנגעגעבן אַראָפּצורײַסן די באַלדיקע
רעאַליזירונג פון די פאָרשלאָגן פון דער קאָמי־
סיע פּיל—וודהעד וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע און
אויסטיילן פאַר זיי (פאַר די ציִעניסטן) אַ מי־
נימאַלע טעריטאָריע. עס איז אָבער ניט געלונ־
גען צו אָפּשאַפן דאָס ווײַסע בוך פון 1939,
וועלכער מעלדעט אַ שאַרפע פאַרקירצונג פון
דער אימיגראַציע און פאַרבאָט קימאַט אינגאַנצן
צו פאַרקויפן די ציִעניסטן ערד אויף העכער 90
פּראָצ. פון דער טעריטאָריע פונעם לאַנד. דעם
22 מײַ 1939 זײַנען אין דער געמיינדעס־פּאַלאַ־
טע פאָרגעקומען שטורמישע דעבאַטן וועגן דער
דאָזיקער פראַגע. די רעזאָליוציע, וואָס האָט
פאַרורטיילט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, איז
דורכגעפאַלן, כאָטש עס האָבן זי אַקטיוו אונ־
טערגעהאַלטן טשערטשיל און לאָיד־דזשאָרדזש.
די נײַע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון
גרויסבריטאַניע — דאָס אָפּזאָגן זיך פון מאַכינאַ־
ציעס מיט די ציִעניסטן און פּרוּוון אויפריידן זיך
מיט די סאַמע מעסיקע אַראַבישע קרײַזן פון
פּאַלעסטינע און פון די שכייניש אַראַבישע
לענדער — האָט באַקומען די פולע שטיצע. פאַרן
ווײַסן בוך האָבן געשטימט 268 פּאַרלאַמענט־
מיטגלידער, קעגן — 179. אין דעם זעלבן טאָג
איז דאָס ווײַסע בוך איינשטימיק באַוויליקט גע־
וואָרן דורך דער לאָרדן־פּאַלאַטע. די ציִעניסטן
האָבן געליטן אַ ערנסטע מאַפּלע. ווייצמאַן
האָט מיט ווייטעק געשריבן אין זײַנע מעמוּאַרן:
„איך האָב זיך באַמיט צו געפינען אַן ענטפער
אויף דער פראַגע, וואָס האָט מיך געמאַטערט אין
משך פון מײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן... פאַר־
וואָס איז געוואָרן אַן... אַבסאָליוט פעסטער
כּלל, אַז פּאָליטישע טוער, וועלכע באַציִען זיך
צו דער ייִדישער היים מיט אַזאַ ענטוזיאַזם
בײַס די וואַלן, פאַרגעסן אינגאַנצן וועגן איר,
ווען זיי קערן זיך אום צו דער מאַכט?"

נאָך איידער זיי האָבן פאַרשפּילט אָט די וויכ־
טיקסטע פּאָליטישע שלאַכט אין גרויסבריטאַ־
ניע, האָבן די ציִעניסטן געפּרוּווט לאָזן אין גאַנג
„די אַמעריקאַנער קאָרט", וואָס איר אײַנפלוס
איז געווען אַזוי שטאַרק בײַס דעם קאַמף אַרום
דער באַלפור־דעקלאַראַציע, באַם רעאַליזירן זי
אין פּאַלעסטינע אין סאָף פון דער ערשטער
וועלט־מילכאָמע און אין אָנהייב פון די צוואַנ־
ציקער יאָרן. שוין אין 1936, דה. אין ברען פו־
נעם אַנטי־אימפּעריִאַליסטישן אויפשטאַנד פונעם
אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע — אַן אויפ־
שטאַנד, וואָס איז געווען געצילט קוידעמקאָל
קעגן די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן, ניט קעגן די
ייִדישע קאָלאָניסטן, — האָבן די ציִעניסטישע
אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַ־
נאַנדערגעוויקלט אַ שטורמישע קאַמפּאַניע
איבערן גאַנצן לאַנד, קעדיי דערווײַזן, אַז די
ייִדישע באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע נייטיקט
זיך אין באַלדיקער הילף, זי געפינט זיך, קלויי־
מערשט, אויפן ראַנד פון אומקום. אין יאַנואַר
1936 איז „יונײַטעד דזשוּיִש אַפּיל" אַרויסגע־
טראָטן מיט אַ רוף צו זאַמלען פאַר די ייִדישע
קאָלאָניסטן פון פּאַלעסטינע 5 מיליאָן דאָלאַר.
אין די ערשטע צען כאַדאָשים פון 1936, דה.
אינעם פּעריִאָד, ווען די בריטישע קאָלאָניזאַ־
טאָרן האָבן אָוועקגעלאָזט מיטן פײַער אַראַבישע
ייִשוּווים, אַרעסטירט און דערשאָסן טויזנטער
פּאַלעסטינער פּאַטריִאָטן, איז פון די פאַראייניקטע
שטאַטן אָנגעקומען פאַר די ציִעניסטן פון פּאַ־
לעסטינע 2 מיליאָן דאָלאַר. אין האַרבסט 1936
האָבן דרײַ אַמעריקאַנער סענאַטאָרן — אָסטין,
קאָופּלענד און האַסטינגס — אָפּגעשטאַט אַ ווי־
זיט קיין פּאַלעסטינע, קעדיי באַקומען אַ פּאַק־
טישן מאַטעריאַל, וואָס וועט געבן די מעגלעכ־
קײַט צו מאַכן אַ דרוק אויפן מעלוכע־דעפּאַרטאַ־
מענט. אָט אַזוי איז געמאַכט געוואָרן דער אָנ־
הייב פון די אינספּעקציע־רײַזעס פון אַמעריקאַ־
נער סענאַטאָרן קיין פּאַלעסטינע, וועלכע שפּילן
איצט אַזאַ גרויסע ראָליע אין דער נאָענטמיז־
רעכדיקער פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן,
אין דער אויסערן־ און אינערן־פּאָליטיק פון
ייִסראָעל.

נאָכן פאַרעפנטלעכן די פאָרשלאָגן פון דער
פּיל־קאָמיסיע און, באַזונדערס, פון וודהעדס
קאָמיסיע וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע, האָבן די
אָנפירער פון די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון
די פאַראייניקטע שטאַטן צוגעשיקט אַ ספּעציִעלן
מעמאָראַנדום אין מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט, וווּ
זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן אויסטיילן אַ צו
קליינע טעריטאָריע פאַר דער פּלאַנירטער ייִדיי־
שער זאָנע און געפאָדערט, אַז די פאַראייניקטע
שטאַטן זאָלן זיך אָפיציִעל אַרײַנמישן אין אָט
דער פּראָבלעם, באַזונדערס אויף דעם סמך, וואָס
„די גאַנצע זאָנע פון דער קאָנצעסיע אויף אַרויס־
באַקומען מינעראַלן אין ראַיאָן פונעם יאַם האַ־
מעלעך (און די קאָנצעסיע געהערט דער אַמע־
ריקאַנער „פּאַלעסטײַן פּאָטעש קאָמפּאַני") וועט
דאָך מיט דער צײַט אַריבערגיין צו דער קינפ־
טיקער אַראַבישער מעלוכע. אויף וויפל אין יענעם
מאָמענט זײַנען די אַמעריקאַנער פינאַנץ־מאַג־
נאַטן געווען דערשיטערט פון דער ידיִעה פון
מעקסיקע, אַז מע האָט דאָרט נאַציאָנאַליזירט
דאָס פאַרמעגן פון די אַמעריקאַנער נאַפט־קאָמ־
פּאַניעס, האָבן די אויטאָרן פונעם מעמאָראַנדום
געטײַנעט, אַז אַן אַנאַלאָגישע געשעעניש קאָן
טרעפן אויך מיט די אַקציאָנערן פון „פּאַלעס־

טײַן פּאַטעטש קאָמפּאַני". לויט זייער מיינונג איז דאָס אַ גענוגנדער גרונט דערצו, אַז דער מע־לוכע־דעפּאַרטאַמענט זאָל אַרויסטרעטן קעגן צעטיילן פּאַלעסטינע. אונטערן דרוק פֿון די ציִוניסטן האָט רוזוועלט פּאָרזיכטיק פּאַרורטיילט דעם דאָזיקן פּלאַן.

קעדיי מאָביליזירן די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון אַמעריקע אַף צו פּאַרטיידיקן זייערע אינטע־רעסן, האָבן די ציִוניסטן אין האַרבסט 1938 אָרגאַניזירט אין ניו־יאָרק אַ „וועלט־קאָנפֿערענץ וועגן פּאַלעסטינע". אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי געפֿיועלט, אַז אַף דער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק זאָל געעפֿנט ווערן אַ ספּעציִעלער ציִוניסטיש־פּאַלעסטינער פּאַוויליאָן. דער קאָ־ווער צו עפֿענען דעם פּאַוויליאָן איז געגעבן געוואָרן דעם זאַקן לאָיד־דזשאָרדזש, וועלכער איז צו דער צײַט, ווען עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, געווען פּרע־מיער־מיניסטער פֿון ענגלאַנד. אין אָקטיאַבער—נאָיאַבער 1938 זײַנען דאָס ווײַסע הויז און דער מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט געווען בוכשטעבלעך פֿאַרוואַלגערט מיט בריוו, פּעטיציעס און טע־לעגראַמעס פֿון די פּילצאָליקע ציִוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן געפֿאָדערט, מע זאָל ניט דערלאָזן צו לימיטירן די ייִדישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטי־נע. די פֿאָדערונגען זײַנען איבערצײַגעוודיק מאָטיווירט געוואָרן מיט דער נייטיקײַט צו זי־כערן אַ היים פֿאַר די הונדערטער טויזנטער אייראָפּעיִשע ייִדן, וועלכע ליגן אונטערן כאַלעף פֿונעם פֿאַשיזם; אין דער זעלבער צײַט האָבן די אַמעריקאַנער ציִוניסטן אָפּגעוואָרפֿן אַלע פֿאָרשלאָגן פֿון די פֿילאַנטראָפּישע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס צו פֿינאַנסירן דעם אַרויספֿאָר פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן קיין לאַטײַן־אַמעריקע און אויסטראַליע, די פֿאָרשלאָגן פֿון אייניקע מיטגלידער פֿון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע צו איבערקוקן די שטרענגע אימיגראַנטן־קוואָטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, קעדיי די אייראָפּעיִשע ייִדן זאָלן געפֿינען דאָרט אַ היים. אַזאַ צווייענדיקע שפּיל האָבן די ציִוניס־טישע לידערס באַרעכטיקט מיט דעם, וואָס די אייראָפּעיִשע ייִדן זײַנען נייטיק פֿאַר דער קאָ־לאָניזירונג פֿון פּאַלעסטינע...

באַזונדערס אַקטיוו זײַנען געווען די אַמערי־קאַנער ציִוניסטן אויך אינעם פּעריִאָד, ווען עס האָט געאַרבעט די לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ וועגן די פֿראַגן פֿון פּאַלעסטינע (פֿעוורואַל 1939). די לידערס פֿון די אַמעריקאַנער ציִוניסטן ווײַז און ליפּסקי האָבן דאַן אָפּט זיך באַגעגנט מיטן בריטישן אויסערן־מיניסטער לאָרד האַליפֿאַקס און מיטן אַמעריקאַנער געזאַנדטן אין לאָנדאָן דזשאָזעף קענעדי. די דאָקומענטן פֿונעם מעלו־כע־אַרכיוו פֿון גרויסבריטאַניע, וועלכע זײַנען ערשט די לעצטע צײַט געוואָרן צוטריטלעך פֿאַר די פֿאָרשער, באַווײַזן, ווי שטאַרק ס'זײַנען גע־ווען די באַמיִונגען פֿון ווײַזן און ליפּסקין, קע־דיי צו דערשלאָגן זיך, אַז די ענגלישע פּאָזיציע בענוגעייע די פֿאָדערונגען פֿון די אַראַבער אין

דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע זאָל זײַן אַ ווי ווײַט מעגלעך האַרטערע. דער דרוק אַפֿן מיליִאָנער קענעדי איז געווען אַרויסגערופֿן אויך דערמיט, וואָס יענער איז געווען רוזוועלטס אַ פּערזענ־לעכער פֿרײַנט און האָט זייער אַקטיוו אָנטייל־גענומען אינעם פֿינאַנסירן רוזוועלטס וואַל־קאַמפּאַניעס.

נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער לאָנדאָנער קאָנפֿע־רענץ, נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס ווײַסע בוך פֿון 1939, וואָס האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ איבער די פּלענער און האָפֿנונגען פֿון די ציִע־ניסטישע קאָלאָניזאַטאָרן, האָבן די לידערס פֿון די ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון די פֿאַריי־ניקטע שטאַטן ווידעראַמאָל געמאַכט אַ פּרווו צו אַקטיוויזירן די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע.

„אינעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט,— האָט גע־שריבן די „ניו־יאָרק טײַמס",— קומען אָן טויזנ־טער בריוו און טעלעגראַמעס מיט דער פֿאָדע־רונג, אַז די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָל אַנטשיידן אַרויסטרעטן קעגן דער נײַער ענגלישער פּראָגראַם פֿאַר פּאַלעסטינע. צום מעלוכע־סעקרעטאַר העל זײַנען שוין גע־קומען עטלעכע דעלעגאַציעס פֿון אָנגעזעענע ייִדישע אָנפֿירנדיקע טוער, וועלכע האָבן גע־פּרוווט דערווײַזן אים, אַז אויב די דאָזיקע פּראָ־גראַם וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן, וועט זי פֿאַר־שאַפֿן שאָדן אויך די אינטערעסן פֿון אַמעריקע. די דאָזיקע דעלעגאַציעס זײַנען געווען אויך בײַ עטלעכע סענאַטאָרן און קאָנגרעסמענער, וועל־כע האָבן דערנאָך זיך געווענדט מיט דער דאָ־זיקער פֿראַגע צו העלן".

אָבער קיין אָפֿיציעלע אַמעריקאַנער רעאַקציע אַפֿן ווײַסן בוך איז ניט געווען. ניט־אָפֿיציעל האָט דזשאָזעף קענעדי באַקומען דעם אויפֿטראָג צו אינפֿאָרמירן „יעדנפֿאַלס" די ענגלישע רע־גירונג, אַז דאָס ווײַסע בוך האָט אַרויסגערופֿן אין אַמעריקע, „באַזונדערס אין די ציִוניסטישע קרײַזן", אַ גרויסע אַנטוישונג.

אַזאַ אײַנגעהאַלטנקייט פֿון דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע איז צו דערקלערן מיט דער ווירקונג פֿון אַ ביז גאָר אײַנפֿלוסרײַכן פֿאַק־טאָר — פֿונעם נאַפֿט־פֿאַקטאָר. נאָך אין 1933 האָבן די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס באַקומען אַ גרויסע קאָנצעסיע פֿאַר אויסשפּירונג און אַרויסבאַקום פֿון נאַפֿט אין סאַוד־אַראַביע. אין פֿרילינג 1939 האָט דער קיניג פֿון סאַוד־אַראַביע איבן סאַוד צום ערשטן מאָל זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו רוזוועלטן, ווו ער האָט פֿאָרמולירט די אַראַבישע פּאָזיציע אין דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע. אין זײַן ענטפֿער־בריוו האָט רוזוועלט פֿאַרזיכערט איבן סאַודן, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט „אין אַט דער פֿראַגע נאָך קיינ־מאָל ניט געענדערט איר פּאָזיציע, באַ וועלכער זי האָט זיך געהאַלטן פֿון סאַמע אָנהייב". האָ־גאַם דער ענטפֿער איז געווען אַ נעפּלהאַפֿטער, האָט אָבער דער בריוו־אויסטויש, אין די באַ־דינגונגען, ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די צווייטע וועלט־מילכאָמע, בעלי־סאָפֿעק געצווונ־גען רוזוועלטן און דעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט

פון די פאַרייניקטע שטאַטן צו זײַן פּאַרזיכטיק אין דער פּאַלעסטינע־פּראַגע און, טראָץ דעם דרוק פון די ציִעניסטן, נישט אַרויסטרעטן ניט קעגן דעם ווײַסן בוך, ניט קעגן דעם נײַעם קורס פון דער בריטישער רעגירונג אין אָט דער פּראַגע.

די ציִעניסטן האָבן באַשלאָסן אַריבערגיין אין אַן אָנגריף אין פּאַלעסטינע גופא. אין מײַ 1939 איז דער הויפּט־ראַוו פון פּאַלעסטינע הערצאָג אַרופגעגאַנגען אַפּן באַלעמער פונעם גרעסטן פּאַלעסטינער בעסמעדרעש „ישורים" און האָט פאַר טויזנטער מיספּאַלעלים אין די אויגן צע־ריסן אַף שטיקער אַן עקזעמפּליאַר פונעם ווײַסן בוך. דעם 17 מײַ 1939 איז „האַגאַנאַ" אַריבער צו אָפענע אַנטיבריטישע אַקציעס: אויפגעריסן די סטודיע פון דער ירושאַלאַיִמער ראַדיאָ־סטאַנציע, אין א טאָג אַרום אונטערגעצונדן אין ירושאַלאַיִם די געבײַדע פונעם ענגלישן עמי־גראַציע־אַמט און געמאַכט א כורבן אין זײַנע פיליִאַלן אין כײַפע און טעל־אַוויוו. דעם 19 מײַ איז אין פּאַלעסטינע דערקלערט געוואָרן אַן אַל־געמײַנער „יִדישער שטרײַק". די ציִעניסטישע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע „אירגון" האָט אויפגעריסן דעם גרויסן ירושאַלאַיִמער קינאָ־טעאַטער „רעקס". אין אָנהייב יוני 1939 האָבן די ציִעניסטן אין עטלעכע ערטער צעשעדיקט די אײַזנבאַן־ליניע ירושאַלאַיִם — יאַפע, אויפגע־ריסן א טייל פון דער געבײַדע פונעם ירושאַ־לאַיִמער פּאָטשטאַמט. אין אויגוסט האָבן זיך אָנגעהויבן אָנפאַלן אַף די ענגלישע פּאָליציִאַנטן.

די צווייטע וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1 סענטיאַבער 1939, האָט אַרײַנ־געטראָגן ערנסטע ענדערונגען אין דער פּאַ־לעסטינע־פּראָבלעם און האָט אַרויסגעפירט אַף דער אַרענע נײַע קרעפטן.

פאַר די רעגירנדיקע קרײַזן פון גרויסבריטאַ־ניע איז איינער פון די וויכטיקסטע צילן פון דער מילכאָמע געווען — אײַנהיטן זייערע הערשנדיקע פּאָזיציעס אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אַהין זאָלן זיך ניט קאָנען דורכרײַסן די איטאַליעני־שע און דײַטשישע קאָנקורענטן, אין דער זעל־בער צײַט ניט דערלאָזן, אַז אין דעם ראַיאָן זאָלן זיך פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון די אַמעריִ־קאַנער פאַרבינדעטע. ווײַטער, האָבן די בריטי־שע אימפּעריִאַליסטן געציטערט איימאַס־מאַ־ווײַס, עס זאָל זיך, כאָלילע, ניט פאַרשטאַרקן די אַנטי־אימפּעריִאַליסטישע באַפרײַונגס־באַווע־גונג פון די פעלקער פון די אַראַבישע לענדער, די באַפרײַונגס־באַוועגונג, וועלכע איז געווענדט סײַ קעגן די ענגליש־פראַנצויזישע קאָלאָניזאַ־טאָרן, סײַ קעגן די פעאָדאַלע מאַריִאָנעטקעס פונעם בריטישן אימפּעריִאַליזם אַפן נאָענטן מיזרעך. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט די פּאַ־לעסטינע־פּראָבלעם באַקומען גאָר אַן אַנדער טײַטש, נעמענדיק דערבײַ אין אַכט אויך איר באַדײַטונג פאַר די פעלקער פון די אַראַבישע לענדער. אין דער זעלבער צײַט האָט מען אין לאָנדאָן זיך געמוזט רעכענען מיט דעם, אַז די יִדישע בורזשואַזיע און די ציִעניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן א גרויסן אײַנפלוס באַם פאָרמולירן די אויסערן־פּאָליטיק פון אָט דער גרעסטער מעלוכע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט; ניט בלויז די רעגירנדיקע קרײַזן פון גרויסבריטאַניע, נאָר אויך די ברייטע ענגלישע מאַסן זײַנען געווען העכסט פאַראינטערעסירט, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן זאָלן וואָס גיכער אַרײַנטרעטן אין דער מילכאָמע אַפן צאַד פון גרויסבריטאַניע.

די שרעק, אַז אין פּאַלעסטינע זאָל זיך אַרײַנ־רײַסן היטלערס אַרמיי (פון דער דאָרעם־מײַ־רעוודיקער זײַט — דורך ליביע און מיצראַיִם, פון דער צאָפנדיקער זײַט — דורך טערקײַ און סיריע), האָט געצווונגען די ציִעניסטן, זיי זאָלן די ערשטע צײַט שטילן זייערע אַפּעטיטן און אָפּשוואַכן זייער קאַמף קעגן דער ענגלישער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע. אין סענטיאַבער 1939 האָבן די קאָנקורירנדיקע ציִעניסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען פון פּאַלעסטינע דערגרייכט א פאַרשטענדיקונג, אַז זייער גאַנצע טעטיקײַט זאָל קאָאָרדינירט ווערן דורך דעם אויספירקאָם פון „וואַאַד לעומי" (וועד לעומי — גענעראַל־ראַט פון דער יִדישער קעהילע). אין דער זעל־בער צײַט האָט מען אָנגעהויבן פאַרשרײַבן אַף פרײַוויליקער מיליטער־דינסט יִדן אין עלטער פון 18 ביז 40 יאָר. אַף אַזא אופן זײַנען פּאַק־טיש מאָביליזירט געוואָרן 134 טויזנט מענטשן (63 פּראָצ. מאַנסלײַט און 37 פּראָצ. פרויען). די דאָזיקע מאָביליזאַציע איז ניט דערפירט גע־וואָרן ביזן סאָף, ווײַל „וואַאַד לעומי" האָט ניט געהאַט קיין מעלוכישע אַדמיניסטראַטיווע פונק־ציעס. פונדעסטוועגן האָט די יִדישע אַגענץ פאַרגעלייגט דער בריטישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געגייטיקט אין באַוואָפנטע קרעפטן אַף צו פירן קריגס־אַקציעס אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, זי זאָל נעמען אין איר רעשוס די יִדישע פרײַוויליקע, נאָר מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן פאַררעכנט ווערן אין ספּעציִעלע יִדישע מיליטער־טיילן, וועלכע זײַנען דיסלאָצירט אין פּאַלעסטינע. אין לאָנדאָן האָט מען גלײַך פאַר־שטאַנען דעם טאַך פון דער שפּיל אין א „טראָיאַנישן פערד" און מע האָט דעם פאָרשלאָג פון דער יִדישער אַגענץ ניט אָנגענומען.

אין 1940 איז ווידער שאַרף געוואָרן די אַליִע־פּראָבלעם. דער דײַטשישער פאַשיזם האָט זיך געגרייט פיזיש אויסצוראָטן מיליאָנען יִדן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע. די ענגלישע רעגי־רונג האָט ניט געקאָנט עפנטלעך דערווידערן קעגן דער פאָדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכ־קײַט, מע זאָל אַרײַנלאָזן יִדן קיין פּאַלעסטינע, טראָץ די קוואָטעס, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אינעם ווײַסן בוך פון 1939. אָבער דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן גרויסע אומצופרידנקײַט אין די אַראַבישע לענדער, און דאָס איז געווען זייער געפערלעך, ווײַל די דײַטשיש־איטאַליענישע מיליטער־טיילן זײַנען שוין אַרום אַף דער טע־ריטאָריע פון מיצראַיִם און אײַנגעשטעלט אַן

ענגן קאָנטאַקט מיט דער אַנטיבריטישער באַוועגונג אין איראַק.

אין אָט דער קאָמפּליצירטער לאַגע האָט די פאַשיסטישע אָנפירונג פון דײַטשלאַנד, אין דער ערשטער ריי ביידע פאַשיסטישע אויסשפּיר־אָרגאַנען — די סד און דער אבווער — באַשלאָסן צו אויסנוצן זייערע געהיימע פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטן, קעדיי, פאַרגרעסערנדיק די ייִדישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, אַרײַנקלאַפּן אַ קלין אין די ענגליש־אַראַבישע באַציִונגען (אין דער זעלבער צײַט ווען עס העלפן די פאַשיסטן אַרײַנשיקן אַפן נאָענטן מיזרעך, אונטער דער מאַסקע פון אימיגראַנטן, זייערע אַגענטן). מיט אָט דעם ציל האָט דער שוין דערמאָנטער אָפּטייל „112־II", אין וועלכן עס האָט דעמלט געשפּילט די הויפּט־ראָליע דער קינפּטיקער טאַליען פונעם ייִדישן פאָלק אייכמאַן, אײַנגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער געהיימער „אימיגראַציע־ביוראָ" („מאָסאַד"), וועלכע האָט געעפנט אירע פאַרשטייערשאַפטן אין בערלין און אין ווין. אין אָט די שטעט האָט מען טאַקע אָפּגעקליבן די אימיגראַנטן, וועלכע מע האָט געזאָלט שיקן קיין פּאַלעסטינע.

אין נאָיאַבער 1940 זײַנען די דאַמפּערס „פּאַסיפיק" און „מילאָס", אַף וועלכע עס האָבן זיך געפונען 1771 אומלעגאַלע אימיגראַנטן, ספּעציעל אָפּגעקליבענע מיצאַד דער אימיגראַציע־ביוראָ („מאָסאַד") איבערגעכאַפּט געוואָרן פון די ענגלישע פּאַטרול־שיפן ניט ווײַט פונעם פּאַלעסטינע־ברעג. די ענגלישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו דעפּאָרטירן די דאָזיקע און די קינפטיקע אומלעגאַלע אימיגראַנטן. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל אַלע פּאַסאַזשירן פון „פּאַסיפיק" און „מילאָס" איבערזעצן אַפן גרויסן דאַמפּער „פּאַטריאַ", וועלכער איז געשטאַנען אין כײַפער האַפן. ווען צו די ברעגן פון פּאַלעסטינע האָט זיך דערנעענטערט אויך אַ דריטע שיף מיט אומלעגאַלע אימיגראַנטן — „אַטלאַנטיק", איז פאַרגעלייגט געוואָרן, מע זאָל אויך די פּאַסאַזשירן פון „אַטלאַנטיק" אַריבערפירן אַפן דאַמפּער „פּאַטריאַ" און זיי אַלע אָפּשיקן אַפן אינדזל מאַווריקי. נאָך דעם 25 נאָיאַבער 1940 איז לויט אַ געהיימען באַפעל פון די אָנפירער פון „האַגאַנאַ" און „אירגון" דער דאַמפּער „פּאַטריאַ" אופגעריסן געוואָרן. עס זײַנען אומגעקומען 252 אימיגראַנטן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד און אין די פּאַרייניקטע שטאַטן האָבן ברייט אויסגענוצט די פּראָוואָקאַציע מיטן דאַמפּער „פּאַטריאַ" אַף צו אָנהייבן אַ קאַמפּאַניע פאַר אָפּשאַפן די אימיגראַציע־קוואָטע.

די פאַרברעכערישע פאַרבינדונג פון די ציוניסטן מיט די דײַטשישע פאַשיסטן און דירעקט מיטן אייכמאַן־אַמט איז דעמאַסקירט געוואָרן בײַם דעם באַוווּסטן קאַסטנער־פּראָצעס, בײַ וועלכן ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די פאַשיסטן פלעגן פאַר גרויסע געלט־סומעס אַרויסלאָזן פון דער אָקופּירטער אייראָפּע די ציוניסטישע עליטע. מע מוז אויך דערמאָנען די טראַגישע געשיכטע פון דערטרינקען די שיף „סטרומע", ווײַל פונקט ווי די געשיכטע מיטן דאַמפּער „פּאַטריאַ", איז זי אַ דערמאָנונג אין דער גרויזאַמער סאַקאָנע, וואָס עס האָט פאַרגעשטעלט פאַר דער מענטשהײַט די מיטאַרבעט און גלײַכצײַטיק קאָנקורענץ פון די דרײַ אויסשפּיר־אַמטן — דער ענגלישער, דער דײַטשיש־פאַשיסטישער און דער ציוניסטישער. אין דעקאַבער 1941 האָט דער אבווער, נאָך אַ לאַנגער און זאָרגזאַמער צוגרייטונג, אַרויסגעשיקט פון קאָנסטאַנץ דורך באָספּאָר קיין פּאַלעסטינע די שיף „סטרומע" מיט 760 ייִדישע פּליטים פון די באַלקאַנישע לענדער. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אויך איבערגעטאָנענע אַגענטן פונעם אבווער. אין קאָנסטאַנץ האָט מיט דער אָפּעראַציע פון אָפּשיקן די פּליטים אָנגעפירט איינער מיטן נאָמען יאַקאָוו, אַן אבווער־אַגענט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דער זיכערהייט־דינסט פון ייִסראָעל. אין לעצטן מאָמענט, ווען „סטרומע" איז שוין אַרויס אין יאַם, האָט די בריטישע אויסשפּירונג זיך דערוווּסט, אַז אַף איר געפינען זיך אבווער־אַגענטן, וועלכע זײַנען באַופטראָגט דורכצופירן אין פּאַלעסטינע דיווערסיע־אַקטן. די ענגלישע געזאַנדשאַפט האָט צו וויסן געגעבן די טערקישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז די פּאַסאַזשירן פון „סטרומע" וועלן ניט אַרײַנגעלאָזט ווערן קיין פּאַלעסטינע. פון דער שיף האָט מען אַראָפּגענומען בלויז די קינדער פון 11 ביז 16 יאָר, און מע האָט פאַרגעלייגט דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל שווימען צוריק אין שוואַרצן יאַם. אָבער לויט קאַנאַריסעס אַ שיפריִרטן באַפעל האָט אין „סטרומע" געטראָפן אַ טאָרפּעדע פון אַן „אומבאַוווּסטן" מיליטערישן קאַטיער, און די שיף איז דערטרונקען געוואָרן. עס זײַנען אומגעקומען אַרום 750 ייִדן־אימיגראַנטן.

זינט דעם סאָף פון 1942, ווען די דײַטשישע אַרמיי האָט געליטן די מאַפּאָלע הינטער סטאַלינגראַד און דער גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט, ראָמעלס אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרן הינטער אל־אַלאַמיין און די פאַרבינדעטע האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין צאָפן־אַפריקע, — זינט יענער צײַט איז אָפּגעפאַלן די אומיטלבאַרע סאַקאָנע, אַז די פאַשיסטן זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אין פּאַלעסטינע, וואָס דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געהאַמעוועט די טעטיקײַט פון די ציוניסטן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זײַנען אַריבער אין אָנגריף. דער נײַער אָנפירער פון „אירגון", דער ציוניסט־רעוויזיאָניסט פון פּוילן מענאַכעם בעגין (איצט אָנפירער פונעם רעאַקציאָנערן פראָנט אין ייִסראָעל — „ליקוד") האָט „דערקלערט אַ מילכאָמע" די ענגלענדער. „אירגון" האָט געפאָדערט, מע זאָל טייקעף איבערגעבן די מאַכט אין פּאַלעסטינע דער ציוניסטישער אַדמיניסטראַציע. אַ צווייטע פּראָפאַשיסטישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע „לאָכמוי כערוט ייִסר־

דאָעל" („לחמו חרות ישראל"), וואָס איר אָנפירער שטערן האָט אין 1941 אײַנגעשטעלט אַן אומיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט קאַנאַריסן, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַקטיווע אַקציִעס קעגן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אָנפאַלן אַף די ענגלישע אַנשטאַלטן און מיליטער־לאַגערן. אין יון 1943 האָט די ענגלישע אויסשפּירונג פעסטגעשטעלט, אַז אין פּאַלעסטינע פונקציִאָנירן געהיימע קריגס־זאַוואָדן פון „האגאנא", וואָס פּראָדוצירן געווער און נוצן דערבײַ אויס די דעפיציטע מאַטעריאַלן, וועלכע די „היסטאדרוט" האָט אַרויסגענומען פון די ענגלישע מיליטער־סקלאַדן.

אין סאָף 1943 — אָנהייב 1944 זײַנען ציִעניסטישע באַוואָפנטע אָטריאַדן אַריבער צו אָפּענעם טעראָר. אין יאַנואַר 1944 האָבן זיי אויפגעריסן די טראַנספּאָרט־פאַרוואַלטונג פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין יאַפע, אין פעוראַל — דעם פּאָליציי־שטאַב אין כײַפע, עס איז שיר ניט דערמאָרדעט געוואָרן דער ענגלישער אויבער־קאָמיסאַר אין פּאַלעסטינע מאַקמײַקל. באַזונדערס פאַרהאַסט איז געווען בײַ די ציִעניסטן דער ענגלישער מיניסטער פאַר די אָנגעלעגנהײַטן פונעם נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, דער מיטגליד פונעם בריטישן קאַבינעט לאָרד מאָין, וועלכער האָט קאָאָרדינירט די טעטיקײַט פון די פאַרבינדעטע אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך. זײַן רעזידענץ איז געווען אין קאַיִר. די ציִעניסטישע טעראָריסטן האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אַקטיוו באַוואָפנט די אַראַבישע לענדער. אין 1941 — 1942, ווען ער איז געווען קאָלאָניע־מיניסטער, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דער ייִדישער אימיגראַציע. ער האָט אַפילע דערקלערט, אַז די הײַנטיקע ייִדן שטאַמען לאַכלוטן ניט פון די אוראַלטע ייִדן, און דעריבער האָבן זיי ניט קיין היסטאָרישע רעכט אַף פּאַלעסטינע. דעם 6 נאָיאַבער 1944 האָבן צוויי באַוואָפנטע ציִעניסטן דערמאָרדעט דעם לאָרד מאָין אין קאַיִר.

דער דאָזיקער מאָרד האָט אַרויסגערופן אין ענגלאַנד א גוואַלדיקן צאָרן. דעם 17 נאָיאַבער איז טשערטשיל אַרויסגעטראָטן אין דער געמיינדעס־פּאַלאַטע און געזאָגט: „אויב אונדזערע טרוימען, וועלכע מיר האָבן פאַרבונדן מיטן ציִעניזם, איז באַשערט צו צעזייט ווערן אינעם רויך פון די רעוואָלוועער־שאָסן פון אָט די מערדער, און אויב אין רעזולטאַט פון אונדזער מי וועט בלויז געבוירן ווערן א נײַע באַנדע גענגסטערס, וועלכע זײַנען ווערט דעם נאַציסטישן דײַטשלאַנד, וועלן א סאַך פון אונדז, אַזעלכע, ווי איך אַליין, מוזן איבערקוקן אונדזער פּאָזיציע, בײַ וועלכער מיר האָבן אין דער פאַרגאַנגענהײַט אַזוי קאָנסעקווענט און אין מעשעך פון אַזאַ לאַנגער צײַט זיך געהאַלטן"...

דעם 12 אַפּרעל 1945 איז געשטאָרבן רוזוועלט. דער נײַער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האַרי טרומען, וואָס אינעם אַרויסשטעלן אים אין 1944 אַפן פּאָסט פון וויצע־פּרעזידענט האָבן די ציִעניסטן געשפּילט ניט קיין קליינע ראָליע, איז געווען גענייגט אונטערצוהאַלטן זייערע פאָדערונגען. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע פּרעטענדירט אַף וועלט־הערשאַפט, האָט די ייִדישע פּאַלעסטינע, אַן ענג פאַרבונדענע מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, אָפּן באַטראַכט אַלס א לויִנבאַרן פּלאַצדאַרם אַף אַרײַנצודרינגען אין נאָענטן מיזרעך.

אין אויגוסט 1945 האָט טרומען געפאָדערט פון דער בריטישער רעגירונג, זי זאָל אַרײַנלאָזן אין פּאַלעסטינע 100 טויזנט ייִדן פון אייראָפּע. די בריטישע רעגירונג האָט געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג, און דאָס האָט געדינט אַלס א סיגנאַל צו א נײַער כוואַליע פון טעראָר־ און דיווערסיע־אַקטן, וועלכע די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס זײַנען באַגאַנגען אין פּאַלעסטינע, שטיצנדיק זיך איצט אַף די אײַנפלוסרײַכע רעגירנדיקע קרײַזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אָקטיאַבער 1945 האָבן באַוואָפנטע גרופּעס ציִעניסטן דורכגעפירט אָנפאַלן אַף די אײַזנבאַן־וועגן פון פּאַלעסטינע. אין נאָיאַבער זײַנען אויסגעבראָכן אומאָרדענונגען אין טעל־אַוויוו און אין אַנדערע שטעט. אַלס ענטפער אַף די אָנפאַלן האָבן אין מיצראַיִם און אין ליביע זיך אָנגעהויבן מאַסנהאַפטע ייִדן־פּאָגראָמען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסעראָרדנטלעכער לאַגע האָט די נײַע לייבאָר־רעגירונג פון גרויסבריטאַניע פאָרגעלייגט דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו שאַפן אַן ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע אַף אויספאָרשן די לאַגע אין פּאַלעסטינע.

דער באַריכט פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַפּרעל 1946, האָט געפּרוּווט דערקלערן די געשעענישן מיט דער סינע צווישן אַראַבער און ייִדן, אויסמײַדנדיק די אָנגעווייטעקטע פראַגע וועגן דער ענגלישער הערשאַפט איבער פּאַלעסטינע. אָט דער דאָקומענט האָט בלויז נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פּאַלעסטינע־קריזיס. די לאַגע איז ניט געוואָרן לײַכטער אויך פון דעם „מאָריסאָן־פּלאַן", וועלכן די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגערוקט אין האַרבסט 1946 און וועלכער האָט פאָרויסגעזען די צעטיילונג פון פּאַלעסטינע אַף פיר געגנטן — צוויי ענגלישע און צוויי אויטאָנאָמע (אַן אַראַבישע און א ייִדישע). דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן אָפּגעוואָרפן סײַ די אַראַבישע, סײַ די ציִעניסטישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, סײַ אויך די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די ציִעניסטן האָבן באַלד אויסגענוצט די געשפּאַנטע לאַגע און אָפּסנײַ פאָרסירט די פאַרשאַרפונג פונעם פּאַלעסטינע־קריזיס. דעם 2 יול 1946 האָבן די טעראָריסטישע גרופּעס אין יערושאָלאַיִם אָרגאַניזירט אַן אויפרײַס אינעם יערושאָלאַיִמער האָטעל „מעלעך דאָוויד", וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פונעם ענגלישן מיליטער און די הויפּט־רעזידענץ פון דער בריטישער קאָלאָניִאַלער אַדמיניסטראַציע

אין פּאַלעסטינע. פונעם אופשטאַנד...

דער פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון היסטאָרישע װיסנ־
שאַפטן באַנדאַרעװסקי, גריגאָרי לװאָװיטש, איז גע־
בוירן געװאָרן אין 1920 אין אָדעס. אין מעשעך פון
דרײַסיק יאָר פאַרנעמט ער זיך מיט װיסנשאַפטלע־
כער אַרבעט, אונטעריכט אין א רײ אוניװערסיטעטן
און פאָרשערישע אינסטיטוטן. מעכאַבער פון העכער
150 װיסנשאַפטלעכע װערק. ג. באַנדאַרעװסקיס
פאָרשונגען זײַנען געװידמעט דער קאָלאָניִאַלער פּאָ־
ליטיק און די צװישנפעלקערלעכע באַציִונגען אפן
נאָענטן מיזרעך, װי אױך די פּראָבלעמען פון דער
נאַציאָנאַל־באַפרײַערישער באַװעגונג.

ראלער אסאמבלײ, פאר װעלכן זי האָט גע־
שטימט, צו אײַנשטעלן די אפעטראָפּסעס פון
דער אָרגאַניזאַציע פון די פאראײניקטע נאציעס
איבער פּאַלעסטינע. אָבער די צװײטע ספּעציִ־
עלע סעסיע פון דער גענעראַלער אַסאַמבלײ פון
די פאראײניקטע נאציעס האָט אָפּגעװאָרפן דעם
דאָזיקן פאָרשלאָג. די אַטמאָספער אין פּאַלעס־
טינע איז אין דער דאָזיקער צײַט געװאָרן
שטארק אָנגעגליט. די טעראָר־אַקציעס פון די
ציִעניסטן האָבן דערפירט דערצו, אַז די אַראַ־
בישע באַפעלקערונג האָט זיך געלאָזט מאַסנ־
װײַז לױפן פונעם לאַנד. באַנוצנדיק זיך מיט
אָט דער זײער אָנגעשטרענגטער לאַגע, װעלכע
האָט געקאָנט ברענגען צו א מילכאָמע־אױפרײַס,
האָט די ענגלישע רעגירונג אומגעריכט דער־
קלערט, אַז זי אַנולירט פאַרן טערמין דעם מאַנ־
דאַט, און דעם 14 מײַ 1948 האָט זי אַרױסגע־
פירט איר מיליטער פון פּאַלעסטינע. אָט אַזױ
זײַנען אַראָפּגעריסן געװאָרן די פּלענער פון דער
אָרגאַניזאַציע פון די פאראײניקטע נאציעס װעגן
דער פלאַנמעסיקער צוגרײטונג צו שאַפן צװײ
אומאָפּהענגיקע מעלוכעס אין פּאַלעסטינע. אין
דער נאַכט פונעם 14 אפן 15 מײַ 1948 איז
פּראָקלאַמירט געװאָרן די ייִדישע מעלוכע ייִס־
ראָעל. אין די באַדינגונגען פון דער אױסערסט
שאַרפער סיטואַציע אפן נאָענטן מיזרעך האָט
זיך אָנגעהױבן די ערשטע מילכאָמע צװישן די
אַראַבישע לענדער און ייִסראָעל, װעלכע איז
פּראָװאָצירט געװאָרן דורך דער אימפּעריאַליִ־
סטישער אַגענטור, דורך די פעאָדאַלע רעגירונ־
גען פון די שכײנישע אַראַבישע לענדער און
דורך די צװישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע אָר־
גאַניזאַציעס.

געלייענט אין

די צײַטונג „וועטשערניאַ מאָסקוואַ״
וועגן אייניקע פראַגן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און דעם בײַטראַג פון די ייִדן אין דער סאָוועטישער קולטור

אין עטלעכע נומערן פון דעקאַבער כוידעש פאַריקן יאָר האָט די צײַטונג „וועטשערניאַ מאָסקוואַ״ באַהאַנדלט די טעמע, וואָס איז דערמאָנט אינעם קעפּל פון אונדזער איבערזיכט. אין זײַן אַרטיקל „די יונגע דיריזשאָרן נעמען איבער די עסטאַפעטע״, געווידמעט דעם אַל־פאַרבאַנדישן קאָנקורס פון דיריזשאָרן, שרײַבט דער פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, דיריזשאָר לעאָ גינזבורג:

„פאַר מײַן לאַנג לעבן האָב איך דערצויגן אַ גרויסע צאָל שילער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: פּיר רוסן, אַן אוקראַיִנער, אַן אַזערבײַדזשאַנעץ, אַן אַרמענער, אַ קירגיז, צוויי טאָטערן, אַ טשוּוואַש, אַן אַסעטינער, דרײַ ייִדן (אַווראַם סטאַסעוויטש, אַרן שערעשעווסקי, פּאַוועל קאָגאַן) און אַנדערע. איך וועל דערעכ־אַגעוו באַמערקן, אַז די דיריזשאָרן־ייִדן (באַזונדערס די פאַרשטייער פונעם עלטערן דאָר) האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ היפּשן צושטײַער אין דער אַנטוויקלונג פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער מוזיקאַלער קולטור, זיי זײַנען געשטאַנען בעראָש פון אַ ריי פירנדיקע מוזיקאַלע און טעאַטראַלע קאָלעקטיוון.

עס ווילט זיך אָנרופן די נעמען פון אַ. פּאַזאָווסקי, ס. סאַמאָסוד, פון די ייִנגערע ב. כײַקין, ב. ראַכלין, אי. זאַק, מ. פּאַווערמאַן, אַ. קאַץ, אי. גוסמאַן און אַנד. די ייִדישע פאָלקס־מוזיק אָדער אירע נאַציאָנאַלע אינטאָנאַציעס זײַנען פיל מאָל אויסגענוצט געוואָרן אין די ווערק פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. לאָמיר דערמאָנען פּראָקאָפּיעווס אוווערטור אויף ייִדישע טעמעס, שאָסטאַקאָוויטשעס „פון דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע״, ווײַנבערגס און ווײַנבערגס ווערק. די ייִדן־מוזיקאַנטן, ווען זיי גאַסטראָלירן אין אויסלאַנד, נעמען זיי אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם פּראָפּאַגאַנדירן די סאָוועטישע מוזיק, מיט זייער טעטיקײַט גיסן זיי זיך אַרײַן אינעם אַלגעמיינעם כּאָר פון דער סאָוועטישער מוזיקאַלער קולטור. די אָרגאַנישקײַט פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען קאָן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן דורך קיין שום „שפּילקע־שטאָך״ פון אונדזערע „פרײַנט״ אין מײַרעוו. דער מוזיקאַלער פאָלקלאָר פון די ייִדן, ווי פון די אוקראַיִנער, לעטן, קאַזאַכן, מאָלדאַווער און פון אַלע אַנדערע, גיסט זיך אַרײַן אינעם מעכטיקן אָקעאַן פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער קונסט.

אויפן קאָנקורס פון דיריזשאָרן זײַנען פאַרטראָטן יונגע אויספילער פון בעערעך צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן. צווישן די 21 אָנטיילנעמער פונעם קאָנקורס, וועלכע זײַנען צוגעלאָזט געוואָרן צום צווייטן טור, זײַנען פאַראַן רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן, אַ קאַזאַכישע פרוי, אַן אַזערבײַדזשאַנעץ, אַן אַסעטינער, אַ גרוזין...״

ווײַטער ברענגען מיר די איבערזעצונג פונעם מאַטעריאַל, וועלכן „וועטשערניאַ מאָסקוואַ״ האָט פאַרעפנטלעכט אונטערן קעפּל:

אין איין ריי מיט אַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן

צום 15־יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט אַ קאָרעספּאָנדענט פון „וועטשערניאַ מאָסקוואַ״ באַזוכט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַרן ווערגעליס, קעדיי איבערגעבן אַ באַגריסונג מיטן יובילײַ פאַר די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע און פאַר די לייענער. דער קאָרעספּאָנדענט האָט געבעטן אַ. ווערגעליסן ענטפערן אויף אייניקע פראַגן.

אָפּדאַנקענדיק פאַר דער באַגריסונג, האָט אַ. ווערגעליס ווײַטער געזאָגט:

— איך וויל דערמאָנען איינע אַ שטעל פון

מ. גאָרקיס אַרײַנפיר־רעדע אַף דער עפענונג פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער (דעם 17 אויגוסט 1934). ריידנדיק וועגן דעם זין און וועגן דער באַדײַטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד, האָט גאָרקי געזאָגט:

„די באַדײַטונג באַשטייט דערין, וואָס די ליטעראַטור פון אַלע אונדזערע רעפּובליקן, אַ ליטעראַטור פון פאַרשיידענע שוואָטים, פאַרשיידענע שפּראַכן, טרעט אַרויס פאַרן פּראָלעטאַריאַט פונעם לאַנד פון די סאָוועטן, פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער און פאַר די פרײַנטלעכע צו אונדז ליטעראַטן פון גאָר דער וועלט, ווי אַן איינהײַטלעך גאַנצע.

מיר דעמאָנסטרירן, פאַרשטייט זיך, מיט אונדזער אַרויסטרעטונג ניט בלויז אונדזער געאָגראַפישע פאַראייניקונג, נאָר די איינהײַט פון אונדזער ציל, וואָס לייקנט ניט אָפּ, נאַטירלעך, וואַרפט ניט אָפּ די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון אונדזערע שעפערישע מעטאָדן און שטרעבונגען".

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער גרויסער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. פּונקט ווי קליינע טײַכעלעך דערנערן אַ פילוואַסערדיקן טײַך און פּונקט ווי די זעלבע קליינע טײַכעלעך שעפּן זייערע קויכעס אין אָט דעם טײַך, פּונקט אַזוי טראָגט אויך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אַרײַן איר כּיילעק אינעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער סאָציאַליסטישער קולטור און שעפּט באַ איר קויכעס, פאַרהיטנדיק די אייגענע טראַדיציעס און באַזונדערקײַטן און האָבנדיק אַן איינהײַטלעכע מיט איר מאַרקסיסטיש־לעניניש וועלט־אַנשויונג.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז, אויב מע מעג זיך אַזוי אויסדריקן, דער ערשטער עקראַן פון דער ליטעראַטור, וועלכע דערשײַנט באַ אונדז אַף ייִדיש. מיר שטעלן די זײַטן פונעם זשורנאַל אין רעשוס פון די ייִדישע שרײַבער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, פּובליציסטן, באַקאַנען די לייענער מיט די נײַע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַגעוו, „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זײַנע שטענדיקע אַבאָנענטן ניט בלויז באַ אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין 30 אַנדערע לענדער פון דער וועלט.

בלויז פאַר די לעצטע פינף יאָר זײַנען אין זשורנאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן 22 ראָמאַנען, 340 דערציילונגען און דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען, אַרום 1800 לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס. איך וועל צוגעבן, אַז אַ סאַך ווערק הייבן אָן זייער ליטעראַריש לעבן אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". די בעסטע ווערק דרוקן זיך דערנאָך אין באַזונדערע אויסגאַבעס, ווערן איבערגעזעצט אַף רוסיש און אַנדערע שפּראַכן. גיט אַ קוק באַ אַ געלעגנהײַט אין די ביבליאָטעקן פון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, ליטע, מאָלדאַוויע, אוזבעקיסטאַן און פון די אַנדערע רעפּובליקן, וועט איר דאָרט זען ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און דיכטער.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ" בעט דערציילן וועגן דעם אווטאָרן־באַשטאַנד פונעם זשורנאַל, וועגן די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער.

— אַף אַזאַ פראַגע איז ניט לײַכט צו ענטפערן. מיר האָבן דאָך אין אונדזער אַקטיוו קימאַט 150 ליטעראַטן — דיכטער, פּראָזאַיִקער, קריטיקער, פּובליציסטן, צווישן זיי ניט ווייניק מיטגלידער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד, וועלכע שאַפן זייערע ווערק אַף מאַמעלאָשן — אַף ייִדיש. אויסרעכענען זיי אַלע וואָלט פאַרנומען אַ סאַך אָרט, דעריבער וועל איך אָנרופן בלויז אייניקע, האָפנדיק, אַז עס וועלן זיך אַף מיר ניט באַליידיקן די איבעריקע. ברייט באַוווּסט זײַנען די מאָסקווער פּראָזאַיִקער שירע גאָרשמאַן, שמואל גאָרדאָן, טעוויע גען, דער אָדעסער נאָטע לוריע, די קיִעווער יעכיִעל פאַליקמאַן און הערשל פּאָליאַנקער, דער ביראָבידזשאַנער בוזי מילער, דער קעשענעווער יעכיִעל שרײַבמאַן, די דיכטער אַווראָם גאָנטאַר, הירש בלאָשטיין, כאַים ביידער, דאָרע כײַקינע. איך וויל באַזונדערס אָנרופן צוויי דערציילער, וועלכע וווינען אין טשערנאָוויץ — דעם 86־יאָריקן מוישע אַלטמאַן און דעם זינגער פונעם קאַמיוג פון די צוואַנציקער יאָרן כאַים מעלאַמוד. מע דאַרף דערמאָנען די קריטישע און ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק פון הערש רעמעניק, אירמע דרוקער, אַרן ראַסקין.

קורץ, די ייִדישע ליטעראַטן, וועלכע שרײַבן אַף מאַמעלאָשן, פאַרנעמען אַף די ביכער־פּאָליצעס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ בעקאָוועדיק אָרט.

— און פונדעסטוועגן פּרוּווט מען דערווײַזן אין אויסלאַנד, באַזונדערס טוט עס די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז באַ אונדז אין לאַנד איז קלומערשט ניטאָ קיין ליטעראַטור אַף ייִדיש, אַז עס געפינט זיך שיִער ניט אין אַ צושטאַנד פון גסיסע די ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור.

— מיילע, די מעטאָדן פון די אידעאָלאָגישע קעגנער זײַנען ניט נײַ. וואָס בעסער עס איז באַ אונדז, אַלץ איז פאַר זיי ערגער. טאַקע גראָד דער אויפבלי פון דער ייִדישער קולטור, ווי פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, רופט באַ זיי אַרויס אויפגעבראַכטקײַט.

מאַכנדיק אַן אַנשטעל, אַז זיי ווייסן ניט, וואָס באַ זיי אַליין טוט זיך, ניט זעענדיק, ווי מע זאָגט, די קלאָץ אין די אייגענע אויגן, זוכן זיי אַ זעמדעלע באַ אונדז. און עס באַווײַזן זיך אַף דער ליכטיקער שײַן אַזעלכע מינע „באַזאָרגער". בייס מײַנע רײַזעס קיין אויסלאַנד האָב איך מיט אַ סאַך פון זיי געמוזט ריידן דורך אַן איבערזעצער: זיי קענען ניט קיין ייִדיש, ניט קיין איוורית. און די זשורנאַלן, וועלכע זיי גיבן אַרויס פאַר ייִדן, דרוקן זיי אָפּטער פון אַלץ אַף ענגליש, פראַנצויזיש, דײַטש. מיט איינעם אַזאַ פאַרלעגער, וואָס זײַן פאַמיליע איז טאַס,

האָב איך זיך געטראָפן אין רוים. ניט מיטן טי־ראזש (סאַכאַקל 2 טויזנט עקז.), ניט מיט די אוטאָרן האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרימען, דערפאַר אָבער האָט ער, ניט טראַכטנדיק קיין רעגע, א זאָג געטאָן: ער קעמפט פאַר דעם, אַז די סאָוועטישע ייִדן, דערונטער די שרײַבער, זאָלן „אומקערן זיך" אין זייער, ווי ער האַלט, עמעסער היים — קיין ייִשׂראל. אָבער ניט ער, ניט זײַנע קאָלעגן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין איטאַליע, בעלגיע, ענגלאַנד, האָלאַנד צעשיידן זיך ניט מיט זייערע אײַנגע־זעסענע ערטער. „קעמפן" פון ווײַטן — מאַכ־טייסע. פאָרן קיין ייִשׂראל — כאָלילע, דער קלי־מאַט טויג פאַר זיי ניט.

ס׳איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז ציִע־ניזם און אַנטיסאָוועטיזם גייען שוין לאַנג האַנט בא האַנט. סײַ דער ציל איז בא זיי אַן אַלצייי־נער, סײַ די מעטאָדן זײַנען די זעלבע. ס׳איז קיין סאָפעק ניט, אַז אויך די קאַסע איז בא זיי איינע.

וואָס אָנבאַלאַנגט די באַהויפּטונגען, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד גייט, קלומערשט, אונטער די ייִדישע ליטעראַטור און אַז אויב מע גיט בא אונדז יאָ אַרויס ביכער פון ייִדישע שרײַבער, איז סײַדן נאָר שאָלעם־אַלייכעמס, וואָלט איך אויך די קלאַגמוטערס געגעבן אַן אייצע, זיי זאָלן אַרײַנקוקן אין די ביבליאָטעקן פון אונד־זער לאַנד, און דאַן וועלן זיי זען, ווי צוזאַמען מיט די בענדער פון די ווערק פון שאָלעם־אַליי־כעם, מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור אָשער שוואַרצמאַן, דאָ־וויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש, איציק פע־פער, דאָוויד האָפשטיין, איזי כאַריק שטייען אַף די פּאָליצעס פיל ביכער פון די הײַנטיקע ייִדי־שע שרײַבער. און נאָך אַן אייצע וואָלט איך זיי געגעבן: זיי זאָלן באַזוכן כאָטש איין לייענער־קאָנפערענץ פון אונדזער זשורנאַל. דאָס וואָלט געווען פאַר זיי א גוטע לעקציע.

— ווי זעען אויס די שעפערישע פּלענער פון־נעם זשורנאַל?

— אונדזער זשורנאַל איז אַלט געוואָרן 15 יאָר. דאָס איז א יונגער עלטער. מיר האָבן רעכט צו האַלטן, אַז מיר געפינען זיך אין בלי פון אונדזערע קויכעס. מיר וועלן מיט נאָך מער ענערגיע באַמיִען זיך צו אָפּשפּיגלען טיפער, בילדערישער די סאָוועטישע ווירקלעכקײַט, באַווײַזן די פּרעכטיקע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אינעם לעבן פון די פעלקער פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער מעלוכע, מיטהעלפן דעם ווײַטערדיקן אופבלי פון אונד־זער סאָוועטישער ליטעראַטור ביכלאַל און פון דער ייִדישער ביפּראַט.

די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער גייען אין איין ריי מיט די ליטעראַטאָרן פונעם לאַנד. דער ציל איז בא אונדז איינער — דינען אונד־זער סאָציאַליסטישן היימלאַנד, דער לענינישער פּאַרטיי, דעם סאָוועטישן פאָלק.

■

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

דער שאָלעם־מעדאַל פון די פאַרייניקטע נאַציעס פאַר מאַרק שאַגאַלן

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פאַרייניקטע נאַציעס קורט וואַלדהיים האָט בײַס איינער פון זײַנע לעצטע באַזוכן אין פראַנקרײַך אויסגענוצט די געלעגנהײַט צו באַקענען זיך מיטן מוזיי פון מאַרק שאַגאַל אין דער קוראָרט־שטאָט ניצא.

קורט וואַלדהיים האָט איבערגעגעבן שאַגאַלן דעם שאָלעם־מעדאַל פון די פאַרייניקטע נאַציעס, דערמאָנענדיק דערבײַ וועגן דעם, אַז דער באַ־רימטער מאָלער האָט זײַנערצײַט געשאָנקען דער אונאָ־אַדמיניסטראַציע א וויטראַזש, געווידמעט דעם אָנדענק פון דאַג האַמערשילד.

שאַפונגען פון איציק מאַנגער אין שפּאַניש

אין בוענאָס־אײַרעס איז דערשינען א זאַמלונג פון איציק מאַנגערס ווערק אין אַן איבערזעצונג אַף שפּאַניש. אינעם באַנד זײַנען אײַנגעשלאָסן דעם דיכטערס 57 לידער און באַלאַדן, ווי אויך אַן אויספירלעכע האַקדאָמע.

דער ניסטערס ראָמאַן „מישפּאָכע מאַשבער" אין פראַנצויזיש

דער פּאַריזשער פאַרלאַג „זשאַן קלאָד לאַבע" האָט אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד פונעם ראָ־מאַן פון דעם גרויסן סאָוועטישן ייִדישן שרײַ־בער. די פולע אויסגאַבע פון „מישפּאָכע מאַש־בער" האָט אַרויסגערופן א גרויסן אינטערעס בא די לייענער אין פראַנקרײַך.

די עלטסטע ייִדישע צײַטונג

אַף אַן אויסשטעלונג פון צײַטונגען אין אַמ־סטערדאַם איז צווישן אַנדערע געווען עקספּאָנירט די עלטסטע צווישן די באַקאַנטע ביז איצט ייִדי־שע צײַטונג. דאָס איז די „גאַזעטאַ דע אַמסטער־דאַם", וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1773 דער ספּאַרדישער פאַרלעגער דאָוויד דע קאַסטראָ טאַרטאַס.

ביז איצט האָט מען גערעכנט אַלס עלטסטע פערצײַדישע אויסגאַבע דעם נומער פון אַט דער צײַטונג פאַרן 7 יאַנוואַר 1775.

„פאָלקלאָר און געשיכטע"

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין בודאַפּעשט דער־שינען אין צוויי בענדער די פאַרשערישע אַרבעט פון דעם דירעקטאָר פונעם ראַבינער־סעמינאַר פראָפ. שאַנדאָר שרײַבער, וועלכער האָט פאַר־שריבן און אויסגעטײַטשט פיל ייִדישע לעגענ־דעס, מינהאָגים און גלײַכווערטלעך אין פאַרשיי־דענע לענדער פון אייראָפּע.

דער ערשטער באַנד איז געווידמעט דעם ייִדישן פאָלקלאָר פונעם מיטלאַלטער. אינעם צווייטן באַנד גייען אַרײַן ביבלישע באַשרײַבונ־גען און ליטעראַרישע שאַפונגען, אָנהייבנדיק פו־נעם XVI יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַט.

■

הערש רעמעניק

נאָטיצן פון א קריטיקער

מיר זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין זעכציקסטן יאָר פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אין צוזאמענהאנג מיט אזעלכע דאטעס באטראכט מען געוויינלעך דעם דורכגעמאכטן וועג.

אונדזערע פאָרגייער אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע האָבן געזוכט, געפאָרשט די נײַע וועגן פון דער ליטעראטור, באטראכטנדיק די ליטערארישע דערשײַנונגען פונעם שטאנדפונקט פון די אופגאבן, וועלכע זײַנען געשטאנען אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט. די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער זײַנען געגאנגען צוזאמען מיט דער ליטעראטור און דורכגעמאכט מיט איר סײַ אירע דערפאָלגן, סײַ אירע שוועריקײַטן און מאנגלען. עס וואָלט געווען א פּכיסאס־האקאָוועד פאר די פאָרגייער, ווען מיר זאָלן אויס קלוימערשטיקער אכטונג צו זיי זיך אָפּהאלטן פון קריטישע אנאליזן. איבערהויפּט וואָלט געווען קעגן די אינטערעסן פון דער ליטעראטור, ווען מיר זאָלן אין דער נײַער צײַט און אין דער נײַער סיטואציע איבערכאזערן פארעלטערטע האנאָכעס און קאָנצעפּציעס. אונדזער אופגאבע איז אָנשפּארן זיך אָף די וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען און באוועגן זיך פאָרויס.

1. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע און די ייִדישע פאָלקסמאסן

דער זאלפּ פונעם קרייסער „אווראָרא", וועלכער האָט אָנגעזאָגט א נײַע ערע אין דער וועלט־געשיכטע, — ער האָט אָנגעזאָגט אויך דעם אָנהייב פון א נײַער ליטעראטור.

נאָר ווי נײַ עס איז ניט געווען אָט די ליטעראטור, האָט זי געהאט אירע פארבינדונגען מיט דער פאָרגעשריטענער ליטעראטור ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. עמעס, עס זײַנען געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע טעאָרעטיקער און שרײַבער, וועלכע האָבן געמיינט, אז די נײַע סאָוועטישע קולטור דארף קיין שום שײַכעס ניט האָבן צו דעם, וואָס איז געשאפן געוואָרן ביזן 25 אָקטיאבער (7 נאָיאבער) 1917, ווײַל די גאנצע קולטור ביז דאן האָט קלוימערשט געמוזט זײַן דורכגעדרונגען מיט אידייען פון עקספּלואטאציע. אָבער לענין האָט אויסגעלאכט אָט די טעאָרעטיקער. ער האָט דערוויזן, אז אָן דער יערושע פון דער פארגאנגענהײַט קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן א נײַער סאָציאַליסטישער קולטור, וועלכע וועט געשאפן ווערן, אויב זי וועט זיך אָנשפּארן אָף די דערגרייכונגען פון דער גאנצער מענטשלעכער קולטור.

בענעגייע דער רוסישער ליטעראטור איז שוין פון לאנג פעסטגעשטעלט, אז אירע סאָוועטישע אָנהייבן זײַנען פארבונדן מיט די בעסטע טראדיציעס פון דער קלאסישער יערושע, מיטן אופשטײַג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין די 90־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, מיט דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאנד און דער ליטעראטור פון אָט דער צײַט — מיט גאָרקיס ליטערארישער טעטיקײַט, מיט דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־דיקטונג פונעם סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערטער.

וואָס איז שײַעך אָבער דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, זײַנען ארויסגערוקט געוואָרן גאָר אנדערע קאָנצעפּציעס. אין א ריי ארבעטן וועגן דער ייִדישער ליטעראטור ווערט ביז איצט ניט זעלטן דורכגעפירט דער געדאנק, אז די ייִדישע ליטעראטור, ניט בלויז, וואָס זי האָט פארשפּעטיקט צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, נאָר זי האָט געמוזט פארשפּעטיקן, אנדערש האָט דאָס גאָרניט געקאָנט זײַן, ווײַל אָט די פארשפּעטיקונג איז געווען היסטאָריש פארורזאכט פון אן אנדער פארשפּעטיקונג. עס זײַנען געשאפן געוואָרן טעאָריעס, אז די ייִדישע פאָלקסמאסן האָבן קלוימערשט פארשפּעטיקט צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דאָס אנטשפּרעכט אָבער ניט דערווירקלעכקײַט.

איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס, וועלכע האָבן באַשטימט דעם ניצאָכן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, איז געווען די ריכטיקע, די רעוואָליוציאָנערע דערלייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָנהייבנדיק פון אָקטיאַבער 1917, איז רוסלאַנד, די געוועזענע צאַרישע אימפּעריע, וועלכע איז געווען א טורמע פאַר די פעלקער, געוואָרן פאַר זיי אַן עמעס פאָטערלאַנד. די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן האָבן מיט גרויס פרייד און באַגייַסטערונג אויפגענומען די רעוואָליוציע, ווי זייער אייגענע זאַך. די רעוואָליוציע האָט זיי באַפרייַט פון יעטווידער מין אונטערדריקונג אין אַלע געביטן פונעם לעבן. ווי אייגנאַרטיק עס זייַנען ניט געווען די באַדינגונגען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג בא דער אָדער יענער נאַציע, האָט אָבער די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פאַראייניקט אַלע אַרבעטנדיקע מאַסן, אָן אונטערשייד פון נאַציעס, אין קאַמף פאַר פרייַהייַט און סאָציאַלער גערעכטיקייַט. קיינע שום נאַציאָנאַלע מינהאָגים, שטייגערישע געוווינהייַטן, רעליגיעזער גלויבן, היסטאָרישע טראַדיציעס האָבן ניט געקאָנט בייַשטיין אָדער קעגנשטיין דער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע האָט ניט קעגנגעשטעלט אירע אידייען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייַטן פון די פעלקער, זי האָט, פאַרקערט, מעגלעך געמאַכט זייער פרייַע אַנטפּלעקונג. מיט אירע באַפרייַונגס־אידייען האָט די רעוואָליוציע פאַראייניקט די אַרבעטנדיקע מאַסן אין איין גרויסער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע.

די ייִדישע פאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן אויף דער טעריטאָריע פונעם צאַרישן רוסלאַנד געלעבט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, האָבן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע צום ערשטן מאָל זיך דערפילט, ווי „קינדער פון איין פאָלק“ — א באַשטאַנדטייל פונעם גרויסן פילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן פאָלק. אין פאַרלויף פונעם 19־טן יאָרהונדערט און באַזונדערס אין 20־טן יאָרהונדערט האָבן די פּראָגרעסיווע פאָרשטייער פונעם ייִדישן פאָלק, די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, די רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, די פּראָגרעסיווע יוגנט, די בעסטע שעפער פון דער פּראָגרעסיווער פאָלקס־ליטעראַטור אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אַלע רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען צוזאַמען מיט די רוסישע, אוקראַיִנישע, ווייַסרוסישע, פּוילישע, ליטווישע רעוואָליוציאָנערן. וו. אי. לענין האָט באַגריסט „די ייִדן־מאַרקסיסטן, וואָס גיסן זיך צונויף אין די אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט די רוסישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע און אַנדערע אַרבעטער, אַרייַנברענגענדיק זייער בייַטראָג (אי אויף רוסיש, אי אויף ייִדיש) אינעם שאַפן די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. יענע ייִדן — טראָץ דעם סעפּאַראַטיזם פונעם „בונד“ — זעצן פאָר די בעסטע טראַדיציעס פונעם ייִדנטום“[1]. וו. אי. לענין האָט גערעדט וועגן „די גרויסע אַלוועלטלעך־פּראָגרעסיווע שטריכן אין דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר אָפּרופן זיך אויף די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע (דער פּראָצענט פון ייִדן אין די דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען איז אומעטום העכער פונעם פּראָצענט פון ייִדן אין דער באַפעלקערונג בכלל“[2]).

וו. אי. לענינס טעאָרעטישע אויספירן ווערן באַשטעטיקט מיט פאַקטן פונעם לעבן. לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, איז דער פּראָצענט פון ייִדן, וועלכע זייַנען פאַרורטיילט געוואָרן פון דעם צאַרישן געריכט אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע פאַר „מעלוכע־פאַרברעכנס“, דאָס הייסט, פאַרן אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, געווען אין 1905 — 34,1, אין 1906 — 10,9, אין 1907 — 10,6. אין די יאָרן פון רעאַקציע איז אָט דער פּראָצענט באַדייַטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן, אָבער פאָרט איז ער געווען א סך העכער, איידער דער פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד: אין 1908 — 8,3, אין 1910 — 4,2, אין 1911 — 5,9, אין 1912 יאָר — 4,5.

אויב ביזן 1917 האָבן אין דער רעוואָליוציאָנערער און געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אָנטיילגענומען די מער אַקטיווע, אַנטוויקלטע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן פונעם ייִדישן פאָלק, איז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע די איבערוועגנדיקע מערהייַט פון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג מיט לייַב־און־לעבן און האַנט־בא־האַנט מיט די פאָלקסמאַסן פון אַנדערע נאַציעס געגאַנגען אין דער רעוואָליוציע, אין דער רויטער גוואַרדיע, אין דער רויטער אַרמיי, אין די סאָוועטן, אין די קאָמבעדן, אין די פּראָדאָטריאַדן, קעדיי צו קעמפן פאַרן נייַעם לעבן, בויען די נייַע סאָוועטישע אָרדענונג, די סאָוועטישע מאַכט.

ווער ווייסט דען ניט, אַז פונעם ערשטן טאָג אָן פון דער רעוואָליוציע האָבן די ייִדישע פאָלקסמאַסן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון די אָנפירנדיקע סאָוועטישע אָרגאַנען און אין די אָרטיקע גובערניאַלע, אויעזדישע, שטאָטישע און דאָרפישע ראַטן, אין די רעווקאָמען, אין די גובקאָמען פון דער פּאַרטיי, אין די אַרמיי־טיילן — אומעטום האָבן די ייִדישע פאָלקסמאַסן אַקטיוו אָנטיילגענומען אינעם קאַמף פאַר דעם נייַעם לעבן.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס גלייַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן מיט גיכע טעמפּן אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן די ייִדישע בורזשואַזע און קלייַנבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען: די ציוניסטישע (מיט אַלע זייערע פראַקציעס און פאָרמאַציעס), דער „בונד“, דער „סיים“, וועלכע האָבן ביז דער אָקטיאַבער־רע־

[1] וו. אי. לענין, ווערק, 5 אופלאַגע, ב. 24, ז. 123.
[2] דאָרטן, זז. 122 — 123.

וואָליוציע געהאַט אַ היפּשע ווירקונג אַף די יידישע מאַסן. מע קאָן ניט זאָגן, אַז די לידערס פון אַט די פאַרטייען האָבן פאַסיוו זיך באַצויגן צו דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג אין זייערע ריי־ען, זיי האָבן געטאָן אַלץ, קעדיי אײַנהאַלטן די ווירקונג אַף די מאַסן, פאַרהאַלטן די אַנטוויק־לונג פונעם רעוואָליוציאָנערן באַוווסטזײַן; די לידערס פון די יידישע בורזשואזע און קליינ־בירגערלעכע פאַרטייען האָבן געקעמפט קעגן דער רעוואָליוציע, נאָר וואָס מער זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער רעוואָליוציע, אַלץ גיכער האָבן זיי אָנגעווירן דעם צוטרוי פון די מאַסן. שוין צום אָנהייב פונעם בירגערקריג איז די ווירקונג פון אַט די פאַרטייען געוואָרן ביז גאָר אָפּגעשוואַכט. זייערע מיטגלידער האָבן זיי פאַרלאָזט, אוועק אַף די פראָנטן, און די „פּיר־רער" זײַנען געבליבן אָן געפירטע. דעמלט האָט צווישן די „פירער" גופא זיך אָנגעהויבן אַ צע־לייגונגס־פּראָצעס: אַ טייל זײַנען געוואָרן אָפּע־נע סאָנים פון דער רעוואָליוציע, און זיי האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, די בעסערע טייל האָט אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָליו־ציאָנערע פאָלקסמאַסן, נאָך אַ ריי אינערלעכע שפּאַלטונגען, זיך אַרײַנגעגאָסן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אָרגאַניזיר־טערהייט און אַף אַן אינדיווידועלן אופן. די ווירקונג פון דער רעוואָליוציע און פון די באָל־שעוויקעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז די נאַ־ציאָנאַליסטישע פאַרטייען זײַנען מאַמעש אַראָפּ־געשלײַדערט געוואָרן פון דער געזעלשאַפטלע־כער אַרענע. דעריבער, אויב עס קאָן גיין אַ רייד וועגן פאַרשפּעטיקונג צו דער רעוואָליו־ציע, האָט דאָס אַ שײַכעס טאַקע בלויז צו אַט די „פירער", אָבער בעשום־אופן ניט צו די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די יידישע פאָלקסמאַסן זײַנען געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פאַרן אָק־טיאַבער, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעוואָליו־ציאָנערע פאָלקסמאַסן פון פאַרשיידענע נאַציאָ־נאַליטעטן. אַפילע אונדזערע ערגסטע סאָנים האָבן געשטעלט אַף איין ברעט די יידן מיטן קאָמוניזם מיט דער רעוואָליוציע, אָפּגערעדט שוין דערפון, וואָס די רוסישע רעוואָליוציאָנערן האָבן שטענדיק הויך אָפּגעשאַצט די ראָליע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער רעוואָ־ליוציאָנערער באַוועגונג און אין קאַמף פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָס האָט געפו־נען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער רוסישער סאָוועט־טישער ליטעראַטור, אין דער שאַפונג פון אַזעל־כע שרײַבער ווי גאָרקי, פאַדייעוו, באַגריצקי, שאָלאָכאָוו, באַבעל, קאַטײַעוו, פעדין, ניקאָלײַ אָסטראָווסקי און אַנדערע. אין די ווערק פון די דאָזיקע שרײַבער זײַנען די יידישע פּערסאָ־נאַזשן ניט קיין פּאַסיווער אָביעקט פון דער רעוואָליוציע, נאָר אַן אַקטיווער קויעך.

אין גאָרקיס פּיעסע „וואַסאַ זשעלעזנאָוואַ" איז ראַשעל אַ טרעגערין פונעם קויעך, וואָס ווערט קעגנגעשטעלט דער בורזשואזער אָרדע־נונג. דער אָנפירער פונעם פּאַרטיזאַנישן אָט־ריאַד אין פאַדייעווס „צעקלאַפּט" איז לעווינ־סאָן. אין שאָלאָכאָווס „שטילן דאָן" איז די יידי־שע אַרבעטערין אַנאַ פּאָגודקאָ אַ העלדישע קעמפערן, וועלכע גיט אָפּ איר יונג לעבן אין שלאַכט קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע. אין באַ־גריצקיס „געזאַנג וועגן אָפּאַנאַסן" איז דער קאָ־מיסאַר קאָגאַן אַ ראָמאַנטישער העלד פון דער רעוואָליוציע. באַבעלס יידישע פּערסאָנאַזשן האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָליע אין די רעוואָ־ליוציאָנערע געשעענישן. צי קאָן מען זאָגן, אַז אַט די יידישע פּאַרטיזאַנער, רויטאַרמייער, קאָ־מיסאַרן האָבן פאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליו־ציע? צי וועט דען זײַן ניט זײַן ריכטיקער, אויב מיר וועלן זאָגן פאַרקערט: די יידישע אַרבעטנ־דיקע מאַסן האָבן פאַרבונדן זייער גוירל מיט דער רעוואָליוציע און זײַנען געגאַנגען אין אירע פאָרנטיקע רייען. גערעכט איז געווען דאָוויד האָפשטיין, ווען ער האָט פײַערלעך געמאָלדן: „מיר גייען אין דײַנע פאָרנטיקע רייען, שפּאַ־נענדיקע מענטשהײַט!".

2. וועגן דער פאַרשפּעטיקונג־טעאָריע

די טעאָריע וועגן דער פאַרשפּעטיקונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן צו דער אָקטיאַבער־רעוואָ־ליוציע איז ניט קיין „ריין יידישע" טעאָריע. דאָס איז אין טאָך אַ וואַריאַנט פון אַן אַנטי־מאַרקסיסטישער אָפּאָרטוניסטישער קאָנצעפּציע אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די מענשע־וויקעס און די אָפּאָרטוניסטן פונעם צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל האָבן געהאַלטן, אַז רוסלאַנד איז עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען, די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון קליינבירגערטום, הויפּטזאַכלעך פון פּויערטום, און דעריבער איז דאָס לאַנד ניט גרייט און ניט רײַף צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

וו. אי. לענין האָט וועגן דעם געשריבן:

„ביז אומענדלעך אַ שאַבלאָנע איז בא זיי די האַנאַכע, וועלכע זיי האָבן אויסגעכאַזערט אַף אויסווייניק בײַס דער אַנטוויקלונג פון דער מײַ־רעוו־אייראָפּעיִשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז מיר זײַנען ניט דערוואַקסן צום סאָציאַליזם, אַז עס זײַנען ניטאָ בא אונדז, ווי עס דריקן זיך אויס פאַרשיידענע געלערנטע הערן פון צווישן זיי, קיין אָביעקטי־ווע עקאָנאָמישע פאָרהאַנאָכעס פאַרן סאָציאַ־ליזם. און קיינעם קומט ניט אַפן זינען זיך אַ פרעג צו טאָן: צי האָט ניט געקאָנט אַ פאָלק, וואָס האָט באַגעגנט אַ רעוואָליוציאָנערע סיטו־אַציע, אַזאַ, וועלכע האָט זיך געשאַפן בײַס דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, צי האָט עס ניט געקאָנט, אונטער דער ווירקונג פון זײַן אויסזיכטלאָזער לאַגע, זיך וואַרפן אין אַזאַ קאַמף, וועלכער גיט אים כאָטש וואָסערע־ניט־איז שאַנסן צו דעראָבערן פאַר זיך די ניט

אינגאנצן געווײנטלעכע באַדינגונגען פֿאַרן ווײַטערדיקן וווּקס פֿון דער ציוויליזאַציע?"[1].

אין דער ייִדישער פּובליציסטיק און אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק איז די פֿאַרשפּעטיקונג־טעאָריע געווען פֿאַרשפּרייט גאַנץ ברייט. די אָנהענגער אירע האָבן געהאַלטן, אַז די מערהײַט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ קלײנבירגערלעכע און די ייִדישע אַרבעטער זײַנען קלוימערשט געווען שטאַרק באַווירקט פֿון די ייִדישע קלײנבירגערלעכע פּאַרטײען, און דעריבער זײַנען זיי ווײַט געווען פֿונעם קאָמוניזם און פֿון דער רעוואָליוציע. אַזאַ אָנגעזעענער געזעלשאַפֿטלעכער טוער, ווי א. מערעזשין, לעמאָשל, האָט געשריבן אין יאָר 1925 אין דער צײַטונג „עמעס" (נומ. 225):

„די ייִדישע אַרבעטער האָבן פֿאַרשפּעטיקט אויף צוויי יאָר מיטן צושטײן צום קאָמוניזם. ניט אין 1917, נאָר אין 1919, ווען עס האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער פּאַרטיי דער „קאָמפֿאַרבאַנד", האָט דער ייִדישער אַרבעטער אָנגעהויבן צושטײן צום קאָמוניזם. פֿאַרענדיקט האָט זיך דער פּראָצעס אין 1921, ווען דער „בונד" האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער פּאַרטיי. אָבער ניט נאָר צום מיליטערישן קאָמוניזם האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט אויף צוויי יאָר, נאָר אויך צום נעפּ האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט, און עס איז גאָרניט אַזוי גרונטלאָז דער געדאַנק, אַז די צווייטע פֿאַרשפּעטיקונג איז געקומען צוליב דער ערשטער".

אַ צווייטער פּובליציסט ש. אַגורסקי, האַגאַם ער האָט געקעמפֿט קעגן אָט דער טעאָריע, האָט ער אָבער אויך פֿאַרבונדן די פֿראַגע וועגן דעם אָנטייל פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין דער רעוואָליוציע מיטן גורל פֿון די ייִדישע קלײנבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטײען, וועלכע האָבן טאַקע פֿאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליוציע. פֿון אַגורסקיס אַרבעטן שאַפֿט זיך אַן אײַנדרוק, אַז דער אָנטייל פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין דער רעוואָליוציע איז פֿאַרבונדן מיט דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט. אויב זיי האָבן גערעדט אויף ייִדיש און האָבן אָנטײלגענומען אין דער רעוואָליוציע, איז גוט; אויב אָבער זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָליוציע און זיי האָבן גערעדט ניט אויף ייִדיש, נאָר אויף רוסיש, אָדער אויף ליטוויש, אָדער אויף אוקראַיִניש, דעמלט באַטראַכט זיי שוין אַגורסקי ניט ווי קיין ייִדן. אין רעזולטאַט באַקומען זיך בײַ אים, אַז די ייִדן האָבן ניט בלויז ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, נאָר זיי זײַנען אַפֿילע געווען קעגן איר, ווײַל די ייִדישע קלײנבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטײען זײַנען געווען קעגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ש. אַגורסקי שרײַבט:

„די ייִדישע מאַסן זײַנען אָבער געבליבן גלײַכגילטיק צו דעם גרויסן קאַמף, וואָס די רוסישע אַרבעטער און פּויערים האָבן אָנגעהויבן קעגן די אימפּעריאַליסטן און דער בורזשואַזיע. די פּאָליטישע פֿרײַהײַט, וואָס די פֿעברואַל־רעוואָליוציע האָט זיי געגעבן, האָט זיי אַזוי פֿאַרקישעפֿט, אַז זיי האָבן פֿון קיין גרעסערע דעראָבערונגען פֿון דער רעוואָליוציע ניט געוואָלט וויסן. דאָס זײַנען געווען גאַנץ נאַטירלעכע דערשײַנונגען. דער פּויערישער לאָזונג וועגן צונעמען די ערד בײַ די פּריצים האָט ניט געקענט שפּילן קיין ראָליע פֿאַר די ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו באַאַרבעטן ערד. דער לאָזונג: „קאָנטראָל איבער די פֿאַבריקן!" האָט פֿאַר זיי אויך ניט געקענט שפּילן קיין ראָליע, ווײַל אין אָנהייב פֿון דער רעוואָליוציע זײַנען געווען גאַנץ ווייניק ייִדישע אַרבעטער אין רוסלאַנד"[1].

און אַגורסקי דערעדט זיך צו רעכילעס אויף די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. ער שרײַבט: „די ייִדישע מאַסן... האָבן אין אָנהייב געגלייבט די פֿירער פֿון די ייִדישע „סאָציאַליסטישע" פּאַרטײען און זײַנען געווען די שטאַרקסטע קעגנער (!!!? — מײַן אונטערשטרײַכונג — ה. ר.) פֿון דער לינקער שטרעמונג אין דער רוסישער רעוואָליוציע, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אונטער דער פֿאָן פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי"[2].

קעדיי דער לייענער זאָל באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין דער טעטיקײַט פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלן מיר ברענגען מאַטעריאַלן פֿון צוויי פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן וועגן די פֿראַגן, וועלכע אינטערעסירן אונדז דאָ.

אויפֿן V צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי אין 1907 זײַנען געווען 355 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פֿאָרגעשטעלט 150.000 פּאַרטיי־מיטגלידער. דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פֿונעם צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַזאַ: רוסן — 119 דעלעגאַטן (35,3 פּראָצענט), ייִדן — 98 (29,1), פּאָליאַקן — 38 (11,2), גרוזינער — 31 (9,1), לאַטישן — 30 (8,8), אוקראַיִנער — 7 (2,8), אַרמענער — 3 (0,9), עסטלענדער — 2 (0,5), דײַטשן — 2 (0,5), פֿינלענדער, טאָטערן, אָסעטינער, גריכן, ליטווינער — צו איין דעלעגאַט (0,3).

מע קאָן זאָגן, אַז אַזאַ בעקאָוועדיק אָרט האָבן די ייִדן פֿאַרנומען אויפֿן V צוזאַמענפֿאָר דערפֿאַר, ווײַל אין דער צאָל דעלעגאַטן זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן די ייִדן פֿון אַנדערע, ניט באָלשעוויסטישע פֿראַקציעס פֿון דער פּאַרטיי (פֿונעם „בונד", פֿון די מענשעוויקעס אאַ.). דעריבער וועלן מיר ברענגען ייעדיעס וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד בלויז פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע פֿונעם צוזאַמענפֿאָר.

אויפֿן V פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר זײַנען געווען 105 דעלעגאַטן באָלשעוויקעס, וועלכע טיילן זיך אײַן לויטן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד אַזוי: רוסן — 82 (87,3), ייִדן — 12 (11,4), גרוזינער — 3

[1] לענין, ווערק, 5 אויפֿלאַגע, ב. 45, זז. 380—381.

[1] ש. (ס.) אַגורסקי. דער ייִדישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון ווײַסרוסלאַנד, מינסק, 1925, ז. 10.

[2] דאָרטן, ז. 11.

(2,7), אַרמענער — 2 (1,9), לאַטישן, אוקראַיִ־
נער, עסטלענדער, פֿינלענדער און טאָטערן —
צו איין דעלעגאַט (0,95).[1]

אפֿן VI פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, וועלכער איז
פֿאָרגעקומען ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוי־
ציע (אויגוסט, 1917), זײַנען געווען 264 דעלע־
גאַטן, פֿון וועלכע עס זײַנען פֿאַראַן יעדיִעס
בלויז וועגן 171. דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד
פֿונעם צוזאַמענפֿאָר איז אַזאַ: רוסן — 92
(53,8), ייִדן — 29 (17,0), לאַטישן — 17 (9,9),
פּאָליאַקן — 8 (4,7), אוקראַיִנער — 6 (3,5),
גרוזינער — 6 (3,5), ליטווינער — 4 (2,3),
עסטלענדער — 3 (1,8), פֿינלענדער און מאָל־
דאַוואַנער — צו 2 (1,2), אַרמענער און פּערסן —
צו 1 (0,6).[2]

אין פֿאַרגלײַך מיטן V פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר,
איז אפֿן VI, ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוי־
ציע, דער אָנטייל פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן
אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פֿון דער
באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויסגעוואַקסן פֿון
12 (11,4 פּראָצענט) ביז 29 (17,0). וואָס זשע
פֿאַר אַ ווערט קאָנען האָבן די פֿלוידערײַען
וועגן דער פֿאַרשפּעטיקונג פֿון די ייִדישע
פֿאָלקסמאַסן צו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע?

די צאָל ייִדן אין דער באָלשעוויסטישער
פּאַרטיי ביז און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוי־
ציע איז געוואַקסן פֿון צוזאַמענפֿאָר צו צוזאַ־
מענפֿאָר. לויט דער סטאַטיסטיק פֿון דער פּאַר־
טיי־ציילונג האָט די צאָל ייִדן אין דער קאָמו־
ניסטישער פּאַרטיי באַטראָפֿן: אין 1922 —
19.562 (די אַלגעמיינע צאָל פּאַרטיי־מיטגלי־
דער — 375.948), 5,2 פּראָצענט; אין 1927 —
49.627 (די אַלגעמיינע צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער
1.147.074), 4,2.

3. די פֿאַרשפּעטיקונג־טעאָריע און די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור

אויב די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן
פֿאַרשפּעטיקט צו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע,
האָט אויך די ייִדישע ליטעראַטור געמוזט פֿאַר־
שפּעטיקן. איינס דרינגט אַרויס פֿונעם צווייטן.
די ליטעראַטור שפּיגלט דאָך אָפּ דאָס לעבן. ייִצ־
כאָק נוסינאָוו דערקלערט גאַנץ קאַטעגאָריש,
אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז ביז דער רע־
וואָלוציע געווען אַ קליינבירגערלעכע און איז
אויך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע גע־
בליבן די זעלבע קליינבירגערלעכע ליטעראַ־
טור.

י. נוסינאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענער סאָ־
וועטישער געלערנטער און ליטעראַטור־פֿאָר־
שער, אַ באַוווסטער ספּעציאַליסט פֿון דער מײַ־
רעוו־אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור.
ער האָט געשאַפֿן אַ רײַ אַרבעטן, וועלכע האָבן
ניט אָנגעווירן זייער באַדײַטונג אויך איצט. ער
האָט אָפּגעגעבן פֿיל אויפֿמערקזאַמקײַט אויך דער
ייִדישער ליטעראַטור. פֿון די מער וויכטיקע
אַרבעטן זײַנע קאָן מען דערמאָנען די פֿאָרשונג
„פֿון בוך צו בוך", וועגן די וואַריִאַנטן פֿון מענ־
דעלעס ווערק, די אַרבעט וועגן דעם ניסתּר
און אַנדערע. לויט זײַנע טעאָרעטישע אָנשויונ־
גען איז ער אָבער געווען באַווירקט פֿון דעם
אַזויגערופֿענעם וווּלגאַרן סאָציאָלאָגיזם, וועלכער
איז געווען פֿאַרשפּרייט אין דער סאָוועטישער
ליטעראַטור אין די 20־ער און אָנהייב 30־ער
יאָרן.

דער ווולגאַרער סאָציאָלאָגיזם האָט געפֿירט
ייִצכאָק נוסינאָוון, ווי אויך אַ רײַ אַנדערע קרי־
טיקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער, צו פֿאַרפֿלאָנ־
טערטע אַנטיוויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור־היס־
טאָרישע און ליטעראַטור־קריטישע קאָנצעפּצי־
עס, באַזונדערס אין דער אָפּשאַצונג פֿון די ייִדי־
שע קלאַסיקער, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריזירט
געוואָרן אַלס קליינבירגער. די גרונטלייגער פֿון
דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען באַטראַכט גע־
וואָרן אין דער ווולגאַר־סאָציאָלאָגישער קריטיק
ניט ווי גרויסע פּראָגרעסיווע פֿאָלקס־שרײַבער,
נאָר ווי אָפּגעשטאַנענע קליינשטעטלדיקע ליטע־
ראַטן.

אַפֿילע מוישע ליטוואַקאָוו אין זײַן אַרטיקל
„ירושה און העגעמאָניע", וואָס איז געווען אַן
ענטפֿער אויף ה. לייוויקס בראָשור „אויפֿן ראַנד
פֿון אָנהייב" (וועגן זײַן באַזוך אין ראַטנפֿאַר־
באַנד, וווּ ער האָט געשריבן, אַז „די ייִדישע
פּאָעזיע אין ראַטן־רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהייבן
פֿון 1923 אָן ערעך, אָדער גאָר עפּשער פֿון
1925"), האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט לייוויקן
און דערקלערט: „אין אַ געוויסן זין איז ער גע־
רעכט". ליטוואַקאָוו איז מסכּים מיט לייוויקן,
אַז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור הייבט
זיך אָן ניט מיטן אָנהייב פֿון דער ראַטנמאַכט,
ניט מיט דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, נאָר אַ
סך שפּעטער, פּונקט ווי עס וואָלט ניט געווען
די שאַפֿונג פֿון אָשער שוואַרצמאַנען, דאָוויד
האָפֿשטיינען, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַר־
קישן און אַנדערע אָנהייבער פֿון דער סאָוועטי־
שער ייִדישער ליטעראַטור.

און קעדיי צו באַגרינדן דעם טעזיס וועגן
פֿאַרשפּעטיקונג, מוז ליטוואַקאָוו אָנקומען צו
צווייפֿלהאַפֿטע ליטעראַטור־היסטאָרישע סכע־
מעס. ער שרײַבט: „די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע
האָט געטראָפֿן די ייִדישע ליטעראַטור אין עכטן
„מיטנדערינען"." און ווײַטער — וועגן דער סי־
בע פֿון אַזאַ מצבֿ:

„די אָנגעקומענע דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַ־
ריִאַט, דער ראַטן־רעזשים, וועלכער איז געבויט
דירעקט אויפֿן צוזאַמענשלוס פֿון די מאַסן אַרבע־
טער און פּויערים, די נײַע קולטור, וואָס שאַפֿט
זיך אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענשלוס — דאָס אַלץ האָט
אין דער פֿאָריקער ייִדישער ליטעראַטור ניט
געפֿונען קיין סימען, קיין זייכער פֿון צוגרייטונג.

---

[1] Протоколы V (Лондонского) съезда РСДРП, апрель—май, 1907. Государственное издательство политической литературы, Москва, 1963, стр. 656.

[2] Протокол VI съезда РСДРП. Государственное издательство политической литературы, Москва, 1958, стр. 294.

צווישן דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור און דער נײַער, דער סאָוועטישער, וועלכע האָט גע־דאַרפט געשאַפן ווערן, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פוסטער כאַאָל"[1]. די גאַנצע קלאַסישע לי־טעראַטור אונדזערע — מענדעלע, פּערעץ, שאָ־לעם־אַלייכעם און די גרויסע קינסטלער פונעם נאָכקלאַסישן פּעריאָד — בערגעלסאָן, רייזען, ווײַסנבערג און אַנדערע ווערן ענדגילטיק אָפּגע־וואָרפן אַלס אומנוצלעכע פאַר דער צוגרייטונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס'איז אָבער קלאָר, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט קיין שײַכעס ניט צו וויסנשאַפטלעכער מאַרקסיסטישער לי־טעראַטור־פאָרשונג. מוישע ליטוואַקאָוו אַליין האָט ניט איין מאָל אין אַנדערע צוזאַמענהאַנגען אַרויסגעזאָגט גאַנץ אַנדערע, אַ סאַך מער ריכ־טיקע מיינונגען וועגן דער קלאַסישער ליטע־ראַטור און וועגן איר באַדײַטונג פאַר דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור.

די פאַרשפּעטיקונג־טעאָריע האָט ליטוואַקאָוון געבראַכט דערצו, אַז ער איז גרייט געווען אָפּ־לייקענען אַפילו די באַדײַטונג פון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דאַוויד עדלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, מאָריס ראָזענפעלד און אַנדערע פאַר דער צוגרייטונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דעם אידייִשן רעוואָליוציאָנערן אינהאַלט פון זייער דיכטונג האָט ער אָנערקענט; ער האָט זיי אָבער אָפּגעזאָגט אין מײַסטערשאַפט. ער שרײַבט: „עמעס, אונדזער דיכטונג איז אין דעם פּראַט געווען גליקלעכער. אָנגעהויבן האָט זי זיך אין געשטאַלט פון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָ־זענפעלד, עדלשטאַט, באָוושאָווער, אַווראָם רייזען אַלס דירעקטע אָפּשפּיגלונג פונעם אַרבע־טער־קאַמף און אין ענגער פאַרבינדונג מיט אים. אָבער אויסער מ. ראָזענפעלד און אַ. רייזען איז זי געווען גיכער אַ געמאַכטע, איידער אַן אָרגאַנישע דיכטונג"[2].

די ראַפּישע קריטיק (אַ. וועוויאָרקע, י. בראָנ־שטיין און אַנד.) האָט שאַרף קריטיקירט דער־פאַר ליטוואַקאָוון און איז געווען גערעכט, ווײַל די ייִדישע פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדײַטונג פאַר דער ייִדישער סאָ־וועטישער דיכטונג און פאַר דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען. מיט אַזאַ רעוואָליוציאָנערער דיכטונג וואָלט געקאָנט שטאָלצירן די אַנט־וויקלטסטע ליטעראַטור. עס דאַרף אָבער גע־זאָגט ווערן, אַז אויך די ראַפּישע קריטיק איז געווען דורכגעדרונגען מיטן וווּלגאַרן סאָציאָ־לאָגיזם, באַזונדערס אין דער אָפּשאַצונג פון דער קלאַסישער ירושה, וועלכע איז געוויינלעך פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס קליינבירגערלעך־און קליינשטעטלדיק־באַגרענעצטע.

פאַרגלײַכנדיק די וועגן פון דער ייִדישער לי־טעראַטור ביז דער רעוואָליוציע מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אין דער זעלבער עפּאָכע, שטרײַכט אונטער מ. ליטוואַ־קאָוו די אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פאַרגלײַך מיט דער רוסישער. אײַנזעענדיק אין דער רוסישער ליטעראַטור בלויז דאָס פּראָגרעסיווע און רעוואָליוציאָנערע און, פאַרקערט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור — בלויז דאָס אידייִש־באַגרענעצטע און אָפּגע־שטאַנענע, שרײַבט ער:

„טיפן און געשטאַלטן, וואָס זאָלן מיטהעלפן אין דער אָריענטאַציע אף פּאָליטישן קאַמף, אף רעוואָליוציע, האָט די ייִדישע ליטעראַטור ווײ־ניק געשאַפן. פּערעץ האָט אָנגעהויבן שאַפן אין דער ריכטונג — און האָט זיך באַלד פון דעם וועג אָפּגעקערט, שאָלעם־אַלייכעם האָט געשאַפן אָריענטירנדיקע סאָציאַל־שטייגערדיקע גע־שטאַלטן, אָבער ניט קיין פּאָליטיש־רעוואָליו־ציאָנערע. שאָלעם אַש האָט זיך אַ קער געטאָן צום „קוילער־געסל" — און איז באַלד אַוועק צו „מאָשיעכס־צײַטן"... ס'זײַנען געווען פּרווון ווײַסנבערגס אאַ. — זיי האָבן אָבער קיין פאָר־זעצונג ניט באַקומען...

האָט שוין די ייִדישע ליטעראַטור אויך ניט באַשאַפן קיין לעקסיקאָן, וואָס זאָל אַרײַן אין געברויך פונעם פּאָליטישן קאַמף, וועלכער זאָל באַרײַכערן אונדזער פּובליציסטיק, די פּאָליטי־שע רייד־קולטור. אויסער אייניקע סאָציאַל־שטייגערדיקע שלאַגווערטער שאָלעם־אַלייכעמס און אַשס, אויסער אייניקע אינטעליגענטישע אויסדרוקן פּערעצעס אאַ., האָט די פּאָליטישע קולטור אונדזערע גאָרניש ניט גענאַשט פון דער פאַראָקטיאַבערדיקער ליטעראַטור אונדזע־רער. און דאָס האָט זיך אויך געפונען אין העס־קעם מיטן גאַנצן סטיל פון דער אַלטער ליטע־ראַטור: אַ פּאַטריאַרכאַליש־האַרכאָוועדיקער בא מענדעלען, אַ באַריידעוודיקער קאַסרילעווקער הו־האַ בא שאָלעם־אַלייכעמען, אַן אינטעליגענ־טיש־רעמאַזימדיקער בא פּערעצן, אַן אימפּרע־סיאָניסטיש־מינאָרישער בא בערגעלסאָנען אאַוו. — אָבער אַלץ אף אַן אַפּאָליטישן פּאַן, טעמפּ און ריטם פון קליינבירגערלעכער שטעטל־קולטור"[1].

מע דאַרף אוודאי ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אין דער מיט פון די 20־ער יאָרן, ווען עס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די דערגרייכונגען פון דער נײַער קולטור און לי־טעראַטור. מע דאַרף אויך געדענקען די דעמאָל־טיקע סיטואַציע, ווען עס איז אויסגעקומען צו פירן אַ שאַרפן קאַמף קעגן געוויסע ווירקונגען פון דער אַלטער קולטור. און דאָך איז קיין ספק ניט, אַז שוין דעמאָלט איז די „פאַרשפּע־טיקונג־טעאָריע" סײַ בענעגייע די ייִדישע פאָלקסמאַסן, סײַ בענעגייע דער ייִדישער סאָ־וועטישער ליטעראַטור געווען אַ פאַלשע, ניט קיין וויסנשאַפטלעכע, אַן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריע.

---

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. צווייטער באַנד, מאָסקווע, 1926, ז. 9.

[2] דאָרטן.

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. צווייטער באַנד, מאָסקווע, 1926, זז. 8—9.

יִסאָסכער־בער ריבאַק — דער באַזינגער פונעם ייִדישן האַרעפּאַשניק



דער מאָלער ריבאַק שטייט מיר פאַר די אויגן אַט אזוי, ווי עס וואָלט געווען נעכטן: א שלאנקער מאנצבל פון מיטעלן וווקס, מיט א ביסל אומעטיקע אויגן. א צוריקגעהאלטענער, א שווײַגנדיקער — אזא איז ער פארבליבן אין מײַן זיקאָרן, ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן ערשטן באזוך בא אים אין אטעליע אף רי דע לאָרס, אין פאריזש.

י.־ב. ריבאַק האָט געשטרעבט צו פארשפרייטן קונסט צווישן די ייִדישע מאסן, און אין דער דאָזיקער פערספּעקטיוו קאָן מען פארשטיין די אלזײַטיקע שאפונג פון אָט דעם קינסטלער: אייל־מאָלערײַ, אקווארעלן, איליוסטראציעס צו ביכער, גראווירן, דעקאָראציעס פארן ייִדישן טעאטער, ייִדישע קעראמיק, פרווון פון מאָנומענטאלער וואנט־מאָלערײַ.

אין 1935, ווען עס איז פאָרגעקומען א גרויסע אויסשטעלונג פון ריבאקס ווערק אין דער גאלעריי „באָ ז׳אר", בין איך געווירע געוואָרן, אז דער קינסטלער איז געשטאָרבן נאָך א שווערער קראַנקײַט אין עלטער פון 38 יאָר. איך בין געווען טיף דערשטוינט און אופגעטרייסלט. אויך אנדערע ייִדישע קינסטלער פון מאָנפארנאס זײַנען געווען דערשיטערט פון דעם אומגליק.

יִסאָסכער־בער ריבאַק איז געבוירן געוואָרן אין יעליסאוועטגראד אין 1897. זײַן פאָטער איז געווען א בוכהאלטער. אין דעם פאָטערס קליינער הויזביבליאָטעק האָבן זיך געפונען ייִדישע רעליגיעזע ספאָרים, אָבער אויך ניט ווייניק רוסישע קלאסיקער. מע האָט געלעבט אין דאכקעס, אָבער מע האָט זיך באמיט צו געבן די קינדער מאָדערנע בילדונג, מאכן זיי פאר מענטשן.

י.־ב. ריבאַק האָט שוין פון די קינדער־יאָרן ארויסגעוויזן א נייגונג צו צייכענען אלץ, וואָס ער האָט געזען ארום זיך: מענטשן און כײַעס. גראָד האָט די „זעמסטווע" פון יעליסאוועטגראד געעפנט אין שטאָט אָוונט־קורסן פון צייכענונג פאר די ארבעטער פון דער דאָרטיקער גרויסער מעטאל־פאבריק „עלווארט". ריבאַק איז ארײַנגעטראָטן אין דער דאָזיקער שול נאָך דעם, ווי ער האָט געוויזן זײַנע קינדערשע צייכענונגען דעם דירעקטאָר א. קאזאטשינסקי. אין דער זעלבער שול האָט ער באזוכט א קורס פאר קוואליפיצירטע פארבער. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו ארבעטן אין אן ארטעל פון רוסישע פארבער־קוסטארן און אינײנעם מיט זיי צו באמאָלן די דאָרפישע קלויסטערס אין כערסאָנער גובערניע. אין דער דאָזיקער צײַט האָט דער צוועלפיאָריקער יאט דערקלערט קאטעגאָריש דעם פאָטער, אז ער האָט באשלאָסן צו שטודירן אף א קונסט־מאָלער. דער פאָטער האָט זיך שארף אנטקעגנגעשטעלט. דער יונגער ריבאַק פארלאָזט דאן דעם טאטנס הויז. ער פארדינט זײַן כאיונע ווי א פארבער און באווײַזט מיט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס צו קומען קיין קיִעוו, ווו ער טרעט ארײַן אין דער דאָרטיקער מאָלער־שול.

לערנענדיק אין דער קיִעווער מאָלער־שול, האָט ריבאַק ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו ייִדישע טעמעס, צום אלטן ייִדישן לעבנסשטייגער. אין 1910 מאכט ער דורך א נעסיִע איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאנד. ער קאָפּירט אין דער מאָהיליאָווער סינאגאָגע פונעם 17־טן יה. די ווונדערלעכע מאָלערײַ פונעם פאָלקסמאָלער ייִצכאָק־אײַזיק סעגאל, די מאצייוועס אף די אלטע ייִדישע בעסוילעמס. שפּעטער מאכט ער דורך א צווייטע נעסיִע איבער ייִדישע שטעטלעך לויטן אופטראָג פון דער פעטערבורגער ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראפישער געזעלשאפט אונטער דער אָנפירונג פון ש. אנסקי. ריבאַק האָט ריכטיק פארשטאנען די אָרגאנישע פארבונדנקײַט פון דעם מאָדערנעם קינסטלער מיט דער פארגאנגענהײַט און די קינסטלערישע טראדיציעס פונעם פאָלקס־שאפן.

אין 1921 איז ריבאַק אָנגעקומען קיין בערלין. ער נעמט אָנטייל אינעם ייִדישן קונסט־זשורנאל „מילגרוים", דרוקט אינטערעסאנטע עסייען וועגן ייִדישער קונסט אין דער „ייִדישער איליוסטרירטער צײַ־

טונג״, וואָס דערשײַנט דעמלט וואָכנטלעך אין בערלין, גיט אַרויס אַ קונסט־אַלבאָם „דאָס שטעטל״ — אַ לוקסוס־אויסגאַבע פֿון צוועלף גרויסע ליטאָגראַפֿיעס „יידישע טיפּן פֿון אוקראַיִנע״.

צווישן 1924 און 1926 וווינט ער אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווו ער שאַפֿט אַ רײ אויסגעצייכנטע טעאַטער־דעקאָראַציעס פֿאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער פֿון ווײַסרוסלאַנד. זײַנע דעקאָראַציעס פֿאַר פּערעצעס „אין פּאַליש אַף דער קייט״ זײַנען אויסגעפֿילט אין אַ גראָטעסק־רעאַליסטישן גײַסט, אָבער דעריקער — פּראַקטיק קאָנסטרויִרט. ער שאַפֿט אַ גרויסאַרטיקע דעקאָראַציע פֿון אַ „פּורים־שפּיל״ פֿאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער אין אוקראַיִנע. אַ גרויסן אײַנדרוק האָט אַף אים געמאַכט די רײַזע איבער די נײַ־אויפֿגעקומענע יידישע קאָלאָניעס אין אוקראַיִנע און אין קרים. ריבאַק שרײַבט אין דער הקדמה צו זײַן אַלבאָם „אַף די יידישע פֿעלדער פֿון אוקראַיִנע״, וואָס איז דערשינען אין 1926, אַז זײַנע פֿרײַנט האָבן אים געראַטן אַראָפּצופֿאָרן אין די כערסאָנער סטעפּעס, קעדיי צו זען, וויאַזוי די קליינשטעטלדיקע יידן — הענדלער, מעקלער, סטאָליערס — האָבן, דערפֿילנדיק די ערד, זיך אויסגעגלײַכט און געוואָרן געזונטע, שטאָלצע מענטשן.

זינט 1926 האָט ריבאַק געלעבט אין פּאַריז. ער מאָלט, צוגלײַך מיט די יידישע טעמעס, פֿראַנצויזישן לאַנדשאַפֿט, כּלים, בוקעטן, בלומען. ער אָרגאַניזירט אַ רײ אויסשטעלונגען פֿון זײַנע אייל־בילדער און אַקוואַרעלן, די אויסשטעלונגען געפֿינען אַ טיפֿן אָפּקלאַנג אין דער פֿראַנצויזישער קונסט־קריטיק.

אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער געשאַפֿן אַ סעריע פֿון „יידישער קעראַמיק״.

אין 1935, בײַס אַ רײַזע אין ענגלאַנד, איז ריבאַק קראַנק געוואָרן. ער קומט צוריק קיין פּאַריז דעם 6 מײַ 1935, און פֿון דעם דאָזיקן טאָג אָן פֿאַרלאָזט ער שוין ניט דאָס בעט ביז צו זײַן טויט, דעם 22 דעקאַבער.

קעדיי צו פֿאַרשטיין דעם ערשטן פּעריאָד פֿון ריבאַקס שאַפֿן, דאַרף מען וויסן, אַז די אַוואַנגאַרדיסטישע קונסט־שטרעמונגען אין דער מאָלערײַ אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט זײַנען געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון זיך קעגנשטעלן דעם אַקאַדעמישן נאַטוראַליזם. אַמשאַרפֿסטן און אַמקלאָרסטן האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דעם אַנטינאַטוראַליזם פֿון דער קוביסטישער ריכטונג. קימאַט אַלע יידישע מאָלער, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיטן נאַטוראַליזם אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט, האָבן זיך געפֿונען אונטערן אײַנפֿלוס פֿונעם פֿראַנצויזישן קוביזם. יִשׂשׂכר־בער ריבאַק איז ניט געווען קיין אויסנאַם.

י.־ב. ריבאַק האָט ניט געקאָנט לאַנג בלײַבן בא דער קוביסטישער ריכטונג אין זײַן מאָלערײַ און נאָך ווייניקער בא דער אַבסטראַקטער קונסט, וועלכע האָט אים אַ געוויסע צײַט באַצויבערט. דאָס אַרומיקע לעבן האָט אים געצויגן צו זיך און פֿאַרלאַנגט פֿון אים, ער זאָל עס אַרויסברענגען אַף דעם לײַוונט אַף אַן עכטן מאָלערישן אופֿן. יעדער פּעריאָד פֿון ריבאַקס שאַפֿן האָט געבראַכט אינטערעסאַנטע ווערק, ווײַל אין יעדן פֿון זײַנע ווערק האָט ער אַרײַנגעבראַכט דעם פֿלאַם, דעם ענטוזיאַזם פֿון זײַן טיפֿער, קינסטלערישער נשמה.

דער צוריקקער פֿון ריבאַקן אין 1924 קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווו ער האָט געדאַרפֿט אויספֿילן אַ רײ טעאַטער־דעקאָראַציעס, האָט אים קלאָר געמאַכט די באַדײַטונג פֿונעם סאָציאַלן כאַראַקטער פֿון דער קונסט. ער איז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אַ מאָלער דאַרף ניט שאַפֿן בלויז פֿאַרן ענגן קרײַז ראַפֿינירטע עסטעטן, נאָר ער דאַרף זײַן קונסט ברענגען צו די אַרבעטער־מאַסן. פּונקט אַזוי — דעם טעאַטער און דאָס אילוסטרירטע בוך.

די דעקאָראַציעס פֿאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער האָבן אַנטפּלעקט פֿאַר ריבאַקן די פֿאַרבן־רײַכקײַט, וואָס מע געפֿינט אין לעבן פֿונעם פֿאָלק. מע דאַרף נאָר קאָנען זען. פֿון איצט אָן האָט ער געוווּסט, אַז ער מוז פֿאַרלאָזן די ענגע, עסטעטישע דאָקטרינעס פֿון קוביסטישע, אַבסטראַקטע טעאָרעטיקער און זיך אינספּירירן פֿונעם אַרומיקן לעבן. ער איז געוואָרן דער באַזינגער פֿונעם יידישן שטעטל אין אַ ספּאָנטאַן־שטראָמענדיקער, מאָלערישער פֿאָרם.

ריבאַק גיט צומאָל צו, דורך זײַן אונטערגעשטראָכענער עקספּרעסיווער צייכענונג, אַ לײַכטן גראָטעסק־כאַראַקטער די יידישע געשטאַלטן פֿונעם שטעטל: די וואַסערטרעגער, אַלטע ווײַבער, קאָלעמײַדלעך. די דאָזיקע דעליקאַטע דעפֿאָרמאַציע גייט צוזאַמען מיט צערטלעכקײַט און אינווייניקסטער ליבע צו די געשילדערטע געשטאַלטן. ער איז אַ לײַבלעכער ברודער פֿון די אָרעמע.

די טיפֿע ליבע פֿונעם קינסטלער צום יידישן אַרבעטער געפֿינען מיר אין די מײַסטערישע צייכענונגען פֿונעם בוך „אַף די פֿעלדער פֿון אוקראַיִנע״. ער שילדערט די סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אַף ערד. און ס׳איז שווער צו דערקענען אין די דאָזיקע קרעפֿטיקע, פֿון דער זון אָפּגעברענטע יידישע ערד־אַרבעטער, די ברידער פֿון די בלאַסע, אײַנגעבויגענע יידן פֿונעם אַמאָליקן שטעטל. י.־ב. ריבאַק האָט געפֿונען אַ סאָלידע, רעאַליסטישע פֿאָרם פֿאַרן דאָזיקן בוך.

ווײַט פֿונעם היימלאַנד, האָט י.־ב. ריבאַק פֿאַרהיט די ליבע צו די געשטאַלטן פֿון זײַנע יינגלשע יאָרן, וועלכע ער האָט ניט אויפֿגעהערט ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן צו שילדערן, ווײַל ער האָט זיי שטענדיק געהאַט פֿאַר די אויגן — ער, דער באַזינגער פֿונעם שטעטל און פֿונעם יידישן אַרבעטער־מענטש.

כיל אַראָנסאָן

(פֿונעם בוך „בילדער און געשטאַלטן
פֿון מאָנפּאַרנאַס״)

זאַלמען קאַהאַן

א וועטעראַן פון דער יידישער בינע

אַדאָלף אַבערבערג.

מע זאָגט וועגן אים: ער איז אויסגעווייקט אין טעאַטער. פון זײַן פריִיקער יוגנט ביזן טיפן עלטער האָט אים איין פּראָפעסיע פאַרכאַפּט, זי איז אים נאָכגעגאַנגען אַף אַלע זײַנע נאַווענאַדוועגן, איבער אַלע טראַקטן און שליאַכן פונעם אומענדלעכן גרויסן לאַנד. וועגן דער פּראָפעסיע פון אַן אַקטיאָר האָט ער געטרוימט נאָך אין דער קינדהײַט. מיט אויסערגעוויינלעכער מעסירעסנעפעש האָט ער זיך דער דאָזיקער פּראָפעסיע איבערגעגעבן אין זײַן יוגנט. ער איז געווען דער עכטער טעאַטער־האָרעפּאַשניק, אויסגעשפּילט צענדליקער ראָלן פונעם אַלטן יידישן רעפּערטואַר. וועלכע פּיעסע האָט ער ניט געקענט אַף אויסווייניק? וואָס האָט ער ניט געקענט טאָן צוליב טעאַטער? גיין צופוס צענדליקער וויאָרסטן, שלעפּן אַף זיך דעם טעאַטראַלן רעקוויזיט, פאַרבײַטן, ווען מ׳האָט באַדאַרפט, דעם שנײַדער, דעם סטאָליער, דעם קינסטלער, טאַנצן און זינגען, שפּילן ראָלן ראָמאַנטישע, לירישע, העראָיִשע. צוליבן טעאַטער איז ער גרייט געווען אַף יעדער שוואַרצער אַרבעט.

הײַנט קענט איר אים אָפט באַגעגענען אַף די לענינגראַדער גאַסן. בא דער ניעווא איז ער אַן אַלטער טוישעוו. שטענדיק אײַלט ער זיך. די לאַסט פון יאָרן, דוכט זיך, דריקט אַף אים ניט. ער איז פול מיט איניציִאַטיוו, ביז איצט איז ער אַקטיוו און טעטיק, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס ער האָט שוין איבערגעשפּאַנט די צווייטע העלפט פונעם נײַנטן צענדליק.

ס׳איז שווער צו גלייבן, אַז אין זײַן טיפן עלטער איז ער נאָך פאַרעכנט אין אַקטיאָרןשטאַט פון דער קינאָסטודיע „לענפילם“, ווו ער האָט אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן געשפּילט אין די פילמען „דער 713 בעט אַן אַראָפּנידערונג“, „געזעגענונגען מיט פּעטערבורג“, אין טשעכאָווס נאָוועלן און אין אַנדערסענס מײַסעלעך.

— איז לאָמיר זיך דערמאָנען, אַדאָלף גריגאָריעוויטש, וועגן דעם אָנהייב.

ער פאַרטראַכט זיך, פּרוּווט זיך דערמאָנען. גוטמוטיקער שמייכל באַדעקט זײַן פּאָנעם.

— דער אָנהייב איז געווען ערגעץ אַפן שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט. געבאָרן בין איך אין וואַרשע, און מאַמעס האָב איך געהאַט צוויי...

— ווי קומט עס?

— די ערשטע מאַמע איז געווען שיינדל די שנײַדערקע פון די נאַלעווקעס.

— און די צווייטע?

— די צווייטע איז געווען די מאַמע פונעם יִדישן טעאַטער עסטער־ראָכל קאַמינסקע...

איז לאָמיר גיין קעסיידער.

...אַן איינשטאָקיק הויז איז געשטאַנען אין רעכטן געווימל אַף די וואַרשעווער נאַלעווקעס. דאָס הויז איז געווען באַצירט מיט פילפאַרביקע שילדן. אין פענצטער איז געשטאַנען אַ מאַנעקען. דאָ האָט געלעבט און געאַרבעט די באַוווּסטע אין וואַרשע שנײַדערן שיינדל הערשל־וואָלפס. און כאָטש זי האָט זיך גערופן אַפן מאַנס נאָמען, איז זי געווען די הויפּטבאַלעבאָסטע אין שטוב, און דער מאַן הערשל־וואָלף איז מער ניט געווען, ווי איר באַהעלפער. אים פלעגט מען בלויז פאַרטרויען רייניקן, צושטעפּן, אַרויסציִען די פאַרסטריגעס. פון שטוב פלעגן זיך דערטראָגן אין גאַס לידער, דאָס האָט געזונגען דער שנײַדערנס זונעלע אַווראָם־אַבע. אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו זינגען — פאָלקסלידער, טפילעס, כאַזאָנישע שטיק. אין כיידער איז ער געלאָפן מער צוליב זײַנע כאַוויירים, מיט וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן, טאַנצן, פאָרשטעלן פאַרשיידענע סצענעס, גענומען פון די הייליקע ספאָרים. דאָס כיידערוועלטל איז אינגיכן ענג געוואָרן פאַרן באַגאַבטן באָכערל, אים ציט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, און די מאַמע מיטן טאַטן שטערן אים ניט אַרײַנצוטרעטן אין דער פּוילישער גימנאַזיע. דאָ דערלערנט ער די פּוילישע שפּראַך, אינטערעסירט זיך מיט וועלטלעכע לימודים, נאָר די גרעסטע צוציִונג־קראַפט האָט פאַר אים דער אַמאַטאָרן־קרײַז פון דער גימנאַזיִע. פון

אַדאָלף אַבערבערג

אַט דער צײַט הייבן זיך אָן זײַנע ערנסטע טרוימען וועגן טעאַטער.

אין יענעם ערשטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט אַרבעט אין וואַרשע דער דראַמע־ און אָפּערעטן־טעאַטער פון ראַפּעל און עפּלבערג. אין אָוונט פלעגן זיך אָנצינדן די העלע לאַמטערנס באַם טעאַטער־אַרײַנגאַנג, באַלויכטנדיק די ייִדישע אויסיעס:

— „שולאַמיס", „באַר־קאָכבאַ", „שמענדריק".

גימנאַזיסטן פלעגן אָפּשפּאָרן קאָפּעקעס און אַרײַנקומען אין דער ליכטיקער טעאַטער־וועלט, וווּ דאָס לעבן האָט געפינקלט און באַצויבערט מיט אָן אַ שיר פאַרבן. פונדאַנען פלעגט זיך קיינמאָל ניט וועלן אַוועקגיין. ביז איינמאָל האָט אָוורעמעלע ענדגילטיק באַשלאָסן באַ זיך. ער איז אַוועק צום טעאַטער־באַלעבאָס לייזער ראַפּעל און געבעטן זיך, ער זאָל אים נעמען אין טעאַטער.

— וואָס קענסטו, באָכערל? — האָט אים ראַפּעל געפרעגט.

— איך קען אַלץ.

— אַלץ? — האָט אים געענטפערט ראַפּעל, — אַלץ איז גאָרניט, וועסט זײַן באַ מיר אַ רעקוויזיטאָר.

אָוורעמעלע האָט ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט אַ רעקוויזיטאָר, נאָר זײַן פרייד איז געווען ניט צו באַגרײַפן. ווען אַן אַקטיאָר איז קראַנק געוואָרן, פלעגט אים אָוורעמעלע פאַרבײַטן, ווען עמעצער האָט די ראָל ניט אויסגעלערנט, פלעגט דער יונגער רעקוויזיטאָר אונטערזאָגן, און טאָמער פלעגט זיך די פּיעסע פאַרלירן, איז אויך קיין מעניע ניט געווען. אַבערבערג האָט געקענט זײַן אַ סופליאָר אָן דעם טעקסט פון דער פּיעסע...

די גרעסטע ווירקונג האָט אַף אים געהאַט דער טעאַטער פון עסטער־ראָכל קאַמינסקע, מיט וועלכן ער פאַרבינדט זיך פונעם 1910 יאָר.

אין וואַרשע האָט די פאַרייניקטע ייִדישע טרופּע, בראָש מיט עסטער־ראָכל קאַמינסקע, געהאַט אַ שעם פונעם ערשטן רעאַליסטיש־דראַמאַטישן טעאַטער. דאָ האָט מען געשטעלט „מירעלע עפראָס", „קרייצעראָווע סאָנאַטע", „כאַסיע די יעסוימע". די מאַמע פונעם ייִדישן טעאַטער האָט זיך טרײַ פאַרנומען מיט דערציִען אַ יונגען דאָר אַרטיסטן, זי פלעגט לייגן גרויס אַכט אַף דער מאָראַלישער דערציִונג. דאָס באָכערל אַבערבערג איז איר געווען צום האַרצן. די ערשטע ראָל האָט זי אים גע־געבן אין „שולאַמיס". ער האָט די דאָזיקע ראָל גלענצנד, טעמפּעראַמענטפול אויסגעשפּילט. סײַ דער רעפּערטואַר, סײַ די סוויווע האָבן מיטגעווירקט, אַז די רעאַליסטישע ליניע אין זײַן שאַפונג זאָל האָבן דעם אויבנאָן. אין קאַמינסקעס טעאַטער האָט מען אָפט געשפּילט פּיעסן פון מענדעלען, שאָלעם־אַליי כעמען, פּערעצן. עס איז דאָ געשטעלט געוואָרן פּערעצעס „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק".

אַבערבערג נעמט אָנטייל אין דער גאַסטראָל־רײַזע פון עסטער־ראָכל קאַמינסקע מיט איר טעאַטער איבער רוסלאַנד. מיט דערפאָלג זײַנען דורכגעגאַנגען די אַרויסטרעטונגען אין קאַטערינאָסלאַוו, אָדעס, מינסק. אַן עכטן טריומף האָט דער טעאַטער געהאַט אין פּעטערבורג. די רוסישע הויפּטשטאָט האָט באַגעגנט די גרויסע ייִדישע אַקטריסע מיט קאָוועד, און די קרײַזן פון דער רוסישער טעאַטראַלער וועלט האָט מען זיך באַצויגן מיט אָפּשײַ צו דער סצענישער קונסט פון איר טרופּע.

אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָט אַבערבערג דורכגעמאַכט אַ באַדײַטנדיקן שעפערישן וועג. ער איז רײַף געוואָרן אַלס אַקטיאָר און איז געקומען צו דער פעסטער איבערצײַגונג, אַז זײַן אָרט איז נאָר אַף דער בינע.

שפּעטער קומט אים אויס צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהײַטן אַוועקצופאָרן פון וואַרשע. ער וואַנדערט מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער שטעט און שטעטלעך. דערנאָך קערט ער זיך אום צו ראַפּעלן און קומט צוזאַמען מיט אַט דער טרופּע קיין אָדעס.

שווערע צײַטן האָבן ייִדישע וואַנדער־טרופּעס איבערגעלעבט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. די אַלטע גזיירע פון דער צאַרישער מאַכט, אַז ייִדישע טרופּעס טאָרן אַף ייִדיש ניט שפּילן, איז נאָך אַלץ גילטיק געווען. אין די אַפישן פלעגט מען מעלדן, אַז מע שפּילט אַף דײַטש, די איספּראַווניקעס אין די קליינע שטעט און שטעטלעך האָבן קנאַפּ געקענט אורטיילן דעם כילעק צווישן ייִדיש און דײַטש.

איז אַמאָל געווען אַזאַ פאַל.

א. אַבערבערג דערציילט:

—...די ייִדישע ראַפּעל־טרופּע קומט קיין באָברויסק. אַ גרויסע, לאַנגע הילצערנע שטאַל

האָט מען שוין אָפּגעדונגען, בענק האָט מען צע־שטעלט. אין די ערשטע רייען האָבן די צו־שויער געבראַכט מיט זיך שטולן. באַם איס־פּראַוניק האָט מען געפּויעלט, אַז מע שפּילט דרײַ ספּעקטאַקלען אין דײַטש. ס'האָט אָפּגע־קלונגען דאָס גלעקל, דער פּאָרהאַנג האָט זיך צעעפנט. עס איז באַוויזן געוואָרן „שמענדריק". אין זאַל איז שטיל. דער אוילעם הערט זיך צו, אָפּט לאַכט מען, אַלץ גייט קעשורע. און פּלוצעם צעטראַגט זיך אַן אויסגעשריי: „דאַס איסט ניכט דויטש!". לאָזט זיך אויס, דעם איספּראַוו־ניקס ווײַב איז אַ דײַטשקע, זי איז געקומען אין טעאַטער און באַלד געפּאַקט די ייִדישע אַק־טיאָרן פאַר דער האַנט, זיי האָבן געשפּילט אויף ייִדיש.

איז אויסגעקומען דעם ספּעקטאַקל איבערצו־רײַסן און אַנטלויפן פון שטאָט...

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געטראָפן אַבערבערגן אין אָדעס. ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, האָבן זיך אין אָט דער צײַט געמערט די ייִדישע וואַנדער־טרופּעס. נאָר ס'איז זייער שווער געווען צו אַרבעטן אין די באַדינגונגען פונעם בירגערקריג. ייִדישע אַקטיאָרן האָבן ניט געקוקט אויף שווועריקייטן, ערגער איז געווען מיט אַ נײַעם רעפּערטואַר. מע פּלעגט שאַפן לידלעך, טשאַסטושקעס, בופּאָנאַדעס וועגן מיל־כאָמע און וועגן נײַעם סאָוועטישן שטייגער, — אויף אַלטע מעלאָדיעס. אָפּט פּלעגט אויסקומען

אין דער ראָל פון מעשולעך אין ש. אַנ־סקיס „האַדיבוק"

אַנטלויפן פון די ווײַסע און פון באַנדעס, נאָר ווי מ'האָט נאָר געקענט, האָט מען טעאַטער גע־שפּילט.

א. אַבערבערג דערמאָנט זיך:

— נאָך דער רעוואָליוציע בין איך שטענדיק אומגעגאַנגען מיט אַ גראָבן פּאָרטפּעל. כ'בין געוואָרן אַ מיטגליד פון „מעסטקאָם". אומעטום, אין וועלכער טרופּע איך האָב געאַרבעט, פּלעגט מען מיך רופן — „דער מעסטקאָם". לייזער ראַפּעל האָט מיר אַפילו, צוליב סאָלידקייט, אַ נײַעם נאָמען געגעבן. אוורהאָם־אַבא, האָט ער געזאָגט, איז ניט קיין אַקטיאָרישער נאָמען. פון הײַנט און אויף ווײַטער וועסטו באַ מיר הייסן אַדאָלף. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אַדאָלף — זאָל זײַן אַדאָלף. אַ פּאַמיליע האָב איך געהאַט אַ שיינע, אַ טעאַטראַלע, איצט בין איך שוין אינגאַנצן פּאַרטיק — אַ נאָמען אויך אַ שיינער. ווען איך וואָלט דעמאָלט וויסן, וועלכער מענוול עס וועט טראָגן דעם נאָמען אַדאָלף, וואָלט איך אויף דעם קיינמאָל ניט מאַסקים געווען...

אין 1922 טרעט אַרײַן אַדאָלף אַבערבערג אין יאַקאָוו ליבערטס טרופּע — אין קיִעוו, אויפן פּאָ־דאָל. דאָ אַרבעט ער צוזאַמען מיט בינאַמין שוואַרצערן, לייע בוגאָווען אאַ. אין 1924 יאָר האָט אין מאָסקווע אין דער געבײַדע פונעם קינדער־טעאַטער געשפּילט אַ ייִדישע וואַנדער־טרופּע. דאָס איז שוין געווען אַ טרופּע מיט אַ באַנײַטן רעפּערטואַר. זי האָט געשטעלט „דאָס מיידל פון מאָסקווע", „די פריילעכע מישפּאָכע". אין אָט די פּיעסן האָט אַדאָלף אַבערבערג גע־שפּילט צוזאַמען מיט שוואַרצערן און עפּעל־באַומען.

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנצי־קער יאָרן קומט פון אַמעריקע אויף גאַסטראָלן אין ראַטנפאַרבאַנד די אָפּערעטן־טרופּע פון קלאַרע יונג. אַדאָלף אַבערבערג, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צום אָפּערעטן־אַמ־פּלואַ, ווערט דאָרט איינגיכן איינער פון די בעסטע אויספֿילער פון כאַראַקטער־ראָלן. זײַן טעמפּעראַמענט, זײַן אימפּעטפולע לעבנסלוס־טיקײַט, זײַן באַווגלעכקײַט, — אַלץ איז צוגע־פּאַסט און האַרמאָנירט מיט די אָפּערעטע־פּער־סאָנאַזשן. קלאַרע יונג מיט איר טרופּע האָבן געהאַט אַ ראַשיקן דערפאָלג. די גרויסע אַקט־ריסע פאָרט צוריק אוועק קיין אַמעריקע, נאָר אין 1933 קערט זי זיך אום אויף באַשטענדיקער אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד מיטן גאַנצן באַ־שטאַנד פון איר טרופּע און נאָך מיט אַ באַלעט־גרופּע, אַ כאָר און אַן אָרקעסטער. זי שפּילט דעם ערשטן סעזאָן אין מאָסקווע, אינעם קאָרש־טעאַטער.

פונעם 1933 ביזן לעצטן יאָר פון איר לעבן (1948) שיידט זיך שוין ניט אַדאָלף אַבערבערג מיט קלאַרע יונג. ער נעמט אָנטייל אין אַלע פּיעסן פון איר רעפּערטואַר, וועלכע זי האָט



א. אַבערבערג (לינקס) אינעם קינאָ־פילם „די געזע־
גענונג מיט פּעטערבורג"

מיט זיך געבראַכט פון אמעריקע. געוויס דאַרף מען זאָגן, אַז דער גרויסער טאַלאַנט פון דער אַקטריסע איז איבערגעוואַקסן איר רעפּערטואַר. אַזעלכע אָפּערעטעס, ווי „כאַנצע אין אמעריקע", „דאָס זעקסטע ווײַב" און „דזשייקעלע בלאָפער" האָבן ווייניק האַרמאָנירט מיט דער נײַער צײַט, מיט דער אַרומרינגלונג, אין וועל־כער די אַרטיסטן האָבן געשאַפן. נאָר קיין נײַ־ער יידישער רעפּערטואַר איז ניט געשאַפן גע־וואָרן פאַר קלאַרע יונג, און מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זיך איר קאָלעקטיוו, און בע־סויכעם אדאָלף אַבערבערג, באַדאַרפט באַנוגע־נען, כאָטש דאָס האָט לאַכלוטן קיינעם פון זיי ניט באַפרידיקט.

נאָך קלאַרע יונגס טויט איז אַבערבערג שוין געוווען אַ בען־שישים. ער ספּעציאַליזירט זיך אַלס קינסטלערישער פאָרלעזער. מיט פאַרשיי־דענע בריגאַדעס יידישע אַרטיסטן פאָרט ער ווידער ארום איבערן לאַנד און פּאָפּולאַריזירט די יידישע ליטעראַטור. מײַסטעריש לייענט ער פאַר שאָלעם־אַליימען. צוערשט מיטן אַרטיסט עפּעלבאַום, דערנאָך מיטן זינגער ליובימאָוו שאַפט ער אַן אַנסאַמבל פונעם יידישן קינסט־לערישן וואָרט און פון דער פאָלקס־ליד. זייערע קאָנצערטן האָבן אַ שעם אין לאַנד, זיי ווערן זייער וואַרעם אופגענומען.

אין די יאָרן 1957—1960 האָט עקזיסטירט דער לענינגראַדער יידישער עסטראַדע־אַנסאַמבל. וועגן אים האָט מען ווייניק געשריבן, און גע־וויס לוינט זאָגן וועגן אים אַ פּאָר גוטע ווער־טער.

אדאָלף אַבערבערג איז געוווען דאָס האַרץ פון אָט דעם אַנסאַמבל. דער קאָלעקטיוו האָט גע־האַט אַ קינסטלערישן אָנפירער, אַ כאָרעאָ־גראַף, אַ קאָנצערטמייסטער, טענצער, זינגער, נאָר ווען אָף דער בינע פלעגט אַרויסגיין אדאָלף אַבערבערג, פלעגט עס אַנגענומען ווערן, ווי דער אָנדײַט אָף ערנסטע שעפערישע טראַדיצי־עס, אָף דער גאָלדענער קייט פונעם יידישן טעאַטער, ווי אַ בריק צו יענעם אָנהייב, באַ וועלכן אדאָלף אַבערבערג איז געשטאַנען לעבן זײַן צווייטער מאַמען עסטער־ראָכל קאַמינסקע.

אונדזערע מיטטיילונגען

נאטאן שאצקי

ייִדישע סטענאָגראפיע

(עס דערציילט דער אוטאָר פונעם בוך „ייִדישע סטענאָגראפיע”)

נ. ב. שאצקי איז געבוירן געוואָרן אין 1900 אינעם שטעטל לאָשע, ווײַסרוסלאנד. צו 15 יאָר אָנגעהויבן ארבעטן אין א דרוקערײַ אלס זעצער. אין 1933 פארענדיקט ער דעם מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט און ווערט א וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אף דער ייִדישער אָפטיילונג פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. שפּעטער פארנעמט ער זיך מיט פּעדאגאָגישער טעטיקײַט. א קאָמוניסט פון 1930. אָנטיילנעמער אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. זיך געדרוקט אין פארשיידענע אויסגאַבעס („דער עמעס”, „אָקטיאבער”, „שטערן”, „אפן וויסנשאפטלעכן פראָנט” און אנד.). אין מעשעך פון פיל יאָרן געלייענט לעקציעס פון סטענאָגראפיע. איצט איז ער אף פענסיע, וווינט אין מאָסקווע.

— וואָס האָט אײַך געשטויסן צו שאפן א ייִדישע סטענאָגראפיע?

אזא פראגע פארגיבן מיר אָפט מײַנע באקאנטע און פרײַנט. איך בין געווען א געוויינלעכער זעצער אין דרוקערײַ. מיט שרײַבערײַ האָב איך זיך ניט פארנומען. א שטילער, שעמעוודיקער באָכער, בין איך גאנצע טעג געשטאנען בא דער קאסע און אויסגעזעצט די צײַטונג „אָקטיאבער”, און מיטאַמאָל... גאָר א שעפער פון א ייִדישער סטענאָגראפיע...

איז — טאקע, וואָס האָט מיך געשטויסן צו שאפן א ייִדישע סטענאָגראפיע?

אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן האָבן א טייל מינסקער דרוקער אָרגאניזירט א ליטערארישן קרײַז אף צו דערלערנען די ייִדישע ליטעראטור. אָנפירער פונעם קרײַז איז געווען דער פילאָלאָג כאַיִם האָלמשטאָק. קיין שטענדיק אָרט אף זיך צונויפּקלײַבן איז ניט געווען. פלעגן מיר נוצן דערוף די ווויינונגען פון די צוהערער. האָלמשטאָק איז נאָר וואָס געקומען פון אמעריקע, ער האָט אונדז באַקאנט מיט דער אמעריקאנער ייִדישער ליטעראטור.

ווען איך האָב געארבעט אלס מעטראנפּאזש אין דער צײַטונג „אָקטיאבער”, פלעגט בא מיר אוועקגיין אף צונויפשטעלן צוויי זײַטן אין נומער אינגאנצן 4—5 שאָ. זעלטן פלעגט אויסקומען צו ארבעטן ביז שפּעט אין דער נאכט — אין יענע פאלן, ווען די רעדאקציע האָט געווארט אף וויכטיקע נײַעס. פרײַע צײַט איז בא מיר געווען גענוג. איך פלעג זיך פארנעמען מיט עספּעראנטאָ. איינמאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף א לערנבוך „רוסישע סטענאָגראפיע” און אָנגעהויבן זיך באקאנען מיט אָט דער קונסט. פודן פאפיר האָב איך אויסגעשריבן מיט סטענאָגראפישע צייכנס, ביזוואנען כ׳האָב זיך אויסגעלערנט צו פארשרײַבן 90 ווערטער אין א מינוט (געוויינלעך קאָן מען אין א מינוט אָנשרײַבן ניט מער ווי 15 — 18 ווערטער).

אנומלטן, ווען דער ליטערארישער קרײַז האָט זיך צונויפגעקליבן בא מיר אין דער היים, האָט כאַיִם האָלמשטאָק באמערקט א העפט מיט סטענאָגראפישע צייכנס. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז באקאנט מיט דעם שנעל־שרײַבן, און כ׳האָב פון אים זיך דערוווּסט, אז עס זײַנען געווען פּרווון אין אמעריקע און אויך אין פוילן צו שאפן א ייִדישע סטענאָגראפיע, נאָר ס׳האָט זיך גאָרנישט ניט באקומען.

אינגיכן האָב איך געפונען א דארינק ביכעלע פון איינער א שארגאָראָדסקאיא וועגן ייִדישער סטענאָגראפיע. ווען איך האָב זיך באקאנט מיט דער סיסטעם, האָב איך פארשטאנען, אז מיט אזא סטענאָגראפיע קאָן מען ניט דערגרייכן א שנעל־שרײַבן, קעדיי פארפיקסירן די רייד אפילע פון א פאמעלעך ריידנדיקן רעדנער.

ווי ס׳איז צו זען, איז שארגאָראָדסקעס סיסטעם א געאָמעטרישע און זייער א ווײַטע פון אונדזער געוויינלעכער שריפט.

אינטערעסאנט איז צו דערמאָנען אזא פאקט: אין 1918 האָט זיך מיט דער פראגע פון שאפן א ייִדישע סטענאָגראפיע פארנומען דער זשורנאל „דאָס ייִדישע וואָרט”, וועלכער איז דערשינען אין פוילן. די רע־



שאַרגאַראַדסקעס סיסטעם

דאקציע האָט באַשלאָסן צו באַשטעלן פאַר אירע אַבאָנענטן א יידישע סטענאָגראַפיע. א גאנצע ריי אַרטיקלען זײַנען דאָרט געווען געדרוקט וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער פּראָבלעם. ס׳איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן דער קסאַוו־ריכטונג: צי יידישע סטענאָגראַפיע זאָל מען שרײַבן פון רעכטס, צי פון לינקס. פונעם גרויסן פּילפּול אַף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל האָט אָבער דער לייענער קיין רעזולטאַטן ניט געזען.

איינער אַן אַווטאָר — זײַן פאַמיליע איז שטיין — האָט דערציילט אין זײַן אַרטיקל, אַז ער האָט זיך דרײַ יאָר באַשעפטיקט מיט שאַפן א יידישע סטענאָגראַפיע און ער האָט, ווי ער דריקט זיך אויס, „ערפּאָלגלאָז באַמיט עטוואָס ברויכבאַרעס אויסצואַרבעטן”. ער ענדיקט דאָס אַרטיקל מיט פּאָלגנדע ווערטער: „מיסטאַמע מוז אַף דעם וועג פון שאַפן א יידישע סטענאָגראַפיע ליגן וועלכע־עס־איז ספּעציפישע שוועריקײַט”...

איך וויל ניט באַהאַלטן פונעם לייענער, אַז ווען איך בין צוגעטראָטן צו שאַפן די יידישע סטענאָגראַפיע, האָב איך אויך ניט געוואָלט ענדערן די קסאַוו־ריכטונג. פאַר די צייכנס פונעם סטענאָגראַפישן אַלפאַבייט האָב איך גענומען עלעמענטן פון די יידישע געשריבענע בוכשטאַבן. פיל כאַדאָשים האָב איך אָפּגעגעבן אַף דעם. באַם שרײַבן פלעגט גיך פאַרמאַטערט ווערן די האַנט און די נייטיקע צאַל ווערטער אין א מינוט פלעג איך ניט דערגרייכן.

דערציילן עמעצן, אַז איך נעם זיך שאַפן א יידישע סטענאָגראַפיע, האָב איך ניט געוואָלט, געהאַלטן דאָס בעסאָד, ווײַל איך האָב געטראַכט, אַז מע וועט מיך אויסלאַכן. א פּאַשעטער יידישער זעצער זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ איניען, וואָס מער באַהאַוונטע מענטשן זײַנען אין דעם דורכגעפאַלן! דערצו נאָך האָב איך באַשלאָסן אָפּטרעטן פון דער יידישער קסאַוו־ריכטונג — פון רעכטס אַף לינקס — און געבן דער שורע די ריכטונג פון לינקס אַף רעכטס. ווער וועט מיך אונטערהאַלטן אין אַזאַ „אַפּיקאָרסעס”?

סטענאָגראַפיע איז א מיטל אַף קענען אַרופכאַפּן אַפן פּאַפּיר דאָס מענטשלעכע ריידן מיט די געהעריקע צייכנס און דערנאָך עס איבערגעבן אַף דער געוועדטער שפּראַך. און אַזוי ווי בלויז דאָס איז דער ציל פון סטענאָגראַפיע, דאַרף מען גאָר אנדערש קוקן אַף די מיטלען, וועלכע מע ווענדט אָן, קעדיי עס צו דערגרייכן. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז שרײַבן פון לינקס אַף רעכטס איז פיל גרינגער, ווי פון רעכטס אַף לינקס. דאָס דערקלערט זיך מיט א פּאַשעטן בײַשפּיל. דער קלאַפּ איז פיל שטאַרקער, ווען מע פירט די האַנט פון־זיך, איידער ווען מע פירט זי צו־זיך. הייסט עס, אַף וויפל באַם שרײַבן פון לינקס אַף רעכטס גייט די האַנט פון־זיך, איז עס לײַכטער, שנעלער, און דאָס דאַרף גענומען ווערן אין אכט, ווען מע גייט שאַפן א סיסטעם פון גיך־שרײַבן.

סטענאָגראַפיע — דאָס איז נאָטן, וועלכע דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס מענטשלעכע ריידן. פאַרוואָס זאָלן די אָנהענגער פון שרײַבן די יידישע סטענאָגראַפיע דאַפקע פון רעכטס אַף לינקס ניט פירן א קאַמף, אַז אויך נאָטן פאַר יידישער מוזיק זאָל מען שרײַבן פון רעכטס אַף לינקס? דאָס איז דאָך אין א געוויסן פּראַט גרינגער אויסצופירן, ווײַל דאָ פאָדערט זיך ניט קיין שום שנעלקײַט.

אַרויסגייענדיק פון דעם, האָב איך באַם שאַפן די יידישע סטענאָגראַפיע ניט אָפּגעהיט די היסטאָרישע געזעצן פון דער יידישער קסאַוו־ריכטונג, נאָר געשטיצט זיך אַף די דערגרייכונגען, וועלכע עס האָבן דורכגעמאַכט די נײַסטע סטענאָגראַפישע סיסטעמען.

אַף וויפל איך האָב זיך ערנסט גענומען צו שאַפן א יידישע סטענאָגראַפיע, האָב איך זיך פאַרינטערעסירט מיט פאַרשיידענע סיסטעמען, וואָס זײַנען געווען פאַרשפּרייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד און, ווי ווײַט מעגלעך, אין אויסלאַנד.

איידער איך וועל איבערגיין צו דערציילן, וועלכע סיסטעם האָב איך געלייגט אין יעסאָד פאַר דער יידישער סטענאָגראַפיע, וועל איך זיך פּרווון אײַנקורצן אָפּשטעלן אַף דער געשיכטע פון סטענאָגראַפיע אין אַלגעמיין.

א ביסל געשיכטע

א גאנצע ריי עטאַפּן האָט די געשיכטע פון שריפט דורכגעמאַכט, ביזוואַנען מע איז דערגאַנגען צו די קלאַנגען־צייכנס. מע האָט געזוכט נײַע וועגן, וויאַזוי בעסער און גרינגער איבערצוגעבן און פאַרפיקסירן געדאַנקען. די אוראַלטע קניפּלעך און די שלייפן אַלס שריפט־צייכנס זײַנען געווען, אַפילע פאַר דער אָרמער שפּראַך, צו פּרימיטיוו, און דאַן האָט מען אויסגעפונען פיגורן, יעראָגליפן, געגאַנגען אַלץ ווײַטער צו פאַרייַנפאַכערן און גרינגער מאַכן דאָס שרײַבן, ביז מע האָט אײַנגעפירט קלאַנגען־צייכנס, פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער איצטיקער אַלפּאבייט.

די דאָזיקע לעצטע פאָרם פון שרײַבן איז אָבער אויך ניט געבליבן פאַרגליווערט. די געשריבענע קלאַנגען־צייכנס שטייען שטאַרק אָפּ פונעם טעמפּ פון דעם ריידן. דאָס האָט אופגעהערט צו באַפרידיקן דעם מענטשן אין זײַן קולטור־אופשטײַג. און מיר זעען טאַקע, אַז אין דער צײַט, ווען רוים און גריכנלאַנד האָבן קולטורעל געשטיגן, האָט זיך דאָרט באַוויזן דאָס סטענאָגראַפישע פאַרשרײַבן.

עס איז באַוווּסט, אַז מיט דער הילף פון קורץ־שריפט האָט דער באַוווּסטער גריכישער היסטאָריקער

קסענאָפאָנט פארשריבן סאָקראטס רעדעס. דער אווטאָר פון דער רוימישער טאכיגראפיע (גיך־שרײַבן) מארק טורי טיראָן איז געווען דער סעקרעטאר פונעם באוווּסטן רעדנער ציצעראָן. „טיראָנס נאָטן" — אזוי הייסן זײַנע נאָטיצן ביז הײַנטיקן טאָג. פארקירצונגען זײַנען אין זיי איבערהויפּט געווען די ווערטער, וועלכע מע באנוצט אָפטער, ווי צ. ב. די אלטע העברעיִשע ראָשעטייוועסן.



טיראָנס נאָטן

טיראָנס נאָטן האָבן געהאט א לעקסיקאָן פון 5.000 פארקירצונגס־צייכנס (דאָס איז זייער א סאך פאר יענער שפראך). פארגעדענקען זיי איז ניט געווען פון די גרינגע זאכן, פונדעסטוועגן, זײַנען זיי געווען פארשפּרייט. מע פלעגט אפילע גאנצע בריוו שרײַבן מיט די נאָטן.

איינער א פּאָעט, מארציאל, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם דאָזיקן גיך־שרײַבן אזוי:

זאָלן די ווערטער לויפן,
די האנט יאָגט זיי אריבער;
די רעדע איז נאָך ניט פארענדיקט,
און זי איז שוין פארשריבן...

איבער דער קורצקײַט פון שרײַבן פלעגן אין יענע צײַטן אָפט פאלש אויסגעטײַטשט ווערן געשריבענע דאָקומענטן. עס פלעגן אויך זײַן פעלשונגען. די מעלוכע איז געווען געצווּנגען ארויסצוגעבן א פאראָרדענונג — פארבאָטן צו שרײַבן דאָקומענטן מיט קורצשריפט.

אין טאנאך זײַנען פאראן אָנווײַזונגען, אז ייִדן האָבן זיך אמאָל באנוצט מיט גיך־שרײַבן. אין „ירמיהו" ווערט דערציילט, אז „ברוך בן נריה" האָט פארשריבן די ווערטער פון ירמיהוס מויל. ווידער איז פאראן אזעלכע שטעלן אין „תהלים", ווו עס געפינט זיך דער אויסדרוק „סופר ממיר" (שנעלשרײַבער) און — „עד מהרה ירוץ דברו'ע" (זייער שנעל לויפן זײַנע ווערטער). אָף אזעלכע ארויסזאָגונגען, רעכן איך, איז שווער צו פארלאָזן זיך. גיכער קאָנען פארעכנט ווערן די פארקירצונגען אין שרײַבן אפן כעזשבן פון די ראָשעטייוועסן, וועלכע זײַנען געווען פארשפּרייט בא די ייִדן און געפינען זיך אין די אלטע ספאָרים.

מיטן פאלן פון דער רוימישער און גריכישער קולטורן איז אויך פארלאָרן געגאנגען די קונסט פון סטענאָגראפיע. אין סאָף פונעם 16־טן יאָרהונדערט האָט זי זיך ווידער באוויזן — דאָס מאָל אין ענגלאנד, ווײַל דאָרט האָט זיך פריִער, איידער אין אנדערע לענדער, אנטוויקלט די פּארלאמענטארישע סיסטעם. פון דאָרטן איז זי איבערגעגאנגען קיין פראנקרײַך און דײַטשלאנד.

די סטענאָגראפישע קונסט, ווי מיר זעען, איז געווען דער שטענדיקער מיטגייער פונעם קולטור־אופשטײַג.

פארן צווייטן עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פון סטענאָגראפיע (אָנהייבנדיק פונעם 16־טן יה.) איז כאראקטעריסטיש די געאָמעטרישע סיסטעם, בא וועלכער די איקער־צייכנס זײַנען: דער פּונקט, דער האָריזאָנטאלער שטריך און דער ייִגל מיט זײַנע טיילן. (. — 0 ◡ ⌒). יעדן צייכן קען מען שרײַבן אין זעקס פארשיידענע זײַטן. ווידער, קען מען יעדן צייכן שרײַבן דיקער און דינער. די ליניע ווערט אויך אויסגענוצט אין דער סיסטעם. יעדן צייכן קען מען שרײַבן אונטער דער ליניע, אָף דער ליניע און איבער דער ליניע. צודערצו ווערן אויסגענוצט פיל ווערטער־פארקירצונגען. אויסלערנען אזא סיסטעם איז געווען ניט גאָר פון די גרינגע זאכן. א סטענאָגראף האָט זיך גערעכנט פאר א מענטשן מיט גרויסע פייִקײַטן און מיט גענוג אײַנגעשפּארטקײַט צו קענען בײַקומען אלע שטערונגען און שוועריקײַטן.

דער דריטער עטאפּ פון סטענאָגראפיע הייבט זיך אָן פונעם 19־טן יה. מיטן אײַנפירן די אזויגערופענע גראפישע סיסטעם, ווו די צייכנס ווערן גענומען פון די עלעמענטן פון בוכשטאבן. פאר דעם פּאָטער פון דער גראפישער סיסטעם איז פארעכנט פראנץ קסאַווערי גאבעלסבערגער. ער איז געבוירן געוואָרן אין מינכען אין 1789.

גאבעלסבערגערס סיסטעם צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס, ערשטנס, זײַנען די צייכנס גראפישע און ס'פארגרינגערט דאָס שרײַבן; צווייטנס, שלינגען די קאָנסאָנאנטן אײַן די וואָקאלן דורך פארשיידענע קאָמבינאציעס; דריטנס, ווערן געמאכט זייער געלונגענע פארקירצונגען.



א סטענאָגראמע לויט גאבעלסבערגערן

אין רוסלאנד האָט די סטענאָגראפישע קונסט זיך אנטוויקלט מיט א היפּשער פארשפּעטיקונג. בײַ'ס אלעקסאנדער דעם צווייטנס „רעפאָרמען" האָט מען אין די געריכטן זיך גענייטיקט אין סטענאָגראפן, מע האָט אפילע אײַנגעאָרדנט סטענאָגראפישע קורסן, נאָר זיי האָבן זיך לאנג ניט געהאלטן. מע האָט דאן צוגעזאָגט פונעם יוסטיץ־ און בילדונגס־מיניסטעריום א פּרעמיע דעם, ווער עס וועט אויסארבעטן די בעסטע סטענאָגראפישע סיסטעם. עס זײַנען דערלאנגט געוואָרן 28 וואריאנטן. אויסגעקליבן האָט מען צוויי: אָלכינס אן איבערארבעטונג פון גאבעלסבערגערס סיסטעם און פּאָולסאָן־מעסערס — לויט דער גראפישער סיסטעם פונעם דײַטש שטאָלץ. ד צוגעזאָגטע פּרעמיע איז ניט ארויסגעגעבן געוואָרן אונטער דעם אויסרייד, אז אויב מע האָט אויסגעפונען צוויי סיסטעמען פאר גוטע, הייסט עס, אז ס'איז ניטאָ קיין בעסטע.

אין 1858 איז אויך אויסגעארבעט געוואָרן אן אָריגינעלע רוסישע סטענאָגראפיע — איוואנינס — א געאָמעטרישע. לויט אָט דער סיסטעם האָט געארבעט דער באוווּסטער רעוואָליוציאָנער מישקין, וועלכער

האָט געפּרוּווט באַפרײַען טשערנישעווסקין פון זײַן פאַרשיקונג אין סיביר. אין 1885 איז מישקין געטויט געוואָרן מיצאַד די צאַרישע טאַליאָנים. איוואַנינס סטענאָגראַפיע איז ניט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער איר געאָמעטרישקייט.

אין 1905 האָט ווידער זיך אָנגעהויבן טומלען וועגן סטענאָגראַפיע. עס איז דאַן אַפילע אַרויסגעלאָזט געוואָרן א זשורנאַל וועגן פראַגן פון סטענאָגראַפיע, נאָר ער האָט זיך אײַנגיכן פאַרמאַכט.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט מען געקענט אָנציילן אין גאַנץ רוסלאַנד ניט מער פון הונדערט סטענאָגראַפן. נאָך דער רעוואָליוציע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין די גרעסערע צענטערן פונעם לאַנד קורסן אַף צו דערלערנען די סטענאָגראַפישע קונסט. די נוצן פון סטענאָגראַפיע איז אַנערקענט פון אַלעמען, און ביסלעכווײַז בירגערט זי זיך אײַן אין די מעלוכישע אַנשטאַלטן. צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן באַגייען זיך ניט אָן סטענאָגראַפן.

אין 1923 האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין מאָסקווע דער זשורנאַל «Вопросы стенографии»,דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אונטערן נאָמען «Вопросы стенографии и машинописи». אין מאַרט 1925, אַפּן צוזאַמענפאָר פון סטענאָגראַפן,



רוסישע סטענאָגראַפישע סיסטעמען

וועלכער איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע, איז געשטאַנען זייער שאַרף די פראַגע וועגן שאַפן אַן אײנהײַטלעכע סיסטעם. דאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיסיע, וואָס האָט אָפּגעקליבן זיבן בעסערע סיסטעמען. אין 1929 זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן פּרוווקורסן. זייער ציל איז געווען — דערפירן די גיכקייט פון שרײַבן ביז 90 ווערטער אין א מינוט און לויט די רעזולטאַטן אויסקלײַבן די בעסטע סיסטעם.

אין 1933 איז אַרויס א מעלוכע־באַשלוס וועגן אײַנפירן אין רספסר אַן אײנהײַטלעכע סיסטעם פון סטענאָגראַפיע — סאָקאָלאָווס סיסטעם, וועלכע האָט פאַרנומען אַף די קורסן דאָס ערשטע אָרט: «ГЕСС» «Государственная единая система стенографии».

הײַנט צו טאָג ווערט אָט די סיסטעם אויסגענוצט, אויסער אַף רוסיש, אויך אַף אַנדערע שפּראַכן. אַף אוקראַאיניש, ווײַסרוסיש, אוזבעקיש, אַזערבײַדזשאַניש, טאָטעריש, גרוזיניש, מאָלדאַוויש. מע נוצט זי אויך אין פראַנקרײַך, ענגלאַנד, פּוילן, דײַטשלאַנד באַגלײַך מיט אַנדערע סיסטעמען.

מײַן אַרבעט איבער דער ייִדישער סטענאָגראַפיע

אַנאַליזירנדיק פיל אַלטע און נײַע סיסטעמען פון סטענאָגראַפיע, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז די ייִדישע סטענאָגראַפיע דאַרף געבויט ווערן לויט דער גראַפישער סיסטעם.

איך האָב גענומען ווערטער פון פאַרשיידענע טעקסטן מיט א צאָל בוכשטאַבן בא דרײַצן טויזנט און אויסגעציילט, וויפל מאָל עס ווערט באַנוצט יעדער בוכשטאַב פונעם ייִדישן אַלעפבייז אינעם שרײַבן. דער רעזולטאַט איז אַזא (אויב מיר נעמען דעם בוכשטאַב „ה" פאַר אַן איינס) —

קאָנסאָנאַנטן:

ר — 1270 מאָל — 10,6 איינסן	ל — 452 — 3,8
נ — 1050 — " 8,75 — "	ג — 396 — 3,3
ט — 878 — " 7,3 — "	פ — 263 — 3,0
ד — 479 — " 4,0 — "	מ — 318 — 2,65
ס — 302 — 2,5	ז — 249 — 2,1
ק — 295 — 2,5	צ — 180 — 1,5
ש — 272 — 2,3	כ — 177 — 1,5
ב — 256 — 2,1	פ — 142 — 1,2
וו — 253 — 2,1	ה — 120 — 1,0

וואָקאַלן:

א (אַ, אָ) — 1945 מאָל — 16,2 איינסן	ע — 1625 — 13,5
י — 1207 — 10,6	יי — 254 — 2,1
ו — 112 — 5,1	

די וואָקאַלן אין דער ייִדישער סטענאָגראַפיע שרײַבן זיך אין אָנהייב וואָרט. אין איינצלנע פאַלן אויך אינמיטן. אין אַלגעמיין ווערן זיי אַרײַנגעגאָסן אין די קאָנסאָנאַנטן.

די אויסציילונג האָט באַוויזן, וועלכע בוכשטאַבן עס ווערן מער באַנוצט און וועלכע ווייניקער. איך האָב די סטענאָגראַפישע צייכנס צעשטעלט, ווי פיגורן אַף א שאַכמאַט־ברעטל. מיט אָט די פיגורן־צייכנס וועט

מיר אויסקומען צו אַרבעטן יאָרנלאַנג. ניט ווייניק צײַט האָט בא מיר פאַרנומען דאָס אָפּקלײַבן יעדן צייכן פאַר יעדן בוכשטאַב באַזונדער. די אָפּגעקלײַבענע האָב איך אויסגעפּרוּווט — ווי אַזוי זיי וועלן זיך פירן באַם שרײַבן. אין יידיש שרײַבט מען יעדן אָס באַזונדער. אין סטענאָגראַפיע איז עס ניט דערלאָזבאַר. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בלויז אַף אָפּרײַסן די האַנט פון איין וואָרט ביזן צווייטן פאַרשווינדעט מען צײַט — פון 33 ביז 45 פּראָצענט. אין סטענאָגראַפיע דאַרף יעדער וואָרט זיך שרײַבן, ניט אָפּרײַסנדיק די האַנט פונעם פּאַפּיר. דאָס איז נאָך ווינציק. די צייכנס דאַרפן זיך גרינג צונויפבינדן, צונויפלעכטן זיך מיט אַנדערע צייכנס אָן טעמפּע ווינקלען. עס פלעגט זיך אויסדוכטן אַפן ערשטן קוק, אַז אָט דעם צייכן איז זייער גרינג אָנצושרײַבן, אָבער אין באַהעפטונגען מיט אַנדערע צייכנס איז ער גאָר ניט קיין באַקוועמער, און עס פלעגט אויסקומען אים אָפּוואַרפן. דער סאַמע גרינגסטער צייכן איז איין ליניע, איין באַוועגונג — פון אויבן אַראָפּ, צי פון אונטן אַרוף, צי אַ גלײַכע ליניע. אַזאַ צייכן פאַרמאָגט איין טעמפּ. אויב אָבער דער צייכן נייגט זיך אָפּ אָן אַ זײַט, רעכנט מען דאָן צוויי טעמפּן. לעמאָשל: דער געשריבענער „ו" אָדער „י" פאַרמאָגן בלויז איין טעמפּ, „נ" — צוויי טעמפּן, „ב" — דרײַ, „ד" — פיר טעמפּן אאַוו. יעדער ווינקל אָדער יעדער איבערײַס פון דער האַנט באַם שרײַבן רעכנט זיך פאַר נאָך אַ טעמפּ. מע קאָן אויסרעכענען, וויפל טעמפּן עס אַנטהאַלט יעדעס וואָרט באַזונדער. באַם אָנשרײַבן מיט געוויינלעכן שריפט אַזאַ וואָרט, ווי „צײַטונג", דאַרפן געמאַכט ווערן 23 טעמפּן, סטענאָגראַפיש אָבער — בלויז 3 טעמפּן. דאָס וואָרט „לאַנדווירטשאַפטלעכע" באַם איינפאַכן שרײַבן פאָדערט 60 טעמפּן, סטענאָגראַפיש — 4 טעמפּן.

סאָקאָלאָוו, דער אויטאָר פון «PECC», האָט אויסגערעכנט, וויפל טעמפּן (ער רופט זיי אָן עלעמענטן) אַ סטענאָגראַף דאַרף קענען אָנשרײַבן אין אַ מינוט. דער אָנגעשריבענער רוסישער בוכשטאַב «И» פאַרמאָגט צוויי טעמפּן. אין אַ מינוט קען מען אָנשרײַבן 350 טעמפּן. באַ 100 טעמפּן דאַרף מען אַראָפּרעכענען, ווײַל עס קומט אויס צו שרײַבן יעדעס וואָרט באַזונדער, און ניט אַלע צייכנס זײַנען אַזעלכע איינפאַכע, ווי דער רוסישער «И», — בלײַבן 250 טעמפּן אין איין מינוט. אַף אָנשרײַבן 100 ווערטער אין אַ מינוט דאַרף אַוועקגיין דורכשניטלעך ניט מער ווי 2,5 טעמפּן.

ווען מע זאָל פאַרבײַטן מיט סטענאָגראַפישע צייכנס אונדזערע בוכשטאַבן, וועט דאַן דאָס שרײַבן פאַרגיכערט ווערן אין 2 — 2,5 מאָל. אַף פאַרסטענאָגראַפירן אַ טעקסט, פאַרשטייט זיך, איז דאָס ווייניק. דאָ קומען צוהילף פאַרשיידענע קירצונגען.

קירצונגען זײַנען דאָ פאָנעטישע און וואָרצלדיקע

פאָנעטישע קירצונגען. די ווערטער ווערן פאַרשריבן לויט די קלאַנגען, וועלכע מע הערט. ווען דער מענטש רעדט לאַנגזאַם, דערגייען צו אונדזער אויער אַלע וואָקאַלן אינעם וואָרט. הייבט אָן דער רעדנער גיכער צו ריידן, דאַן ווערן פיל וואָקאַלן „אײַנגעשלונגען", זיי דערגייען ניט צו אונדזער אויער. פונדעסטוועגן, שאַדט עס אונדז ניט צו באַנעמען, פאַרשטיין דאָס, וואָס מע הערט. מיר נעמען אוף אַפן געהעריקן אויפן דעם געדאַנק, אַפילע ווען מיר דערהערן בלויז יענע וואָקאַלן, וועלכע דער רעדנער אַקצענטירט. פון דעם מאַכט די פאָנעטישע שול אַזאַ אויספיר: אַזוי ווי באַם ריידן נעמען מיר ניט אוף אַלע קלאַנגען פון די ווערטער און עס שאַדט ניט צו באַנעמען די גאַנצע רעדע, איז אויך באַם שרײַבן דערלאָזבאַר צו פאַרשרײַבן ניט אַלע איינצלהײַטן פונעם וואָרט, נאָר די מער כאַראַקטעריסטישע.

אַ קינסטלער קען אונדז געבן מער ניט ווי די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ טיפּ, און מיר שטויסן זיך אָן, וועמען ער האָט געמאָלט. די פאָנעטישע שול לערנט אויס די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון קלאַנגען — ווערטער און בויט איר סטענאָגראַפיע אַף פאַרשרײַבן אָט די כאַראַקטער־שטריכן פונעם וואָרט.

וואָרצלדיקע קירצונגען. דאָס ראָוו ווערטער באַשטייען פון אַ וואָרצל, פּרעפיקס און סופיקס. קעדיי צו פאַרסטענאָגראַפירן אַזאַ וואָרט, וואָלט מען באַדאַרפט אָנשרײַבן דרײַ סטענאָגראַפישע צייכנס, און דאָס וואָלט געווען צו לאַנג. פאַרשיידענע קאָמבינירטע פאַרקירצונגען גיבן די מעגלעכקײַט צו פאַרשנעלערן דאָס שרײַבן.

פון אָנהייב אָן האָב איך זיך געשטעלט אַ ציל צו שאַפן אַזאַ סיסטעם, וועלכע מע זאָל קענען דערלערנען אויך אין שול, אין די עלטערע קלאַסן. דעריבער האָב איך געלייגט אין גרונט די וואָרצלדיקע קירצונגען. די פאָנעטישע קירצונגען ווערן בא מיר אויסגענוצט בא גרייטן סטענאָגראַפן־ספּעציאַליסטן אַף צו פאַרשרײַבן רעדעס.

אין מײַן סיסטעם ווערן דורכגעלאָזט די וואָקאַלן. ווען מיר שרײַבן אָן ווערטער בלויז מיט די קאָנסאָנאַנטן, אָן וואָקאַלן, איז ניט שווער זיי איבערצולייענען, ווי צום בײַשפּיל: ו־מ־ן, ק־ב־נ־ט. ס'איז גרינג זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס ערשטע וואָרט וועט זיך לייענען „וועמען", דאָס צווייטע — „קאַבינעט". מע קאָן זאָגן, אַז אָט די ווערטער האָבן איין הויט. ווען מיר שרײַבן אָן בלויז די וואָקאַלן: ־ע־ע־, ־א־יי־ע־ קאָן מען אַף זיי אָנצײַען פאַרשיידענע הויטן (בעסער, שטעפער, בעכער אאַוו.; באַשיצער, גאַליקער, פאַסיקער אאַוו.). הייסט עס: ניט אומעטום, איבערהויפּט אינמיטן וואָרט, איז נייטיק אָפּצוהיטן די וואָקאַלן. ס'איז גענוג אָנצוּווײַזן, אַז זיי דאַרפן דאָ זײַן — דורך אַ פאַרבינדונג־שטריך.

ס'איז אויך צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ גרויסע צאָל צייכן־פאַרקירצונגען (טיגלען) פאַר די אָפּט־גאַנגבאַרע ווערטער. פאַר פיל גאַנגבאַרע פראַזן האָב איך געשאַפן פראַזאָגראַמען.

מײַן אויפגאַבע איז געווען ניט נאָר אויסאַרבעטן אַ סיסטעם פון יידישער סטענאָגראַפיע, נאָר אויך באַווײַזן אַף דער פּראַקטיק, אַז מע קאָן זיך מיט איר נוצן, מיט אַזאַ סיסטעם איז מעגלעך צו פאַרשרײַבן אַ גיך־ריידנדיקן רעדנער. ווען איך האָב עס נאָך דרײַ יאָר אָנגעשטרענגטער מי דערגרייכט, האָב איך וועגן דעם דערציילט כאַיִם האַלמשטאָקן. ער האָט

מיך אײַנגעלאַדן אַרײַנצוקומען צו אים אין דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דאָרט האָט ער מיך באַקאַנט מיטן פּראָפעסאָר ווײַנגער. ווײַנגער האָט צוערשט, דאַכט זיך, אופגענומען מײַנע ווערטער קאַלטבלוטיק. ער איז אוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, נאָר ס׳איז אדורך ניט מער פון א פערטל שאָ, און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט און געזאָגט האַלמשטאָקן: „גיט א מעלדונג אין „אָקטיאַבער", אז מאָרגן זעקס אזייגער פאַרנאַכט וועט אין לאָקאַל פון דער אַקאַדעמיע אויסגעהערט ווערן א מיטיילונג פונעם כאַווער שאַצקי וועגן זײַן אַרבעט איבער דער ייִדישער סטענאָגראַפיע"...

אָף מאָרגן האָט זיך צונויפגעקליבן א היפשער אוילעם. מע האָט מיר פאַרגעבן פיל פראַגן, עס זײַנען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן פאַרשיידענע פאָרשלאָגן. דער עלטסטער סטענאָגראַף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד כ׳ סאַוועלזאָן איז אויך געווען דערבײַ. ער האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל מיך שיקן קיין מאָסקווע צו דער וויסנשאַפטלעכער סטענאָגראַפישער געזעלשאַפט אָף באַשטעטיקן מײַן סיסטעם.

— זאָגט אונדז קאָנקרעט, כ׳ שאַצקי, וואָס איר לייגט פאָר, — האָט זיך צו מיר געווענדט ווײַנגער באַם סאָף פון דער באַהאַנדלונג. אָנשטאָט אָן ענטפער, האָב איך איבערגעלייענט די סטענאָגראַמע פון אַלע אַרויסטרעטונגען, וועלכע איך האָב געמאַכט. א שמייכל האָט זיך באַוויזן אָף אַלעמענס פּנעמער. מע האָט באַשטימט מיך שיקן צו „עקזאַמענירן" זיך קיין מאָסקווע.

אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער" איז אָף מאָרגן געווען אָפגעדרוקט א באַריכט פון דער פאַרזאַמלונג אינעם לאָקאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אונטערן קעפל: „דער זעצער שאַצקי האָט געשאַפן א ייִדישע סטענאָגראַפיע".

אין מאָסקווע איז געשאַפן געוואָרן א קאָמיסיע צו באַטראַכטן מײַן פּראָיעקט. פון דער רעדאַקציע „דער עמעס" איז אויסגעטיילט געוואָרן מוישע קאַץ. נאָכן פאָרטראָג וועגן דער סיסטעם פון א ייִדישער סטענאָגראַפיע האָט מוישע קאַץ פאָרגעלייענט א טעקסט, איך האָב אים פאַרסטענאָגראַפירט און איבערגעלייענט די סטענאָגראַמע.

די מאָסקווער וויסנשאַפטלעכע סטענאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט מיר אַרויסגעגעבן דעם געהעריקן דאָקומענט, אין וועלכן עס איז געווען פאַרצייכנט, אז „די ייִדישע סטענאָגראַפישע סיסטעם פונעם כ׳ שאַצקי איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס א טעאָרעטיש ריכטיקע און פּראַקטיש אָנעמבאַרע".

אין מאָסקווע האָט מען מיך פאַרהאַלטן נאָך אָף א פּאָר וואָכן, קעדיי כ׳זאָל סטענאָגראַפירן די פּאָרשטייענדיקע פאַרזאַמלונג וועגן ביראָבידזשאַן. אָף דער פאַרזאַמלונג זײַנען אָנגעפאָרן אויך פאָרשטייער פון אַנדערע לענדער. ס׳איז מיר דאַן אויסגעפאַלן דאָס גליק צו פאַרסטענאָגראַפירן מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינינס אַרויסטרעטונג אָף דער פאַרזאַמלונג.

אין יענער צײַט איז מיר, דעם איינציקן סטענאָגראַף, אויסגעקומען אַליין צו סטענאָגראַפירן די זיצונגען פון די ייִדישע סעקציעס באַם צק פון דער ווײַסרוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרשיידענע יורידישע (געריכטלעכע) אַקטן אָף ייִדיש, עפנטלעכע פאָרטראָגן אַדגל. פאַרשטייט זיך, שפּעטער פלעג איך וואָכנלאַנג פאַנאַנדערשיפרירן די סטענאָגראַמעס. דעם כ׳ וואָלאָברינסקיס לעקציעס פון דיִאַמאַט, געדענק איך, האָב איך סטענאָגראַפירט, פאַנאַנדערשיפרירט, און דערנאָך האָט ער דעם מאַנוסקריפּט אָן ענדערונגען איבערגעגעבן אין דרוק. מיר איז אויך אויסגעקומען סטענאָגראַפירן ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס אָף ליטעראַרישע טעמעס פון בראָנשטיינען, עריקן אאַ.

דער פאָלקאָמבילד פון ווײַסרוסלאַנד האָט געעפנט קורסן אָף דערלערנען די ייִדישע סטענאָגראַפיע.

אין אַכט כאָדאָשים אַרום איז געווען דער ערשטער אַרויסלאָז. געענדיקט האָבן די קורסן 19 מאַן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט א גרופּע פון 5 צוהערער. פונעם ערשטן טאָג אָן האָבן זיי זיך זייער ערנסט גענומען צו דערגרייכן די געהעריקע שנעלקײַט, קעדיי קענען פאַרשרײַבן א רעדנער. די איבעריקע 14 צוהערער האָבן אויך זיך אויסגעלערנט פאַרפיקסירן סטענאָגראַפיש יעדן טעקסט, נאָר זיי האָבן נאָך באַדאַרפט פיל איבן זיך אָף צו דערגרייכן אַווטאָמאַטישקײַט אינעם שרײַבן.

דער אַרויסלאָז איז פאָרגעקומען אין דער געבײַדע פון א קלוב. עס זײַנען געקומען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. געעפנט דעם פײַערלעכן אָוונט האָט א פאָרשטייער פון פאָלקאָמבילד — די כאַווערטע מאַריאַסינאַ.

די פינף געניטערע סטענאָגראַפן — זאַלמען קאַהאַן, סאָניע שוסטערמאַן, מעלצער, סטערלין, שאַפּיראָ (די לעצטע דרײַ זײַנען אומגעקומען אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע) — האָבן צוזאַמען מיט מיר באַדינט דעם צווייטן פּויערים־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מינסק אין יאַנוואַר 1928. א ביסל שפּעטער, אין אַפּרעל, האָט מען אונדז אײַנגעלאַדן צו פאַרשרײַבן דעם צווייטן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין כאַרקאָוו.

אָט איז אָן אויסצוג פון כ׳ טשעמערינסקיס שלוסוואָרט אָפן 2־טן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר:

„מע דאַרף דערמאָנען, לעמאָשל, אָף דעם צוזאַמענפאָר אַזאַ גרויסע דערשײַנונג, ווי די ייִדישע סטענאָגראַפיע (אַפּלאָדיסמענטן). די אָנוועזנהײַט פון זעקס ייִדישע סטענאָגראַפן אָף דעם צוזאַמענפאָר איז אָן אָנזאָג ניט נאָר פון דעם, וואָס מיר האָבן, נאָר דאָס איז א פאַרקערפּערונג פון די מעגלעכקײַטן אין



סטענאָגראַמע פון טשעמערינסקיס אַרויסטרעטונג

דעם פּראָט, וועלכע זײַנען פאַראַן בא אונדז אין לאַנד און וואָס עס גיט אונדז די רעוואָליוציע. דער־לויבט מיר אין נאָמען פון אונדזער צוזאַמענפאָר באַ־גריסן די נײַע קונסט, די ייִדישע סטענאָגראַפיע (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

ווײַסרוסלאַנד האָט אונדז געגעבן די ערשטע סטע־נאָגראַפישע קורסן, וועלכע מיר דאַרפן אײַנפלאַנצן אין אַלע רעפּובליקן".

צוקוקנדיק זיך, ווי עס אַרבעטן מײַנע כאַווײרים סטענאָגראַפן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז קעדײַ געבן אַ גוטע סטענאָגראַמע, איז נאָך ווייניק קענען פאַרשרײַבן די געהעריקע צאָל ווערטער. דער סטענאָגראַף דאַרף זײַן אַלזײַטיק אַנטוויקלט, גוט פאַרשטיין דעם רעדנער. אויב אַ מאַשיניסטקע אָף אַ שרײַב־מאַשינקע קען פאַרשרײַבן אַ טעקסט אַפילע ניט פאַרשטייענדיק דעם אינהאַלט, מוז אָבער דער סטענאָגראַף זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם אַרויסגע־זאָגטן.

איך פּערזענלעך האָב אָנגעהויבן ערנסט זיך גרייטן אָף אָנקומען אין אַ הויכשול. אין 1933 האָב איך פאַרענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, און מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אָף אַרבעט אין דער שפּראַך־קאָמיסיע בא דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער ווײַס־רוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

דער סטענאָגראַף שטייט געוויינלעך אָפּ פונעם רעדנער אָף 2—3 סעקונדעס. ס'באַקומט זיך, אַז אייג־צײַטיק דאַרף ער פאַרשרײַבן דאָס געהערטע און הערן דאָס ווײַטער אַרויסגעזאָגטע, ווײַל אין 2 — 3 סעקונדעס אַרום וועט ער דאָס דאַרפן פאַרשרײַבן. די אַרבעט פון אַ סטענאָגראַף איז אַן אָנגעשטרענג־טע. אַ צעשטרײַטער מענטש קאָן קיין סטענאָגראַף ניט זײַן. אַ סטענאָגראַף פאַרשרײַבט אַ רעדנער ניט מער ווי צען מינוט, דערנאָך גייט ער אַוועק אין מאַשין־ביוראָ, קעדײַ פאַנאַנדערשיפרירן דאָס פאַר־שריבענע. פאַרשטייט זיך, אַז עס פאָדערט זיך, דער סטענאָגראַף זאָל שרײַבן אויטאָמאַטיש, ניט פאַר־טראַכטן זיך, וויאַזוי אָנצושרײַבן דאָס אָדער יענץ וואָרט. אויטאָמאַטישקײַט ווערט דערגרייכט דורך פיל פּראַקטיקירן זיך.

אַרבעטנדיק אָף די קורסן, האָב איך אין דער זעל־בער צײַט געגרייט דעם לערנבוך „ייִדישע סטענאָ־גראַפיע פאַר זעלבסטבילדונג". אין 1930 איז דער בוך דערשינען.

דער בוך פאַרמאָגט צוויי טיילן: אַן אַלגעמיינעם און אַ ספּעציעלן. דער אַלגעמיינער איז אויסגערעכנט אָף אויסלערנען זיך אין מעשעך פון 5 — 6 כאָדאָ־שים אָנווענדן סטענאָגראַפישן שריפט אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. דער ספּעציעלער טייל איז גע־געבן געוואָרן פאַר די, וועלכע ווילן ווערן סטענאָ־גראַפן־ספּעציאַליסטן.

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, וויאַזוי עס וועלן אויפנעמען שילער אין שול די ייִדישע סטענאָ־גראַפיע. דער שטאָטישער בילדונגס־אָפּטייל האָט אויסגעטיילט צוויי שולן אין מינסק צוליב דעם צוועק. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז די שילער האָבן גרינג באַנומען די לעקציעס פון סטענאָגראַפיע, און זיי פלעגן מיט גרויס כיישעק אויספילן מײַנע



אויפגאַבן. מיט אַלע קויכעס האָבן זיי זיך געסטאַרעט דערגרייכן אויטאָמאַטישקײַט אינעם שרײַבן די צייכנס.

טשיקאַווע איז צו דערמאָנען אַזאַ פאַקט. אין דער 12־טער שול האָט דער לערער פון געשיכטע, ניט קיין גענוג געשולטער אין זײַן פאַך, זיך אַנטזאָגט צו פירן די לעקציעס, ווײַל אייניקע שילער האָבן געגער־מען אים סטענאָגראַפירן...

דער כאַווער זאַלמען קאַהאַן, לערנענדיק זיך אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, האָט פּראַקטיש זיך פאַר־נומען מיט סטענאָגראַפיע. ער האָט סטענאָגראַפירט די לעקציעס פון מ. ליטוואַקאָוו, א. נוסינאָוו, נאָוואַ־קאָווסקי און אַנד. די דאָזיקע סטענאָגראַמעס האָבן דערנאָך געדינט אָף אַרויסגעבן ביכער. אין די יאָרן 1928 — 1930 האָט ז. קאַהאַן אָנגעפירט אינעם אינ־סטיטוט אָף מאַרכלעווסקיס נאָמען („מײַרעווקע") מיט צוויי גרופּעס אָף צו דערלערנען די ייִדישע סטענאָגראַפיע. שפּעטער, אין 1933, האָט ער, אַרבעטנ־דיק אָף דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם כאַרקאָווער צײַטונג־טעכניקום, געפירט אַ קורס „ייִדישע סטענאָ־גראַפיע".

די כאַווערטעס סאָניע שוסטערמאַן און עטיע קאָ־פּעלעוויטש האָבן געאַרבעט אַלס סטענאָגראַפיסטקעס מיט אייניקע מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „אָקטיאַ־בער", פונעם זשורנאַל „שטערן" און אין מאָסקווע.

דער געדאַנק, אַז דער ייִדישער סטענאָגראַף דאַרף קענען פאַרשרײַבן מיט די זעלבע סטענאָגראַפישע צייכנס אויך אַ רוסישן טעקסט, האָט מיך יאָרנלאַנג ניט געלאָזט צו רו. אויסער דעם, וואָס עס וועט זײַן אַ מעגלעכקײַט צו פאַרשרײַבן רעדנער, וועלכע טרעטן אַרויס אין דער ייִדישער סוויווע אָף רוסיש, וועט מען נאָך מיט דעם אויך ניט פאַרלירן די אויטאָמאַטישקײַט פונעם שרײַבן. דאָס איז דאָך זייער אַ וויכטיקע פּראָבלעם באַם סטענאָגראַף.

און דאָ איז ווידער געשטאַנען די פראַגע: וועלכע סיסטעם וועט זײַן בעסער אין דער אויספילונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן.

דער כ׳ בורלאַקאָוו — אוטאָר פון «НУСС» (Национальная) Унитарная система стенографии) האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל נעמען זײַן סיסטעם אַלס גרונט, ווײַל זי האָט זיך באַרעכטיקט אין די טיורקישע שפּראַכן. ער האָט מיר צוגעשיקט קיין מינסק אַ גרויסן מאַטעריאַל פון זײַן סיסטעם, אָפּגעדרוקט אַף אַ העקטאָגראַף.

ווען איך בין געקומען מיט מײַן בוך „סטענאָטיפּיע“ (סטענאָגראַפיע אַף אַ שרײַב־מאַשינקע) קיין מאָסקווע צו סאָקאָלאָוו, האָט ער מיר באַוויזן מאַטעריאַלן פון סטענאָגראַפיע אין דײַטש לויט זײַן סיסטעם «ГЕСС» און געצייגט מיר פאַנאַנדערצואַרבעטן אָט די סיסטעם פאַר דער ייִדישער שפּראַך.

אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן איז בײַ מיר געווען צוגעגרייט אַ לערנבוך „ייִדישע סטענאָגראַפיע“, לויט דער סיסטעם פון «ГЕСС». איצט וואָלט שוין דער סטענאָגראַף געקאָנט פאַרסטענאָגראַפירן, באַגלײַך מיטן ייִדישן טעקסט, אויך אַ רוסישן. צוזאַמען מיט סאָוועלזאָנען האָב איך אין דער זעלבער צײַט צוגעגרייט אַ לערנבוך פון ווײַסרוסישער סטענאָגראַפיע.

די ביידע מאַנוסקריפּטן זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען בײַס דער מילכאָמע.

ס ט ע נ אָ ט י פּ י ע

אין דער צײַטונג „איזוועסטיאַ“ איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ, אַז שאַצקי האָט געפונען אַ מיטל, לויט וועלכן מע קאָן סטענאָגראַפירן אַף אַ געוויינלעכער שרײַב־מאַשינקע. די ביוראָ פון די דערפינדער בײַ די פּראָפּפאַריינען האָט זיך מיט דעם פאַרינטערעסירט און געבעטן, איך זאָל דערציילן אַף איינער אַ זיצונג וועגן מײַן דערפינדונג.

איך האָב זיך געסטאַרעט אין מײַן וואָרט צו באַרירן ניט בלויז די פראַגע וועגן סטענאָטיפּיע, נאָר אויך די געשיכטע פונעם שרײַבן. אָט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן:

די פּראָבלעם פון שפּאָרן צײַט, געבן מאַקסימום אַרבעט אין מינימום־צײַט שטייט איצט זייער שאַרף פאַר דער געזעלשאַפט. אין אונדזער עפּאָכע איז אַלץ אַוועק פאָרויס מיט גיגאַנטישע טריט, אָבער איינצײַטיק איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז די שריפט שטייט אַף אָן אָרט. מיט דעם זעלבן מעטאָד, ווי מע האָט געשריבן אין אוראַלט, שרײַבן מיר הײַנט.

עמעס, לעצטנס האָט זיך שטאַרק גענומען פאַרשפּרייטן די סטענאָגראַפיע. די דאָזיקע שריפט איז קירצער פון דער געוויינלעכער, זי גיט די מעגלעכקײַט צו שרײַבן אַזוי שנעל, ווי מע רעדט. געוויינלעך אָבער קוקט מען אַף סטענאָגראַפיע ניט מער ווי אַף אַ פּראָפעסיע און ניט ווי אַף אַ מיטל, וואָס פאַרגרינגערט און פאַרגיכערט דעם פּראָצעס פון שרײַבן בײַ יעדן קולטורעלן מענטשן אין זײַן טאָגטעגלעכער אַרבעט. בלויז די מענטשן, וואָס האָבן צו טאָן אָפט מיט שרײַבן — שריפטשטעלער, וויסנשאַפט־טוער און אנד. — זוכן, יעדערער אַף זײַן שטייגער, פאַרשיידענע מיטלען, וויאַזוי צו פאַרגיכערן דאָס שרײַבן. די פאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן פון אייניקע שריפטשטעלער באַשטעטיקן עס. זייער אינטערעסאַנטע פאַרקירצונגען האָבן מיר, צום בײַשפּיל, אין טשערנישעווסקיס טאָגביכער. נאָך בוילעטער ווײַזט זיך אַרויס די דאָזיקע דערשײַנונג אין לענינס מאַנוסקריפּטן. די „לענינישע זאַמלביכער“ באַשטעטיקן, אַז בײַ לענינען איז אַפילע געווען אַ געוויסע סיסטעם אין זײַנע פאַרקירצונגען.

פאַרשטייט זיך, דעם קולטורעלן מענטשן קומט אויס צו לאַנגזאַם דאָס פּינטלען מיט אונדזער אַלטער, צעצויגענער שריפט. די האַנט שטייט אָפּ פונעם ריידן אין 6 — 8 מאָל און פונעם געדאַנק אין 20 — 25 מאָל. דער מענטש, וואָס נייטיקט זיך אין פאַרשנעלערטן פיקסירן אַפן פּאַפּיר זײַנע אַן אייגענעם אָדער אַ פרעמדן געדאַנק, קעדיי ער זאָל ניט פאַרלאָרן גיין, מוז אָנקומען צו קורץ־שריפט.

א קוואַליפיצירטע מאַשיניסטקע פיקסירט אַף דער שרײַב־מאַשינקע בײַ 300 קלעפּ אין אַ מינוט, דה. אַרום 60 ווערטער. א סטענאָגראַף דערגרייכט די גיכקײַט פון 110 — 120 ווערטער אין אַ מינוט. הייסט עס, אַז קעדיי צו קענען אַף אַ שרײַב־מאַשינקע דערגרייכן דעם עפעקט פון סטענאָגראַפיע, דאַרף מען פאַרקירצן דאָס שרײַבן אַזוי, אַז מיט די 300 קלעפּ זאָל מען אָנשרײַבן אין אַ מינוט ניט 60 ווערטער, נאָר 110 — 120. אַזעלכע פּרוּוון זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן, און זיי האָבן געגעבן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

די מײַלעס פון סטענאָטיפּיע לעגאַבע סטענאָגראַפיע מיט דער פען זײַנען פאָלגנדע:

ערשטנס. די סיסטעם קען מען אויסלערנען אין אַ פיל מאָל קירצערער צײַט, איידער סטענאָגראַפיע.

צווייטנס. דער סטענאָגראַף אַליין מוז פאַנאַנדערשיפרירן זײַן סטענאָגראַמע, אַ צווייטן גיט זיך עס זייער שווער. אַף ווײַל די בוכשטאַבן אַף דער שרײַב־מאַשינקע זײַנען סטאַנדאַרטע, איינמאָל פאַר

אלעמאָל פעסטגעשטעלטע, וועט א סטענאָגראמע, וואָס איז פארשריבן געוואָרן אף א שרײַב־מאשינקע, קענען דעשיפרירן יעדערער, ווער עס איז באקאנט מיט דער סיסטעם. קיין דעפאָרמאציע פון די צייכנס, ווי אין סטענאָגראפיע, קומט ניט פאָר.

דריטנס. דער סטענאָגראף ווערט באם סטענאָגראפירן גיך פארמאטערט. ער קען ניט מער שרײַבן ווי צען מינוט, און דאן פארבײַט אים א צווייטער סטענאָגראף. דערבײַ דארף מען אָנווײַזן, אז דאָס ניט פינקטלעכע פארשרײַבן קומט פאָר אין דער צײַט, ווען די סטענאָגראפן בײַטן זיך, ווײַל דעם סטענאָגראף קומט ניט אויס צו בײַזײַן בײַס דער גאנצער רעדע, און אים איז אָפט שווער צונויפבינדן די פראזעס.

אין סטענאָטיפיע איז די לאגע אַן אנדערע. די אָנגעשטרענגטקײַט איז ניט אזוי גרויס. די סטענאָטיפיסטקע וועט האָבן די מעגלעכקײַט מערער צײַט פארשרײַבן אָן אָפּרו דעם רעדנער.

דעם ראש, וואָס עס מאכט א מאשינקע, קאָן מען לײַכט אויסמײַדן מיט א ספּעציעלן צודעק, ווי עס ווערט שוין פּראקטיקירט. אגעוו, עס זײַנען שוין פאראן שרײַב־מאשינקעס, וועלכע ארבעטן אָן א ראש. פארשטייט זיך, מע וועט דאָ דארפן נוצן וואַליק־פּאפיר.

איך האָב מײַן דערציילונג איליוסטרירט אף א שול־ברעט און אויך באוויזן מוסטערן פון סטענאָטיפיע. די ביוראָ האָט באשלאָסן קאָמאנדירן מיך קיין מאָסקווע, קעדיי זיך קאָנסולטירן מיט באהאוונטע מענטשן.

אין 1935 איז ארויס אין יידיש מײַן „סטענאָטיפיע״. אין צוויי יאָר ארום איז דער בוך דערשינען אין רוסיש.

«Стенография нужна каждому» — „סטענאָגראפיע איז אלעמען נייטיק״ — אונטער אזא קעפּל האָט די „פּראוודא״ אָפּגעדרוקט דעם 29 מײַ 1976 אַן ארטיקל. ס'איז געגאנגען א רייד וועגן דער נויטווענדיקײַט, אז יעדער קולטורעלער מענטש זאָל באהערשן סטענאָגראפיע.

וויפל צײַט נעמט אָפּ דאָס שרײַבן בא א סטודענט? ניט אלע האָבן די מעגלעכקײַט פארשרײַבן לעקציעס אף א מאגניטאָפאָן. וויסנדיק סטענאָגראפיע, קאָן דער סטודענט גלײַך פארפיקסירן די לעקציע פונעם לעקטאָרס מויל.

פארן זשורנאליסט, רעפּאָרטיאָר איז קענען סטענאָגראפיע א מוז־זאך. אָן סטענאָגראפיע איז שווער פינקטלעך איבערצוגעבן אַן אינטערוויו, אַן אימפּראָוויזירטע ארויסטרעטונג, א צוגעהערטן שמועס, איבערנעמען נײַס דורכן טעלעפאָן, פארצייכענען די רעפּליקעס אף א געריכט אדגל.

ווען אין אַן אנשטאלט איז פאראן א סעקרעטאר, וואָס קאָן סטענאָגראפיע, מאכט עס פּראָדוקטיווער די ארבעט פונעם קאָלעקטיוו.

וואָס איז שײַעך דעם שרײַבערישן פאך, איז קעדײַ צו דערמאָנען, אז אזעלכע גרויסע שרײַבער, ווי ספּענסער, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, שאָו, האָבן זיך באנוצט מיט סטענאָגראפיע. דיקענס איז אליין געווען א גוטער סטענאָגראף.

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1977

לייענער שרײַבן אונדז

די בריוו פון לייענער, וועלכע קומען אָן טאָגטעגלעך אין רעדאקציע, ווערן אופגענומען מיט פונקט אזא אינטערעס, ווי די מאטעריאלן פון קינסטלערישער פּראָזע, דיכטונג, פובליציסטיק.

אין די קאָנווערטן זײַנען „פארכאסמעט” עמעסדיקע לעבנס־פאקטן, ווי אויך אופריכטיקער גלויבן און ווילן פון קאָנקרעטע מענטשן. זייער אָפט טראָגן ארײַן די אווטאָרן פון די בריוו פאָרשלאָגן און ווונטשן, וועלכע העלפן דער רעדאקציע אין דער ארבעט איבער דעם זשורנאל.

אָט איז דער קורצער אינהאלט בלויז פון עטלעכע בריוו אין דער לעצטער רעדאקציאָנעלער פּאָטשט.

ג. צ י ג א ן (דניעפּראָפּעטראָווסק) האָט אין דער מאָסקווער צײַטונג „איזוועסטיִא” איבערגעליינט א מיטיילונג, אז סווערדלאָווסקער פליִער, בעראָש מיטן לופט־אס איליא גריגאָריעוויטש גערשענגאָרן, זײַנען אַף זייער ווערטאָליאָט מי־8 ארויסגעפלויגן קיין טשעליאבינסק, קעדיי צו העלפן די דאָרטיקע ספּעציאַליסטן אײַנמאָנטירן איבערן דאך פון א נײַעם צעך אפן מעטאלורגישן זאוואָד א טעכנאָלאָגישע טרויבן־לייטונג. בעט דער כאווער ציגאן, אז „סאָוועטיש היימלאנד” זאָל בא א געלעגנהײַט דערציילן וועגן אָט דעם מין מאָנטאזש־ארבעטן.

ק. ב אָ ר ש א נ ס ק י (מאָסקווע) זאָגט ארויס א מיינונג, אז א. יערוסאלימסקיס ארטיקל „דער רוף צו אינטערנאציאָנאלער אכדעס” (זע „סאָוועטיש היימלאנד” נומ. 10 פארן 1976) איז ניט פארענדיקט: עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, דער אווטאָר זאָל דערגאנצן זײַן ארטיקל מיט מאטעריאלן וועגן דער טעטיקײַט פונעם רעוואָליוציאָנער ארן ליבערמאן נאָכן 1876.

א. יערוסאלימסקיס ארויסטרעטונג אין זשורנאל באהאנדלט אויך א. ר א ד י נ ס אָ ן (מאָסקווע), ער שרײַבט: „די געשיכטע זאָגט איידעס, אז נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט זײַנען די יִדישע ארבעטער געווען ארײַנגעצויגן אין דער רוסלענדישער רעוואָליוציאָנערער באפרײַונגס־באוועגונג, אין אקטיוון קלאסנקאמף, געווען באווירקט פון דער אינטערנאציאָנאליסטישער אידעאלאָגיע. דער אווטאָר פונעם ארטיקל דערווײַזט עס מיט קאָנקרעטע פאקטן. איך האָב זיך פריִער ניט פאָרגעשטעלט, אז א. ליבערמאן האָט אריבערגעטראָגן די טעמע פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע אין דער יִדישער ליטעראטור מיט הונדערט יאָר צוריק. דער אווטאָר פון דער פּובליקאציע האָט אָבער ניט באלויכטן א גאנצע ריי פּראָבלעמען. ס'ווילט זיך גענויער וויסן, ווי־אזוי דער מארקסיזם־לעניניזם איז ארײַנגעדרונגען אין דער יִדישער סוויווע, אין דער יִדישער סאָציאליסטישער באוועגונג. מיך אינטערעסירט אויך דער געשיכטלעכער מאטעריאל, וועלכער איז הײַנט אקטועל, פארבונדן מיט דער הײַנטצײַטיקײַט. אינעם ארטיקל ווערן אָפט דערמאָנט פארשיידענע סאָציאליסטישע קרײַזלעך, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט אופקלערערישער, פּראָפּאגאנדיסטישער ארבעט. עס וואָלט ניט געשאדט, אז וועגן זיי זאָל גענויער דערציילט ווערן. און נאָך איין ווונטש: אָנווײַזן וויסנשאפטלעכע קוואלן איז בעסער צום סאָף פונעם ארטיקל, ניט אינגמיטן, קעדיי עס זאָל ניט פארשווערט ווערן דער געדאנקענגאנג”.

דער מאָסקווער לייענער וו. ב ע ק ע נ ש ט יי ן (אנטשולדיקנדיק זיך פאר דעם אגמעסנפעש, וואָס עס קאָן ארויסרופן בא די כאווירים פון רעדאקציע) ווײַזט אָן אין זײַן בריוו אַף אייניקע דרוק־פעלערן, וועלכע אונדזערע קאָרעקטאָרן האָבן ניט באמערקט און דורכגעלאָזט אין דעם זעלבן 10־טן נומער פארן 1976.

מיר באקומען א סאך פארשיידענע באקאָשעס.

די ליטעראטור־פאָרשערן פון ריגע מ. ק א ן פרעגט זיך אָן: עפשער זײַנען דער רעדאקציע באוווסט די יִדישע לידער פון איר לאנדסמאן נאכמען דימענשטיין, וועלכער איז אומגעקומען אין די אָקופּאציע־יאָרן. צום באדויערן, האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן אזעלכע לידער צו גע־

פינען. אויב עמעצער פון די לייענער קאָן צו הילף קומען, בעטן מיר אונדז אָנשרײַבן וועגן דעם.

א לענינגראַדער לייענער — י. בעקער — האָפט צו באַקומען בא אונדז דעם רעדאַקציע־אַדרעס פון א ייִדישער אויסגאַבע אין רומעניע — וועט ער, קאָן זײַן, מיט איר הילף אָפּזוכן זײַנע קרויווים.

פון דער שטאָט אלעקסאַנדריִא (קיראָוואָגראַדער געגנט) ווענדט זיך מיט אן אומגעריכטער ביטע דער באַשטענדיקער אבאָנענט מ. שליאַכטער: „איך מוז וויסן, וויפל טעג עס וועט אנטהאַלטן דער לועך האיאָר. די דאָזיקע פראַגע האָב איך געשטעלט דער אדמיניסטראַציע פון דער מאָסקווער קאָרשול, און איך אדרעסיר זי אויך אײַך, — פונוואַנען וועט דער ענטפער קומען פריִער...”

ציטירן די קאָרעספּאָנדענטן פונעם זשורנאַל וואָלטן מיר געקאָנט אָן א שיר מער. נאָר לאָמיר בעסער פאַרעפנטלעכן פון דער פרישער פּאָסטשט א בינטל פולע בריוו.

איך האָב אים געקענט

טײַערע פרײַנט!

איך בין דאַנקבאַר פון פולן הארצן דעם כאַווער כאַיִם כאַמסקי פאַרן אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד” (1976, נומער 3) וועגן דעם פּראָוואָקאַטאָר הערשל סמאָליאַר. דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע” איז נאָך פאַר זײַן עפנטלעכן פאַראַט געווען א צוואַק. פיל פאַקטן באַשטעטיקן עס.

דעם כאַווער כאַיִם כאַמסקי קען איך פון לאַנג, מיר זײַנען צוזאַמען געזעסן אין דער גראָדזשאַנדזער טורמע (1930—1933). אויב ער האָט מיך פאַרגעסן, וועל איך אים דערמאָנען, ווער איך בין. ער געדענקט, מיסטאָמע, וויִאַזוי עס איז אופגערודערט געוואָרן די טפיסע, ווען מע האָט בא איינעם אן אַרעסטאַנט, פירנדיק אים צום געריכט, געוואָלט שליסן די הענט מיט נאַרוטשניקעס, און ער האָט זיך ניט געלאָזט. די פּאָליציי האָט געמוזט אַרויסרופן הילף. אין אַלע פענצטער, הינטער די גראַטעס, איז געשטאַנען א טומל, סײַ די פּאָליטישע, סײַ די קרימינעלע אַרעסטירטע האָבן געפאָדערט, מע זאָל ניט שלאָגן דעם אַרעסטאַנט. לעם דער טורמע האָט זיך צונויפגעקליבן א האַמוין און אויך געשריגן: „טשעפּעט אים ניט! מע זעצט מענטשן אין טפיסעס דערפאַר, ווײַל זיי ווילן אַרבעט און גערעכטיקייט!” יענער אַרעסטאַנט — דאָס בין איך.

איך בעט אײַך, כאָשעווע פרײַנט פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד”, איבערגעבן כאַיִם כאַמסקין א דאַנק פון מיר און פון טויזנטער אַזעלכע, ווי איך, פאַר דעם, וואָס ער גיט אָפּ זײַנע קויכעס לעטויוועס דעם סאָציִאַליסטישן היימלאַנד.

געזונט אײַך אַלעמען און דערפאָלג!

מוישע קאַסאַצקי (לעגניצאַ, פוילן)

פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”

מיט גרויס ווייטעק טיילן מיר מיט פאָלגנדעס. ווען די רעדאַקציע האָט געגרייט צום דרוק דעם בריוו פון אונדזער טײַערן פרײַנט פון פאָלקס־פוילן מוישע קאַסאַצקי, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיִע, אַז כאַיִם כאַמסקי איז אין עלטער פון 81 יאָר געשטאָרבן.

...כאַמסקי איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סלאָנים אין א מישפּאָכע פון א טרעגער, געאַרבעט אין דער יוגנט אַלס אַרבעטער־בעקער.

אין 1919, זײַענדיק אין דער רויטער אַרמיי, האָט ער מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקט די יונגע סאָוועטישע מעלוכע פון ווײַסגוואַרדייער און אויסלענדישע אינטערווענטן. אין 1922 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אומגעקערט זיך קיין סלאָנים, האָט ער פיל מי אַרײַנגעלייגט אָף צו פעסטיקן דעם קאַמף פון די אַרבעטער קעגן דער פוילישער שליאַכטע, וועלכע האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד. צוזאַמען מיט אַנדערע אונטערערדלער פירט ער אָן מיט דער אַרבעט פון די פּראָפאַראיינען. אײַנגיכן שטעלט ער זיך בעראָש פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ווערט אויסגעוויילט אין באַשטאַנד פונעם ראיאָנעם אונטערערדישן פאַרטיי־קאָמיטעט.

פאַרן אָנטייל אין דער רעוואָליוציִאָנערער אונטערערדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז כאַיִם כאַמסקי אין פּילסודסקי־פוילן אָפּגעזעסן אַן ערעך 7 יאָר אין איינער פון די שרעקלעכסטע טורמעס — קאַרטוז־בערעזע.

אין די באַפרײַונגס־טעג 1939 האָבן די סלאָנימער אַרבעטער פאַרטרויט כאַיִם כאַמסקין אָנצופירן מיט דער אַרבעטער־גוואַרדיע, וועלכע האָט באַשיצט די בריקן, די אונטערנעמונגען, דעם טעלעגראַף, דעם באַנק און אַנדערע וויכטיקע אָביעקטן פון דער שטאָט. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָבן די האָרעפּאַשנע מאַסן אים אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט כאַיִם כאַמסקי געדינט אין דער אַרבעטס־אַרמיי. ער איז באַלוינט געוואָרן מיט צוויי מעדאַלן „פאַר גוואַגטקייט” און מיט דער מעדאַל צום 100־יאָריקן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין.

כאַים כאַמסקי האָט שטענדיק גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָפּ־געגעבן פיל קויכעס צו דערציִען די יוגנט אַף די רעוואָליוציאָנערע קאַמפּס־טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק.

ער איז געווען אַ באַגײַסטערטער פריינט און לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. אין די מאַטעריאַלן, וואָס ער פלעגט צושיקן, איז ער אַרויסגעטראָטן פאַר הייליק אָפּהיטן די קאָמוניסטישע אידעאַלן. אָן וואַקלונגען האָט ער פאַרורטיילט יענע, וואָס פאַראַטן זיי.

דער ליכטיקער אָנדענק פון כאַים כאַמסקין וועט אַף שטענדיק בלײַבן אין אונדזערע הער־צער.

אַ מערקווירדיקער מענטש

די פּריוואַטע ביבליאָטעק פונעם טימאַשפּאָ־לער טוישעוו קאָנסטאַנטין גריגאָריעוויטש קי־סעליאָוו האָט אַ שעם ווײַט־אַרום. צווישן די צען טויזנט בענדער זײַנען דאָרט פאַראַן פיל ייִדי־שע ביכער. קאָנסטאַנטין גריגאָריעוויטש איז אַ געטרײַער לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַ־טור, פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”.

קיסעליאָוו איז באַקאַנט מיט די גרעסטע שרײַבער, קינסטלער און אַקטיאָרן פון אונדזער לאַנד. ער האָט מיר ניט איין מאָל צוגעשיקט, אַף צו באַקאַנען זיך, בריוו פון אָנגעזעענסטע קונסט־טוער, וועלכע זײַנען איבעראַשט פון זײַן וויסן און פון זײַן טיף פאַרשטײַן קונסט.

אין דער ביבליאָטעק זײַנען העכער זעקס הונדערט ביכער מיט אויפשריפטן פון זייערע מחברים, עס ווערן פאַרהיט דרײַ הונדערט פּאָרטרעטן מיט אויטאָגראַפן פון באַוווּסטע שרײַבער, שוישפּילער, קונסט־טוער.

צי ווינט ניט ערגעץ בישכייִנעס מיט טי־מאַשפּאָל און מיט ק. ג. קיסעליאָוו אונדזער אַ לייענער, וועלכער וואָלט געקאָנט אָנשרײַבן אַ פאַרצייכענונג וועגן אָט דעם מערקווירדיקן מענטשן און זײַן ביכער־זאַמלונג?

ע. דרוקער (**אָדעס**)

איבערגענומען דעם ברודערס עסטאַפעטע

פיל יאָרן איז יויסעף פאַרבער געווען אַ גע־זעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פונעם זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” בא אונדז אין דער שטאָט טאַמבאָוו. זײַן טירכע איז ניט געווען אומזיסט. לייענער פונעם זשורנאַל זײַנען אין שטאָט פאַראַן.

איצט איז י. א. פאַרבער געשטאָרבן.

דער זשורנאַל אָבער איז ניט פאַרבליבן אָן אַ פאַרשפּרייטער: מײַן ברודער שמועל פאַרבאַ האָט גענומען אַף זיך יויסעף אַראָנאָוויטשעס פליכטן. אפן נײַעם יאָר זײַנען בא אונדז צוגע־קומען נאָך פיר לייענער — נײַע.

הערש פאַרבאַ (**טאַמבאָוו**)

געווידמעט דעם זיג

כאַשעווע כאַווײרים!

איך לעב מיט מײַן פאַמיליע אין וואָראָשי־לאָווגראַד, שוין אַ פענסיאָנער. כ'האָב זייער ליב און שרײַב אויס רעגולער דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. איבערקוקנדיק מײַנע אַלטע פּאַפּירן, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אַף אַ ליד, וועלכע איך האָב אָנגעשריבן אין אַפּרעל 1945, ערעוו דעם זיג איבערן היטלערישן פאַ־שיזם. איך שיק זי אײַך און בעט, אויב עס איז מעגלעך, אָפּדרוקן זי אין „סאָוועטיש היימלאַנד”.

י. וואָלינעץ

זעסטו, סאַראַ זון?!
די האָט זיך העל צעשײַנט
און בלויקײַט אינעם הימל אויפגעהאַנגען,
באַשענקט אים רײַך מיט פייגלשע געזאַנגען,
פאַרדעקט די ערד מיט צאַרטן גרינעם לײַן.

ניט לאַנג וועט שוין דער טויט
אַף אונדזער ערד דאָ הוליען,
עס איז אַרויסגעקלאַפּט די שווערד פון
סוינעס הענט.
גיבוירים האָבן זײַנע טריט מיט פײַער
אויסגעברענט,
און פריידיק קאָנען איצטער האַרץ צו האַרץ
זיך טוליען.

שטאַרקער שלאָגט דעם סוינע אין דער נאָרע
זײַנער!
נעמט נעקאָמע, ברידער, פאַר דעם אומשולדיקן
בלוט,
זאָל אײַך גוורע קלעקן, זאָל אײַך קלעקן מוט,
זאָל די פרילינג־זון נאָך שענער שײַנען.

אַפּרעל 1945

אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”

איך שיק אײַך אַ צײַטונג, אין וועלכער עס איז אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן דעם קירזשנער מ. ג. גאָרפינקעל. עפשער וועט איר אויסנוצן דעם אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל.

ד. ווילנער (**סווערדלאָווסק**)

פון רעדאַקציע:

מיר פאַרעפנטלעכן די נאָטיץ, איבערגעזעצט פון דער צײַטונג „וועטשערני סווערדלאָווסק”.

אַ בודיאָנאָווקע אין אַ הויט־קאָרב

ניט אָפט אין אונדזערע צײַטן שיקט מען מיט דער פּאָטשט אַ הויט־קאָרב, דערצו נאָך אין אַזאַ ווײַטן וועג — אַזש קיין קובע. דער אַדרעס איז אויך ניט קיין געוויינלעכער: האַוואַנאַ, פידעל קאַסטראָ.

דעם פלאַמיקן רעוואָליוציאָנער שענקט זײַן מאַטאָנע מאַיסיי גריגאָריעוויטש גאָרפינקעל. ער שענקט אים א דרײַעקיקן סאָלדאַטישן הוט. אזעלכע פלעגן רויטאַרמייער טראָגן אין די צײַטן פונעם בירגערקריג, און די פאָרם זייערע שטאַמט פון דעם קייסער פיאָטער דעם גרויסנס צײַטן.

אין זײַן בריוו דערמאָנט דער עלטסטער מײַסטער, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט פידעל קאַסטראָ באזוכט סווערדלאָווסק, עס האָבן אים הארציק און ווארעם באגעגנט די אוראַלער טוישווים. דערנאָך האָט די שטאָט, וועלכע ער האָט באזוכט, געפײַערט איר 250־יאָריקן יובֿילײ, זי איז געגרינדעט געוואָרן אין דער עפּאָכע פון פיאָטער דעם גרויסן. דער סאָלדאַטן־הוט איז אן אָנדענק סײַ פונעם גאָר ווײַטן אָוואר, סײַ פון דעם בירגערקריג אפן אוראַל.

דאָס פּעקל, וועלכן גאָרפינקעל האָט געשיקט, איז אָנגעקומען קיין האַוואַנאַ צו דער עפענונג פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער קובינער קאָמוניסטישער פּארטײ.

מאַיסיי גריגאָריעוויטש איז א קענער פון מאַלבושים פון פארשיידענע עפּאָכעס. אין סווערדלאָווסק און אין דער געגנט ווייסט מען אים אין אלע טעאַטערן. מע האָט אים ליב, ווײַל ער איז אן ערלעכער האָרעפּאַשניק, א מענטש מיט גאָלדענע הענט, וועלכער האָט אן איידעלן קינסטלערישן כוש.

לעצטנס האָט די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקײַט אָפּגעמערקט זײַן יובֿילײ — ער איז א בען־שמוינים, זעכציק יאָר ארבעט ער. שטאַמענדיק פון אן אָרעמער מישפּאָכע, האָט ער פון דער קינדהײַט אָן געמוזט פאַרדינען צום לעבן.

זעכציק יאָר ארבעט ער! — און אלץ אין טעאַטער, פאר דער בינע. עמעס, בײַס דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער זיך איבערגעקוואַליפיצירט — געניײט ווארעמע רעקלעך פארן פראָנט. די דאָזיקע מי זײַנע איז אָפּגעמערקט מיט אן ערן־גראַמאָטע.

אינעם סווערדלאָווסקער טעאַטער פון מוזיקאַלער קאָמעדיע, ווו ער איז געווען פּאַרוואַלטער מיטן היטל־צעך, עקזיסטירט אצינד אן אייגנאַרטיקער מוזיי: אף די פּאָליצעס שטייען דאָרט צילינדערס, שליאַפּעס, אושאַנקעס, קעפּי, טירבעטייקעס, שליעמען, בודיאָנאָווקעס, קאָל האַמינים פּרויען־היטעלעך מיט פּעדערן און אָן זיי. עס האָבן זיי געטראָגן אָנטיילנעמער פון פארשיידענע פּיעסן, קלאַסישע און הײַנטצײַטיקע.

א הויכקוואַליפיצירטער פאכמאַן, האגאָם שוין לאַנג אף פּענסיע, דינט מאַיסיי גריגאָריעוויטש נאָך אויך הײַנט, ווי ער קאָן, דעם טעאַטער. עס קומען צו אים זיך קאָנסולטירן אָנטיילנעמער פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, מע קלינגט צו אים פון די טעאַטערן. דער גאָראָדניטשי אינעם ספּעקטאַקל „רעוויזאָר“ פונעם טיוז האָט זײַן הוט באַקומען בא גאָרפינקעלן. אין דער אַלרוסלענדישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט ווערט פאַרהיט א קאָלעקציע פון מיליטערישע היטלען, וועלכע גאָרפינקעל האָט געמאַכט. דאָס היטל פון דאָמבראָווסקין, דעם גענעראַל פון דער פּאַריזשער קאָמונע, איז אוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּאַריזש, גאַריבאַלדיס היטל — קיין רוים.

אינגיכן וועט באַם מײַסטער פּאַרטיק ווערן א נײַע ארבעט — דער קיווער פונעם העלד פון דער ערשטער פּאָטערלענדישער מילכאָמע — דעם פּאַרטיזאַן דעניס דאַווידאָוו.

ט. גוריאַנאָוואַ

קינסטלער טאנכום קאפלאן

לענינגראד

איליוסטראציעס צו די ווערק פון י.־ל. פּערעץ



צו דער דערציילונג „כאנע״

באַנצי שוויַג



א ווינטער־פּייזאַזש
(אילוסטראַטיווע צייכענונג)

„כאַסענע געהאַט"



דער כעלעמער מעלאמעד

צו דער דערציילונג „נאכעס פון קינדער"





צו דער דערציילונג „שאָלעם־באַיס"

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

לאָמיר זיך דורכריידן...

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען אַ בריוו פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן שרייַבער הירש בלאָשטיין

זייער כאָשעווע כאַווײרים פון דער רעדאַקציע!

ס'איז מיר, ווי אַלע סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער, נאָענט און טייַער די קעמפערישע נאַטור פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", און עס טרעפט אַ מינוט, ווען איך פיל אַ באַדערפעניש זיך דורכריידן מיט אים, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיק וועזן.

אַזאַ מינוט לעב איך איצט איבער נאָך דעם, ווי איך האָב אין ייִדישע צייַטונגען, וועלכע כ'באַקום פון אויסלאַנד, זיך אָנגעשטויסן אַף נייַע אומגעלומפּערטע פאָרוואָרפן בענעגייע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

וויאַזוי קאָנען צייַטונגען, וואָס רופן זיך פּראָגרעסיווע, אַרופוואַרפן אַ שאָטן אַף אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד, ווען אַ הייַפל פאַרשווינען, וועלכע זייַנען גאַנץ באַשייַמפּערלעך איבערגעגעבן פרעמדע קויכעס, נעמען זיך איינאָרדענען אַ מין פריוואַטן, פּראָוואָקאַציאָנעלן „סימפּאָזיום וועגן ייִדישער קולטור", אָן קיין שום שייַכעס צו איר גופע, און בא אונדז אין לאַנד, בא אונדז אין דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור־סוויווע שאַצט מען עס אָפּ ווי אַ פּראָוואָקאַציע.

וואָס דען איז עס? אַוואַדע אַ פּרעכע אַקציע אין דער קאַלטער מילכאָמע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד! פאַרוואָס זייַנען מיר מעכוייעוו צו דערלאָזן, אַז מענטשן, וואָס ווייסן אַפילע ניט וואָס דאָס איז אַזוינס — ייִדישע קולטור, זאָלן אַרום מאַכן סקאַנדאַלן און ספּעקוליאַציעס, און דאָס אַלץ מיטן אָנשטעל, אַז זיי נעמען זיך אָן פאַר דער ייִדישער קולטור?

איך בין אַן אַלטער שריפטשטעלער, איך שטאַם פון דער רעוואָליוציאָנערער קאָהאָרטע, און מייַן מויעך, פונקט ווי מייַן האַרץ, פאַרנעמט אַזוינס ניט. איך געדענק ניט אין דער פאַרגאַנגענהייַט, אַז די עכט־פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע איז ווען־עס־איז געשטאַנען אַף דער וואַך, מע זאָל, כאָלילע, ניט ענג מאַכן דער קאָנטררעוואָליוציע, ווען זי נעמט דערקוטשען דער רעוואָליוציע.

פיל צענדליקער יאָר האָב איך, און נאָך אַ סאַך ווי איך, געלייענט ייִדישע פּראָגרעסיווע צייַטונגען און מיטגעאַרבעט אין זיי, ווייַל זיי האָבן געקעמפט קעגן די אָפענע און פאַרמאַסקירטע סאָנים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן די פייַנט פונעם ייִדישן האָרעפּאַשניק — די ציִעניסטן און אַנדערע שלעק און אָנשיקענישן, — און אָט, נאַ דיר! ניטאָ מער אָט די פּרינציפּיעלע, אָפּגעהיטע פונעם קלייַנבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם, באַשענקטע מיט אַ קלאַסנקוש ייִדישע פאַריאָדישע אויסגאַבעס. דאָס הייסט, פאַרבליבן זייַנען די פריערדיקע נעמען זייערע, אָבער דער טאָך איז אַן אַנדערער. איצט רייַסן זיי זיך אונטער מיט געשרייען וועגן „רעפּרעסיעס אין פּסור" קעגן די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּראָוואָקאַציאָנעלע „סימפּאָזיומס", וועלכע זייַנען אויסגערעכנט אויסשליסלעך פאַר די אַקרעדיטירטע אין מאָסקווע קאָרעספּאָנדענטן פון אַנטיסאָוועטישע צייַטונגען.

וואָס האָט דאָ געטראָפן? וואָס פאַר אַ וויסטער מידבער־ווינט האָט פאַרווייעט אָט די פּראָטעזשע פון „סימפּאָזיומניקעס"? ווי איז געקומען צו דעם, אַז אויך זיי, די אַמאָל פּראָגרעסיווע ייִדישע צייַטונגען, פאַרנעמען זיך איצט מיט אויסקראַצן ניט עקזיסטירנדיקע „כאַטאָים" בא די טוער פון דער הייַנטצייַטיקער סאָוועטישער ייִדישער קולטור, אָנשטאָט טאָן עפּעס פּאָזיטיווס אַף צו פאַרטיידיקן די ייִדישע קולטור פונעם ציִעניזם?

אומזיסט זייער טירכע! פאַראַן אין פּסור, ווער עס זאָל זיך זאָרגן פאַר דער ייִדישער קולטור. מע דערציילט, אַז אַ פּאָר „סימפּאָזיומניקעס" האָבן זיך געהאַט אַרייַנגעכאַפּט קיין טשערנאָוויץ, קעדיי אַ קוק טאָן אַף דער לייענער־קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע איז פאָרגעקומען בא אונדז אין שטאָט דעם 19 נאָיאַבער 1976, און זיי האָבן געזען די פרייד און די יאָמטעוודיקייַט בא אַ סאַך הונדערטער מענטשן, אַלט און יונג, וועלכע האָבן איבערגעפולט דעם גרויסן זאַל. ווייַטער דערציילט מען, אַז אינמיטן דער לייענער־קאָנפערענץ זייַנען די „סימפּאָזיומניקעס" ווי אויסגערונען...

איך ווינטש אייַך אַלדאָס בעסטע!

הארציק אייַער הירש בלאָשטיין

דער ענטפער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

טייַערער פרייַנט הירש בלאָשטיין!

צום באַדויערן, מוז געזאָגט ווערן, אַז בא דעם איצטיקן פּאָליטישן מאַצעוו אַף דער „ייִדישער גאַס" איז שוין ניטאָ וואָס צו כידעשן זיך, ווען ניט בלויז באַזונדערע טוער, נאָר צייַטונגען און אָרגאַניזאַציעס, געפינענדיק זיך אין די הענט פון די דאָזיקע טוער, וואַרפן אָפּ אין אַ זייַט דאָס אַמאָליקע פּראָגרעסיוו־אידייִשע וואָפן און ווערן, ווי מיר דריקן זיך אויס, געוועזענע, ד. ה., פּאָשעט גערעדט, רענעגאַטן. אַפן ערשטן קוק קאָן אויסזען אומגלייבלעך און מאַמעש דערשרעקנדיק דער אין אייניקע ייִשווים קימאַט אַלץ־אַרומכאַפנדיקער, צעבושעוועטער נאַציאָנאַליסטישער ווינטער, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די ניט לאַנג צוריק נאָך פּראָגרעסיווע ייִדישע קערפּערשאַפטן. אָבער מיר, מאַרקסיסטן, זייַנען געוווינט אויפצונעמען די „סיורפּריזן", וועלכע דאָס לעבן טראָגט אונטער, אַלס אַזעלכע, וואָס עקזיסטירן אין אַ רעאַלער ווירקלעכקייַט, אַפן פּאָן פון ברייטערע לויטן

פאַרנעם, פּרינציפּיִעל־ווירקנדיקע געשעענישן און פאַקטן; מיר זײַנען געוווינט אַנאַליזירן דאָס פאַרגעקומענע, פעסטשטעלן די סיבעס און די פאָלגן פון א ניט נאָרמאַלער פּאָליטיש־אידייִשער דערשײַנונג, זוכן די געזעצמעסיקײַט, פון וועלכער זי דרינגט ארויס, און באַמיִען זיך צו ענטפערן אף דער פראגע: ווי לאנג וועט אזא מאצעוו דויערן?

אין אָט דעם בריוו צו אײַך וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט קאָנען דאָס אַלץ באַלײַכטן און אויסשעפּן, מיר וועלן עפּשער קוים זיך בלויז דערנעענטערן צו דער באַרירטער שווערער און דעליקאַטער פּראָבלעם.

ס׳איז באַוווּסט, און אַלע ייִדישע לייענער אין סאָוועטנפאַרבאַנד שעצן הויך אײַער אײדעלן כוש פון א וועטעראַן־רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט פאַר די העכער אַכציק לעבנס־יאָר געהאַט די געלעגנהײַט צו זען די ווירקלעכקײַט סײַ אין אונדזער וועלט, סײַ אין דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם און מיר טראַכטן איצט וועגן אײַך, אַז זײַענדיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַן אַלטער אָדלער — פון די מאָריס ווינטשעווסקי־צײַטן, — וועלכער איז דערפליגן אַזש צו דער צײַט פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, קאָנט איר ניט בלײַבן גלײַכגילטיק, און איר לאָזט ארויס א פאַרדראָסיקן געשריי, צוזעענדיק, ווי אפן אידעאָלאָגישן שלאַכטפעלד זײַנען אין אייניקע ייִדישע ייִשוּווים פון די מײַרעוו־לענדער פאַרטרונקען און איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם אידייִשן קעגנער די פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס, און דאָ און דאָרט האָט זיך געביטן די וועלט־אָנשויִונג פון דער פּאָליטישער קאָמאַנדע, און די איצטיקע קאָמאַנדע, פאַרהיטנדיק פאַר זיך דאָס געווער, שיסט שוין פון דעם אפן ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם. איצט, נאָך 60 אַזעלכע גוירלדיקע יאָר פונעם אָקטיאַבער, שטעלן זיי אוועק אונטער א סאָפעק די אופריכטיקײַט, די ריינקײַט פונעם אָקטיאַבער־לאַנד, און זיי טוען עס גראָביונגעריש, כוצפּעדיק. ס׳איז דאָך א פאַקט, אַז אויב אַן אַנטיסאָוועטיש־געשטימטן ייִד אין אַמעריקע ווילט זיך הײַנט פאַרשעפּן א ביסל שוואַרצע פאַרב, קעדיי צו וואַרפן זי אפן ראַטנפאַרבאַנד, דאַרף ער ניט גיין אומבאַדינגט צו דער פּראָפעסיאָנעל־אַנטיסאָוועטישער צײַטונג „פאָרווערטס״, ער קאָן זיך באַגיין מיט די אַמאָל פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס „ייִדישע קולטור״ און „מאָרגן־פרײַהײַט״...

פונוואַנען שטאַמט עס? ווײַזט אויס פונעם אָריִענטירן זיך אף א געענדערטער סאָציאַלער סטרוקטור בא דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די מײַרעוו־לענדער הײַנט־צו־טאָג. זייער אָפט הערן מיר, ווי די רענעגאַטן טײַטלען אין אונדזער זײַט, אַז מיר זײַנען ניט בעיכוילעס ביכּלאַל אויפצונעמען און פאַרשטיין זייער לאָגיק. איז עס טאַקע ריכטיק! אין די צוואַנציקער און אין די ערשטע דרײַסיקער יאָרן, אין פּעריִאָד, ווען דאָס ייִדישע לעבן איז נאָך בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אָנגעגאַן, אַלס קלאַל, אינעם געוועזענעם טכום־שטעטל, און די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט פאַרפולט דעם ספּעקטאָר, אָנהייבנדיק פון פּריוואַט־קוסטאַרערײַ ביזן פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, אײַנשליסנדיק — אין די אָנהייב־צײַטן — קליין־האַנדל, דעקלאַסירטקײַט און — שפּעטער — דעם זייער ברייטן שיכט מענטשן מיט פרײַע פּראָפעסיעס, — דאַן האָבן די אָפּשטאַמיקע פון די זעלבע שטעטלעך אין אַמעריקע, קאַנאַדע, לאַטײַן־אַמעריקע, מײַרעוו־אייראָפּע געהאַט די מעגלעכקײַט צו פאַרגלײַכן זייער שאַפּ־פּראָלעטאַרישקײַט, זייערע פּראָפעסיעס פון פאַרמיטלער אין דער אינדוסטריע און אין שטייגער מיט דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים, און דער קאָנטראַסט איז ניט געווען קיין שרײַענדיקער.

איצט איז דאָס בילד אַן אַנדערס. נעמט בא אײַך אין טשערנאָוויץ. ווער איז דער דורכשניטלעכער ייִד? ער איז אַן אַרבעטער, אַן אינזשעניער, אַן אָנגעשטעלטער, אָדער א פּענסיאָנער פון די זעלבע פּראָפעסיעס. דאָס איז גאָר אַן אַנדער בילד, איידער אין די ייִדישע ייִשוּווים פון די מײַרעוו־לענדער! דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט איצט א היפּשן לייענער אף די אוראַלער, מאָסקווער, לענינגראַדער, ביראָבידזשאַנער, טשערנאָוויצער, קעשענעווער, ווילנער, קיִעווער, כאַרקאָווער, טאַשקענטער, לוואָווער זאַוואָדן און פאַבריקן, אין די וויסנשאַפטלעכע צענטרען פון נאָוואָסיבירסק, מאָסקווע אַדגל. די צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט״, וועלכע פלעגט אין די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן פירן אירע לייענער אף די ערשטמײַיִקע דעמאָנסטראַציעס און זיי דאָרט זען אין די קעמפערישע קאָלאָנעס פון די ניו־יאָרקער, טשיקאַגער, פילאַדעלפער פּראָלעטאַריער, באַזיצט איצט א סאָציאַלע באַזע, ווו דער אַזויגערופענער „בירגערלעכער״ סעקטאָר איז פיל ברייטער און ווירקנדיקער, איידער פריִער. דאָס איז שוין אין א היפּשער מאָס א קליין־בורזשואַזע און מיטלשיכט־באַזע. אין די צוואַנציקער, דרײַסיקער, פערציקער יאָרן, ווען די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״ פלעגט ניט מוירע האָבן און זיך ניט שעמען צו מעלדן אין דער עפנטלעכקײַט, אַז די צײַטונג איז א קאָמוניסטישע — דאַן פלעגט זי באַקומען פון אירן א לייענער אָפּט איין דאָלאַר, אָדער צוויי; איצט לאַכט זיך אויס די נאָוויק־סולער־רעדאַקציע פון אַזעלכע סומעס, פאַראַן לייענער, וואָס וואַרפן אונטער אַן אַסיגנאַציִעלע פון טויזנט דאָלאַר! דאָס זײַנען פּראָלעטאַריער? מיר ווייסן, ווער דאָס זײַנען, און זיי באַשטעלן די מוזיק. דער רענעגאַט נאָוויק שפּילט נאָך אין „סאָציאַליזם״, פאַרשווײַגט און פאַרוואַלירט דעם פאַרענדערטן מאַצעוו פון דער צײַטונג. ער האָט מוירע, אַז געווינענדיק דעם אָלרײַטניק, וועט ער פאַרלירן דעם האָרעפּאַשניק, מאַכט ער הײַנט אַן אָנשטעל, אַז ער „זעצט פאָר די פּראָלעטאַרישע טראַדיציעס״, און אײַנצײַטיק שפּרינגט ער כוצפּעדיק אין פאָנעם אַרײַן דער סאָציאַלי־

סטישער וועלט, פארפלייצט די זײַטן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" מיט שמוץ־בריוו פון זײַנע נײַע אקטיוויסטן, מיט בריוו און רעדאקציאָנעלע קאָמענטארן צו זיי, וועלכע זײַנען אָפן אָנגעצילט קעגן דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פארטיי, קעגן דער קאָמוניסטישער פארטיי פון יִשׂראָעל, קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, קעגן דער פראָגרעסיוו־טרײַער יִדישער פרעסע אין יִשׂראָעל, אורוגווײַ, ארגענטינע און, נאטירלעך — קעגן „ביראָבידזשאנער שטערן" און „סאָוועטיש היימלאנד".

מיר דארפן פארשטיין, אז נאָוויק אָדער גערשמאן אָדער אנדערע זײַנען אין דער דאָזיקער סיטואציע בלויז א געצײַג אין דעם ארסענאל פון נאציאָנאליסטישע קויכעס, וועלכע האָבן גענומען צײַטווײַליק די אויבערהאנט אין דער יִדישער פראָגרעסיווער באוועגונג פון זייערע לענדער. ווען די רעדאקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" וואָלט געפרווט זיך שטעלן קאָנסעקוווענט קעגן ציִעניזם און פאָרמולירן קלאָר און דײַטלעך א פראָגרעסיווע פלאטפאָרם, וואָלטן די פארמעגלעכע יִדן אופגעהערט זי אונטערהאלטן מיטן דאָלאר, און פאר דעם האָט נאָוויק מוירע. ער ציטערט, אז עס זאָל אים ניט אויסקומען ווידעראמאָל איבערגיין אפן אויסהאלט פונעם פראָלעטארישן גראָשן... ער האָט אויך א באשײַמפערלעכן מיין צו אונטערהאלטן בא זיך דעם פאָליטישן אָטעם מיט אונטערווארפן פון צײַט צו צײַט א סענסאציִעלע, אז אָט, זעט איר, — אמאָל געווען א קאָמוניסט, און איצט שוין „אומאָפהענגיק" און „קריטיש" בענגייע די אמאָליקע כאוויירים.

האקלאל — גרעסער איז געוואָרן דער קליינבירגערלעכער סעקטאָר אין דער סאָציאלער באזע, און דעריבער איז די קלאסן־פלאטפאָרם אן אנדערע. דאָס האָט א שײַכעס צו אלע די, וואָס קערן איצט איבער דעם אידעאָלאָגישן פעלץ.

צי קען אזא מאצעוו לאנג דויערן? מיר מיינען, אז ניט. צי איז דאָס דער סאָף פון דער יִדישער פראָגרעסיווער באוועגונג אין די מײַרעוו־לענדער? מיר זײַנען זיכער, אז די פאָלקס־אָרגאניזאציעס, די פראָגרעסיווע יִדישע ליטעראטור און פרעסע, די אלע אינסטיטוציעס און קערפערשאפטן, וואָס זײַנען געשאפן געוואָרן אין לאנגיאָריקן קלאסן־שטרײַט, וועלן איבערלעבן די יעניקע, וועלכע האָבן זיי פאראטן.

וואָס איז שײַעך דעם נישטיקן טומל ארום דעם „סימפאָזיום", וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין אײַער בריוו, וועלן מיר אײַך דערציילן א טשיקאווע געשיכטע, וואָס מיר האָבן זי ביז איצט ניט געפונען פאר נייטיק צו ברענגען צו דער עפנטלעכקײַט, שרײַבן וועגן איר אף די ריינע זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד". אף וויפל די „דיסידענטן" — צונויפרופער פונעם סימפאָזיום" — האָבן זיך געווענדט מיט א בריוו צו דער רעדאקציע פונעם זשורנאל, האָבן מיר ערעוו דער אָנגעמערקטער דאטע ארויסגעזאָגט א ווונטש, אז די אָנפירער פונעם „אָרגאניזירקאָמיטעט" זאָלן ארײַנקומען אין רעדאקציע, קעדיי דורכצושמועסן זיך. אין דער אָנגעמערקטער צײַט זײַנען געקומען דרײַ פארשוינען, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן אבראמאָוויטש, וואָלוואָווסקי און בעגון. באגריסנדיק זיך מיט זיי, האָבן מיר גלײַך אפן היימישן אויפן גענומען שטעלן פראגן:

— וואָס קלײַבט איר זיך טאָן קאָנקרעט אף צו פארברייטערן די קולטור־טעטיקײַט? צי האָט איר אין זינען די רעאלע באדינגונגען: אונדזער לייענער־קאָנטינגענט, די שעפערישע קויכעס? צי זײַנט איר גענוג באקאנט מיט די ווערק פון די יִדישע שרײַבער, מאָלער, מוזיקער? צי האָט איר געזען די ספעקטאקלען פון די יִדישע פאָלקס־טעאטערן, באזוכט די קאָנצערטן פון די זינגער און דערציילער? אין וואָס זעט איר אײַן אײַער מיסיִע? עפשער וועט איר צולייגן א האנט צום רעדאגירן יִדישע מאנוסקריפטן?

מיטאמאָל דערפילן מיר, אז ס'איז שטיל, אונדזערע ווערטער פאלן ווי אין א פוסטקײַט. די „דיסידענטן" פינטלען מיט די אויגן, ענטפערן ניט אף די פראגן. איינער זאָגט אף רוסיש:

— מיר האָבן געבראכט מיט זיך אן איבערזעצער, ער איז נאָך אין פאָדערצימער, טוט דאָרט אויס זײַן מאנטל... מיר פארשטייען ניט קיין יִדיש...

— און איר לייענט אויך ניט אף יִדיש? און איר שרײַבט ניט?

— ניין.

— וויִאזוי זשע טראכט איר אנטוויקלען די יִדישע קולטור?

— מיר שטעלן מיט זיך פאָר די 90 פראָצ. יִדן אין סאָוועטן־רוסלאנד, וועלכע זײַנען אסימילירט. איר שטעלט פאָר די 10 פראָצ., וואָס נוצן יִדיש...

— נו, דאָס, וואָס איר זאָגט וועגן זיך און וועגן אונדז, איז נאָך א גרויסער סאָפעק. נאָר לאָמיר ניט דערווידערן. איז ווידער ניט קלאָר: ווי באוווסט, קלײַבט איר זיך אף אײַער סימפאָזיום ריידן וועגן יִדישער קולטור...

— מיר ווילן פאָדערן בא דער מעלוכע, זי זאָל דערלויבן די 10 פראָצ. צו געניסן פון יִדישער קולטור. פאר די 90 פראָצ. אסימילירטע יִדן זאָל זי געבן יִדישע קולטור אף רוסיש...

— דאָס הייסט, געבן פאר זיי רוסישע קולטור?

— יִדישע קולטור אף רוסיש.

— אין דער פאָרמול „יִדישע קולטור אף רוסיש" זײַנען צונויפגענומען אינאיינעם צוויי קלוימערשט קעגנזעצלעכע שטאנדפונקטן: דער גראָב־אסימיליאטאָרישער און דער נאציאָנאליסטישער.

— איר ווילט מיט דעם זאָגן, אז מיר זײַנען ניט קאָמפעטענט דורכצופירן א סימפאָזיום וועגן יִדישער קולטור?

— וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען מיר, וועלכע פארשטייען גאָרניט אין קיבערנעטיק, נעמען זיך צונויפרופן א סימפאָזיום וועגן קיבערנעטישע פראָבלעמען?

— צו קיבערנעטיק דאַרף מען צולייגן דעם קאָפּ.

— צו ייִדישער קולטור אויך.

— מיר בעטן ריידן מיט אונדז אײדעלער, אָן שאַרפֿע אויסדרוקן, אַנדערש וועלן מיר פּראָטעסטירן.

— דאָ קלײַבט מען זיך ניט ריידן צו אײַך אײדל־געפּעסטעט. אין בעסטן פֿאַל פֿאַרנעמט איר זיך מיט איניאַנים, אין וועלכע איר זײַנט באַהאַוונט, ווי אַ טערק אין ראַבאַנאַן קאַדעש...

— און אין ערגסטן פֿאַל?

— אין יעדן פֿאַל ברענגט איר שאָדן דער ייִדישער קולטור און די סאָוועטישע ייִדן.

— איר ווילט זאָגן, אַז מיר דינען דעם ציִעניזם?

— אין דעם צווייפֿלען מיר ניט.

ליבער פֿרײַנט הירש בלאָשטיין! עס איז געבליבן עפּשער אָנצושרײַבן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, ווי אַ געוויסע ייִדישע פּרעסע אין כוץ לאָרעץ, וועלכע רופֿט זיך פּראָגרעסיווע, האָט אָפֿן סאַמע אומווירדיקן אויפֿן זיך געוואָזגעט מיט אָט די בעמעס באַצאָלטע פֿון דער אַנטי־סאָוועטישער קאַסע פֿאַרשווינען — די „סימפּאָזיומניקעס”, פֿאַרשטעלנדיק זיי אַלס „קאָרבאָנעס פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען”, אין דער צײַט, ווען בײַ אונדז אין סאָוועטן־לאַנד איז פֿאַר אַזעלכע מענטשן פֿאַראַן איין „פֿאַרפֿאָלגונגס־אַקט” — מע זאָגט זיי: ניט דאָ איז דאָס אָרט פֿאַר פּראָוואָקאַציעס.

אָבער וועגן דעם האָט איר שוין אַליין געשריבן אין אײַער בריוו צו אונדז, און געשריבן האָט איר גאַנץ אָפֿן, מיט פֿאַרדראָס און מיט צאָרן, און אַ האַרציקן דאַנק אײַך דערפֿאַר.

רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד”

אַף אונדזערע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע דאָנערשטיקן

אַ זינגערין פֿון פּאָלטאַווע

מאַרינע בוכינאַ איז ביז איצט נאָך ניט באַוווּסט אַלס אויספֿילערין פֿון ייִדישע זינגלידער. נאָר דאָס, וואָס זי האָט באַוויזן אַף אונדזער אָרדנטלעכן ליטעראַריש־מוזיקאַלישן דאָנערשטיק אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד”, האָט אַרויסגערופֿן נײַגער און צופֿרידנקײַט בײַ די בײַוועזנדע.

— נאָך איין פֿרישע שטים אַף דער ייִדישער עסטראַדע, — האָט עמעצער אויסגערופֿן.

און געבראַכט זי צו פֿירן קיין מאָסקווע אַף דער קיראָוו־גאַס האָט אַ גליקלעכע צופֿעליקײַט, וועלכע האָט פּאַסירט סאָף האַרבסט 1976, בייס דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט גאַסטראָלירט אין דער אַלטער אוקראַיִנישער שטאָט פּאָלטאַווע. אין יענע טעג האָט מאַרינע בוכינאַ, נאָכן ספּעקטאַקל, זיך באַקענט מיט די מאָסקווער שוישפּילער און האָט טאַקע דאָ, הינטער די קוליסן, אויסגעזונגען פֿאַר זיי עטלעכע ייִדישע פֿאָלקס־לידער.

— עס וואָלט גוט געווען, אַז מע זאָל די זינגערין אויסהערן אין מאָסקווע, אַף אַ באַגעגעניש אין „סאָוועטיש היימלאַנד”, — האָבן פֿאָרגעלייגט די אַרטיסטן־פּראָפֿעסיִאָנאַלן.

קיין מאָסקווע איז מאַרינע געקומען ניט אַליין. עס האָבן זי באַגלייט איר ייִנגערער ברודער דאָוויד, אַלס אַקאָמפּאַניִאַטאָר, און דער טאַטע אַראָן מיכײַלאָוויטש, וועלכער איז געפֿאָרן שעפֿן נאַכעס פֿון זײַנע קינדער.

צי איז עס ניט קיין גרויס גליק, ווען אין אַ פּאָשעטער ייִדישער מישפּאָכע (דער זיידע איז געווען אַ שערער) זאָלן אַלע קינדער באַקומען הויכע מוזיקאַלישע בילדונג. מאַרינע האָט פֿאַרענדיקט די ראָסטאָווער קאָנסערוואַטאָריע, דאָוויד — די קאַזאַנער און די ייִנגסטע טאָכטער זשעניע, וועלכע האָט דערווײַל פֿאַרענדיקט אַ מוזיקאַלישע שול, „האַלט דעם קורס” אויך צו אַ קאָנסערוואַטאָריע. מיט איין וואָרט, אַ מישפּאָכע פֿון מוזיקער, אַלע געראָטן אין טאַטן, וועלכער האָט, עמעס, קיין קאָנסערוואַטאָריע ניט געענדיקט, נאָר איז פֿון קינדווײַז אָן געווען אַ הייסער ליבהאָבער פֿון נעגינע און אַ שוישפּילער אין זעלבסטטעטיקע טעאַטערן.

מאַניע קאָטליאַראָווע, איינע פֿון די פֿירנדיקע שוישפּילערנס פֿונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועלכע האָט געהאָלפֿן דער זינגערין אין אירע רעפּעטיציעס, האָט אַף דער באַגעגעניש אין לאָקאַל פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד” אויסגעפֿילט די פֿליכטן פֿון אַ קאָנפֿעראַנסיע.

ווען מאַרינע האָט אויסגעזונגען די פֿאָלקס־לידער „מעכוטענעסטע”, „איך שפּיל אַף מײַן גיטאַרע” און „וואַרעניטשקעס”, וועלכע גיבן זיך איר גלענצנד אײַן, האָט דער עולעם דערשפּירט אין איר אַרט זינגען הויכע וואָקאַלע פֿייִקײַטן און אַ געוויסן אַרטיסטיזם. פֿון די נײַע סאָוועטישע ייִדישע זינגלידער האָט זי אויסגעפֿילט גאַנץ אָריגינעל און אַף אַ פּראָפֿעסיִאָנעלן ניוואָ דעם „ייִדישן וואַלס” (מוזיק — זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, ווערטער — אַרן ווערגעליס) און „אַ לאַנגער וועג” (מוזיק — יאַן פֿרענקעל, ווערטער — איגאָר שאַפֿעראַן).

צום שלוס האָט מאַרינע בוכינאַ, לויט דער באַקאָשע פֿון די בײַוועזנדע, געזונגען דרײַ אָפּעראַריִעס אַף איטאַליעניש און אַף רוסיש.

דער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני זשאַרקאָווסקי, די זינגערין מאַרינע גאָרדאָן, די מיטאַרבעטער פֿון רעדקאָלעגיע און אַ ריי שרײַבער האָבן אין זייערע אַרויסטרעטונגען בייס דעם מיינונגס־אויסטויש אָפּגעמערקט, אַז די זינגערין פֿאַרמאָגט אָן אײדעלע סאָפּראַנאָ־שטים, און אַרויסגעזאָגט אַ ווונטש בעסערן איר אויספֿילערישער טעכניק.

מיר ווינטשן מאַרינע בוכינאַ אַ גליקלעכן וועג אין דער סאָוועטישער ייִדישער עסטראַדע־קונסט.

י. שוסטער

דאָס איז טשיקאַווע

ווער זײַנען די קאַראַימער

די קאַראַימער שטעלן מיט זיך פאָר א רעליגיעזע סעקטע, וועלכע שטאַמט פון יידן. עס האָט זי געגרינדעט ענן (אַנאַן) אין 767 יאָר אין באַוול, אין דער שטאָט פומבעדיסאַ, וואָס אַפן טײַך פּראַס (יעווּפראַט). לעכאטכילע האָט מען די סעקטע אָנגערופן אַנאַנײַים — אָנהענגער פון דער לערע פון אַנאַן. אירע פאָרגייער זײַנען די מער עלטערע יידישע סעקטעס, וואָס האָבן דערווידערט קעגן דער טוירע שעבאַלפּע.

די קאַראַימער שרײַבן אָפט וועגן זייער אופקום אַנדערש. זיי טײַנען, אַז די עמעסע יידן זײַנען זיי, און די „ראַבאַנײַים" — אַזוי רופן זיי אָן די יידן — זײַנען אָפּגייער פונעם עמעסן גלויבן, פונעם טאַנאַך. אין לויף פון זייער געשיכטע האָבן צווישן די קאַראַימער געמערט זיך מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן אַף אַזויפיל, אַז אייניקע פון זיי האָבן געכוויזעקט פונעם גרינדער פון דער סעקטע.

פון באַוול האָבן זיך די קאַראַימער מיט דער צײַט פאַרשפּרייט אין די לענדער פון דער אַראַבישער הערשאַפט און פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע: אין פּערסיע, פּאַלעסטינע, טערקײַ, מיצראַיִם, צאָפן־אַפריקע און שפּאַניע, דערנאָך אין קרים, רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. די קאַראַימער פלעגן לײַדן פון פאַרפאָלגונגען, און זיי האָבן ניט איין מאָל געטיילט דעם ביטערן גוירל צוזאַמען מיט יידן בכלאל — דעריקער אין די צײַטן פון קרייץ־צוגן. ה. גרעץ טיילט מיט, אַז אין 1099, ווען ירושאַלאַיִם איז דעראָבערט געוואָרן מיצאַד די קרייץ־טרעגער, האָבן זיי צונויפגעטריבן קאַראַימער און יידן אין איין סינאַגאָגע און זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. צוזאַמען מיט די קאַראַימער זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַרניכטעט געוואָרן זייערע ביכער און קסאַוויאַדן. און ניט נאָר אין די צײַטן פון פּאָגראָמען זײַנען פאַרפיקסירט אַזעלכע פאַרלוסטן. אין 1640, ווען ס'איז אויסגעבראָכן א גרויסע סרייפע אין טערקײַ, זײַנען אַוועק מיטן פלאַם פיל קאַראַימישע הײַזער צוזאַמען מיט זעלטענע ספאָרים און קסאַוויאַדן.

עס זײַנען געווען צײַטן, ווען קאַראַימער און יידן האָבן זיך באַצויגן איינע צו די אַנדערע מיט גרויס טאָלעראַנץ און אַפילע מיט ברודערשאַפט. אַזוי, לעמאָשל, האָבן אין טערקײַ אין XV און XVI יה. אייניקע יידישע לאָמדים געלערנט קאַראַימישע קינדער און יונגעלײַט ניט נאָר טאַנאַך, טאַלמוד און מעדראָשים, נאָר אויך וועלטלעכע לימודים: פיזיק, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און מעדיצין. צוזאַמען דערמיט זײַנען געווען אויך צײַטן פון פאַרביסענע צווישנבאַציִונגען, מיט סינע און מעסירעס, מיט שיטן איינער אַפן צווייטן פעך און שוועבל.

די בלי־טקופע פון דער קאַראַימער ליטעראַטור אין ברייטן זין פאַלט אַף דער צווייטער העלפט פונעם IX ביזן XVI י. ה. די קאַראַימער פלעגן שרײַבן אַראַמעיִש (אַנאַן), העברעיִש (ביניאָמין נאַהאַווענדי, דאַניעל בען מוישע) און אַראַביש. זיי פלעגן אויך איבערזעצן פון איינע פון די דרײַ שפּראַכן אַף דער אַנדערער: דעם טאַנאַך האָבן זיי איבערגעזעצט און קאָמענטירט אין אַראַביש, די אַראַמעיִשע טיילן פונעם טאַנאַך — אין העברעיִש, פיל אָריגינעלע ווערק פון זייערע סעקטע־כאַווײרים — אין העברעיִש. די קאַראַימער האָבן גרויסע פאַרדינסטן אַפן געביט פון פאָרשן די העברעיִשע שפּראַך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַראַבישער און אַראַמעיִשער שפּראַכן. אין 19־טן יאָרהונדערט האָבן אייניקע געלערנטע (י. פירסט, ש. פינסקער, ה. גרעץ) באַוויזן, אַז בײַדע מאַסאָרעטן־שולן, וועלכע האָבן קאַנאָניזירט דעם ענדגילטיקן טעקסט פונעם טאַנאַך מיט די וואָקאַלן, טראָפן און אַנדערע צייכנס, סײַ די שול פון בען אָשער, סײַ די שול פון בען נאַפטאַלי, זײַנען געווען קאַראַימישע.

די פּאָפּולערסטע פערזענלעכקײַטן בא די קאַראַימער זײַנען: אַנאַן — דער גרינדער פון סעקטע; זײַן זון שאָול און דאָס אייניקל יוישיאַהו, וועלכע האָבן זיך מיט באַזונדערע פאַרדינסטן אין דער וויסנשאַפט ניט אויסגעצייכנט, ביניאָמין (ער שטאַמט פון דער פּערסישער שטאָט נאַהאַווענד און איז טאַקע דערפאַר אָנגערופן „נאַהאַווענדי"). דאָס זײַנען די ערשטע פיר קאַראַימישע פירער, וואָס זײַנען געקרוינט אין דער קאַראַימישער היסטאָריאָגראַפיע מיטן ערן־טיטל נאַסי. פון אַנדערע קאַראַימישע אסקאָנים און געלערנטע זײַנען די וויכטיקסטע: דאַניעל בען מוישע (2־טע העלפט פון 9־טן י. ה.), אַן אָפּשטאַמיקער פון פּערסיע, יאַקאָוו קאַרקאַסאַני — פון דער שטאָט קאַרקאַסאַ לעבן באַגדאַד. זײַן שאַפונג פאַלט אַף דער ערשטער העלפט פון X י. ה., און פון אים, אייגנטלעך, הייבט זיך אָן דאָס ליטעראַרישע שרײַבן אין אַראַביש צווישן די קאַראַימער. דער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס צו זײַנע ווערק איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביז הײַנט־צו־טאָג. אין דער פאָרשערישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווידמעט די אַנטדעקונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין די הייליקן פונעם מידבער יעהודע, קאָן מען געפינען ציטאַטן פון דעם, וואָס קאַרקאַסאַני האָט אין זײַן צײַט געשריבן. קאַרקאַסאַני, ווי אויך שלוימע (סאַלמאָן) בען יערוכאַם האָבן געשריבן פּאָלעמישע טראַקטאַטן קעגן די „ראַבאַניטן" ביכלאַל און הויפּטזאַכלעך קעגן סעדיה גאון (882־942).

אין דער פירקאָוויטש־זאַמלונג זײַנען פאַראַן קאַ־

פּיעס פון 7 קסאַוויאַדן פון שלוימע בען יערוכאָמס איבערזעצונגען — מיט קאָמענטאַרן אין אַראַביש — פון אײניקע ביכער פונעם טאַנאַך. איין קאָפּיע שטאַמט פון דעם XIV י. ה., אַן אַנדערע איז דאַטירט מיטן יאָר 1519. ס׳איז דאָ אויך אַן איבערזעצונג אין העברעיִש (פונעם XIX י. ה.) פון זײַנס אַ ווערק.

אין דער צווייטער העלפט פון X י. ה. איז געווען טעטיק דער באַוווּסטער לעקסיקאָגראַף, גראַמאַטיקער און קאָמענטאַטאָר דאָוויד בען אַווראָהאָם אַלפאַסי. אין סאָף פון X י. ה. האָט יעפעס בען אַלי פון דער שטאָט באַסרא איבערגעזעצט דעם טאַנאַך אין אַראַביש. אין פירקאָוויטשעס „גפן מצרים" איז פאַראַן 21 פראַגמענטירטע קסאַוויאַדן פון דער אַרבעט, צווישן זיי דאַטירטע מיט די יאָרן 1503, 1538 און 1676. ס׳איז דאָ אַפילע אַן איבערזעצונג פון דער אַרבעט אין העברעיִש.

מיר האָבן דאָ ניט דערמאָנט די קאַראַיִמישע דיכטער, אַזעלכע ווי מוישע דאַראַיִ, קאָלעוו אַפענדאָפּאָלאָ און אַנדערע, ווײַל וועגן זיי און וועגן זייערע ווערק, וועלכע מיר טרעפן אין „גפן מצרים", דאַרף מען שרײַבן געווּי. מיר האָבן אויך ניט דערמאָנט די ליטעראַטור, וואָס די קאַראַיִמער האָבן געשאַפן אַף זייער דיִאַלעקט, וועלכער איז שטאַרק ענלעך צו דער טערקישער און טאָטערישער שפּראַכן און אַף וועלכן ס׳האָט, פּונקט ווי אַף העברעיִש, געשריבן א. פירקאָוויטש, וואָס איז אָן ספק געווען דער גרעסטער קאַראַיִמישער געלערנטער פון זײַן צײַט.

די קאַראַיִמישע פּאָלעמישע ווערק זײַנען געווען אָנגעצילט ניט נאָר קעגן די ייִדן, נאָר אויך קעגן די קריסטן. דער טראַקטאַט פון ייִצכאָק טראָקי (1533—1594) „חזוק אמונה" (כיזוק עמונאָ — פאַרשטאַרקונג פון גלויבן) האָט געשפּילט אַ היפּשע ראָליע אין דער אַטעיִזירונג פון אייראָפּעיִשע געלערנטע. ער איז געוואָרן איבערגעזעצט אין לאַטײַן, דײַטש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן און געוואָרן אַ מאָקער פאַר אַזעלכע פרײַדענקער, ווי וואָלטער, וועלכער ציטירט דאָס בוך און באַנוצט זיך מיט זײַנע אַרגומענטן.

די קאַראַיִמער לעבן הײַנט־צו־טאָג אין סאָוועטנפאַרבאַנד (לויט דער פאָלקסציילונג פון 1970 האָבן זיי געציילט 4571 נעפאַשעס), ווי אויך אין אַנדערע לענדער. זייער אַלגעמיינע צאָל איז גענוי ניט פעסטגעשטעלט.

לייב ווילסקער

כראָניק

אַווראָם גאָנטאַרס אויסדערווײלטע לידער

אין פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור" איז דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אַווראָם גאָנטאַרס אַ בוך „אויסדערווײלטס" (דער טיראַזש — צוואַנציק טויזנט עקזעמפּליאַרן).

דער בוך שליסט אײַן פינף לידער־ציקלען, וועלכע גיבן אַ פאָרשטעלונג פון דעם דיכטערס שאַפונג אין פאַרשיידענע פּעריִאָדן. דער דיכטער און עסעיִסט לעוו אָזעראָוו האָט אָנגעשריבן דאָס אַרײַנפיר־אַרטיקל „אַווראָם גאָנטאַר און זײַנע לידער".

דער עלטסטער מענטש פון דער יוגנט־שטאָט

אין כאַבאַראָווסקער קאַנטישן אָפּטייל פון סאָציִאַלער באַזאָרגונג הענגט אַ פּאָרטרעט פון אַ זאָקן, און אונטער אים אַן אונטערשריפט: „ראַזגילדיאַיעוו דאַוויד אַרסענטיעוויטש. 115 יאָר".

אָט דער מענטש וווינט אין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור. דאַוויד אַרסענטיעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין קאַזאַכסטאַן אין 1861 און האָט קימאַט דאָס גאַנצע לעבן געוווינט אַפן ווײַטן מיזרעך. אַ סאַך יאָרן געאַרבעט אַלס וואַלדאָפּזעער, דערנאָך אַלס וועכטער אינעם ייִשעוו כומי.

■ ■ ■

כראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

נײַע אווטאָבוסן איבער די גאסן פונעם געגנטלעכן צענטער

אף די מארשרוט־ליניעס פון דער שטאָט ביראָבידזשאן האָבן אָנגעהויבן קורסירן נײַע קאָמפאָרטאבעלע אווטאָבוסן. די רעכט צו פירן די ערשטע פארטיע פון צען מאשינעס האָבן באקומען די וואנגארדיסטן פונעם אווטאָטראנספאָרט פ. ניעזשינסקי און זײַן זון פאוועל, מ. ריידער, א. דזיורמאן און אנדערע. נײַע אווטאָמאָבילן זײַנען אויך צוגעקומען אין טאקסאָמאָטאָרישן פארק פון דער שטאָט.

שרײַבער צוגאסט אף די אונטערנעמונגען

די ווײַטמיזרעכדיקע שריפטשטעלער האלטן אונטער א שטענדיקע שעפערישע פארבינדונג מיט די שטעט און יישוווים פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אזעלכע באגעגענישן בארײַכערן קעגנזײַטיק די לייענער און די שרײַבער.

לעצטנס איז אף אן אָוונט אינעם לייען־זאל פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען ארויסגעטראָטן דער סעקרעטאר פון דער כאבאראָווסקער אָפטיילונג פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר, דער פארוואלטער מיטן אָפטייל פון פּאָעזיע אינעם זשורנאל „דאלני וואָסטאָק" מיכאיל אסלאמאָוו. מיט אים צוזאמען האָבן אין דער באגעגעניש זיך באטייליקט די באקאנטע פראָזאיקער וו. יעפימענקאָ, אי. באָטוויניק, די יונגע שרײַבער יע. זאלאָטיך, א. אורוואנצעוו אא.

די ביראָבידזשאנער ליטעראַרישע פארייניקונג האָבן אף דעם צוזאמענטרעף פאָרגעשטעלט וויקטאָר סאלאָמאטאָוו, לעאָניד שקאָלניק, ראָמאן שויכעט, וועלכע האָבן פאָרגעלייענט זייערע ווערק.

אף מאָרגן נאָך דער באגעגעניש האָבן די כאבאראָווסקער שרײַבער צוזאמען מיט די ליטעראטן פון ביראָבידזשאן זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס און ארויסגעפאָרן אף שעפערישע באגעגענישן צו די ארבעטנדיקע פון פארשיידענע אונטערנעמונגען — אין דער ביראָבידזשאנער טריקאָטאזש־פאבריק, אפן זאוואָד פון קראפטטראנספאָרמאטאָרס, אין „דאלסעלמאש".

ליטעראַרישע אָוונטן זײַנען אויך פאָרגעקומען אין קאָלווירט „איליטשס געבאָטן", אינעם ביראָבידזשאנער מעכאנישן טעכניקום.

דערפאָלגן פון די קינאָ־ליבהאָבער

די קינאָ־לענטע „לעבעדיקע וואסערן פון קולדור" איז געווען דאָס ערשטלינג פון די שעפער פון ליבהאָבערישע פילמען אין ביראָבידזשאן. מיט צוויי יאָר צוריק האָט דער דאָזיקער פילם פארנומען דאָס ערשטע אָרט אפן קאנטישן קאָנקורס. איצט, אפן נײַעם קאנטישן קאָנקורס פון ליבהאָבערישע פילמען (אינעם צווייטן טור פונעם אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון דער זעלבסטטעטיקער קינסטלערישער שאפונג), האָבן די ביראָבידזשאנצעס באוויזן זעקס פילמען, פיר פון וועלכע עס זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן מיט קאָנקורס־פריזן.

דערפאָלגרײַך איז געווען דער דעביוט פון דער יונגער ליבהאָבערישער סטודיע פון דער ביראָבידזשאנער נײַי־פאבריק (אָנפירער וו. פורטאָוו), וועלכע איז געווען פאָרגעשטעלט מיט צוויי ארבעטן — מיטן קינאָ־אלמאנאך „כאוווער" און מיטן פילם „און דאָך — וואגן".

די קאָלירטע קינאָ־לענטע „פרײַלינגדיקע באגעגענישן" (ליבהאָבערישע סטודיע פון דער קולטור־אופקלער־שול) איז אפן דורכקוק אָפּגעמערקט געוואָרן מיט א דיפּלאָם פון דער ערשטער שטופע און מיט א ספעציעלן פריז פון דער זשורי פאר שילדערן דאָס געשטאלט פון א מענטשן, וועמענס גורל ס'איז ניט קיין געוויינלעכער. דער העלד פונעם פילם איז דער זשורנאליסט אבראם מאָרדוכאָוויטש — אן אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכער איז דורכגעגאנגען אף די פראָנט־וועגן ביז פּראָג, ארויסגעוויזן מוט און געוואגטקײַט.

צווישן ביכער

אגניא בארטאָ וועגן לייב קוויטקאָ

אינעם פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" איז דערשינען אגניא בארטאָס א בוך „נאָטיצן פון א קינדער־דיכטערן", אין וועלכן עס ווערן געשילדערט אירע באָאבאכטונגען, באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע מענטשן.

אין דער נאָטיץ „ער איז געווען אזא, ווי זײַן פּאָעזיע" דערציילט זי וועגן דעם ייִדישן דיכטער לייב קוויטקאָ.

„באזונדערס האָט זיך מיר פארגעדענקט לעוו מאָיסייעוויטש, ווען ער האָט געלעבט הינטער מאָסקווע אינעם יישעוו „איליטשס געבאָטן". ער איז געשטאנען אף עפּעס א קאָמפּליצירטער רישטעוואניע, וואָס איז באשטאנען פון א טיש מיט טאבורעטקעס און איבערגעקערטע קעסטלעך, און מײַסטעריש צוגעקלאפּט צו דער וואנט א בויגן פון טרוקענער שטוקאטורקע...

איך האָב פארשטאנען, אז אָט דער טיש מיט די עטלעכע טאבורעטן איז דאָס מעבל פון זײַן קומענדיקן ארבעטס־קאבינעט. נאטירלעך, אז אין מאָסקווע האָט ער געלעבט גאָר אנדערש, אָבער דאָ, אף דער דאטשע, האָט ער געדארפט בלויז א שרײַבטיש מיט א גאָרטן, דאָ, אינעם סאָד, האָט קוויטקאָ זיך געמיט מיט אן אויסערגעוויינלעכער ליבע צו יעדן ביימעלע, צו יעדן געוויקס. ער איז געווען ענלעך אף דעם העלד פון טשאפּעקס בוך „דאָס גאנצע יאָר — א סאָדציכטלער"...

פרילינג־צײַט בין איך ווידער געקומען צו לייב קוויטקאָ. דער יונגער סאָד איז געוואָרן קרעפטיקער, אלץ האָט זיך צעוואקסן און זיך געצויגן אין דער הייך... אין יענעם טאָג האָבן מיר, ווי אלעמאָל, געלייענט איינער דעם אנדערן לידער, געטרונקען טיי אף דער אָפענער טעראסקע. קוויטקאָ האָט ניט אופגעהערט צו ריידן וועגן די צוויי נאָך שוואכינקע יאָדלעלעך, וועלכע ער האָט פארפלאנצט בא זײַן פּלויט. שפּעטער האָט ער געווידמעט די צוויי איידעלע געוויקסן א ליד פון לויטערע און וווּנדערלעכע שורעס:

זיי קומען באנאכט מיר צו כאָלעם.
אָט שטייען זיי בערלדיק דיקלעך
און שײַנען מיט שטעכלקעס גרינע.
איצט ליגן זיי מיסטיקע שטיקלעך...
אין מײַ קום איך ווידער אין ....גאָרטן,
צום פלידער צוערשט וויל איך גייען.
און דאָ... אוי, ווער בליאסקעט עס דאָרטן?
דאָס קליינווארג, די יאָדליקעס שטייען!

זיי האָבן געווארט —
..ניט דערווארט זיך,
סע האָט זיי געגרוילט און געפרעסטלט,
ביז מ'האָט זיך אליין אף די וואָרצלען
ארופגעשטעלט פעסט, זיך פארפעסטיקט.

די ערד, אונדזער מאמע געטרײַע,
האָט ווייך זיי פארדעקט און געכײַעט,
איצט שטייען זיי פעסט, און זיי בליאסקען
צו מיר מיט די שטעכלקעס נײַע!

1944

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

1. שלוימע מיכאָעלס טרעט אַרויס אַפן יובילײ־אָוונט, געווידמעט מענדעלע מויכער־ספאָרימען, 1936.

2. פון רעכטס אַף לינקס: ה. לײוויק, פּרעץ מאַר־קיש, אויזער וואַרשאַווסקי, פּאַריזש, 1925.

3. שיפרע כאַלאַדענקאַ אַף דער שוואַרציאַמישער הי־דראָפּיזישער סטאַנציע לעבן סימעיז, 1930.

4. י.־ל. פּרעץ, דאָוויד אײנהאָרן, דאָוויד בערגעל־סאָן.

5. אַף דער פאָטאָ (פון רעכטס אַף לינקס) שאָלעם־אַלײכעמס ברודער וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש, אַלעקסאַנדער פאַדײעוו, אַרן גורשטײן אין פּרעזידיום פון דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלײכעמען.

1

3

2



4

5

ערע זייער אָנדענק

יאשע קאבאק

אין מאָסקווע איז אין עלטער פון 73 יאָר געשטאָרבן דער יידישער אַקטיאָר יאשע קאבאק.

געבוירן אין וויטעבסק, האָט ער אין 1920 פאַרענדיקט א יידישע שול און אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער מוזיקאַלער שול אף סקריאַבינס נאָמען, אפן וואָקאַלן פאַקולטעט. שפּעטער זינגט ער אין די כאָרן פון אייניקע טעאַטערן.

אין 1929 האָט דער באַוווסטער טעאַטער־טוער ליוקסענבורג אָרגאַניזירט דעם טעאַטער פון קליינע פאָרמען „געזקולט". יאשע קאבאק טרעט אַרײַן אין קאָלעקטיוו, ווו ער טיילט זיך גלײַך אויס מיט זײַן אימפּאַזאַנטן דראַמאַטישן טענאָר און פילזײַטיקן סצענישן טאַלאַנט. אין מעשעך פון עטלעכע יאָר גאַסטראָלירט ער מיטן טעאַטער איבער צענדליקער שטעט פון לאַנד, אײַנגעשלאָסן ביראָבידזשאַן.

אין 1934 קומט יאשע קאבאק אָן אין אָדעסער יידישן מעלוכע־טעאַטער. ער שפּילט אין „שולאַמיס" די ראָל פון אַווישאַלעם, אין „בלאָנדזשענדע שטערן"— ראַפאַלעסקאָ, אין „מיידל פון מאָסקווע" — זעליקן, אין „מירעלע עפראָס" — יאָסעלען.

אין אָנהייב פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע טרעט יאשע קאבאק פרײַוויליק אַרײַן אין דער אַרמיי און נעמט אָן אָנטייל אין די שלאַכטן אַלס פּולעמיאָטשיק, די קאָמאַנדזשאַפט באַלוינט אים מיט צוויי אָרדענס פונעם רויטן שטערן, מיט אן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער איז געוועזן קאָנטוזיעט, און נאָכן אומקערן זיך פון שפּיטאָל אין זײַן טייל אָרגאַניזירט ער א קינסטלערישע פראָנט־בריגאַדע, טרעט ארויס אף די פּאָזיציעס אַלס פּאַרלייענער און זינגער. אין 1946 ווערט ער דעמאָביליזירט און זעצט פאָר זײַן ארטיסטישע טעטיקײַט אין א מאָסקווער קינסטלערישער בריגאַדע און שפּעטער אין מאָלדאַווישן אַנסאַמבל אונטער אראָנאָווס אָנפירונג.

יאשע קאבאק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער מענטשלעכקײַט, קעסיידער גרייט געווען העלפן כאַווירים, קומען צוהילף אין דער נייטיקער מינוט.

זײַן געשטאַלט, זײַן פערזענלעכקײַט וועט פאַרבלײַבן אין אונדזער זיכּאָרן.

ביניאָמין קאָטליאר

אין כאַרקאָוו איז אין עלטער פון 80 יאָר געשטאָרבן דער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ביניאָמין קאָטליאר.

ב. קאָטליאר איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל מאָנאַסטירישטשע (אוקראַינע) אין א מישפּאָכע פון א פּריוואַטן לערער. בייסן בירגערקריג איז ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי און אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן קעגן די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן. בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער ווידעראַמאָל אין דער סאָוועטישער אַרמיי און געפינט זיך אפן פראָנט.

נאָכן קריג באַזעצט ער זיך אין כאַרקאָוו און אַרבעט אַלס פּלאַנאָוויק אין דער סיסטעם פון „גלאַווענערגאָ".

ביניאָמין קאָטליאר איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט און האָט פיל אופגעטאָן אין געביט פון פאַרשפּרייטן אונדזער זשורנאַל אין זײַן היימשטאָט. ער האָט אויך געפּרווט די פען אין זשאַנער פון ליטעראַטור־קריטיק און האָט אָפּגעדרוקט א ריי מאַטעריאַלן וועגן די ווערק פון סאָוועטישע יידישע שרײַבער אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

קאָוועד זײַן אָנדענק!

לייזער דוואָרקין

אין עלטער פון 75 יאָר איז געשטאָרבן דער יידישער פּאַליגראַפיסט, זעצער און טעכנישער רעדאַקטאָר לייזער דוואָרקין. ער האָט פיל יאָרן געאַרבעט אַלס לינאָטיפּיסט אין „עמעס"־פאַרלאַג, געהאָלפן אָרגאַניזירן די טעכנישע אויספאָרעמונג פון דער צײַטונג „אייניקײַט", געאַרבעט אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר און אַרויסלאָזער אין די ערשטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

לייזער דוואָרקין איז געווען א פרײַנט פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַרלאַג־וועזן. אין די לעצטע יאָרן, אן ערנסט קראַנקער, פלעגט ער קיינמאָל ניט אָפּזאָגן, ווען די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פלעגט אים בעטן צו העלפן אין דער אַרבעט.

ערע זײַן אָנדענק!

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור

גען, טעוויע (1912)

—פראָזאיקער. געבוירן אין שטעטל שאדאָוו, פּאָנעוועזשער אויעזד (ליטע) אין א מישפּאָכע פון א לערער. בייס דער ערשטער וועלט-מילכאָמע איז די פאמיליע אריבערגעפאָרן קיין מאריופּאָל (אוקראינע). דער קומענדיקער שרײַבער האָט פארענדיקט אן אינדוסטריעלן טעכניקום. זײַנע ערשטע נאָוועלן האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אין 1930. די הויפּט-טעמע פון טעוויע גענס שאפונג אין די דרײַסיקער יאָרן איז דער שטײַגער און די פּסיכאָלאָגיע פון דער סאָוועטישער סטודענטשאפט, פונעם יונגן ארבעטער און סאָוועטישן געלערנטן. אָט די טעמע איז אָפּגעשפּיגלט אין די זאמלונגען „נאָוועלן", „אין א גוטער שאָ". גען האָט אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכע איז אָפּגעשפּיגלט אין זײַן זאמלונג „דאָס פארבליבענע העפטל". אינעם נאָכמילכאָמע-פּעריאָד, באזונדערס פאר די פופצן יאָר, זינט עס דערשײַנט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", האָט גען פארעפנטלעכט א רײ נײַע נאָוועלן. באנאנד דערמיט הייבט ער אָן שאפן אין זשאנער פון דער גרעסערער דערציילונג און פונעם ראָמאן. אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ער אָפּגעדרוקט די גרעסערע דערציילונגען „אין דער היימשטאָט", „דער אלעפבייס", „א פּאָשעטע געשיכטע", „א דערציילונג פון דער קינדהײַט", דעם ראָמאן „אונדזערע צײַטן", א רײ פארצייכענונגען אף הײַנטצײַטיקע טעמעס. פאר גענס רעאליסטישן סטיל זײַנען כאראקטעריסטיש באשיידענע דערציילונגס-מאנירן און הומאָר. ט. גען איז א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", זײַנע ווערק זײַנען דערשינען אין דער איבערזעצונג אף רוסיש.

ווערק: „נאָוועלן", 1932; „אין גוטן מוט", נאָוועלן, מאָסקווע, 1941; „דאָס פארבליבענע העפטל", מילכאָמע-דערציילונגען, מאָסקווע, 1944; „אונדזערע צײַטן", ראָמאן, דערציילונגען, נאָוועלן, מאָסקווע, 1972.

ביבליאָגראפיע: פּ. אלטמאן, „אונדזער קאָמיוגישע פּראָזע", זשורנאל „פּראָליט", פעווראל, 1932; י. סערעבריאַני, צײַטונג „אײניקײַט", 6 אָקטיאבער 1945; ארן ראסקין, „נײַע קוואליטעט (וועגן ט. גענס ליטערארישער שאַפונג)", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומער 3, מאָסקווע, 1963; „לאנג און קורץ, ווי דאָס לעבן" („סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 6 און 7, 1976); מ. נאָטאָוויטש „א ראָמאן וועגן אונדזערע צײַטן" („סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4, 1968); אי. באראָוויטש „פונעם טכום-שטעטל צום אקאדעמישן שטעטל." („סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 2, 1969); בוזי מילער „דער אָטעם פון דער צײַט" („ביראָבידזשאנער שטערן" מײַ 1972); ה. ראבינקאָוו „פארליבטקײַט" („ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא", פעווראל 1976); הערש רעמעניק, „טעוויע גען (שטריכן פון זײַן שאפן), זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומער 5, מאָסקווע, 1972; קורצע ליטערארישע ענציקלאָפּעדיע (קלע), ב. 2, מאָסקווע, 1964.

גרוביאן, מאָטל (1909—1972)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל סאָקעליוועק (קיִעווער געגנט) אין א פאמיליע פון א לערער. אין יאָר 1938 געענדיקט אין מינסק דעם ליטערארישן פאקולטעט פונעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף גאָרקיס נאָמען. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין דער צײַטונג „זײַ גרייט" (כארקאָוו) אין 1930. אין יוני 1941 איז מאָטל גרוביאן פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. אין 1943 איז ער פארוווּנדעט געוואָרן אין שלאכט, און מע האָט אים דעמאָביליזירט. געארבעט אלס רעדאקטאָר אין יידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. זײַן ערשטע לידערזאמלונג „פון קעלער אף דער זון" איז דערשינען אין 1935. די ווײַטערדיקע שאפונג זײַנע האָט אים ארויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון די יידישע סאָוועטישע ליריקער. ער שאפט זײַנע ווערק מיט אן אייגנעם, טיף אָריגינעלן דיכטערישן סטיל, פאר וועלכן עס איז כאראקטעריסטיש פאָלקסטימלעכע בילדערישקײַט און נאָוואַטאָרישע זוכונג פון וואָרט און פּאָעטישן אויסדרוק. דער הויפּט-

זשאַנער פון זײַן פּאָעזיע אין די לירישע מיניאַטיור, דורך וועלכער ער פּאַרקערפּערט סײַ אַקטועלע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער היסטאָרישער עפּאָכע, סײַ אינדיווידועלע, סוביעקטיווע איבערלעבונגען. מאָטל גראָביאַנס ווערק זײַנען דערשינען אין דער איבערזעצונג אָף רוסיש און ווײַסרוסיש.

ווערק: „פון קעלער אָף דער זון", לידער, מינסק, 1935; „ליריק", לידער, מינסק, 1940; „געזאַנג וועגן מוט", לידער, מאָסקווע, 1947; „אומרויִקער ווינט", לידער, מאָסקווע, 1974; „דאָס אייביקע פײַער", לעצטע לידער, מאָסקווע, 1976.

ביבליאָגראַפיע. י. נוסינאָוו, צײַטונג „אײניקײט", 5 אויגוסט 1942; א. קושניראָוו, דאָרטן, 26 מײַ 1945; י. סערעבריאַני „אַרטיקלען וועגן אונדזער שרײַבערישער יוגנט. מ. גרוביאַן", צײַטונג „דער יונגער אַרבעטער", 9 יאַנוואַר 1937; ריווקע רובין, „מיט אַן אײגענער שטים", אין בוך „שרײַבער און ווערק", וואַרשע — מאָסקווע, 1968; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (קלע), ב. 2, מאָסקווע, 1964; מוישע נאָטאָוויטש, „וועגן מ. גרוביאַנס שעפערישער אַנטוויקלונג", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 4, מאָסקווע, 1964; הערש רעמעניק, „מאָטל גרוביאַן" (רוסיש) אין בוך „עטיודן און פּאָרטרעטן", מאָסקווע, 1975; ה. בעריאָזקין, „האַרץ און וועלט", „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 1, 1976.

גרוּומאַן, מאָטל (1916)

— דיכטער. געבוירן אין נעמיראָוו (אוקראַינע), אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמײ, זיך דעמאָביליזירט אַלס פּאָדפּאָלקאָווניק. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934, וווינט אין נאָווגאָראָד.

ווערק: „אַשער שוואַרצמאַנס טויט", מאָסקווע, 1940; לידער־ציקל אין „האָריזאָנטן", זאַמלונג פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 3, 1976.

דאַבין, הירש (1905)

— פּראָזאַיקער. געבוירן אין דער שטאָט זשלאָבין (ווײַסרוסלאַנד) אין אַן אָרעמער פאַמיליע. געלערנט אין אַן אָוונטשול און געאַרבעט אַלס שוסטער בײַ אַ קוסטאַר. אין סאַמע 1926 אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו און געאַרבעט אין אַ שוסטער־וואַרשטאַט, שפּעטער — אין אַ שוך־פאַבריק. אין 1932 אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דעם זעלבן יאָר אַריבערגעפאָרן מיט דער מישפּאָכע קיין ביראָבידזשאַן, ווו ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אין ראַדיאָקאָמיטעט. אָנהייבנדיק פון מאַרט 1940, וווינט ער אין מינסק און אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „אָקטיאַבער". אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער געווען אין מינסקער געטאָ און אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. נאָך דער מילכאָמע וווינט ער אין מאָסקווע.

ה. דאַבין האָט אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען און לידער אין דער פריִער יוגנט. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „כאַנקע" אין דער צײַטונג „דער שטערן" (1928). פון דעמלט אָן געדרוקט זײַנע ווערק אין צײַטונגען און זשורנאַלן. אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זײַן ראָמאַן „דער קויעך פון לעבן" און אויך אַ ריי דערציילונגען. אין זײַנע ווערק שילדערט דאַבין די סאָציאַליסטישע בויונג, דאָס לעבן אין ביראָבידזשאַן, און באַזונדערס די העלדנטאַטן פונעם סאָוועטישן פאָלק אין קאַמף קעגן די דײַטשישע פאַשיסטן אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. דאַבינס ווערק זײַנען דערשינען אויך אין דער איבערזעצונג אָף רוסיש.

ווערק: „אַרום אַ מיל", דערציילונג, כאַרקאָוו, 1931; „באַם אַמור", דערציילונג, מאָסקווע, 1935; „צווישן בינשטאָקן", דערציילונגען און נאָוועלן, מאָסקווע, 1941; „אָף דער ווײַסרוסישער ערד", דערציילונגען און נאָוועלן, מאָסקווע, 1947; „דער קויעך פון לעבן", ראָמאַן און דערציילונגען, מאָסקווע, 1969.

ביבליאָגראַפיע: נאָכעם לעווין, „אָפן וועג פון מײַסטערשאַפט", צײַטונג „אײניקײט", 1947; י. סערעבריאַני, „הירש דאַבין", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 3, 1966; נ. מײַזיל, „ביראָבידזשאַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור", בוענאָס־אײרעס, מײַ, 1946.

דאַבין, כאַיִם (1901)

— קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין קאָרסון (קיִעווער גוב.) אין דער פאַמיליע פונעם פּובליציסט שימען דאַבין (זײַן פאָטער). מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 1919. געווען סעקרעטאַר פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדישע סעקציעס באַם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם רוסלענדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „יונגוואַלד" (צײַטשריפט פאַר יונגע אַרבעטער, אויסגאַבע פון צק פון קאָמיוג), פונעם יוגנט־זשורנאַל „די פרײַע יוגנט" און פון די קינדער־זשורנאַלן „פּיִאָנער" און „פריידי". פון 1929 אַריבער אַרבעטן אין דער רוסישער ליטעראַטור. אין די יאָרן 1935 — 1937 געווען רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ליטעראַטורני לענינגראַד". פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן אַ ריי רוסישע סאָוועטישע שרײַבער. צונויפגעשטעלט די זאַמלונג „לענין אין דער קונסט". אויטאָר פון אַ ריי ביכער — „דער לעבנס־מאַטעריאַל און דער קינסטלערישער סוזשעט", „פּאָעטיק פון דער קינאָ־קונסט", „דער העלד, דער סוזשעט, די דעטאַל", „קאָזינצעוו און טראַובערג", אין וועלכע ער שטרעבט אויסצופאָרשן די קינסטלערישע פאָרם אין דער אײנהײט מיטן אידײיִשן אינהאַלט.

ביבליאָגראַפיע: קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (קלע), ב. 2, מ., 1964, ז. 711.

■ ■ ■

האָט מיר א גוט יאָר

— זעט נאָר, זעט! — איז ער מיר אנטקעגן געלאָפן אף א רוישיקער טעל־אוויווער גאַס. — שאָלעם אלייכעם! איך האָב אײַך טאַקע זייער געוואָלט זען. פונקט מיט דרײַ יאָר צוריק, ערעוו ראָשעשאָנע, האָבן מיר זיך געטראָפן אף דעם זעלבן אָרט, לעבן דעם זייגערמאַכער.

— דרײַ יאָר?

— עפּשער איז עס שוין פינף יאָר. דעריקער, מיר האָבן זיך געטראָפן אף דעם זעלבן אָרט און מיר האָבן געשמועסט. גיט א קוק, ווי שנעל עס זײַנען אדורך די פינף יאָר.

— פינף יאָר?

— עפּשער איז עס געווען זעקס יאָר. ווער קאָן אזוי גענוי געדענקען? עס האָט זיך אָבער א סאַך געענדערט פון דעמלט אָן. מיר לעבן הײַנט אין אזא וועלט, אז איין גאָט זאָל זיך מעראַכעם זײַן. איר זײַנט א באַר־מאַזל, וואָס איך האָב אײַך געטראָפן. ס'איז אײַך, ווײַזט אויס, באַשערט צו ווערן אן אוישער. איך בעט אײַך זייער: אז עס שטייט א מענטש און רעדט צו אײַך, זאָלט איר זיך צוהערן, וואָס מע רעדט. ניט קוקן אין הימל אַרײַן און טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן. ווען דאָס פּאַסירט אין יאָהאַנעסבורג, וואָלט מען אײַך גלײַך געזאָגט... איך וויל אײַך ניט זאָגן, וואָס מע וואָלט אײַך געזאָגט.

— איר ווייסט דאָך ניט, וועגן וואָס איך טראַכט. א פּריקרע מײַסע. איך האָב ניט די שליסלען פון דער שטוב.

— פאַרלוירן?

— וואָדען?

— דערמאָנט זיך, ווו האָט איר זיי געלייגט?

— אין דער קעשענע.

— און איר האָט זיי ניט?

— איך ווייס ניט. איך האָב נאָך דאָרט ניט געזוכט.

— פאַרוואָס זשע זוכט איר ניט?

— וועגן דעם טראַכט איך דאָך. טאָמער וועל איך זיי דאָרט אויך ניט געפינען, וועל איך זיך מוזן אופהענגען. וואָס זוכט איר עפּעס אין אײַערע קעשענעס? איר האָט אויך פאַרלוירן די שליסלען?

— איך האָב ניט געהאַט קיין שליסלען. איך זוך... טאָמער... איך ווייס... מע איז דאָך ניט מער ווי א מענטש...

— שוין! איר דאַרפט ניט זוכן. איך האָב זיי!

— געלויבט איז גאָט. וואָס טראַכט איר ווידער? איר האָט דאָך שוין געפונען די שליסלען. וואָס זשע איז ווידער דאָס טראַכטעניש?

— איך טראַכט: ווי ביטער וואָלט געווען מײַן לאַגע, ווען איך געפין ניט די שליסלען.

— איר טראַכט דערפאַר, ווײַל איר ווייסט ניט, מיט וועמען איר רעדט. איר דערקענט מיך ניט!

— איך דערקען אײַך. איך ווייס, ווער איר זײַנט. העלפט מיר צו, וועל איך זיך דערמאָנען.

— איך בין פון ברוקלין. און מיר האָבן זיך באַקענט אין דער יידישער רעדאַקציע.

— איר האָט דעמלט געוואָלט אָפּדרוקן א זאַך פון י.־ל. פּערעץ, וואָס איר האָט עס אליין אָנגעשריבן. אוואַדע געדענק איך אײַך! ווי לעבט זיך עפּעס אזא יידן אין אַמעריקע?

— ניט לײַכט. א גאַנץ לעבן פאַרנומען מיט ביזנעס און מיט בענקען נאָך ייִסראָעל. איצט בין איך געקומען אהער אויך וועגן ביזנעס. גרויס ביזנעס. און איר, אלס שרײַבער, אז איר וועט צולייגן א האַנט, וועט איר אויך אָפּלעקן א ביינדל. איך גיב אַרויס א ביכל וועגן דעם אָנפאַל אף אוגאַנדע, אף ענגליש, מיט בילדער. דעריקער — בילדער. דער אוילעם האָט ליב צו זען יעדע זאַך אין פאָטאָגראַפיעס.

— פונוואַנען וועט מען נעמען בילדער? וואָס מיינט איר, ס'איז מיטגעפלויגן א פאָטאָגראַף און פאָטאָגראַפירט?

— דאָס איז עס! א ייִדישע מעדינע. צו אַלץ האָט זי סייכל, נאָר מיטצושיקן א פאָטאָגראַף — דאָס איז איר ניט אײַנגעפאַלן. אָבער כ'וועל זיך מיט דעם אויך אָן אייצע געבן. אָפּדרוקן א בילד פון א פּאָר יידישע זעלנער מיט ביקסן. איין זעלנער מיט א באַנדאַזשירטער האַנט און איין זעלנער מיט א טאַלעס און טפילין. אויך — א טאַנק מיט א מאָגנדאָוויד. און שוין. באַלד, דעם ערשטן טאָג כאַפּט מען אַרײַן פאַר דעם א מיליאָן.

— דעריקער איז אָבער דער פילם, וואָס איך גיי מאַכן. דאָ מוז מען שוין זײַן זייער פּאַרזיכטיק. אז עס זאָל אָנצינען דעם אוילעם, דאַרף מען ווײַזן, ווי אן אוגאַנדישער אָפיצער פאַרליבט זיך אין א ייִדיש מיידל, וואָס איז געווען צווישן די געפאַנגענע. געקומען צוזאַמען מיט איר קיין ראַמאַטגאַן און זיך מעגײַיער געווען. זי האָט זיך אַנטוישט. ער האָט געפּראַוועט באַגיין זעלבסטמאָרד. הײַנט לערנט ער אין קאַפאַר־כאַבאַד, אין דער ליובאַוויטשער יעשיווע. און האָט מיר א גוט יאָר. ווײַל — איך רעד און רעד, און איר שטייט פאַרטראַכט און קוקט אין הימל אַרײַן. וואָס איז געשען? ווידער פאַרלוירן די שליסלען?

י. הייבלום
(„לעצטע נײַעס")

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לייב קוויטקאָ (1890—1952)

אן אלטער ניגן[1]

— איי, נאכמעניו[2] — שרײַט אויס דער פּאַן צום מעשאָרעס[3], —
נא יארמארקו מארש און קויף אָקסן דעם פּאָרעץ![4]
האָט נאכמען גענומען דעם בײַטל מיט געלט,[5]
דעם שטאָק[6] אין דער האנט און געגאַן[7] אין דער וועלט.

גייט ער און גייט
און א סטאדע דערזעט[8],
און פּאסטעכער ליגן
און זינגען[9] א ניגן:

. . . .

האָט נאכמען פארגעסן[10] אין פּאָרעצלס רינדער[11],
אין פּאָרעצלס רינדער און אין ווײַב און קינדער[12]
און סאָכריש[13] ער טוט זיי א פרעג[14]:
— איַי, פּעטערלעך, כאָשעווע לײַט[15],
וואָס קאָסט[16] אזא[17] ניגן בא הײַנטיקער צײַט[18]?

זאָגן די פּאסטעכער: זיבן פריאָלן![19]
זיבן פריאָלן טוט נאכמען באצאָלן[20]
און גייט מיטן ניגן זײַן וועג.[21]
גייט ער און גייט,
און א בויד[22] ער דערזעט,
און קלעזמער[23] דאָרט ליגן
און זינגען א ניגן.

. . . .

האָט נאכמען פארגעסן אין פּאָרעצלס רינדער,
אין פּאָרעצלס רינדער און אין ווײַב און קינדער,
און סאָכריש ער טוט זיי א פרעג:
— איַי, קלעזמערלעך[24], פריילעכע[25] לײַט,
וואָס קאָסט אזא ניגן בא הײַנטיקער צײַט?

זאָגן די קלעזמערלעך: דרײַצן פריאָלן.
דרײַצן פריאָלן טוט נאכמען באצאָלן
און גייט מיטן ניגן זײַן וועג.
איז ער אזוי אין מארק[26] געקומען,
הערט איר די שיינע אָקסן ברומען[27].
נעמט ער זיך דינגען[28],
און ווידער[29] זיך דינגען,
און פּאטשן מיט הענט[30]
און אונטערצושפּרינגען[31],
און אָפּגעמאכט[32], שלעפּט ער דעם בײַטל ארויס[32]
און טרייסלט פון דאָרטן — א גאָרנישט ניט אויס[33]...
— צאָל![34] — שרײַט דער סויכער[35], — צאָל אָפּ[36] דאָס געלט!
— צאָל! — שרײַען סאָכרים[37], — קלעפּ וועסטו קריגן![38]
צענעמט אונדזער נאכמען די ליידיקע הענט[39],
עפנט דאָס מויל[40] און זינגט זיי דעם ניגן.

. . . .

גייט ער פון מארק צוריק[41] אָן[42] די רינדער,
קומט אים אנטקעגן[43] ס'ווײַב מיט די קינדער:
— וואָס האָסטו, נאכמען, געבראכט אונדז[44] פון וועג,
ווּ זײַנען, מאַן, די מאטאָנעס[45] איך פרעג[46].
בייגט ער אײַן פארן ווײַבל דעם קאָפּ,[47]
עפנט דאָס מויל, און ער זינגט איר אָפּ.

. . . .

נעמט דאָס ווײַב די האָר אף זיך רײַסן[48],
מיט דער פּאטשיילע[49] דעם מאַן נעמט זי שמײַסן.[50]
באלד קומט דער פּאָרעץ און שטעלט זיך אוועק,
און אף די אָקסן ער טוט אים א פרעג.

הייבט ער אוף[51] צום פּאָרעץ דעם קאָפּ,
עפנט דאָס מויל, און ער זינגט אים אָפּ.

. . . .

דאָ האָט דער פּאָרעץ באפוילן אים בינדן,[52]
בינדן צום סלופּ[53], מיט ריטער אים שינדן[54]
שטייט ער באם סלופּ, די רוט אף אים שפּרינגט[55]
אָבער געהויבן[56] זײַן ניגן ער זינגט:

. . . .

1937

Перевод: 1) старый мотив, напев; 2) собственное имя Нахмен в ласкательной форме; 3) к слуге; 4) купи быков помещику; 5) кошелек с деньгами; 6) палку; 7) отправился; 8) видит стадо; 9) пастухи лежат и поют; 10) забыл; 11) крупный скот — коровы, быки; 12) жену и детей; 13) по-купечески; 14) спрашивает; 15) дяденьки, уважаемые люди; 16) что стоит; 17) такой; 18) теперешнее время; 19) империалов (золотая монета); 20) платит; 21) своим путем; 22) кибитку (крытая повозка); 23) музыканты; 24) уменьшительная и ласкательная формы; 25) веселые; 26) на рынок; 27) мычать; 28) начинает (берется) торговаться, прицениваться; 29) опять, снова; 30) ударять по рукам; 31) подпрыгивать; 32) сделано; 33) достает кошелек; 34) плати; 35) купец; 36) уплаты; 37) купцы; 38) удары получишь; 39) разнимает наш Нахмен свои пустые руки; 40) открывает рот; 41) обратно; 42) без; 43) навстречу; 44) что ты привез; 45) где, муж, подарки; 46) спрашиваю; 47) наклоняет (опускает) перед женой голову; 48) рвать на себе волосы; 49) платком; 50) сечь, хлестать; 51) поднимает; 52) приказал вязать его; 53) привязать к столбу; 54) розгами лупить; 55) розга прыгает, скачет; 56) но приподнято.

* * *

נעמט[1] א ניגן און צעשנײַדט[2] אים, זינגט אים קאַפּויר[3], כאַפּט פריער ארויס[4] די מיט[5] און דערנאָך[6] זינגט די האסכאָלע מיטן סאָף[7], נו, האָט איר א ניגן? בעסאכאקל[8] האָט איר אלע קוילעס[9], עס פעלט אײַך[10] קיין אײַנציקער טאָן[11], נאָר די נעשאָמע איז ארויס[12] (י.־ל. פּערעץ).

וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן?[13] פּריוואַט[14] לעבט א מענטש אין א מידבער[15], פּריוואַט לעבט א פּאָרוש אין וואַלד[16], עפּשער נאָך א פּריצײַטיקער באטלען[17] הינטערן בעסמעדרעש־אויוון[18]. א מענטש צווישן[19] מענטשן איז קיינמאָל[20] נישט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּעס[21], — ביפּראַט[22] דער, וואָס שרײַבט! — לעבט געזעלשאַפטלעך[23], עפנטלעך[24]; דער מוז זײַן[25] אָדער נוצלעך אָדער שעדלעך[26], און קאָן, דאַרף און מוז געשאַצט ווערן[27]... (י.־ל. פּערעץ. די געלע פּרעסע).

(קלוגשאפט און שיינקייט[28])

איינמאָל[29] האָט דעם קייסערס טאָכטער[30] דערזען רעב יעהוישוא דעם זון פון כאנאניאָ (רעב יעהוישוא בען כאנאניאָ)[31]. האָט זי אויסגערופן:

— אזא פײַנע קלוגשאפט[32] אין אזא מיִעסער קיילע![33]

רופט זיך אָן צו איר רעב יעהוישוא:

— טאָכטער מײַנע, זאָג מיר[34], אין וואָס פאר א קיילע[35] האלט דײַן פאָטער דער קיניג[36] דעם ווײַן זײַנעם?[37]

— אין ליימענע קיילים[38]. — ענטפערט זי.[39]

— ווי פּאסט[40], — זאָגט ער איר, — די גאנצע וועלט[41] האלט ווײַן אין ליימענע קיילים, און דײַן פאָטער דער מיילעך אויך אזוי?[42]

— אין וואָס דען[43] זאָל ער האלטן? — פרעגט זי אים.

— פאר אזוינע, ווי איר[44], פּאסט ניט אנדערש[45] ווי צו האלטן אין זילבערנע און גאָלדענע[46] קיילים.

גייט זי אוועק אהיים[47] און זאָגט עס דעם פאָטער. באפעלט[48] ער, מע זאָל באלד איבערגיסן[49] דעם ווײַן אין זילבערנע און גאָלדענע קיילים. דויערט ניט לאנג[50], און דער ווײַן ווערט זויער[51]. דערפרעגט זיך[52] בא איר דער פאָטער:

— ווער האָט עס דיר געראטן אזוי צו טאָן?[53]

— רעב יעהוישוא בען כאנאניאָ.

שיקט דער מיילעך אים רופן צו זיך[54] און פרעגט אים:

— ווי פאלט דיר אײַן[55] אזוינס צו ראטן[56] מײַן טאָכטער?

— אזוי ווי זי האָט מיך געפרעגט, — זאָגט רעב יעהוישוא, — אזוי האָב איך איר געענטפערט.

— עס זײַנען דאָך אָבער פאראן שיינע כאכאָמים אויך?![57]

— ווען זיי וואָלטן געווען מיִעסע[58], וואָלטן זיי געווען נאָך קליגער[59].

(פון דער אלטהעברעיִשער ליטעראטור).

Перевод: 1) возьмите; 2) разрежьте; 3) наоборот; 4) выхватите раньше; 5) середину; 6) затем; 7) начало с концом; 8) в итоге; 9) все голоса; 10) не хватает; 11) ни одного тона; 12) душа ушла; 13) что значит частная жизнь; 14) индивидуально («частно»); 15) в пустыне; 16) отшельник в лесу; 17) возможно еще преждевременный бездельник; 18) за синагогальной печкой; 19) между (в среде); 20) никогда; 21) кто что-нибудь делает; 22) в частности; 23) не индивидуально («общественно»); 24) публично, гласно; 25) обязан быть; 26) полезным или вредным; 27) может, должен, обязан быть оценен; 28) мудрость и красота; 29) однажды; 30) дочь царя; 31) известный талмудист I века; он был очень некрасивый; 32) такой прелестный ум; 33) в таком безобразном (некрасивом) сосуде; 34) скажи мне; 35) в каком сосуде; 36) царь, король; 37) свое вино; 38) в глиняных сосудах; 39) отвечает она; 40) как подходит (подобает); 41) весь мир; 42) тоже так; 43) в чем же; 44) для таких, как вы; 45) не иначе; 46) в серебряных и золотых; 47) домой; 48) приказывает; 49) сразу перелить; 50) продолжается недолго; 51) кислым; 52) допрашивает; 53) кто посоветовал так делать; 54) звать к себе; 55) как это пришло на ум; 56) такое советовать; 57) красивые мудрецы; 58) будь они безобразными; 59) были бы еще умнее (мудрее).

סובסטאנטיוון איינצאָל און מערצאָל

1) מענלעכער מין (דער): ניגן — ניגונים; מעשאָרעס — מעשאָרסים; אָקס־ן; פּאָרעץ — פּריצים; בײַטל־ען; שטאָק־ן; פאסטעך־ער; פעטער־ס; וועג־ן; קלעזמער — קלעזמאָרים; מארק — מערק; סויכער — סאָכרים; קלאפּ — קלעפּ; קאָפּ — קעפּ; מאן — מענער, מאנען; סלופּ־עס; סאָף —; טאָן — טענער; מענטש־ן; מידבער — מידבאָריעס; פּאָרוש — פּרושים; וואלד — וועלדער; באטלען — באטלאָנים; בעסמעדרעש — באָטעמעדראָשים; אויוון־ס; קייסער־קייסאָרים; זון — זין; פאָטער־ס; קיניג־ן; ווײַן־ען; מיילעך — מעלאָכים; כאָכעם — כאכאָמים;

2) ווײַבלעכער מין (די): האנט — הענט; וועלט־ן; סטאדע־ס; צײַט־ן; בויד־ן; מאטאָנע־ס; האָר־; פּאטשיילע־ס; רוט — ריטער; מיט־; האסכאָלע־ס; נעשאָמע־ס; טאָכטער — טעכטער; קיילע — קיילים;

3) זאכלעכער (נייטראלער) מין (דאָס): פּאָרעצל־עך; געלט־ן; שטעקל־עך; רינד־ער; ווײַב־ער; קינד־ער; פּעטערל־עך; קלעזמערל־עך; מויל — מײַלער; קאָל — קוילעס; לעבן־ס;

סובסטאנטיוון מיט די פארקלענער־סופיקסן ־ל, ־עלע געהערן צום זאכלעכן מין: דער פּאָרעץ — דאָס פּאָרעצל; דער פעטער — דאָס פעטערל; דער קלעזמער — דאָס קלעזמערל; די האנט — דאָס הענטל, הענטעלע; די טאָכטער — דאָס טעכטערל;

אדיעקטיוון

א (דער) שיינער, פײַנער, פריילעכער מאן; א (די) שיינע, פײַנע, פריילעכע פרוי; א שיין, פײַן, פריילעך קינד; דאָס שיינע, פײַנע, פריילעכע קינד; די שיינע, פײַנע, פריילעכע מענער, פרויען, קינדער.

א (דער) הײַנטיקער, פריילעכער ניגן; א (די) הײַנטיקע, פריילעכע מעלאָדיע; א הײַנטיק, פריילעך ניגנדל, די הײַנטיקע, פריילעכע ניגונים, מעלאָדיעס, ניגנדלעך.

א (דער) ליימענער, קופּערנער, זילבערנער, גאָלדענער קאָפּ; א (די) ליימענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קיילע; א ליימען, קופּערן, זילבערן, גאָלדן קיילעלע; דאָס ליימענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קיילעלע; די ליימענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קעפּ, קיילים, קיילעלעך.

אדווערבן

ער (זי) זינגט שיין, פײַן, פריילעך, געהויבן; זיי זינגען שיין, פײַן, פריילעך, געהויבן.

ער (זי) האלט זיך כאָשעוו, פײַן, מיִעס; זיי האלטן זיך כאָשעוו, פײַן, מיִעס.

ער (זי) האנדלט סאָכריש, עפנטלעך, געזעלשאפטלעך; זיי האנדלען סאָכריש עפנטלעך, געזעלשאפטלעך.

דאָס, וואָס ער (זי) טוט, איז טיילמאָל ניצלעך און טיילמאָל שעדלעך.

1. סופיקסן, וואָס בילדן נעמען[1] פון מענער:
1) ־יסט: אידעאַל־יסט, ייִדיש־יסט [2], פאָלק־יסט[3], טאַלמוד־יסט[4], אַקוראַט־יסט[5];
2) ־לער:ווירטשאַפט־לער[6], פּויק — פּײַקלער[7], קונסט — קינסטלער[8], שפּײַז־לער[9], שפּראַך־לער[10];
3) ־ניק: קאָלווירט־ניק[11], קלייט־ניק[12], קעסט־ניק[13], רעכילעס־ניק[14], בעהיימע — בעהיימעניק[15];
4) ־(ע)ן: כקירע — כאַקרען[16], פּאַכעד — פּאַכדן[17], שידעך — שאַדכן[18], שעקער — שאַקרען[19];
5) ־ער: אַפּטייק־ער[20], פידל־ער[21], שלאָס־ער[22], שניט־ער[23], שענק־ער[24]; שטיפן — שטיפער[25]; שטעפּן — שטעפּער[26], שנײַדן — שנײַדער[27], שערן — שערער[28], שרײַבן — שרײַבער[29].

אייניקע סובסטאַנטיוון פון דער גרופּע 1 זײַנען מיט די סופיקסן „־לינג" און „־נער". לעמאָשל: וויץ־לינג[30], פינצטער־לינג[31]; מיל־נער[32], רעדע — רעדנער[33].

אין אינטערנאַציאָנאַליזמען זײַנען פאַראַן די סופיקסן „־אַט, ־אַטאָר, ־אַל, ־אַנט, ־אַר, ־אָר, ־יר, ־ענט" און אַנדערע[34]. לעמאָשל: אַדרעס־אַט[35], רעפּאָרמירן — רעפּאָרמאַטאָר, טעאַטער — טעאַטראַל, אַדרעס־אַנט[36], סעקרעט־אַר, סענאַט־אָר, קאַסע — קאַסיר, רעצענזירן — רעצענזענט.

דער סופיקס „־ניק" האָט טיילמאָל[37] דעם זעלבן באַטײַט[38], וואָס דער פּרעפיקס „־באַל". לעמאָשל: האָזעניק — באַלהאָזע[39]. אינעם „באַלהאָזעניק" איז איינער פון די אַפיקסן[40] איבעריק[41] — מע דאַרף עס ניצן[42].

Перевод: 1) образующие названия; 2) знаток, приверженец языка идиш; 3) народ — народник; 4) последователь, знаток талмуда, начетчик, схоласт; 5) аккуратно, точно — опрятный человек; 6) хозяйство — хозяйственник; 7) барабан-щик; 8) искусство — художник; 9) пища — пищевик; 10) язык-овед; 11) колхоз-ник; 12) лавка — лавочник; 13) пропитание — нахлебник; 14) клевета — клеветник; 15) скотина — скотник; 16) мудрствование (иронически) — мудрец (чаще иронически); 17) страх — трус; 18) брак, супружество — сват; 19) ложь — лгун; 20) аптека — аптекарь; 21) скрипка — скрипач; 22) замок — слесарь; 23) жатва; порез; покрой — жнец; 24) трактирщик; 25) шалить — шалун; 26) стегать — заготовщик, стегальщик; 27) резать, жать (в поле) — портной; 28) стричь, резать (ножницами) — парикмахер; 29) писать — писатель; 30) шутка, острота — шутник, остряк; 31) темнота, тьма — мракобес, обскурант; 32) мельница — мельник; 33) речь — оратор; 34) другие; 35) лицо, которому адресовано почтовое отправление; 36) отправитель; 37) иногда; 38) то же значение; 39) наглец; 40) один из аффиксов (префикс или суффикс); 41) лишний; 42) не следует употреблять.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

ט י ק ו ן ־ ט אָ ע ס

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1 ד. י. דאַרף מען אויף דער ז. 130 (לינקער שפּאַלט, 12־טע שורע, אויבן) לייענען: „אַרבעט און נויט".

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 7.I.1977 г. Подписано к печати 18.II.1977 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1061.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд» 1977 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1977

В НОМЕРЕ:

К 60-летию Великого Октября. М. Даниель. Главы из романов «На пороге» и «Юлис»

Документальный репортаж: «Черновцы, 1976»

М. Талалаевский. Материнская книга (роман)

Ихил Шрайбман. Рассказы.

Стихи Р. Балясной, П. Киричанского, Н. Фридмана, О. Дриза.

Люди — их время и судьбы. Г. Зиманас. Путь в бессмертие (очерк)

Г. Ременик. Заметки критика

Беседы на исторические темы. Г. Бондаревский. Сионизм и борьба за Палестину (статья четвертая)

Комментарии редакции. Листая журналы и газеты. Хроника.